This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

8

1967

היימלאנד

אין נײַנטן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד“ וועט איר לייענען

דעם סאָף פֿונעם צווייטן טייל פֿון יעכיעל פֿאַליקמאַנס ראָמאַן „דער שוואַרצער ווינט“.

■

דעם אָנהייב פֿונעם ראָמאַן כראָניק פֿון נאַטאַן זאַבאַרע וועגן דעם באַוווסטן באָלשעוויק ה. טשודנאָווסקי — „א פּאָשעטע מאַמע“.

■

דערציילונגען פֿון פּײַוול סיטאָ און יעכיעל שרייַבמאַן.

■

לידער פֿון הירש בלאָשטיין, מאָטל טאַלאַליעווסקי, שלוימע טשערניאַווסקי, מענדל ליפּשיץ און יוסף קאָטליאַר.

■

אינעם ליטעראַריש-קריטישן אָפּטייל גייען אַרײַן אַן אַרטיקל פֿון הילעל אַלעקסאַנדראָוו — מענדעלע און גאָטלאָבער, א דיאַלאָג פֿון די קריטיקער שלוימע בעליס און הערש רעמעניק, אָפּהאַנדלונג פֿון ש. אָרטענבערג וועגן דעם היסטאָריקער היינריך גרעץ, פֿאָרזעצונג פֿון דער כראָניק פֿון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור אאַ.

■

די רובריקעס „די ייִדישע פּרעסע מיט 50 יאָר צוריק האָט געשריבן“, ליטעראַרישער קאַלענדאַר, כראָניק אאַ.
א זינגליד מיט נאָטן.

■

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער-פאַרבאַנד פון ססר

זיבעטער יאָרגאַנג

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“

מאָסקווע

אויגוסט

8

1967

אינהאַלט

זײַט

פון אונדזער ליטעראַטור־אויצער. מ. אלבערטאָן. אין טײַגע א שטיבל . . . 3
כאיִם מאלטינסקי. דער שאָטן אפן שניי (לידער) . . 11
בוזי מילער. דרײַ נאָוועלן . . . 15
פעטרו זאדניפרו. רעגנבויגן (לידער) . . . 25
יאנקל יאקיר. אַן עמעסע געשיכטע (נאָוועלע) . . . 28
אווראָם גאָנטאר. פון בוך „טויבן אפן דאך“ (לידער) . 35
יעכיִעל פאליקמאן. דער שווארצער ווינט (ראָמאן. פאָרזעצונג) . . . 39
כאיִם ביידער. די באנק. — א שלאָס (לידער) . . . 88
מישע מאָגילעוויטש. אלע זיבן הייכן (לידער) . . . 89
אלעקסיי קולאקאָווסקי. אין צווּלפטן וואגאָן (דערציילונג) . . . 91
יאָסל לערנער. זילבערנער טרוים (לידער) . . . 100
נאָטע לוריע. ליִעס גוירל (דערציילונג) . . . 102

טריבונע פון לעבן

ארן ווערגעליס. אין נעפּל (רײַזע־נאָטיצן. סאָף) . . . 110
אלעקסאנדער גובניצקי. צו די קארפאטן (פארצייכענונג) . . . 115

ליטעראטור־קריטיק. ביבליִאָגראפיע. פראגן פון קונסט

הערש רעמעניק. די אנטוויקלונג פון דער פּראָזע אינעם נאָכאָקטיאבער־פּעריִאָד . . . 121
י. ליובאָמירסקי. די ייִדישע סאָוועטישע דראמאטורגיע . . . 128
אונדזערע איבערזיכטן. י. ווײַנבערג. לעבן מיט די אינטערעסן פונעם פאָלק . . . 132
עליע ספיוואק. מענדעלע־נוסעך . . . 135
י. סערעבריאני. כראָניק פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור . . . 138
ש. ווייצנפעלד. אָסקאר סטרעליץ . . . 143
קאָמענטארן פון רעדאקציע . . . 144
יאנקעוו שטערנבערג. פארוואָס האָסטו מיר ניט געזאָגט? . . . 145
די ייִדישע פּרעסע מיט 50 יאָר צוריק האָט געשריבן . . . 146
בלעטערנדיק זשורנאלן און צײַטונגען . . . 147
נאטאן זאבארע. גייט ארום א ליד איבער דער וועלט . . . 148
יויסעף קאָלין (גראָס). 75 און 60 . . . 150
נאָטיצן פון א ייִדישן בוקיניסט . . . 154
לאָמיר ווידער זינגען אָט די לידער. פארטיזאן זשעלעזניאק. ווערטער פון מ. גאָלאָדני, מוזיק פון מ. בלאנטער . . . 154
פארשיידנס . . . 156
כראָניק . . . 131, 134, 153
פאָטאָ־אינפאָרמאציע . . . 158
נאָטיצן אפן קאלענדאר . . . 160

הויפּט־רעדאקטאָר
א. ווערגעליס.
רעדקאָלעגיע:
ה. אָשעראָוויטש, אי. באָרוכאָוויטש, א. גאָנטאר, נאָטע לוריע, מ. לעוו (פאראנטוואָרטלעכער סעקרעטאר), ב. מילער, י. פאליקמאן, ס. פרײַ, י. ראבין, ר. רובין.

50 יאָר אָקטאָבער
פון אונדזער ליטעראַטור־אוצר

מ. אלבערטאָן

אין טײַגע א שטיבל

איך בין נעכטן געגאַנגען פון באבסטעווע קיין לאזארעווע. פון באבסטעווע קיין לאזארעווע איז פערציק ווערסט. איך האָב געבלאָנדזשעט, און ס׳האָט געגאָסן א רעגן. עס האָט געגאָסן אזא רעגן, אז איך בין שיר ניט צעווייקט געוואָרן. נאָר עס האָט מיך גאָרניט געאַרט.

הײַנט בין איך געגאַנגען פון לאזארעווע קיין בירעפעלד. דער מעהאלעך האלט אינגאנצן 24 ווערסט. דעם וועג ווייס איך גוט: איך בין שוין אף דעם וועג עטלעכע מאָל געגאַנגען. און ס׳איז דאָ ניטאָ וואָס צו וויסן. ס׳איז הײַנט א וועג, ווי פון באלטע קיין אָדעס. נאָר ס׳האָט זיך מיר צו־געגעסן.

איך האָב געמיינט, אז אף די בערג וועל איך קיינמאָל ניט מיד ווערן קוקן. אָבער אז זיי זײַנען אומעטום דאָ — ווערן זיי שוין גימעס. אָט שטיי איך דאָ — זע איך ארום־און־ארום אף א גרויסן ראַדיִוס קייטן בערג. איך גיי אריבער אהינצו, זע איך נאָכאמאָל ארום־און־ארום זיך אף א גרויסן ראַדיִוס קייטן בערג.

און סײַ די, סײַ יענע זײַנען אײַנגעהילט אין א מין רויך. אין אזא קוים דורכזיכטיקן, בלוי־פּיִאָלעטן רויך, וואָס קאָן זיך צעוויקלען און ווערן שיטערער, נאָך דורכזיכטיקער; און קאָן זיך אָנ־וויקלען און ווערן געדיכטער, נאָך פארשטעלטער.

יאָ. און נאָך:

די בערג קאָנען זיך אזוי ענג צונויפּטוליען, אזוי שטארק זיך ארײַנרוקן איינער דעם אנדערן אין די זײַטן, אז נאָר די קעפּ, פארטעמפּטע קעפּ בלײַבן באזונדער. און די הויפּט־קאָרפּוסן זײַנען צונויפגעוואקסן, אין איין שטיק צוזאמענגעגאָסן.

און זיי קאָנען, די בערג, זיך אזוי צערוקן, ווי עמעצער האָט אומיסטן פון ערגעץ אָנגענו־מען זאמד, זיך אוועקגעשטעלט און אָנגעשאָטן אין הויכן שפּיצעדיקן בארג; ווײַטער א ביסע־לע — נאָך א הויכן, שפּיצעדיקן בארג; און ווײַ־טער נאָכאמאָל. און די בערג רירן זיך קוים־קוים צו מיט זייערע נידעריקסטע טיילן.

און נאָך:

דער דעקטוך — דאָס רויכל — קאָן זײַן אזוי געדיכט און גלינצערן, ווי נאפט. און קאָן זײַן אזוי שיטער און צוגעשלאָגן, ווי צעפירטע, נאָר קאלאמוטנע הושטשע.

און וויפל מאָל „נאָך״?

נאָר ס׳האָט זיך מיר שוין אלץ צוגעגעסן. סאכאקל קאָן איך ערשט איצט קיין עק ניט דער־גיין, וואָס ליגט עס באהאלטן אין די צווישנ־שיידן, דורכגענג אין די בערג. איך הייב ערשט איצט ניט אָן צו פארשטיין, וואָס באהאלט עס דאָרטן, דאָס סוידעספּולע רויכל.

איז שוין גלײַכער ניט קוקן און זיך גיין גלײַך. ווער שמועסט, אז דער דרויסן איז א זעלטע־נער: ס'איז רעכט ווארעם, טרוקן; סע שמעקט, ווי אף עכטער דאטשע. און די לאַנקעס מיט די וועלדער פארכאפן אויך דאָס אויג. נאָר איך האָב דאָ גענדארפט פארקערעווען אף אן ערד־כיילעק: די נאכלע „קראסיווע" שטייט צוויי־דרײַ וויאָרסט פון דער וורעמיאנקע (טראַקט־וועג), ווײַל איך אהינצו צוגיין.

איך ווייס פון פריִער אף געוויס, אז לינקס איז מער ניטאָ ווי איין שליאך. און דער שליאך פירט גלײַך צו „קראסיווע". איך דערזע לינקס סימאָנים פון אײַנגעשניטענע שינעס, געטאָפּטשע־טע טריט. דאָס איז געוויס דער שליאך. איך פארקערעווע אף אים און בין זיכער, אז איך גיי קיין „קראסיווע".

אין א וויאָרסט־צוויי ארום זײַנען די צייכנס פון די רעדער און טריט שיטערער געוואָרן, אומ־באמערקבארער און דערנאָך אינגאנצן נעלעם געוואָרן.

איך בין פונדעסטוועגן געגאנגען א ביסל ווײַטער. איך בין שוין אמאָל אף דעם אָרט געווען. מיר האָט זיך גאָר אויסגעדאכט, אז אלץ איז מיר דאָ באקאנט. אָט איז איצט, ווי דעמלט, ווען איך בין דאָ געווען, א קליין בערגל אינמיטן. עס איז באדעקט מיט שיטערע ווײַסקאָרעדיקע בע־רעזקעס. דאָס איז דער ווידערוווקס פון אן אויסגעברענטן וואלד. אָט איז אפילע אפן בערגל רעכטס אויסגעברענט א גרויסע שטיק זײַט מיטביימער. און אהינצו, לעבן דעמב, שטייט א גרויסע ווײַסע בערעזע מיט אזא אויסגעבויגענער צווײַג, וואָס מאכט אינייִנעם מיטן בוים א גרויסע ציפער „4".

יאָ. עס איז טאקע פונקט אלציינס, ווי דעמלט.

נאָר איך בין געגאנגען ווײַטער און ניט געזען קיין זייכער פון רויך, געדויש, וואָזגערײַ, וואָס דאָס זאָל באטײַטן, אז דאָ וווינען ערגעץ איבערוואנדערער. בין איך געגאנגען נאָך א ביסל, און פלוצעם האָבן מיר געטאָן א שלאָג די בלוטן אין קאָפּ:

„וואָס וועט זײַן, אז איך בלאָנדזשע? א שיינע ארבעט אין דער טײַגע בלאָנדזשען..."

עס האָבן זיך מיר אונטערגעהאקט די פיס, און עס איז מיר געוואָרן פינצטער אין די אויגן. איך האָב פלוצעם דערזען פאר זיך שימען פרילוקער, ווי ער שטייט, שטשירעט די ברייטע געלע ציין און לאכט.

אָט דאָ אנומלטן האָט שימען פרילוקער מיר דערציילט, אז ער האָט אליין געזען עטלעכע בערן אין וואלד.

— וואָס הייסט? טאקע א סאך בערן?

— אָהאָ! וויפל אין אָט דעם ביראָבידזשאנער טוט זיך עס בערן! ער איז געהאט געפאָרן נאָך שינדלען אף דער צוויי־און־צוואנציקסטער ווערסט. איז פון דער „באָמבע" — דאָרטן, ווו מע פארקערעוועט אפן גרויסן טראקט, — אראָפּגעשפרונגען א בער, א מעסוקן גרויסער בער. און נאָך אים אלע קינדער, די מענערשע און די דאמסקע קינדער. און גענומען זיך נאָך שימענען יאָגן.

— וואָס הייסט? לעבעדיקע בערן? זיך געיאָגט? נו?

— דו, שלאָג ניט איבער די מײַסע, — איז שימען געוואָרן בארויגעז.

אז שימען האָט גענומען שמײַסן די פערד! אז שימען האָט גענומען שמײַסן די פערד! אז די פערד האָבן „אָנגעהאָזעוועט" די אויערן. אז די פערד האָבן אָנגעהויבן שטעלן ליטקעס. און שימען שמײַסט און שמײַסט, די פערד פליִען, אז פונקען שפריצן. און שימען שמײַסט נאָך און נאָך.

— נו, און די בערן האָבן דיך גאָר ניט דעריאָגט?

שימען האָט זיך צעלאכט. אויסגעשטשירעט די פערדישע ציין און געלאכט:

— אוכ־כו־כו־אוך! כא־כא־כא! אוי, ביסטו א יאָלד! דער עמעסער טארטער ביסטו. דו גלייבסט. ווי מײַן מאמע גלייבסטו. מײַן מאמען אין דער היים האָט מען אָנדערציילט מײַסעס וועגן בערן מיט וועלף, און זי גלייבט. שרײַבט מיר, איך זאָל קומען א לעבעדיקער אהיים. און דו גלייבסט אויך. אוי, ביסטו א נארישער יאָלד...

און שימען האָט ווײַטער געשטשירעט די ציין און שרעקלעך געלאכט.

איצט אין דער ווילדער טײַגע לעבן בארג האָב איך ווידער פאר זיך דערזען שימענען מיט די שטשירענדיקע ציין. און עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אז אפן בארג שורשעט טאקע עפּעס.

יאָ, כ'לעבן, ס'איז א בער. אָט איז די גרויסע מאָרדע זײַנע. אָט זײַנען די גראָבע פיס. און אָט רעוועט טאקע עפּעס.

איך האָב גענומען לויפן. איך בין מיסטאמע געלאָפן אף צוריק, ווײַל דאָ אפן אָרט האָב איך זיך גלײַך אויסגעדרייט מיטן פּאָנעם אהינצו, וווהין איך בין פריִער געשטאנען מיט דער פּלייצע, — און בין געלאָפן. איך האָב זיך ניט אומגעקוקט און בין געלאָפן. די פיס האָבן זיך אונטערגעבראָכן, און איך בין געלאָפן. און נאָך א שטיק צײַט אפן שליאך בין איך אלץ געלאָפן.

...ווען נאָך א שאָ צײַט אָפּרוען זיך און שפאנען ווײַטער האָב איך אָנגעטראָפן אף א נײַעם

וועג, האָב איך זיך געקווענקלט: יאָ גיין צי ניט? איך האָב איבערגעוויגן אַלע טײַמים־פ א ר און ק ע ג ן און בין געגאַנגען. נאָר פונוויַיטן נאָך האָב איך געזען, אַז דער וועג פירט גאָר אין וואַלד אַרײַן.

דאָס האָט מען, ווײַזט אויס, ערשט ניט לאַנג געמאַכט אַהערצו אַ וועג. עס זײַנען אַהערצו געפאָרן נאָך אַ פּאָר פורלעך. די גראָזן, וואָס האָבן זיך אײַנגעבויגן אײַנצעגטן אונטער דער שווערער לאַסט פון די רעדער, פערדישע און מענטשישע טריט, האָבן נאָכאַמאָל געגומען זיך אויסגלײַכן. און עפּשער זײַנען שוין גאָר אָנגעוואַקסן פרישע גראָזן?

דאָ די ערד לאָזט זיך אײַן ווײַלע ניט שטיין הויל. זי פאַרמאָגט אַזאַ שעפע פון נאַסקײַט, זאַפט, אַז זי פאַרכלינעט זיך אין דעם אַליין. זי דאַרף דאָ גאָר ניט האָרעווען, אַז זי זאָל אַף די גרעסטע שטעכן אין דער וועלט אַרופציען אַלערליי גראָזן, גראָזן־געבלימען העכערע פון אַ דערוואַקסענעם מענטשן און גרעזלעך נידעריקערע פון אַן ערשט־שפּראָצעדיקן קנאָספּ. די ערד קאָן דאָ באַצירן די גרויסע מעהאַלעכן גראָזן, אָן אַ זייכער פעסטערײַ, מיט אַלערליי בלומען פון די אײַדלסטע, צאַרטסטע פאַרבן. עס איז דאָ פאַראַן אַלץ מיט דער פולער האַנט. עס טראָגט, אַז מיליאַרדן געוויקסן זאָלן אומקומען. וואָרעם מיליאַרדן מאָל מיליאַרד בלײַבט. די ערד פאַרמאָגט דאָ יעניקע פאַר אַלצדינג, אַלעמען האָט זי וואָס צו שענקען.

און אַהין ווײַטער גייען ביימער. פון ביימער־קוסטלעך ביז ביימער־גיגאַנטן. עס זײַנען דאָ איבערגעמישט גראַציִעזע זאַפרענע צעדערביימער, יאָמטעוודיקע מאַיאָווע בערעזעס, הונדערטיאָריקע, שאָטנדיקע דעמבעס און אייביק גרינע נאָדלביימער.

גראָזן וויסן דאָ אויך ניט קיין גרענעץ. זיי רײַסן זיך דורך צווישן דעם פון אייביק אָנגעוואַלגערטן פוילעכץ, כורווע־ביימער, קלעטערן אַף די געקאָרטשעטע קאָרעס פון שוואַרצע בערעזעס און גליטשן זיך איבער שטאַמען פון די סאַמעטענע און קאָרעק־ביימער. גראָזן קריכן פון דער הויט אַרויס אַף פאַרכאַפּן ערטער: צווישן די ביימער, לעבן די ביימער, אַף די ביימער.

— זאָל זײַן דורכויס גרין!

און דאָ פּלוצעם צווישן דער פאַרגאַנצטער שליימעס פון שפּראָצן, וואַקסן, גרינקײַט — אַ פּגאַם: אַן אונטערגעשניטענער בוים! אַלע ביימער שטייען, ווי גוילעמס, און קוקן. מע באַטראַכט. אַזוינס האָבן זיי נאָך ניט געזען, זינט זיי לעבן. פון אַזוינס ווייסט ניט דער וואַלד, זינט די וועלט שטייט. אַ בוים, ווייסט מען, קאָן ברענען. אַ בוים קאָן זיך הוידען, אַ בוים קאָן זיך אַזוי הוידען, ער זאָל זיך אײַנברעכן. נאָר אָפּגעשניטן ווערן — דאָס ווייסט ניט דער וואַלד. איך שטעל זיך פאָר, ווי די ביימער זײַנען נישטוימעם געוואָרן, ווען זיי האָבן דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן דערהערט:

— שרו־שרו! שרו־שרו!

און נאָכדעם — אָן אַ ווינט, אָן אַ שטורעם:

— טרראַך! — און אַ גרויסער גראָבער בוים פאַלט און ברעכט מיט זיך נאָך עטלעכע...

כ'לעבן, איך בין מעקאַנע די מענטשן, וואָס האָבן די ערשטע אַרײַנגעטראָגן אַהער די קלאַנגען פון זעגן, אָטעמען פון אַרבעט.

דער אָפּגעשניטענער וואָרצל פילט זיך אַ האָר ניט באַליידיקט. ער ליובעט זיך מיט זײַן ווײַסן פרישן קאָפּ. איך האָב אים אויך ליב. איך קאָן זיך אָנבייגן און אים אַרומנעמען. נאָר מײַנע הענט זײַנען צו קליינע. אוך, איז ער אַ גראָבער! נאַ דיר אַ קוש. אך, ווי ער שמעקט! די הייסע ביסן פון דער זעג האָבן זיך שוין אָפּגעקילט, נאָר עס שמעקט נאָך. מיט האָרעוואַניע שמעקט עס. פון אַזעלכע דופּטיקע רייכעס קאָן מען שיקער ווערן. נאָר מע קאָן אויך פון דער טיפסטער כאַלאָשעס אופוואַכן. מע קאָן אויך פון די געפערלעכסטע קראַנקײַטן זיך אויסהיילן...

דאָ איז שוין גאָר ניטאָ וואָס מוירע צו האָבן. שאַ, איך קאָן זיך דאָ גאָר צוזעצן. ניט אַפן אונטערגעשניטענעם וואָרצל, כאָלילע! איך וויל אים ניט באַליידיקן. איך וועל זיך אוועקזעצן לעבן אים. זיך צושפּאַרן און אים אַרומנעמען.

זע נאָר, ווי פּילפאַרביקע העל־לילאָווע באַבעלעך האָבן באַזעצט אַ שטיקל פערד־קויט. אַזאַ רייעך איז זיי ניט באַוווּסט. זיי נעמען אַלע צוזאַמען די פליגלען, זיי שטעלן זיך אויס סימעטריש איינס קעגן אַנדערן מיט די קליינע פענעמלעך, אַזוי אַז אַלע זייערע פיסקעלעך און גוזעלעך קומען אויס אין איין פּונקט. איצט קאָן מען מיט געמיינזאַמע קויכעס דערגיין, וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַ נײַער מין געוויקס אין זייער הערשאַפט.

זיי שטייען לאַנג, שמעקן, פאַרזוכן. נאָכדעם הייבט מען זיך אויף און מע צעפליט זיך, ניט דערגייענדיק טאַקע קיין טאָלק.

איך קוק זיי לאַנג נאָך. איך זע, ווי מע שיקט נאָכאַמאָל איין באַבעלע אַ שמעק טאָן. דאָס באַבעלע שטייט אָפּ אַ ביסל און לויפט אַוועק מיט נײַע יעדיִעס. אַלע פליִען שוין ווידער מיט פרישער נײַגעריקײַט צום פערד־קויט. איך וויל שוין מער ניט קוקן, איך פאַרקערעווע זיך מיט

די אייגענע צייכנס, ווו די רעדער האָבן פֿאַרקערעוועט, און גיי אַרויס אַף דער ברייטער „וואָרעמיאַנקע“.

...איצט גיי איך ווײַטער. נאָכאַמאָל אַ שליאַך און אַרום־און־אַרום בערג.

אָט איז שוין דאָ אַ הייסע גליִענדיקע זון, און דער נעפּל אַרום די בערג שרומפּט זיך אײַן, טוליעט זיך, ווערט געדיכטער און באַהאַלט זיך אין די שפּאַלטן.

מיר איז איצט הייס, און איך בין מיד. איך האָב ניט קיין קויעך צו טראָגן אַף זיך אַזויפיל בגאָדים. עפּשער זיך גאָר אויסטאָן, פֿון אַלץ מאַכן אַ קלומעקל...

און נאָכדעם וווהין עס אַהינטאָן?

„קראַסיווע“ האָב איך טאַקע אַלץ ניט געפֿונען. אַף „בירעפּעלד“ קער נאָך פֿונדאַנען זײַן גענוג ווײַט. עס איז פּוסטע מײַסעס. ביז אַהינצו וועל איך זיך ניט דערשלעפּן. אָט, ווען עמעצער באַגעגנט זיך מיר איצט, ער זאָל מיר פּינקטלעך אָנווײַזן דעם וועג. איך וואָלט אים אייביק ניט פֿאַרגעסן. ביז נאַכט וואָלט איך נאָך געקאָנט אָנקומען אַף דער נאַכלע און נעכטיקן אין אַ בײַדל.

נאָר קיינער באַגעגנט זיך מיר ניט. קיין נײַע וועגן אַליין זע איך ניט. ביז נאַכט וועל איך אַף קיין אָרט ניט אײַנגיין. ווו זשע וועל איך נעכטיקן?

איך האָב אַלץ צונויפֿגעבונדן אין אַ קלומעקל, זיך אָפּגעגורט און געגאַנגען ווײַטער.

פֿאַר אַ נויט וועל איך נעכטיקן דאָ ערגעץ בא דער זײַט פֿונעם וועג. אמײַ, ווען איך האָב איצט אַ ביקס; ווען כ׳קאָן שיסן פֿויגלען; ווען כ׳בין אַ יעגער — וואָלט איך געשאָסן אַ קוליק (אַזוי ווי ס׳האָט מיר אָנגערופֿן אַ היגער יעגער), איינעם פֿון די אויפֿעס, וואָס שוועבן דאָ אַזויפיל אַרום. און נאָכדעם, ווען כ׳האָב שוועבעלעך, צעלייג איך אַ פֿײַער און מאַך זיך אָט דאָ, באַם לעבעדיקן קוואַל, אַ גרויסאַרטיקע וועטשערע, ווי דעמאָלט, ווען כ׳בין געווען אין וועג מיט אָסיפֿן, דעם פֿאַרזיצער פֿון לאַזאַרעווער דאָרפֿסראַט. וואָלט איך שוין ניט געווען הונגעריק.

אָבער איך בין ניט קיין יעגער. קיין פֿויגלען קאָן איך ניט שיסן. קיין פֿיש קאָן איך ניט פֿאַנ־גען, און קיין שוועבעלעך מיט זיך האָב איך אויך ניט. בין איך הונגעריק און מיד.

איך בין געוווינט אין וועג אַרײַן אַלעס מיט זיך מיטנעמען פֿון דער היים: אַ פֿאַרטריקנט שטיקל טאַראַנקעלע, אַ האַרט־פֿאַרקאָכט איי, אַ פֿליגעלע פֿון אַן אַלטן האָן...

כ׳האָב זיך דערמאָנט:

ווי אָסיפֿ איז דעמאָלט אַף מיר בייז געווען. „נאַ, קוק, — זאָגט ער, — אָט, דו האָסט אַזויפיל מײַכאָלים זיך מיטגענומען אין וועג אַרײַן, און איך האָב גאָרניט. זע אומיסטן מײַן רײַזעטאַש. וועלן מיר שוין זען, ווער אַ בעסערן וואַרמעס ס׳וועט באַלד האָבן“.

און ווירקלעך: אָסיפֿ האָט גלײַך אָנגעבראַכט פֿיש און פֿלייש אַף אַ גאַנצער יאָמטעוודיקער סודע. ס׳האָט פֿון אים געשמעקט, ווי פֿון אַ שויכעט, נאָר אַ הונט איז אים גאָר נאָכגעלאָפֿן פֿון הינטן און אוועק אַף פֿרײַער. און כאָטש זײַנע פֿיש און אַף זײַנען געווען „ניט געמאַכט“, איז דאָס געווען פֿיל געשמאַקער פֿון מײַנע מײַכאָלים.

— אונדזער קאַנט גיט אַלצדינג, — האָט מיט מיר אָסיפֿ אײַנגעכאַזערט. — באַ אונדז דאַרף מען אין וועג אַרײַן גאָרניט מיטנעמען. מע דאַרף זיך אויסלערנען אַלצדינג אַליין באַקומען אין וועג.

באַ אָסיפֿן איז אַ קײַלעכיק־פֿאַרשמאַכט פּאָנעם און אַזאַ טמימעסדיקס, אַז איך גלייב אים, וואָס ער רעדט. און ווען מיר האָבן זיך אופֿגעהויבן ווײַטער שפּאַנען און איך האָב זיך דערפֿילט רעכט זאַט און אָפּגעפֿרישט, האָב איך אָסיפֿן נאָך מער געגלייבט, אַז אין דעם קאַנט דאַרף מען אין וועג אַרײַן קיין מײַכאָלים מיט זיך ניט מיטנעמען, ווי, אַשטייגער, אַף אַ יאַריד אַרויף.

— דער קאַנט גיט אַלצדינג, אַבי זיך אויסלערנען מיט דעם זיך באַנוצן...

...נאָר וואַרט. ניט דאָס וויל איך הײַנט דערציילן. הײַנט, ווען איך ליג שוין צעלייגט אַף אַ נאַרע אין אַ טרוקן בײַדל און שוין אָפּגעגעסן אַ גרויסאַרטיקע וועטשערע פֿון גוט ברויט „מיט צונג“, רײַזענע קאַשע מיט זיסע מילך און טיי מיט זאַלץ, — וויל איך דערציילן, ווי איך האָב דערזען אַ צעפֿאַרענעם וועג, און אַהינצו ווײַט־ווײַט עפּעס אַ שטיבל.

אַ שטיבל?

יאָ. אַ שטיבל. אַ הילצערנס. און פֿון טונקעלן פֿאַרעלטערטן געהילץ.

ווי איז דאָס מעגלעך אַף דער לינקער זײַט אַ גאַנץ שטיבל און נאָך פֿון טונקעלן פֿאַרעל־טערטן געהילץ?

פֿאַרשטייט זיך, איך פֿאַרקערעווע אַף דעם וועג. די בלאָטע איז דאָ גרויס. אַרום־און־אַרום איז דאָ ווידעראַמאָל בערג. מיר איז זייער שווער צו טראָגן מײַן קלומעקל. די נאַסע ערד איז באַ־וואַקסן מיט הויכע גראָזן, קוסטעס,ביימער. די זון שײַנט נאָך גוט. אַף מײַן זייגער איז פֿינף.

נאָר וואָס איז דאָרטן? דאָס שטיבעלע ווערט ניט גרעסער. עפּעס אַ מאָדנע קליין שטיבעלע. די איבערוואַנדערער וועלן זיך געוויס אַזעלכע שטיבעלעך ניט בויען.

און דער איקער:

דאָס שטיבעלע איז דאָך איינס. מע זעט ניט מער קיין געבײַדעס. ניטאָ קיין בײַדל. קיין סימען ניט פֿון רויך. מע הערט ניט קיין קאָל. א מין שטילקײַט און איינזאמקײַט...

און וואָס גאָר מאָדנע:

דאָס קליינע שטיבעלע שטייט אָף פיר קליינע הילצערנע רעדעלעך מיט צוויי אפגיך צוגעקלאַפּטע דישלעס פֿון פֿאָרנט. פֿון איין זײַט האָט עס א צוגעמאכט גרינג טירל, און פֿון אַן אַנדער זײַט — א קלײן פענצטערל, פֿאַרשטופּט מיט א ביסל גראָז.

וואָס זאָל דאָס באַטײַטן?

איך האָב ניט באוויזן זיך באטראכטן, ווי אינעם אופגעעפנטן כאָלעל פֿונעם טירל האָט זיך באוויזן א דינע, ווײַזט אויס, הויכע, אויסגעבויגענע פיגור:

— וואָס זוכסטו?

— דעם ערד־ביילעק „קראַסיוועץ“, — האָב איך געענטפערט ניט אָן שרעק.

— אַלע בלאָנדזשען זיי...

פֿונעם ענטפער וואָלט איך באדארפט נאָך מער מוירע קריגן, נאָר דאָס גוטמוטיקע פּאָנעם און אָנגענעמע קאָל האָבן מיך גאָר בארויִקט.

די אויסגעבויגענע פיגור איז ארויסגעגאנגען פֿונעם טירל און זיך אויסגעגלײַכט.

יאָ. ער איז געווען א הויכער, זייער א הויכער. ער האָט מיך באטראכט פֿון קאָפּ ביז די פיס און גוטמוטיק זיך צעשמייכלט. ער האָט דערוף ניט געדארפט פיל האָרעווען: אויגן זײַנען בא אים סײַווי געווען שמייכלענדיקע, גרוי־בלויע, כאָטש עטוואָס מידע. אבי ער האָט קוים געטאָן א ריר מיט די מאָגערע באקן פֿון זײַן לענגלעך פּאָנעם, איז שוין דער שמייכל געווען גרייט.

— יאָ, דאָ בלאָנדזשען איז ניט שווער. עס איז אָבער ניט קיין גוטע זאך... — און דער אומבאַקאַנטער האָט זיך האַלב אויסגעדרייט אָף רעכטס מיט זײַן הויכער פיגור און מיר געוויזן מיט דער לאַנגער האַנט: — אָן־אָן־אָן אהינצו צום בערגל. זעסט? ניט ווײַט. אָן שטייט דאָרטן א הויכער בוים אויסגעבויגן, ווי א שיקער, ווען ער פֿאַלט צו צו א פּלויט...

דער אומבאַקאַנטער האָט זיך ווידער גוטמוטיק צעשמייכלט פֿון דער אייגענער כאָכמע, זיך אויסגעבויגן און גענומען זיך ארײַנרוקן אינעם קליינעם קובארטיקן שטיבל. באַלד איז ער ארויס מיט א בינאָקל אין האַנט, זיך אויסגעגלײַכט. מיט איין האַנט האָט ער געהאַלטן דעם בינאָקל בא די אויגן און מיט דער אַנדערער לאַנגער האַנט געוויזן אין דער זײַט פֿון א בערגל, אז אָן־אָ געפֿינט זיך די נאַכלע. אָט זעט מען אפילע דאָרט זיך רייכערן.

איך האָב אָבער אפילע דורכן בינאָקל אויך גאָרניט געזען. דאָרטן, ווו ער האָט אָנגעוויזן, איז געווען א גאַנץ רויִקער בארג, א ביסל מער א פֿאַרנעפּלטער. דיביימער האָבן אויסגעזען לײַכטטאַנצנדיקע און אויסגעפּוצטע מיט אַלערליי קאָלירטע פּאַסן פֿון א רעגנבויגן. עס האָט גערייכערט, נאָר דער רויך איז אין ערגעץ ניט אָפּגעגאַנגען. ער איז געשטאַנען אָף איין אָרט.

— ביסט א באַבע. א פּוסגייער, — האָט דער לאַנגער מיך גוטמוטיק א קלאַפּ געטאָן איבערן קאָפּ, — א פּוסגייער ביסטו, ניט אַן אַנטילעריסט. אָן־אָ איז זי, „קראַסיוועץ“. מע זעט פֿונדאַנען. אָט זעט מען זי אָן א בינאָקל, אָ.

איך האָב זיך געקווענקלט, פֿאַרזיכערט דעם אומבאַקאַנטן, אז איך זע גאָרניט, און איך בעט אים, ער זאָל מיך צופירן. זאָל ער מיך צופירן ביז דעם אָרט, פֿונוואַנען איך וועל זען בײַדלעך.

— ניין. דאָס קאָן איך ניט. איך קאָן ניט.

— וואָס זשע זאָל איך טאָן? — האָב איך אים געפֿרעגט, אקוראַט ווי ער איז שולדיק.

— איך ווײַז דיר. גיי אהִינצו, וווהין איך ווײַז.

— נאָר איך זע דאָרטן גאָרניט.

— איך קאָן דיר גאָרניט טאָן... נאָר וואַרט, — דער לאַנגער האָט זיך אײַנגעבויגן און איז צוגעגאַנגען צום שטיבל.

— פֿאַשע, זאָל איך גיין צופירן א מענטשן צו „קראַסיוועץ“?

— ניין, ניין, — האָב איך געהערט א צערודערטן, פֿאַרדומפּענעם ענטפער פֿונעם הילצערנעם שטיבל. דער לאַנגער האָט צוריק ארויסגענומען זײַן קאָפּ, זיך אויסגעגלײַכט, און אָפּן כאָלעל פֿונעם טירל האָב איך דערזען א פרוי. זי איז געווען צעפּאַטלט, צעכראַסטעט, מיט א רונדיק ברייט פּאָנעם און באָרוועס. זי האָט אָנגעברויגעזט דעם שטערן און געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ניי־ען. בע־שום־אויפן ניט. הערסט, פֿיליפּ? בע־שום־אויפן ניט.

— וואָס אַרט דיך, פֿאַשעטשקע? אָט דאָ ניט ווײַט. נאָר א ווײַז טאָן און זיך אומקערן.

פֿאַשע האָט ניט געוואָלט אויסהערן. זי האָט זיך אויסגעדרייט און איז אָפּגעגאַנגען. דאָס קליידל אָף איר איז געווען צעבונדן. זי האָט עס צוגעהאַלטן מיט דער האַנט. איין זשמוט ליכטיקע האָר האָבן זיך פֿאַרהאַלטן אָפּן שפּיץ מיט א האָרשפּילקע. די איבעריקע זײַנען געווען צעלאָזט.

— דו זעסט? איך קאָן ניט, — האָט פּיליפּ צענומען אַ פּאָר לאַנגע הענט.
איך האָב אים שטאַרק געבעטן. איך האָב אים פאַרגעלייגט געצאָלטס. איך האָב אים פאַר־געלייגט אַף אַ פלעשל בראַנפן, נאָכדעם — אַף צוויי פלעשלעך.
— אַן אווירע, וואָס דו ביסט ניט קיין אַנטיליעריסט. אַ באַבע ביסטו, אַ פּראָסטער פּוס־גייער. — פּיליפּ האָט זיך ווידער אײַנגעבויגן און איז געגאַנגען צום שטיבל.
— פּאַשקע, וועל איך גיין אונטערפירן דעם מענטשן, אַט דאָ ניט ווײַט.
איך בין אויך צוגעגאַנגען צום טירל, אַרײַנגעקוקט. עס איז דאָרטן געווען קנאַפּ ליכטיק. פּאַשע איז געלעגן אויסגעצויגן און געשוויגן.
— וואָס אַרט דיך, נאַרישע? נאָר אַ ווײַז טאָן, און צוריק.
— אָבער אַז איך האָב מוירע, פאַרשטייסט? — איז פּאַשע געוואָרן שטאַרק בייז. — איך האָב מוירע אַליין דאָ, און שוין.
— מע דאַרף ניט מוירע האָבן. אַף וואָס מוירע האָבן? נאָר אַ ביסל אַ ווײַז טאָן, און צוריק.
— איך האָב שוין געזאָגט. רעד ניט. און אַן עק.
פּיליפּ האָט אין שטיבל אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ און אַ לאַך געטאָן דורך דער נאָז. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער איז אין אַ פאַרלעגנהײַט. איך האָב אים שטיל אונטערגעזאָגט, אַז ער דאַרף נאָר אײן ווײַז טאָן, ביז איך וועל בײַדלעך דערזען. איך גיב אַף צוויי פלעשלעך, און אַז מע וויל, קאָן מען געבן אַף דרײַ. און אַפילו אַף פינף וועל איך ניט זשאַלעווען.
— נו, אויב אַזוי, גיי איך. יאָ, פּאַשע?
פּאַשע האָט געשוויגן. פּיליפּ האָט אַרויסגעצויגן דעם קאָפּ. ער האָט אָנגעטאָן דעם בינאָקל און זיך אוועקגעקערעוועט. איך האָב זיך געלאָזט נאָך אים...
פּלוצעם האָט זיך אין דער טיר באַוויזן פּאַשע. זי איז געווען שרעקלעך אופגערעגט. זי איז געווען אינגאַנצן צעכראַסטעט. איר פּאָנעם איז געווען גאָלע צאָרן. פונעם קאָפּטל האָט זיך אַרויס־געוויזן קלאָר לײַב.
— איך האָב מוירע דאָ אַליין. און ער לאָזט מיך איבער, — האָט זי אויסגעשריִען מיט רע־ציכע און איז געבליבן שטיין אין דער טיר מיט אויגן פול מיט בלוט. פון אופרעגונג האָט זי מער ניט געקאָנט ריידן. דער קאָפּ און די ליפּן האָבן איר געציטערט. זי האָט קוים צוגעגעבן עטלעכע דערוואָרגענע, דערשטיקטע ווערטער, — אַליין אין אַ טאַ־אַ־ײַ־גע אַזאַ גרוי־וי־סע. און איך אײנע אַלע־יין!..
פּאַשע האָט זיך אומגעקערט צוריק אין שטיבל. פּיליפּ האָט גוטמוטיק אַ שמייכל געטאָן אין איר זײַט און אוועקגעשפּאַנט. איך בין אים נאָכגעגאַנגען. די זון איז געשטאַנען נאָענט צו מײַרעוו. דער זייגער איז געווען זעקס...
דערוויײַל שפּרײַזן מיר נאָך שמײַדיק. פּיליפּ זאָגט, אַז ער איז גוט באַקאַנט מיטן קאַנט, און מיר דאַרפן ניט גיין דאַפקע איבער סטעזשקעס. ער לאָזט זיך אַפּגלײַך אין דער זײַט, וווהין ער האָט מיר אָנגעוויזן. אַלע מאָל שטעלט ער זיך אָפּ, טוט אַ קוק אין בינאָקל און ווײַזט מיר אויך. צומאָל קומט אים אויס זיך אָפּשטעלן און מיך דערוואַרטן: איך קאָן אַזוי גיך, ווי ער, ניט שפּאַנען. נאָר אינגיכן שטעלט ער זיך אינגאַנצן אָפּ, קוקט, קוקט אין בינאָקל און פאַרקערעוועט אַף לינקס.
מיר האָבן אַ ביסעלע ניט ריכטיק גענומען דעם וועג. מיר דאַרפן טאָן נאָך אײן קערעווע אַף לינקס. באַלד וועלן מיר אַרויסגיין אַף אַ העכער אָרט. פון דאָרטן וועלן מיר געוויס דערזען די בײַדלעך, וועלן מיר שוין קאָנען גיין גלײַך.
פּיליפּ אײַלט מיך אונטער. לאָזט מיך ניט אָפּשטיין. ער וויל מיר דערציילן פון פּאַשען, וואָס פאַר אַ נאַרישע זי איז, זי האָט מוירע. צו וואָס דאַרף מען מוירע האָבן? עך, מיט די רוסישע איז טאַקע שווער אויסקומען. זיי ווײַזט זיך אַלץ אויס, אַז אין טײַגע דאַרף מען מוירע האָבן. דאָס אײנציקע אומגעפּערלעכע אָרט אַף דער וועלט איז די טײַגע. קיינער וועט דיך ניט אָנרירן. קיינער ניט. וואָרעם די טײַגע... רויִק... פּאַשע... פּיליפּ רעדט נאָך עפּעס, נאָר איך הער שוין ניט. איך בין שוין פון אים היפּש אָפּגעשטאַנען. וואָס פּאַראַ מינע לאַנגע פיס באַ פּיליפּן! ווי באַ אויג־מעלעך־האַבאַשן, אַזעלכע פיס האָט ער. צו דעם איז ער נאָך אַ גרינגער. באַ אים איז אַ פּאָר גרינגע פּאָ־סטעלעס צוגעוויקלט צו די פיס, אַ פּאָר גרינגע הויזן, אַ העמד, און שוין. און באַ מיר איז עפּשער הונדערט פּוד בגאָדים. זיי ציִען מיך צו דער ערד. ניין, איך קאָן אים בעשום־אויפן ניט נאָכיאָגן.
איך שרײַ צו פּיליפּן און בעט אים, ער זאָל מיר העלפן טראָגן מײַן שווערן רעגנמאַנטל און דאָס לעדערנע פּידזשאַקל. פּיליפּ וואַרט צו. נעמט באַ מיר אָן ווערטער אוועק די מאַסע און גייט ווײַטער.
ער נעמט אַריבער דעם בינאָקל אַף דער אַנדערער זײַט, ער זאָל זיך ניט רײַבן צווישן אונדז, און דערציילט ווײַטער, אַז צווישן די קאַזאַטשקעס איז ניטאָ אַזעלכע, ווי פּאַשע. אַלע קאַזאַקן

אין דער סטאַניצע זײַנען פּיליפּן מעקאַנע. ער האָט זי אָפּגעשלאָגן בא סעמיאַנאָוון, וואָס איז אָנגעפאַלן אפן קאַנט. זי איז דאָרטן געווען א באַרעמהאַרציקע שוועסטער. בא פּאַשען זײַנען געווען גרעסערע און פײַנערע ברוסטן, ווי בא אַלע שוועסטער. האָט זי פּיליפּ זיך אָפּגעשלאָגן.

...אין דרויסן איז געוואָרן טינקעלער. מיר זײַנען אַלץ געגאַנגען. פּיליפּ האָט געשפּאַנט מיט די צוויי לאַנגע פיס פאָרויס. איך בין אים פון הינטן, ווי א מיד קעלבל, נאָכגעלאָפן. ארום־און־ארום האָבן זיך געצויגן קייטן בערג. די צווישנשיידן זײַנען געווען אָנגעפּילט מיט נעפּל, עס האָט געגלינצערט, ווי באַפּט.

פלוצעם האָט פּיליפּ זיך אָפּגעשטעלט. פונוויטנס האָט ער שוין געשריִען, אז ער קאָן ווײַטער ניט גיין. ניין, ווײַטער וועט ער ניט גיין. פּאַשע וואַרט דאָרטן אף אים. זי קער טאַקע מוירע האָבן. און פונדאַנען־אָ זעט מען שוין גוט אָן „קראַסיווע״. אויב איך זע איצט ניט, בין איך אָן עכטע באַבע. איך האָב אים געזאָגט, אז איך זע גאָרניט, און געבעטן נאָך א ביסעלע מיך פירן.

ניין, ווײַטער קאָן פּיליפּ בעשום־אויפן מיך ניט פירן. אָט אָ־דאָ איז זייער א גרויס וואַסער. ער גייט אינגאַנצן אין פּאָסטעלעס. וויל ער זיך ניט לאָזן אין וואַסער. און איך טראָג הויכע שטיוול, מעג איך גיין ווײַטער.

איך בין געווען אויסער־זיך. איך האָב טאַקע אינדערעמעסן גאָרניט געזען, אין דרויסן ווערט שוין פינצטער, און איך דאַרף זיך לאָזן זוכן אָן ערד־אָפּשניט, וואָס איז מיר ניט גוט באַקאַנט. איך האָב זיך געבעטן בא פּיליפּן ראַכמים, איך האָב אים אַלץ צוגעזאָגט.

— נו, אויב אַזוי, טראָג אַלע דײַנע זאַכן אַליין. און דאַרפסט געבן אף פּאַשען צוויי פלעשלעך.

איך האָב אף אַלץ מאַסקים געווען. מיר האָבן איבערגעבראָדזשעט א ריטשקע און גענומען שפּרײַזן ווײַטער אין וואַסער. דאָס וואַסער איז געווען פיל העכער פון מײַנע שטיוול. די שטיוול זײַנען געוואָרן פול מיט וואַסער. עס איז דאָ געוואַקסן הויכע אָסאָקע, און איך האָב פּיליפּן ניט אַרויסגעזען. איך האָב נאָר געהערט ווײַטע שווערע כליופּען, שורשען און וואָרטשען. בא פּיליפּן זײַנען זייער לאַנגע פיס. ער קאָן זיי הויך הייבן און שפּאַנען גיך, איך קאָן בעשום־אויפן ניט הייבן די פיס. זיי וועגן אָן א שיר און זיי ציטערן בא מיר...

מיר האָבן אַזוי לאַנג־לאַנג געכליופּעט אין וואַסער. אָן א שיר האָט עס געדויערט. נאָכדעם האָט שוין, דאַכט זיך, ניט געכליופּעט. מיסטאַמע זײַנען מיר שוין איבערגעגאַנגען דאָס וואַסער. איך האָב פּיליפּן שוין אַרויסגעזען גיין פון פאָרנט. דער בינאָקל האָט זיך געבאָמבלט פון זײַן לינקער זײַט. איך בין אָן שום געדאַנקען און ווילן אים נאָכגעגאַנגען. דער הימל איז אינגאַנצן געווען פינצטער. מיר זײַנען, אָט אפּאָנעם, געגאַנגען אף מיזרעך. מיר זײַנען אַלץ געגאַנגען. פּיליפּ פריִער. איך נאָך אים.

...נאָכדעם האָט פּיליפּ זיך אָפּגעשטעלט. איך בין אויך פּאַמעלעך צוגעגאַנגען. לעבן זײַנע פיס בין איך אַנידערגעפאַלן. פּיליפּ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און זיך אויך צוגעזעצט. ער האָט זיך צוגערוקט צו מיר נעענטער. ער דערקלערט מיר שטיל, אז ער ווייסט ניט, וואָס דאָ איז פאַר א כאָליערע. אָדער זיי האָבן זיך אַרויסגעקליבן, די איבערוואַנדערער, אָדער מיר בלאָנדזשען, דאָס הייסט מיר גייען ניט מיט דעם וועג, וואָס מע באַדאַרף. נאָר וואָס איז דאָ פאַר א כאָליערע? פּיליפּ ווייסט דעם קאַנט זייער גוט. איז ווײַזט אויס, אז די איבערוואַנדערער זײַנען אָפּגעפאָרן. יאָ, עס קאָן זײַן. עס זײַנען דאָ געווען גרויסע רעגנס. זײַנען די איבערוואַנדערער זיך צעפאָרן. און עפּשער בלאָנדזשען מיר?..

מיר איז אַלציינס, צי די איבערוואַנדערער זײַנען אַריבערגעפאָרן, צי מיר בלאָנדזשען. איך וויל גאָרניט. עסן וויל איך ניט. שלאָפן וויל איך אויך ניט. גיין קאָן איך ניט. טראַכטן קאָן איך ניט. איך וויל גאָרניט.

— נו, וועלן מיר גיין צוריק? — פרעגט מיך פּיליפּ מיט א טאָן, ווי דאָ איז גאָרניט געשען.

— איך? ניט!

— בלײַב דאָ.

פּיליפּ האָט מיר זייער גרינג געגעבן זײַן אייצע בלײַבן דאָ. ער האָט דערוף לאַנג ניט געטראַכט.

ער האָט זיך שוין אופגעהויבן און גענומען גלײַך שפּאַנען מיט זײַנע לאַנגע, הויכע פיס.

איך בין אַלץ געלעגן. איך האָב אים געהערט שטעלן זײַנע שווערע טריט. איך האָב זיך אפילע פאָרגעשטעלט, ווי די גראָזן צערוקן זיך און לאָזן אים דורכגיין. זיי שורשען, די גראָזן, בייגן זיך אויס און לאָזן דורכגיין. נאָכדעם האָבן זיך די טריט געהערט שוואַכער. די שאָרכן זעלטענער. אָט נאָך שטילער. גאָר שטיל. אינגאַנצן שטיל.

ארום־און־ארום איז געווען פינצטער. איך האָב געאָטעמט שווער.

פלוצעם האָב איך זיך אופגעשטעלט און זיך שטאַרק גענומען אײַנהערן. איך הער גאָרניט. טאַקע גאָרניט. שאַ, שטיל. האָב איך בליץ־שנעל אַראָפּגעוואָרפן די שטיוול, אָפּגעוויקלט די

אָנעטשעס און גענומען לויפן. אָ, איצטער בין איך גוט געלאָפן. „עמעצער" האָט מיך געטריבן, און עס איז מיר געווען גרינג. קיין קלומעקל אַף זיך. די פיס — באָרוועסע. זייער גיך האָב איך דעריאָגט פּיליפן. איצט בין איך אים ניט נאָכגעלאָפן, ווי א מיד קעלבל, ווי פריִער. איצט זיַינען מיר געגאנגען באנאנד, ווי צוויי אײַנגעשפּאנטע פערד. מיר האָבן געשוויגן. געגאנגען און געשוויגן.

איצט האָט דער וועג געדויערט פיל ווייניקער. דאָס וואסער זיַינען מיר איבערגעגאנגען אפגיך. עס איז געווען קאלט, דאָס וואסער, און ס'האָט געכליופּעט. די אָסאָקע האָט זיך געשטאָכן. דער הימל אנטקעגן אונדז איז נאָך געווען א בלאסער. מאשמאָעס, מיר זיַינען געגאנגען אַף מיַירעוו.

אין דער זיַיט האָבן מיר נאָך אפילע געזען ווייכע קאָנטורן פון בערג. מיר האָבן פעסט גע־שפּאנט. די גראָזן האָבן זיך הינטער אונדז אינגאנצן געקאָרטשעט. קוסטעס האָבן זיך געבראָכן, און מיר זיַינען געגאנגען וויַיטער.

אָט זעען מיר שוין פונדערוויַיטנס ארויס א גרויסן פלעק. דער פלעק ווערט נאָך גרעסער. מע זעט שוין, אז ס'איז א שטיבעלע. מע זעט שוין אפילע, אז דאָס שטיבעלע שטייט ניט הארט אַף דער ערד. פאר דער גאנצער ציַיט, וואָס מיר גייען צוריק, האָט מיר קוים פּיליפ פרייליך ארויסגעזאָגט:

— באלד וועלן מיר שוין זען אונדזער פּאשען. — נאָכדעם האָט ער מיך אָנגענומען שטיַיף בא דער האנט און מיר שטיל דערציילט:

— דו ווייסט ניט, וואָס דאָס איז פאר א פּאשע.

סאכאקל איז פּיליפּ ארויסגעגאנגען מיט איר א קוק טאָן אפן היי־שניט און זיי האָבן דאָ ערגעץ פארזייט א פּאסיקל ערד. נאָר זי לאָזט אים ניט אָפּ. זי האָט פיַינט דאָס דאָרף. זי האָט פיַינט מענטשן. זי האָט נאָר אים, פּיליפּן, איינעם אליין ליב.

און ווי זי קושט זיך! און א מינע קלאָרע ברוסטן בא איר. און ווי זי לאָזט פּיליפּן אַף קיין טראָט ניט אָפּ. זי האָט פאר אלץ מוירע און אלעמען האָט זי פיַינט. און ווי מיט איר, איינער אליין, איז גוט צו זיַין — דאָס קאָן זיך שוין קיינער ניט פאָרשטעלן.

— אך, ווי ס'טוט מיר באנק, וואָס איך האָב זי איבערגעלאָזט! — האָט פּיליפּ געשאָקלט מיטן קאָפּ, וואָס שטייט פיל העכער פון מיַינעם. די סטאניצע שטייט וויַיט. אהינצו וועט זי מוירע האָבן איינע אליין גיין, און אין שטיבל וועט זי מוירע האָבן אליין ליגן.

— נאָר, בישקאָשע, באלד וועלן מיר שוין זען אונדזער פּאשען.

איך בין אויך געווען צופרידן. מיר האָבן פריילעך געשפּאנט. אָט איז שוין אונדזער קליין קובארטיק שטיבל. אָט זעט מען שוין די פיר רעדלעך. אהערצו צום שטיבל האָט זיך איבערן הימל גערוקט א גרויסע העלע לעוואָנע.

נאָענט באם שטיבל האָט פּיליפּ זיך געפעדערט און געמאכט עטלעכע גרעסערע שפּאָן. ער איז שוין אויסגעקומען לעבן טירל און גענומען פריילעך אין דעם קלאפּן. ער האָט גרינג, צארט מיט די פינגער איבער דעם געבאראבאנעוועט, ווי מע קלאַפּט אָן אין א פענצטער א גוט באקאנ־טער, ווי ווען מע וויל ניט, אז נאָך עמעצער זאָל אין שטוב דערהערן. נאָר קיינער האָט אים ניט געענטפערט. ער האָט זיך געשטעלט אַף די שפּיץ פינגער און געקלאַפּט, אקוראט ווי דאָס וועט אים גיכער העלפן, נאָר קיינער האָט אים ניט געענטפערט. האָט ער שטארקער געקלאַפּט, און מע האָט אלץ ניט געענטפערט. איך בין צוגעגאנגען און אויך געהאָלפן קלאַפּן.

— פּאשא, הא, פּאשא, עפן אויף, ס'איז איך.

קיינער ענטפערט ניט.

פּיליפּ איז צוגעגאנגען צום פענצטערל, ארויסגעשלעפּט ס'ביסל היי און ארײַנגעשריגן עט־לעכע מאָל: „פּאשא!" נאָר קיינער האָט זיך ניט אָנגערופן: די לעוואָנע איז צוגעגאנגען נעענטער, זיך אָפּגעשטעלט און זיך אויך צוגעהערט.

— זי זאָל האָבן אוועקגעגאנגען אהיים?

— עס קאָן ניט זיַין, אליין וועט זי ניט גיין. זי האָט מעסוקן מוירע. זי וועט מיט דער לעוואָנע אויך ניט גיין. ניט פון אונדזערע קאזאטשקעס. דאָס איז א רוסישע, און מע דאַרף מאָרגן זיַין אַף די פעלדער. מע דאַרף א קוק טאָן. אומיסטן געקומען.

פּיליפּ האָט געגעבן נאָך עטלעכע קלעפּ און גענומען פּרווון מיטן מעסערל אופשליסן דאָס אינווייניקסטע קייטעלע. דאָס קייטעלע האָט זיך גרינג אופגעשלאָסן, נאָך געטאָן פון אינווייניק א קלאַפּ, און דאָס טירל האָט אופגעפּראַלט.

פּיליפּ האָט אײַנגעבויגן דעם קאָפּ און איז ארײַן. איך — נאָך אים. נאָך אונדז ביידע — די לעוואָנע. מיר האָבן גלײַך דערהערט א כראָפּען. אַף דער פּאדלאָגע האָבן מיר אָנגעטאַפּט צוויי פּאָר פיס. די פיס האָבן זיך גענומען דרייען. נאָכדעם די קערפּערס. איין קערפּער האָט זיך עטוואָס אונטערגעהויבן, און א גראָבע מענערשע שטים האָט פארשלאָפן פון אים ארויסגעפרעגט:

— ווער איז דאָרטן?..

כאַיִם מאַלטינסקי

דער שאָטן אפן שניי

דאָס הענטל פון מײַן קוליע

אז יעדער קלײניקײַט דערמאָנונגען
פון שלאַכט
אין מיר דערוועקן.
עס טרעפט, איך האַלט אזוי
פאַרטראַכט
דאָס הענטל פון מײַן קוליע־שטעקן, —
פאַרשווינדן גלײַך די ווענט,
ס'ווערט אַלץ ארום מיר נעלעם...
איך האַלט גאָר שטײַף דאָס הענטל
פון מײַן פאַראַבעלום...
און איבער פעלד, מיט רויטאַרמייער
אונטער האָגל־פײַער
איך לויף און שרײַ „הורא"
און פאָכע מיטן שפײַער.

אין אָדעס באַם שוואַרצן יאַם

נאָך אזויפיל פלאָגעניש,
וואָגלעניש און יאָגעניש
פרײַנט קיין סאַך פאַרמאָג איך נישט.

אין אָדעס באַם שוואַרצן יאַם
זוך איך אוף דײַן אַלטע צאַם
און דײַן שטיין אין גאָלדן ראַם.

זומער שוין פאַרענדיקט זיך,
צו דײַן קייווער כ'ווענדע זיך,
ליבער זיידע מענדעלע.

כ'קום פון וועג א שטויביקער
צו דײַן רו דײַן אייביקער
מיט א האַרץ א זויבערן.

ווי עס זאָל ניט זײַן מיר שווער,
ביסט מײַן טרייסט און מײַן
באַגער,
ביסט מײַן שײַנדל און מײַן
טרער.

• • •

מיט וואָס פאַרלעשן אים, דעם בייזן קאַס,
וואָס קומט אין זינען אוף אינמיטן גאַס —
„מײַן פרײַנט האָט פאָרט מיך אָפּגענאַרט,
באַוואָלט"?
אין בוזעם ניט באַהאַלט פאַר אים קיין שטיין,
טרינק אויס א גלעזל קוואַס א זויערס, ווי
שטשאַוועל,
וויש אָפּ דאָס מויל און לאָז זיך ווײַטער גיין.

דער שמייכל

אוי, שווער צו דערגיין מיטן סייכל,
פונוואַנען זיך הייבט אָן א שמייכל.
צי ריזלט ער לויטער און ריין,
צי שלעפּט ער ניט מיט איבער גרונט
א קויטיקן, שליימיקן שטיין
און זאַלץ אף מײַן וווּנד?

אין גאַס אין פּראַסטיקער

אין גאַס אין פּראַסטיקער מיר קומט אנטקעגן
מיט א געזאַנג א הויכער יונגער נעגער.
ער זינגט פאַר זיך. ס'פּליִצט פון זײַן בליק א פרייד.
ניט אַנדערש, ווי ער וואָלט אין טרוים די רעגע
גיין מיט זײַן היימיש מיידל זאַלבעצווייט
אין הייסער אַפריקע, צוועלף טויזנט מײַל פונדאַנען.
כ'האָב אין זײַן איינזאַם זינגען אַפן קאָל פארשטאַנען —
ס'איז שווער צו זײַן מיט אייגן פאָלק צעשיידט.

• • •

מײַן סאַנאַטאָריע, ווי א שניי-געצעלט,
צעווישן זילבער-סאָסנעס זיך באַהאַלט.
די שטילקייט און די ריינקייט פון דער וועלט —
אין אוּנטיקן ווינטערדיקן וואַלד.
מײַן שטעגל די לעוואָנע מיר באַלײַכט.
די לופט די פּראָסטיקע, ווי קאַלטן ביר
געשמאַקן, זופּ איך, זויף איך אָן א שיר.
די הענט און פיס מיר ווערן מאָדנע לײַכט.
מיט כּיעס כ'שטעל זיך אָפּ און כ'קוק און הער —

די שטילקייט האָט קיין ברעג ניט און קיין סאָף.
נאָר מיטאַמאָל — א קלאַפּ געטאָן האָט ווער? —
א דלויבע גיט דער פיקהאָלץ דאָס פון שלאָף.
דאָס כּאַלעמט זיך דעם אַקשן, מינאַסטאַם,
א ווערעמל אין קאָרע פונעם שטאַם.
מײַן סאַנאַטאָריע, ווי א שניי-געצעלט,
צעווישן זילבער-סאָסנעס זיך באַהאַלט.
די שטילקייט און די ריינקייט פון דער וועלט —
אין אוּנטיקן ווינטערדיקן וואַלד.

• • •

דער פיקהאָלץ, פון באָר
די צענטראַלע פיגור,
לאָזט איבער אין הארצן
א ליכטיקן שפּור.
גייט לאַנגזאַמער,
הילכט ניט אין פראָסט מיט די
טריט.
און הערט, ווי עס קלאַפּט אַף
דער סאָסנע
דער שמיד.
ער דלובעט און עגבערט
א מעכטיקן סוק.
עס האַמערט זײַן שנאָבל —

טוק-טוק און טוק-טוק
און רוט זיך אפילע
קיין רעגע ניט אָפּ.
דער פיקהאָלץ האָט פּאַשעט
אַן אײַזערנעם קאָפּ.
איך שטיי שוין אוודע א שאָ
און איך קוק —
עס האַמערט דער פויגל
טוק-טוק און טוק-טוק.
ווי ערלעך און שווער
ער דאַביוועט זײַן ברויט.
דאָס גוטס פון דער וועלט
כ'וואָלט דעם פיקהאָלץ פאַרטרויט...

• • •

אין מאַרט שוין ניט געײַלט די זון פאַרגייט.
הינטער די סאָסנעס שקיִע-פלאַם זיך שפּרייט.
א צווייטער באָר דאָרט וואַקסט פון העלער הויט,
ווו יעדער שטאַם און קרוין איז צונטער-רויט,
די צווײַגן אויסגעשטרעקט, ווי פײַער-הענט.

א טאָפּל-וואַלד, וואָס פלאַקערט, העליש ברענט.
א טונקעלער א בלויער פאַס באַזוימט
דעם רויטן באָר, וואָס איך האָב אויסגעטרוימט.
און צווישן גרין און רויט און רויט און גרין —
א גרויער פלעק אַף ווײַסן שניי איך בין...

• • •

באַנאַכט א צי זיך גיט מײַן שאָטן איבער שניי.
כ'זע אויסעט, ווי א הויכער קסיאָנדז א שטרענגער.
און ווײַט פון שײַן אין טונקעלער אַליי,
פון אויג-מעלעך-האַבאָשאָן ווער איך לענגער.

און וואָלט מײַן שאָטן זיך אנידערשטעלן,
קוים ביזן אקסל וואָלטן אים געגרייכט
די העכסטע סאָסנעס, יעלן.
נאָר אָט צוריק כ׳דערנענטער זיך צו לאָמפּן־שײַן.
א ליליפּוטל כ׳ווער,
א ניסעלע מיט פיסעלעך מיט קרומע.
מע קאָן ניט וויסן, ס׳קאָן דאָך גרײַלעך זײַן —
געוווּן איז אַף דער וועלט אזא מין אומע...

פארשאָטן איז דער וואלד מיט שניי־בורשטין.
גיי פראנק־און־פרײַ.
עס הענגט קיין שלאָס ניט און קיין שטײַגל.
און יעדער פארפאַרשעט סאָסנע־צווײַגל
א וועוועריק מיר דערמאָנט.
פארליבט אפסנײַ איך בין.
און ווידער, אוי, א כארפּע, האָפּ׳נונגסלאָז...
פונקט ווי דער וואלד איך האלט ניט פון קיין שלאָס.
נאָר אין מײַן אָפּן הארץ קיינער גיט א בליק אפילע.
עס בלאָזט דער ווינט אהין די שנייעלעך די שטילע...

• • •

דעקאבער־נאכט. לעם שווארצן וואלד.
דער מוילעד איז נאָך ניט געבוירן.
דו גיסט א טראָט, און דײַן געשטאלט
ווערט אין דער פינצטערניש פארלוירן.

א שפּאַן פאַרויס אין כווישעד כ׳גיב...
א בוים... א קוסט... דו ביסט אנשוויגן —
ווו ביסטו? — כ׳שרײַ, — טו מיר צוליב.
צעלאכסטו זיך מיט פארגעניגן;

אָ, לאָמיר גיין צו לאָמפּן־שײַן,
עס איז דאָ פינצטער, ווי אין
קיווער, —
איך כאפּ דיך אין די הענט ארײַן,
גרייט אויסצוקושן יעדן אייווער.

מײַן ראבינע

דער ראבינע
אנטקעגן פענצטער מײַנעם,
איך בין איר שוין געוויס
פון לאנג דערווידער:
איך נעם פון איר די אויגן ניט אראָפּ
און לייען איר פון פרי ביז אוונט לידער.
אין הויז דערבײַ א יונגינק מיידל לעבט.
זי האָט פון מיר פארשטעלט זיך מיט גארדינען...
די ראבינע, זי לײַדט, נעבעך, און שווײַגט
און זעט און הערט מיך ווידער פון באגינען...

• • •

איך האָב א געוווינהײַט צו הערן און גלויבן
דעם כאָשעוון כאַוער מעטעאָראָלאָג.
קאָך־האָווע, זיך אופגעכאפּט האָב איך פארטאָג —
פארשאָטן מיט שניי איז מײַן גאנעק ביז אויבן.

די הילצערנע לאָפּעטע באלד כ׳האָב גענומען,
אַף אייגענעם גאנעק דעם שניי ניט גערירט
(אין הימל זיך האָבן נאָך שטערן געצירט),
כ׳בין איבער די פּוכיקע הורבעס געשוווּמען.

און שנעל צו דער טיר פון איר שטוב זיך
דערקליבן.
כ׳צעשלײַדער דעם שניי און דאָס שטעגל
כ׳מאַך ריין,
אז לײַכט זאָל איר זײַן אין די שטיוועלעך גיין.
צוריק כ׳לויף צו זיך און צו טראכטן איז
ליב מיר —
מײַן ווײַלע וועט אָנשטויסן זיך אָדער ניין?..

אונדזער פייַנט

1

האָסט די אייפּעלעך מייַנע אין גרויליקער גרוב
מיט רעציכע געטראָטן...
מיינסט, איך וועל מיט דער צייַט דאָס פאַרגעסן:
מייַן הארץ איז א בעסדין,
מייַן הארץ איז א קנעסעס.

און בלויז איין געבאָט לאָז איך איבער פון
אַלע געבאָטן
מייַן יוירעש, מייַן אייניק און אורייניק:
דיך, אונדזער פייַנט, אויסצוראָטן!

2

מייַן מאמע, געדענק איך, בייס עפּעס א צאָרע
געזוכט האָט א טרופע, א מיטל, א פשאָרע,
אז „אַלצדינג זאָל אָפּגיין, אימירטשעשעם, גלאַט“.
דערבייַ האָט זי איריקס א ווערטל געהאט —

„די קרויט זאָל זייַן גאַנץ און די ציג זאָל זייַן
זאַט“.
האָט היטלער פאַרטיליקט זיי אַלע צוזאַמען —
די ציג מיט דער קרויט,
מיט מייַן הארציקער מאַמען.

• • •

פאַרבייַ דייַן פענצטער בין איך דורכגעגאַנגען,
דאָס פאָרהענגל איז ביז א העלפט פאַרהאַנגען...
איך שטויס זיך אָן — אַן אָפּגערעדטער סימען...
און דער, וואָס וועט אַרייַן צו דיר אין צימער,
דאָס פאָרהענגל ט׳פאַרציִען ביסקל סאָף.
און איך, דער טיפּעש, האָף נאָך אַלץ און האָף...

• • •

אפילע ווען דער שליאַך איז פאַר מיר ריין און גלאַט,
איך שטעל אין זינען אויף א פעסטונג נאָך א פעסטונג,
איך זאָל זיי קענען גויווער זייַן אין מייַן פאַרמעסטונג.
אויב ניט, וואָלט דאָך מייַן וועג קיין ווערדע ניט געהאט.

בוזי מילער

דרײַ נאָוועלן

א פרילינגדיקער עסקיז

שווער איז אים, דעם ניט גאָר יונגן מאָלער, אָנגעקומען דאָס נײַע גרויסע בילד, איבער וועלכן ער האָט שוין א לאַנגע צײַט געאַרבעט. אַלץ איז אים אין אָט דעם בילד, דאַכט זיך, קלאָר געווען, און דאָך האָט נאָך געפעלט עפּעס איקערדיקס, עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל אַלע טיילן פונעם ווערק צוזאַמענציִען אין איין־איינציקן שטראַלנדיקן פונקט.

בא יעדן נײַעם בילד — אין דעם האָט ער זיך שוין פון לאַנג איבערצײַגט — איז מען פונדאָסנײַ אַן אָנפאַנגער.

שוין לאַנג האָט ער אין אָט דעם טאָג אַרומגעבלאָנקעט איבער דער שטאָט, אַזש ביז צו די ווײַטסטע עקשטאָטישע געסלעך פאַרגאַנגען, פון דער בריק לאַנג אַראָפּגעקוקט אינעם ווירבלדיקן טײַך, וואָס האָט זיך אָקאָרשט באַפרײַט פונעם אײַז. נאָר ניט אין גאַס, ניט אינעם אויסזען פון דעם וואַסער, וואָס האָט האַסטיק געיאָגט, אופשוימענדיק מיט גערויש בא די סלופּעס, ניט געפונען דאָס, וואָס ער זוכט.

פאַרטאָן אין זײַנע אינערלעכע זוכענישן, איז ער ווידער געקומען אין צענטער שטאָט. אַראָפּ פון טראָטואַר און קוים באַוויזן פאַרבײַלויפן דעם אויטאָבוס, וועלכן ער האָט ניט באַמערקט, אַריבערגייענדיק צום סקווער.

דער פרילינג האָט דאָס יאָר פאַרשפּעטיקט. אין סקווער זײַנען די ביימער נאָך געשטאַנען אין א דורכזיכטיקן העל־גרינעם רויכל.

קימאַט אַלע בענק זײַנען געווען פאַרנומען. אָט לייענט אַן עלטערער מענטש א צײַטונג. צוויי יונגע פרויען זײַנען אַף א צווייטער באַנק פאַרטיפט אין א שמועס. דרײַ מיידעלעך האָבן אַף א דריטער באַנק זיך איבערגעבויגן איבער א העפט, וואָס די מיטלסטע פון זיי האַלט אַף די קני. נאָך אַף איין ווײַטלעכער באַנק גייט א יונגן פּאָרל קיינער ניט אָן...

און איבער אַלץ — די אידעלע געוועבן פון דורכלויכטנדיקע וואָלקנדלעך אין דער הייך.

שוין באַם אַרויסגאַנג פון סקווער האָט דער מאָלער אַף א ווײַלע זיך צוגעזעצט אַף א פרײַער באַנק. און גוט, וואָס ער האָט דאָס געטאָן. ער האָט דאָ באַוויזן צו באַמערקן אַזוינס, וואָס ניט באַמערקן וואָלט געווען א שאָד.

דער עלטערער מענטש אַף דער אַנטקעגנדיקער באַנק האָט, אָפּווענדנדיק דעם בליק פון דער צײַטונג, מיט א היימיש גוטמוטיקן שמייכל זיך א נייג געטאָן צו אים. ער קען אים גוט, אָט דעם מענטשן. מיט א יאָר דרײַסיק צוריק איז יענער געקומען אַהער, אין די דעמלט גאַנץ ווילדע מעקימעס, ווו איצט איז אויסגעוואַקסן אָט די שטאָט. ער האָט אַרײַנגעלייגט אין איר היפּש האָרעוואַניע. געווען דאָ צוערשט א בויער, דערנאָך, ווען עס האָט זיך א הייב געטאָן דער זאַוואָד, וואָס האָט שוין איצט א גוטן שעם ווײַט אַרום, איז ער געוואָרן מײַסטער אין א צעך. אַצינד איז ער אַף פּענסיע. ער האָט דאָ כאַסענע געמאַכט צוויי זין און א טאָכטער, האָט שוין דערוואַקסענע אייניקלעך. און אָט די שטאָט, וואָס ווערט מיט יעדן טאָג גרעסער, שענער, איז, אייגנטלעך, אויך זײַנס א געראָטן קינד.

א נידעריקוואוקסיקער, א ברייטפּלייציקער מענטש אין א העלן זומער־מאַנטל האָט, פאַרבײַגייענדיק, זיך א נייג געטאָן צום מאָלער. דער מענטש האָט געהונקען.

מיט א יאָר פינף און צוואנציק צוריק, ווען ער, דער מאָלער, איז געקומען אין אָט די ערטער, איז ער דאָ צוערשט געווען א לערער פון צייכענען אין איינער פון די שולן. דער מענטש, וואָס האָט ערשט אָט דאָ דורכגעהונקען, איז דעמלט נאָך געווען א שילער — דער בעסטער שילער אין זיבעטן קלאַס און גלײַכצײַטיק זייער א פארשײַטער קונדעס. הינקען האָט ער אָנגעהויבן שפּעטער, ער איז פארווונדעט געוואָרן הינטער קורסק.

דער מאָלער איז אריבערגעגאנגען אף דער אנטקעגנדיקער באנק, ווו דער באקאנטער פּענסיאָנער האָט עפּעס זייער פארטיפט געלייענט אין א צײַטונג.

— וואָס האָט איר דאָ געפונען אינטערעסאנטס? — האָט דער מאָלער א פרעג געטאָן.

— אָ, — האָט געענטפערט דער פּענסיאָנער, — אין צײַטונג איז הײַנט פאראן א סאך אינטערעסאנטס. נאָר דער איקער — אָט...

ער האָט אָנגעוויזן אף א קליינער מיטיילונג: נאָך איין לאנד האָט אונטערגעשריבן דעם מאָסקווער אָפּמאך וועגן טיילווײַזן פארבאָטן די אטאָם-אויספּרווון...

— מיינט ניט, דאָס איז זייער וויכטיק, — האָט ער א זאָג געטאָן, ארײַנקוקנדיק דעם מאָלער אין די אויגן. — און ווייסט איר פאר וועמען? פאר איר — וויכטיק, — מיט דער צעקנייטשטער צײַטונג אין האנט האָט דער אלטער א טײַט געטאָן אף רעכטס.

דער מאָלער האָט אויך אהין א קוק געגעבן און דערזען: אין א העל-גרין, ביז צו די אויגן אראָפּגערוקט היטעלע און אין א לײַכט מאנטעלע האָט א צווייייאָריק מיידעלע זיך געשפּילט מיט שטיינדלעך. אונטערן נעזל איז בא איר אזש נאַס געוואָרן, אזוי איז זי געווען פארנומען מיט דער שפּיל. אין די ברייטלעך צעשטעלטע רייך בלויע אייגלעך האָט בעשאַס-מײַסע געלויכטן אזא פארטיפטער אינטערעס, גלײַך ווי, צונויפלייגנדיק אָט דאָ א שטיינדל צו א שטיינדל, טוט זי די וויכטיקסטע ארבעט אף דער וועלט.

דעם מיידעלעס מוטער האָט אף א קעגנבערדיקער באנק געשמועסט מיט א באקענטער און פון מאָל צו מאָל געוואָרפן א בליק צום קינד.

דעם מיידעלע האָבן אויסגעפעלט שטיינדלעך. און דאָרט, ווײַטער, ליגן זיי א סאך — פארשפּיצטע, קײַלעכדיקע, פלאטשיקע. האָט זי זיך א לאָז געטאָן אהין און איז אינמיטן וועג אומגעפאלן. פײַל-אויסן-בויגן איז די מוטער געווען לעבן איר.

— אך, דו! וואָס האָב איך דיר געזאָגט? שוין קום זעץ זיך אוועק אף אן אָרט!

דאָס מיידעלע האָט אײַנגעאקשנט צוריקגעצויגן דאָס הענטל.

— זאָל זי שפּילן, — האָט דער מוטערס באקענטע א זאָג געטאָן פון באנק.

מער מיט געמאכטן, ווי מיט עמעסן רויגעז האָט די מוטער ארומגעטרייסלט דעם קינדס מאנטעלע און איז אוועק אף איר אָרט.

אָנגענומען פולע הויפנדלעך מיט שטיינדלעך, איז דאָס קליינע נעפעשל אינעם רויטן מאנטעלע אוועק דערבויען איר ביניען.

דער מאָלער האָט די גאנצע צײַט ניט אראָפּגעלאָזט דאָס אויג פונעם קינד.

— ווי האָט איר געזאָגט? — האָט ער זיך א קער געטאָן צום שאָכן אף דער באנק. — פאר איר איז עס וויכטיק?

און פּלוצעם האָט גאָר אין א נײַער שײַן א העל געטאָן פאר אים אָט דער גאנצער סקווער, און זײַן שאָכן אף דער באנק, און זײַן געוועזענער שילער, וואָס האָט צוריק מיט עטלעכע מינוט דאָ דורכגעהונקען, און דער שטרענגער אָבעליסק, וואָס שטייט דאָ ניט ווײַט מיט די בלומענקרענץ צופוסנס, מיטן אויסגעקריצטן אפּן מארמאָר: „אן אייביקער אָנדענק“...

ווי אין איין שטראַלנדיקן פונקט איז זיך דאָ אלץ צונויפגעגאנגען אין דעם אויגנבליק — אי דער הײַנטיקער טאָג, אי דער נעכטיקער, אי אלע קאָרבאָנעס, וואָס זײַנען געפאלן, אז אָט דאָס מיידעלע אינעם רויטן מאנטעלע זאָל זיך איצט רויִק שפּילן מיט אירע שטיינדעלעך אינעם סקווער.

דער מאָלער האָט לאנג געווארט, ביז דאָס מיידעלע וועט א קוק טאָן אין זײַן זײַט, און ווען זי האָט סאָפּקאָלסאָף א קוק געטאָן, האָט ער זי צוגערופן.

— ווי הייסטו?

— סוועטע.

— סוועטע? וואָס זשע בויסטו דאָרטן, סוועטע?

— איך בוי א גרויסן, גרויסן מויער — אָט ווי דער, אנטקעגן!

ער האָט זי לײַכט א קניפּ געטאָן אינעם פּארפּאליעטן בעקל.

— נו, גיי, גיי, בוי.

אליין האָט ער אפגיך ארויסגעכאפּט פון בוזעם-קעשענע דעם ניט גרויסן אלבאָם פאר עסקיזן און אף א ריינעם בלעטל געגומען פלינק אָנוואָרפן שטריך נאָך שטריך. א בליק צום מיידעלע — א שטריך, נאָך א בליק — נאָך א שטריך. אין דער מינוט האָט ער אינגאנצן פארגעסן וועגן

אַלץ ארום, און אפילע אויך וועגן דעם בילד, וואָס ער מאָלט שוין לאנג און וואָס גיט זיך אים ניט אײַן. ער האָט געפילט, ער איז זיכער געווען: אָט דאָס וועט זיך אים אײַנגעבן.

דער פענסיאָנער האָט פארוואונדערט געקוקט, ווי אין אלבאָם האָבן פון א סאך געשווינד און דאכט זיך, אין גרויס אומאָרדענונג אָנגעוואָרפענע שטריכן גענומען אָנמערקן זיך ביימער, נאָכדעם — א באנק, א שטיק אָבעליסק, א קינד צופוסנס...

— איר מאָלט אָט דאָס מיידעלע? — האָט דער עלטערער מענטש שטיל, מוירע האָבנדיק צו שטערן, א פרעג געטאָן.

— אי יאָ, אי ניין, — האָט דער מאָלער באשעפטיקט א זאָג געטאָן, פאָרזעצנדיק אפגיך אָנצוווארפן איין שטריך נאָכן אנדערן.

— וואָס הייסט עס?

דער מאָלער האָט ניט געענטפערט.

דערנאָך, שוין פארמאכנדיק דעם אלבאָם, האָט ער דערקלערט:

— אָט דאָ זײַנען בא מיר פארשיידענע עסקיזן, „זאגאָטאָווקעס" הייסט עס. פון אייניקע וועט זיך עפּעס באקומען, פון אנדערע מיסטאמע ניט. נאָר אָט דאָס, — ער האָט א ווײַז געטאָן אפן לעצטן עסקיז, — פאר דעם דארף איך זאָגן א דאנק אײַך. איר ווייסט גאָר ניט, אף וואָס פאר א געדאנק איר האָט מיך ארופגעפירט...

— איך?

— יאָ. פון דעם וועט בא מיר אויסוואקסן א בילד. איר שטעלט זיך פאָר — א קינד, א מיידעלע... ניין, ניט דאפקע דאָס דאָזיקע מיידעלע, נאָר אין איר וועלן זײַן אלע מיידעלעך, אלע קינדער פונעם גאנצן ערדקײַלעך... אלע, אלע, וואָס דארפן, עס זאָלן זײַן אף דער וועלט אזא פרילינג, אזא הימל, אזעלכע גרינע ביימער.

— גערעכט! — האָט אומגעריכט היציק אויסגערופן דער פענסיאָנער און ארופגעלייגט זײַן האנט אפן מאָלערס. — גערעכט, ווי גאָלד!

דער מאָלער האָט א שמייכל געטאָן:

— איר זאָגט עס מיר אזוי, פונקט ווי איך האָב עס אליין צוגעטראכט.

— ווער דען?

— מענטש איינער, דאָס איז דאָך אײַער געדאנק!

— מײַנער? — האָט דער פענסיאָנער זיך אופריכטיק פארכידעשט.

— וועמעס דען?

דער מאָלער האָט אים א קלאַפּ געטאָן אין פלייצע און איז האָפּערדיק אוועקגעאנגען פון סקווער.

אין אלבאָם איז בא אים צוגעקומען נאָך איין עסקיז, א פרילינגדיקער עסקיז. פון אים — ער איז אין דעם זיכער געווען — וועט אויסוואקסן א בילד, פונקט ווי א גרינער זאפטיקער בלאט וואקסט אויס פון א קנאָספּ.

אונטערוועגנס

1

אף דער ניט גרויסער ווײַטמיזרעכדיקער סטאנציע האָבן אפן מאָסקווער צוג, וואָס איז דאָ דורכגעגאנגען שפּעט באנאכט, געוואַרט סאכאקל צוויי פאסאזשירן — איך און א יונגע פרוי, אן אפּטייק־טוערן, וועלכע איז געפאָרן אין אורלויב צו קרויווים קיין נאָוואָסיבירסק. מיר האָבן געהאט בילעטן אין איין פלאצקארטנעם וואגאָן, און ווען מיר זײַנען אהין ארײַנגעגאנגען, איז פרײַ געווען בלויז די לעצטע קופּע. אלע אנדערע ערטער זײַנען געווען פארנומען. בא אונדזער ארײַנקומען האָבן אף די אייבערשטע פאָליצעס פון דער שכײַנישער קופּע זיך אונטערגעהויבן א פאָר יונגעלײַט, מיט שלעפעריקע בליקן זיך אָפּגעשטעלט — א קירצערע ווײַלע אף מיר, א לענגערע — אף דער פרוי, און מיט אַן אויסזען, אז זיי וועלן ניט פארשפּעטיקן אויך מאָרגן מיט אונדז זיך צו באקענען, — ווידער א פאל געטאָן אף זייערע קישנס.

פארטאָג האָב איך זיך אופגעכאפּט, ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט. געעפנט די אויגן און דערזען: מיט איין פוס אפן ראנד פון מײַן פאָליצע, מיטן אנדערן — אף דער פאָליצע פון מײַן שכײנע שטייט א מעגושעמדיק גרויסער און דיקער פארשוין. עטלעכע מענטשן דערלאנגען אים פּעק, טשעמאָדאנען, און יענער שטעלט זיי לײַכט פאנאנדער אף די אייבערשטע פאָליצעס.

— אײַ! — פון אויבן האָט מיטאמאָל זיך ארונטערגעריסן א גרויסער טשעמאָדאן און א פאל גע־

טאָן צו דער שכיינעס פּיס. איך האָב אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם. צום גליק, זײַנען דער שכיינעס פּיס געבליבן גאַנץ. זי האָט זיך אַזוי ווי אַפילו ניט אופגעכאַפּט.

דערנאָך זײַנען אַ העלפט פּאַסאַזשירן אַרויס פון וואַגאָן, און צוזאַמען מיטן מעגושעמדיק גרויסן פּאַרשוין איז פאַרבליבן אין קופּע נאָר איין קליינינקע אַלטיטשקע, אַן אײַנגעוויקלטע אין אַ שאַל.

ווען איך האָב זיך אַ צווייט מאָל אופגעכאַפּט, איז שוין געווען גרויסער טאָג. אין די אופּצי־טערנדיקע וואַגאָן־פענצטער האָבן אַרײַנגעבלאַנקט העל באַזונטע שניי־פּייזאַזשן.

מײַן שכיינע, די יונגע אַפּטייק־טוערן, — אַ קליינינקע, אַ דאַרינקע, מיט בלאָנדע גלאַט פּאַרקעמטע האָר, מיט אַ קרענקלעכער ראָזקײַט אויף בלאַסן אָפּגעצויגענעם פּאָנעם און מיט גרינלעכע לענגלעך־שמאָלע אויגן, — איך האָב ערשט איצט, בײַ דער טאָג־ליכט, ווי געהעריק אין איר זיך אײַנגעקוקט, — איז אין אַ העל־געבלימטן כאַלאַט געזעסן אין ווינקל פון איר געלעגער, ענלעך צו אַ קליין מיידעלע, מיט שטײַף אַרונטערגעצויגענע פּיס אונטער זיך. לעבן איר איז געזעסן אונדזער נײַער שאָכן. עס איז צו זען געווען, אַז בייס איך בין געשלאָפן, האָבן זיי שוין באַוויזן גוט זיך צו באַקענען, ווי עס טרעפט געוויינלעך אין וועג, און ביידע האָבן זיך אַצינד גע־וויצלט איבער דער באַנאַכטיקער פּאַסירונג מיטן אַראָפּגעפאַלענעם טשעמאָדאַן.

— ס'איז נאָך אַ גליק, — האָט געזאָגט וואַליע (אַזוי האָט מען גערופן אונדזער שכיינע), — וואָס איך בין אַ קליינינקע און האָב אַ טעווע צו שלאָפן די פּיס אונטער זיך. ווען ניט...

— ווען ניט, — האָט מיט אַ געדיכטן באַס זי איבערגעשלאָגן דער שאָכן, — ווי וואָלט איך זיך ווען־ניט־איז אויסגעקויפט? גלייבט מיר, איך האָב זיך איבערגעשראָקן מער פון אײַך. און מײַן אַלטיטשקע — פרעגט שוין ניט.

זײַן אַלטיטשקע איז איצט געלעגן אויף דער אייבערשטער פּאָלקע, איבער וואַליען. אַזאַ קליי־נינקע איז זי געווען, אַז אונטערן ציכטיקן לײַלעך, האָט זיך געדאַכט, איז גאָרנישט ניטאָ. מע האָט נאָר אָנגעזען דעם קאָפּ מיט די קורץ געשוירענע געלבלעך־גראָווע האָר און די אויגן, וואָס האָבן אויף דאַרן פּאָנעם געלויכטן מיט עפּעס אַ טיף פאַרבאָרגענעם צאַר.

צו מיטיק־צײַט האָבן מיר זיך שוין אַלע אַזוי גוט באַקענט און אַזוי געווען צופרידן דערפון, וואָס מיר פאָרן צוזאַמען, אַז מיר האָבן דאָ טאַקע, אין קופּע, געמאַכט אַ פײַנע בעשוטפעסדיקע סודע פונעם געבראָטענעם בערן־פלייש, וואָס דאָס אַלטע פּאָרפּאָלק האָט מיט זיך געפירט.

גריגאָרי קאָנסטאַנטינאָוויטש — אַזוי האָט מען גערופן דעם שאָכן — האָט דורכגעמאַכט אַ גרויס און ביז גאָר אינטערעסאַנט לעבן. וועגן אַ סאַך זאַכן האָט ער אַזוי לעבעדיק, מיט אַזאַ גוטמוטיקן הומאָר דערציילט, אַז מע האָט ניט באַמערקט, ווי דער ערשטער טאָג איז אַהינגעקומען.

גריגאָרי קאָנסטאַנטינאָוויטשן, דעם קרעפּטיקן, ברייטפּלייציקן, מיט דער שטײַף אויסגע־קײַלעכיקטער ברוסט, מיט דער שוואַרצער, אָן איין גראָווער האָר, שעוועליורע, האָט מען געקאָנט געבן ניט מער ווי אַ יאָר פופציק. ווי גרויס איז אָבער געווען אונדזער כידעש, ווען גריגאָרי קאָנ־סטאַנטינאָוויטש האָט צווישן אַנדערס אַ זאָג געטאָן, אַז צו זיבעציק פעלט אים סאַכאַקל צוויי יאָר...

— זאָל עס אײַך ניט וווּנדערן, — האָט ער אונדז באַרויִקט. — אין טאַמבאָוו לעבט מײַן מאַמע, איז זי שוין אַלט דרײַ און נײַנציק יאָר און גייט נאָך אַליין אין די קראָמען.

אין די צאַרישע צײַטן און אין די ערשטע יאָרן נאָך דער רעוואָליוציע — אַ מאַטראָס (אָן אָנדענק וועגן דעם — דער טאַטויִרטער אַנקער אויף דער האַנט), אַן אַלטער באָלשעוויק (פון 1917 יאָר), איז ער שוין אָט דרײַ צענדליק יאָר געווען אַן אָנפירנדיקער טוער אין דער סיסטעם, וואָס האָט צו טאָן מיט אַרויסבאַקומען גאָלד. פאַר אָט דער צײַט איז ער אויסגעווען קימאַט ווו נאָר אַ גרעסערע גאָלד־לאַגערונג אין סיביר, אויף ווײַטן מיזרעך און אויף ווײַטן צאָפן. און אומעטום — זײַן קליינינקע און שוואַכינקע פרוי, אַנאַ יאַקאָוולעוונאַ, „מאָיאַ אַנושקאַ“, ווי ער האָט זי גע־רופן, — מיט אים. אַצינד זײַנען זיי אויך געפאָרן פון גאָלד־פעלדער אויף ווײַטן מיזרעך, מיט וועלכע ער האָט אָנגעפירט די לעצטע צען יאָר, אויף אַנדערע גאָלד־לאַגערונגען אין מיטל־אַזיע, וווּהין עס האָט אים אַריבערגעפירט דאָס מיניסטעריִום. אַהין האָבן זיי זיך עס איצט אַוועקגעלאָזט מיט האַק־און־פּאַק.

צום סאָף פונעם צווייטן מעסלעס זײַנען מיר פאַרבײַגעפאָרן טשיטאַ. פאַר דער סטאַנציע פּעטראָווסקי זאַוואָד האָט דאָס אַלטע פּאָרפּאָלק זיך פּלוצעם אומרויִק אָנגעהויבן גריבלען אין די טשעמאָדאַנען, עפּעס אַרויסגענומען, איבערגעפּאַקעוועט.

— איר גייט דען דאָ אַראָפּ? — האָט וואַליע אַ פרעג געטאָן מיט כידעש.

— ניין, מיר פאָרן נאָך מיט אײַך דרײַ מעסלעס, ביז נאָוואָסיבירסק, — האָט געענטפערט גריגאָרי קאָנסטאַנטינאָוויטש און אַראָפּגענומען בעשאַס־מײַסע פון דער אייבערשטער פּאָליצע אַ נײַ פּעקל, איבערגעגעבן עס דער פרוי.

— איז וואָס זשע?

— אַף דער ערשטער סטאַנציע נאָך פּעטראָווסקי זאַוואָד, — האָט זיך אָנגערופן אַנאַ יאַקאָוולעוונא, — וועט אונדז באַגעגענען די טאָכטער. — און זי האָט אַריבערגעלייגט פון איין טשעמאָדאַן אין אַנדערן אַ שטיק געוואַנט, אַ ברוין קינדעריש פוטערל און אַ פּאָר קליינע וואָליקלעך.

— ווען מיר זײַנען אַרויסגעפאָרן, האָבן מיר איר געשיקט אַ טעלעגראַם, — האָט געזאָגט גריגאָרי קאָנסטאַנטינאָוויטש.

— מיר האָבן זי שוין אַכט יאָר ניט געזען, די טאָכטער, — האָט צוגעגעבן אַנאַ יאַקאָוולעוונא מיט אַ זיפץ, און גריגאָרי קאָנסטאַנטינאָוויטש האָט דערקלערט:

— זי איז בײַ אונדז אַ געאָלאָג. כאַסענע געהאַט דאָ. איר מאַן איז אויך אַן אינזשעניער. מע האָט שוין אַ טעכטערל פון זיבן יאָר.

— אָט דאָס וועלן מיר זיך מיט זיי ערשט באַקענען, — האָט צוגעגעבן אַנאַ יאַקאָוולעוונא און ווידער אַ זיפץ געטאָן.

ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אַף פּעטראָווסקי זאַוואָד, איז אין קופּע אַרײַנגעקומען ניט קיין הויכער יונגערמאַן אין אַ טונקעלן שינעל און געפרעגט, צי דאָ פאָרט גריגאָרי קאָנסטאַנטינאָוויטש טשולימאָוו. דערזען אונדזער שאָכן, האָט ער זיך, ווײַזט אויס, גלײַך אָנגעשטויסן און אַ שפּאַן געטאָן צו אים:

— איר? — ער האָט אויסגעשטרעקט דעם אַלטן די האַנט. — איך בין נאַדיעס מאַן.

— נאַדיושעס מאַן? — האָט אַנאַ יאַקאָוולעוונא אַ הייב זיך געטאָן פון אָרט. — נאַדיושעס מאַן! — האָט זי איבערגעכאַזערט, האַלטנדיק שוין דעם איידעמס האַנט, און לאַנג זיך אײַנגעקוקט אין אים.

ער איז געקומען ספּעציעל אַף אַ סטאַנציע פריִער, — האָט דער איידעם דערקלערט, — קעדיי אַ ביסל זיך דורכשמועסן מיט שווער־און־שוויגער ביז דער סטאַנציע, ווו עס וואַרטן אַף זיי נאַדיע מיטן טעכטערל.

און אָט איז די סטאַנציע. מיט אַ פריידיק געוויין איז אַרײַנגעלאָפן אין קופּע אַ הויכע העל־בלאָנדע פרוי און אַרופגעפאַלן אַפן האַלדז צוערשט אַנאַ יאַקאָוולעוונען, דערנאָך גריגאָרי קאָנסטאַנטינאָוויטשן.

— מאַמוליאַ... פּאַפּאַ!..

— וואָס וויינסטו, נאַרישע? — נעמט זי אַרום גריגאָרי קאָנסטאַנטינאָוויטש. — מע זעט זיך, מע איז געזונט. אַ שאָד נאָר, מיר האָבן זיך געוואָלט בײַ דיר אָפּשטעלן, איז ניטאָ קיין צײַט. אַ מאַן איז בײַ דיר אַ וווילער, און דאָס אייניקל...

דאָס אייניקל, נאַטאַשע, אין אַ העלער דאָשקע, האָט פון אונטערן ווינטערדיקן היטעלע מיט נײַגעריקע גרויסע אויגן געקוקט אַפן זיידן און אַף דער באָבען און האָט ניט פאַרשטאַנען, פאַר־וואָס די מאַמע וויינט. זי האָט זיך אָבער ניט באַוויזן אַרומצוקוקן, ווי זי איז אַ פלי געטאָן אַרויף אין די שטאַרקע אָרעמס פונעם אומבאַקאַנטן זיידן און דערפילט מיטן קאַלטן בעקל זײַן שטעכיקע באַק.

אַנאַ יאַקאָוולעוונא האָט דערווײַל געשטופּט נאַדיען אין האַנט צוויי פולע טשעמאָדאַנען. יענע האָט זיך אָפּגעזאָגט, — זי האָט אַלײן אַלץ, זי לעבט גוט, זי איז צופרידן, וואָס מע זעט זיך, — נאָר אַנאַ יאַקאָוולעוונא האָט שטרענג באַפוילן:

— נעם! דאָ איז עפּעס־וואָס פאַר דיר און פאַר נאַטאַשקען אויך.

ווי אין אויגנבליק, זײַנען דורכגעפלויגן צען מינוט. די יונגע מישפּאָכע איז אַראָפּ, דער צוג איז אוועק.

אַנאַ יאַקאָוולעוונא און גריגאָרי קאָנסטאַנטינאָוויטש זײַנען געזעסן באַם פענצטער איינס קעגן אַנדערן. מע האָט געשוויגן. בײַ אַנאַ יאַקאָוולעוונען איז איבער דער אויסגעצערטער באַק אַראָפּגערונען אַ טרער. בײַ גריגאָרי קאָנסטאַנטינאָוויטשן זײַנען די אויגן געווען פײַכט.

2

עס זײַנען דורך נאָך צוויי טעג. הינטער אונדז זײַנען פאַרבליבן דער בײַקאַל, די אַנגאַראַ מיט די ריזיקע בויונגען אַרום איר, אירקוטסק.

פאַר קראַסנאָיאַרסק האָבן גריגאָרי קאָנסטאַנטינאָוויטש און אַנאַ יאַקאָוולעוונא זיך ווידער אַ נעם געטאָן צו זייערע טשעמאָדאַנעס.

— וואָס ווידער? — האָט וואַליע געפרעגט.

— אין קראַסנאָיאַרסק האָבן מיר אַ זון, — האָט גריגאָרי קאָנסטאַנטינאָוויטש געענטפערט. — ער וועט אונדז באַגעגענען מיט דער גאַנצער מישפּאָכע. מיר האָבן אים טעלעגראַפירט.

די קופּע אין קראַסנאָיאַרסק איז מיטאַמאָל געוואָרן פול. מיט ווײַן, מיט א גרויסן טאָרט און אנדערע מאַטאַנעס זײַנען אַרײַנגעקומען א וווקסיקער פּאַדפּאָלקאָווניק מיט קורץ געשוירענע טונקעלע וואָנצעס, זײַן פרוי, פון וועלכער עס האָט געשמעקט מיט פּראָסט און מיט פּאַרפומען, און צוויי קינדער — א ייִנגעלע פון א יאָר דרײַצן און א שוואַרצכיינעוודיק צעניאָריק מיידעלע. די האַלבע שאָ, וואָס דער צוג איז דאָ געשטאַנען, איז געווען גענוג, מע זאָל אויסטרינקען לעקאָוועד דער באַגעגעניש, צובײַסן מיט די רעשטן פון דער געבראָטענער גאַנדז, וואָס נאַדיע האָט נאָך געבראַכט, דערציילן וועגן נאַדיען און איר מאַן, זיך פּאַנאַנדערפרעגן וועגן קרוויווים, זיך אָנקוקן איינע אף די אנדערע פאַר די פינף יאָר, וואָס מע האָט זיך ניט געזען, און באַטיילן די קינדער מיט מאַטאַנעס.

און אָט איז קראַסנאָיאַרסק אויך פאַרבליבן אהינטן...

3

אין אָוונט האָבן מיר מיט גריגאָרי קאָנסטאַנטינאָוויטשן אין וואַגאָן־רעסטאָראַן געטרונקען ביר.

— ווי זאָגט איר? — האָט ער זיך אָנגערופן, אָנגיסנדיק פון א נײַ געעפנטער פלאַש מיר און זיך. — א טײַער וואָרט — טאַטע? האַ?

ער האָט אָפּגעטרונקען א העלפט פון דער גלאָז און מיט דער צונג אַראָפּגענומען דעם שוים פון די ליפּן.

— אָבער נאָך טײַערער איז — זיידע. גוטע אייניקלעך באַ מיר? האַ?

— זייער ווויליע.

— ווי געפעלן אײַך דער זון, די טאָכטער?

— ביז גאָר...

גריגאָרי קאָנסטאַנטינאָוויטש האָט דערגאָסן די גלאָז.

— זיי זײַנען עפּעס ענלעך אף מיר? — האָט ער א פרעג געטאָן.

— שווער צו באַשטימען.

מיר האָט זיך, דעם עמעס געזאָגט, געוואָרפן אין די אויגן, אז ניט דער זון, דער פּאָדפּאָלקאָווניק, ניט די טאָכטער זײַנען מיט גאָרנישט ניט ענלעך געווען ניט אף גריגאָרי קאָנסטאַנטינאָוויטשן, ניט אף אנא יאַקאָוולעוונען, און זײַנען איינס אפן צווייטן, ווי ברידער און שוועסטער אויך ניט ענלעך. איך האָב א קנייטש געטאָן מיט די אַקסל און צוגעגעבן:

— אַזוינס טרעפט.

— עס טרעפט? — האָט גריגאָרי קאָנסטאַנטינאָוויטש איבערגעפרעגט, קוקנדיק, ווי דער שוים זעצט זיך אין גלאָז. — יאָ, עס טרעפט, — האָט ער ווי אײַנגעשטימט, גענומען די פולע גלאָז פון טיש און פאַרגעסן זי צוטראָגן צו די ליפּן. — עס טרעפט... עס טרעפט, אז אין א שוועדער צײַט פון וועלט־איבערקערעניש, מילכאָמע, פײַן קומט אום דער פּאָטער ערגעץ באַם פּערעקאָפּ, די מוטער שטאַרבט פון הונגער אין א דאָרף... און עס בלײַבט א צוויייאָריק ייִנגעלע איינאַליין. וואָס טוט מען מיט דעם? און די אייגענע פרוי האָט ניט קיין קינדער. א יעסוימע, האָט זי צו זיבן יאָר גענומען צו זיך א פּעטער — א באַלעגוף. באַ אים האָט זי זיך אונטערגעריסן די קויכעס אף שווערער אַרבעט און קען קיין קינדער ניט האָבן. נעמט מען צו דאָס ברעקל, א זון... איז אים אומעטיק אליין צו וואַקסן, נעמט מען פאַר אים א שוועסטערל. קיינער זאָל זיי קיינמאָל ניט קענען זאָגן, אז זיי האָבן ניט קיין אייגענע טאַטע־מאַמע, פּאָרט מען אריבער אין א נײַ אָרט, וווּ מע קען אײַך ניט. און קינדער וואַקסן אויס, ווערן מענטשן און...

— ווייסן פון גאָרניט?

— יאָ...

— ביז איצט? — האָב איך מיט כידעש געפרעגט.

— ביז איצט.

אין טאַמבור פון אונדזער וואַגאָן, ווען מיר האָבן זיך שוין אומגעקערט פון רעסטאָראַן, האָט גריגאָרי קאָנסטאַנטינאָוויטש, אַזוי ווי ער זאָל מיר אי יאָ, אי ניט וואָרענען, אז מע דאַרף שווײַגן, געזאָגט:

— עס איז צו רייד געקומען, האָב איך עס אײַך אַנטפּלעקט, ווײַל מיסטאַמע וועלן מיר מיט אײַך זיך מער קיינמאָל ניט באַגעגענען.

ווען איך האָב זיך שוין א נעם געטאָן פאַר דער טיר פון אונדזער קופּע, האָט גריגאָרי קאָנסטאַנטינאָוויטש א ווײַלע צוגעהאַלטן מײַן האַנט:

— איינס: כאַפּט זיך ניט אַרויס מיט א וואָרט פאַר מײַן אַלטיטשקער.

שפּעט באַנאַכט איז דער צוג אָנגעקומען קיין נאָוואָסיבירסק.

שיינקײַט

1

מיר איז שווער זיך פֿאָרצושטעלן אַ מענטשן, אַ גלײַכגילטיקן צו שיינקײַט. דאָס ווערטל „אַלץ אײנינעם איז ניטאָ בײַ קײנעם“ רופֿט בײַ מיר אַרויס אַ פּאַראַדאָקס: וואָס הייסט עס: אויב שײן, איז ניט קלוג, און פֿאַרקערט? מיר ווילט זיך דאַפֿקע טראַכטן, אַז אויסערלעכע שײנקײַט גייט אַלע מאָל באַנאַנד מיט אינערלעכער גײַסטרײַכקײַט, ניט אַנדערש.

צוליב וואָס זאָג איך עס? אָט...

צוריק מיט אַ פּאָר יאָר, בײַס אַ קאָמאַנדירונג אין מאָסקווע, איז מיר אויסגעקומען אַרײַנצוכאַפּן זיך אין אײנעם גרויסן מאַגאַזין „דעטסקי מיר“[1], וואָס אין צענטער שטאָט און וווּ מע קאָן קריגן פֿון הערן, זען און געדענקען — אַלץ, וואָס נייטיק איז פֿאַר קינדער.

די קאָמאַנדירונג איז געווען בײַ מיר ניט אויף לאַנג, אײניאָנים, ווי געוויינלעך — אַ סך, און עס האָט זיך דעריבער אַזוי געמאַכט, אַז שוין אינעם גאָר לעצטן טאָג האָב איך זיך מיטאַמאָל אַ כאַפּ געטאָן, אַז איך בין נאָך ניט געווען אין קײן אײנעם פֿון די מאַגאַזינען, וווּ איך האָב געזאָלט אײַנשאַפֿן אָן אַ שיר זאַכן, וואָס עס האָבן בײַ מיר באַשטעלט צו ברענגען מײַנע שטובלײַט, מיט־אַרבעטער, שכײנים, באַקאַנטע. יעדער אײנער פֿון זיי האָט, פֿאַרשטייט זיך, געוואָרנט: „ספּעציעל זיך מאַטריען דאַרף מען ניט, נאָר“... צווישן די באַשטעלונגען זײַנען אויך געווען זאַכן פֿאַר קינדער: אַ קאָמבינירט קאָסטיומל פֿאַר אַ ייִנגעלע, קאָלירטע שיכלעך פֿאַר אַ מיידעלע אויקע־דוימע. נו, מיט די עלטערע וועל איך ווי־ניט־איז דורכקומען, — האָב איך געטראַכט, זעענדיק, אַז אין קײן אײן מאַגאַזין וועל איך שוין ניט באַווײַזן צו זײַן, נאָר קלײנוואַרג אָפּנאַרן טאָר מען ניט. און איך בין אַרײַן אינעם באַוווּסטן ריזיקן מאַגאַזין מיט דער דייע גלײַך אָפּצוזוכן, וואָס איך דאַרף.

איבער די שטיל אונטערקנאַקנדיקע עסקאַלאַטאָרס האָבן פֿון אונטן אַרויף זיך געהויבן טויזנטער מענטשן מיט קוישלעך און פּעקלעך. אויף אַלע שטאָקן האָבן מענטשן פֿאַרפֿולט די גרויסע זאַלן און דורכגענג. ניט געקוקט אויף די אָן אַ שיר ליכטנדיקע אויפֿשריפֿטן און ווײַזערס, איז דאָ, באַזונדערס צום ערשטן מאָל, זייער לײַכט געווען פֿאַרבלאָנדזשעט צו ווערן. אַז מע האָט פֿרײַע צײַט, איז עס אַפֿילע אָנגענעם — ניט געײַלט אַריבערגיין פֿון איין גרויסן ליכטיקן זאַל אין אַנדערן, — אַלצײנס אין אַ וועלכן, — קוקן אויף די פּאָליצעס, וואָס ברעכן זיך אונטער פּעק מיט סכוירעס, זיך רײַבן אינעם מענטשלעכן טומלדיקן געווימל. אַ באַזונדער פֿאַרגעניגן איז צו קוקן אויפֿן קלײנוואַרג, וואָס די עלטערן ברענגען אַהער מיט זיך, אויף די קינדערס אָנגעשטרענגט וואַרטנדיקע פּנימער, ווען זיי זײַנען נאָך ניט זיכער, צי וועט מען זיי טאַקע אויף אָן עמעס קויפֿן דאָס, וועגן וואָס זיי טרוימען און וואָס מע האָט זיי צוגעזאָגט, און אויף זייערע גליקלעך שטראַלנדיקע אייגלעך נאָכדעם, ווי זייער פֿאַרלאַנג ווערט שוין אויסגעפֿילט.

דאָס מאָל אָבער, ווי געזאָגט, זייער געענגט אין צײַט (מיר איז נאָך פֿאָרגעשטאַנען פֿאַרפֿאָרן אין אַ ווײַטן נײַעם ראַיאָן פֿון דער הויפּטשטאָט, וווּ איך האָב זיך אָפּגעשטעלט בײַ מײַנע אײיגענע), האָב איך באַשלאָסן גלײַך אָפּזוכן, וואָס איך דאַרף, און זיך איבעריקס ניט פֿאַרזאַמען.

געשען איז אָבער אַזוי, אַז שוין אויפֿן ערשטן שטאָק האָב איך זיך פֿאַרהאַלטן אַ סך לענגער, ווי איך האָב אויסגערעכנט.

ניט ווײַט פֿונעם צענטראַלן אַרײַנגאַנג, אין דער מיט פֿונעם הויכן שײַנענדיקן זאַל, האָט אַלעמענס אויפֿמערקזאַמקײַט, ווי אַ מאַגנעט, צוגעצויגן צו זיך אָן עקזאָטיש דעקאָרירט טורעמל. ניט זייער קײן הויכס און ניט זייער קײן ברייטס, איז עס פֿון אינווייניק געווען אײַנגעצאַנצן באַהאַנגען מיט קאָלירטע שפּילעכלעך, צווישן וועלכע עס זײַנען געווען אַ סך מאַלפּעלעך, געמאַכט פֿון דינעם בלעך, שרײַענדיק רויט און ברוין געפֿאַרבט. זיי האָבן געהאַט אַ מעכאַניזם אַזאַ, אַדאַנק וועלכן זיי האָבן, ווי לעבעדיקע, שנעל געקלעטערט איבער אָן אָנגעצויגענעם דינעם דראָט צום דעכל פֿונעם טורעמל. אַ לײַכטן צי פֿאַרן דראָט, און — אַהאַ! — אַ מאַלפּעלע הייבט אָן גיך־גיך צו קלעטערן אַרויף. דאָרט טוט עס אַ מאַך אַ האַווײַע און — פֿלינק־פֿלינק איבערן דרעטל צוריק אַראָפּ... דאָס האָט אַלע מאָל אַרויסגערופֿן אַ הילכיק געלעכטער בײַ די קינדער, וואָס זײַנען געשטאַנען אַרום דעם טורעמל. ניט ווילנדיק האָבן אונטערגעשמייכלט אויך די עלטערע לײַט, וואָס זײַנען געווען דערבײַ, כאָטש זיי האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז אָפּגעשטעלט האָבן זיי זיך בלויז צוליב די קינדער.

---

[1] קינדער־וועלט.

דעם קליינוואַרג זײַנען געפֿעלן די מאַלפּעלעך, און די עלטערע...

איך וויל צוקלײַבן אַ וואָרט, וואָס זאָל געבן אַ פֿאָרשטעלונג וועגן דעם מיידל, וואָס איז צווישן אַט די מאַלפּעלעך געזעסן, נאָר, מעגלעך, אַז אַזאַ וואָרט איז ניטאָ. באַ איר גאַנצער רײַכקייט איז די מענטשלעכע שפּראַך, ווײַזט זיך אַרויס, נאָך גאַנץ אָרעם. מיטאַמאָל איבערצײַגסטו זיך אין דעם, ווען דו דערזעעסט פֿאַר זיך אַט אַזאַ מיידלש פּאָנעם, ווי דאָס, וואָס האָט אַרויסגעלויכטן פֿונעם טורעמל. אַ געפֿלעפֿטער בין איך צוגעוואַקסן צום אָרט, ווי אַלע דאָ אַרום מיר.

און דאָס מיידל, זיצנדיק שטאָלץ, ווי אַ באַס־מאַלקע, האָט מיט אירע גרויסע ליכטיקע אויגן גלײַכגילטיק געקוקט איבער אַלעמענס קעפּ, געקוקט אױף אַלעמען צוזאַמען און אױף קיינעם ניט באַזונדער, און האָט קימאַט אַווטאָמאַטיש געטאָן איר אַרבעט: אַ ריר מיט דער האַנט — און אַ קאַלירט מאַלפּעלע קלעטערט שנעל אַרויף, בלײַבט שטיין אַ ווײַלע איבער איר קאָפּ, מאַכט אַ האַווײַע; נאָך איין קוים באַמערקבאַרער ריר — און דאָס מאַלפּעלע קלעטערט אַפּגיך פֿאַרבײַ דעם מיידלס פּאָנעם אַראָפּ.

און אַזוי — די גאַנצע צײַט האַלטן די מעגושעמדיקע מאַלפּעלעך אין איין רײַצן זיך מיט דער שיינקײַט פֿון אַט דעם מיידל.

שפּעטער שוין, אין טאַקסי, וואָס האָט מיך מיט די פֿיל אָנגעקויפֿטע פּעקלעך אָפּגעפֿירט צו מײַנע אייגענע אינעם נײַעם ווײַטן ראַיאָן פֿון דער הויפּטשטאָט, האָב איך אַלע מאָל, ווי נאָר איך האָב צוגעמאַכט די אויגן, געזען פֿאַר זיך דאָס מיידל אינעם טורעמל פֿאַר די מאַלפּעלעך. מיטאַמאָל איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז צו מײַנע געדאַנקען וועגן אַט דעם מיידל, וואָס האָט מיך מיט איר שיינקײַט אַזוי פֿאַרכאַפּט, מישט זיך צו עפּעס אַ מאָדנע געפֿיל, וואָס צורעשט האָב איך אַפֿילו ניט געקאָנט צוקלײַבן אים קיין נאָמען. איך האָב זיך אַליין זייער פֿאַרכידעשט, ווען מיר איז קלאָר געוואָרן: אַט דאָס געפֿיל איז — ראַכמאָנעס... יאָ, ראַכמאָנעס. אַט אַזוי־אָ, — האָב איך געטראַכט, — זיצט אָפּ אַזאַ שיינהײַט גאַנצע טעג, כאַדאָשים, מעגלעך, יאָרן: אַ צי פֿאַרן דראָט אַרויף, אַ צי — אַראָפּ.

איך האָב זיך געפּרוווט פֿאָרשטעלן, ווער איז זי און ווי קומט זי צו אַט די מאַלפּעלעך? זאָל זי האָבן פֿאַרענדיקט אַ מיטלשול, ניט אויסגעהאַלטן די עקזאַמענעס אין אינסטיטוט און — אַפּצו־לאָכעס דער וועלט — זיך אָװעקגעזעצט דאָ? אָדער — אַ געפֿעסטעטע באַסיעכידע באַ עלטערן, האָט זי פֿאַרענדיקט אַן אינסטיטוט און אָנשטאָט פֿאַרן אױף אַרבעט לויט דער ספּעציאַליטעט זיך באַ־האַלטן מיט זייער הילף אױף אַט דעם „רויִקן אָרט“? און עפּשער, פֿאַרקערט, געוואַקסן אָן אַ טאַטן (ער איז אומגעקומען אױף דער מילכאָמע), די מוטער האָט מיט גרויס מי געשטעלט די קינדער אױף די פֿיס, זי, די עלטסטע, האָט פֿאַרענדיקט אַ האַנדלס־שול און מע האָט זי געשיקט אַהער אַרבעטן?

טראַכטנדיק אַזוי, האָב איך ניט באַמערקט, ווי מיר זײַנען פֿאַרבײַגעפֿאָרן דאָס הויז, וווּ איך האָב זיך געזאָלט אָפּשטעלן. דער שאָפֿער האָט מיך פֿון פֿריִער געוואָרנט, אַז דער נײַער ראַיאָן איז אים ניט באַקאַנט, און ווען איך האָב זיך שוין געכאַפּט, אַז איך בין פֿאַרבײַגעפֿאָרן, האָט ער לויט מײַנע אָנווײַזונגען פֿאַרקערעוועט אין עטלעכע הויפֿן, און אַלץ ניט אַהין. אַרום זײַנען געווען אַ סאַך נײַבויונגען, באַ אַלע נײַבויונגען — הויכע טורעם־קראַנען, און אַלע — ענלעך איינע אױף די אַנדערע.

סאָפּקאַלסאָף האָב איך אָפּגעלאָזט די טאַקסי און מיט די פּעקלעך אין די הענט, שפּאַנענדיק צווישן אָן אַ שיר בוי־מאַטעריאַלן, צונויפֿגעלייגטע אין אַלע זײַטן, אָפּגעזוכט דאָס הויז, וואָס כ׳האָב געדאַרפֿט.

2

אין אַ יאָר אַרום איז מיר ווידער אויסגעקומען זײַן אין מאָסקווע. דאָס מאָל איז די קאָמאַנ־דירונג געווען נאָך מער קורץ — געציילטע עטלעכע טעג. נאָר ווידער, ווי עס פֿירט זיך, האָב איך געהאַט אַ סאַך באַשטעלונגען און בעסויכעם אויך אױף זאַכן פֿאַר קינדער.

ווי נאָר איך בין דאָס מאָל אַרײַנגעקומען אונטער די געוועלבן פֿונעם גרויסן מאַגאַזין, האָב איך זיך גלײַך דערמאָנט: דאָס פֿאַראַיאָריקע מיידל אינעם טורעמל מיט די מאַלפּעלעך. זיצט זי נאָך אױף איר אָרט, אָדער שוין ניט? דאָס איז מיר פּאָשעט געווען ציקאַווע. איך בין צוגעגאַנגען אַפּן באַקאַנטן אָרט, און — יאָ... ווי עס זאָלן גאָר ניט האָבן דורכגעגאַנגען קיין גאַנצע צוועלף כאַדאָשים, ווי דאָ, באַ אַט דעם געשניצטן טורעמל, זאָל זיך איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל האָבן אָפּגעשטעלט די צײַט! פּונקט ווי פֿאַראַיאָרן, פּונקט אַזוי אומגלייבלעך שיין, מיט פּונקט אַזאַ פֿאַרגליווערטן גלײַכגילט אַפּן פּאָנעם, האָט זי געקוקט איבער די קעפּ פֿון די מענטשן, וואָס האָבן זיך

געהאַלטן אין איין בײַטן ארום איר. א צי פארן דרעטל — א מאַלפּעלע קלעטערט ארויף, א צווייטן צי — און דאָס מאַלפּעלע קלעטערט אראָפּ...

און אזוי דאָס גאנצע יאָר, וואָס איך בין דאָ ניט געווען? ווײ־ווײ, וואָס פאר אַט דעם יאָר האָט אַף דער וועלט זיך ניט אָפּגעטאָן, און זי: ארויף — אראָפּ, אראָפּ — ארויף...

פונעם מאגאזין בין איך דאָס מאָל אוועק מיט א שווערן געמיט.

עטוואָס לײַכטער איז מיר געוואָרן אפן הארצן אין טאַקסי, וועלכע האָט מיך איבער די גאסן און פּראָספּעקטן פון דער שטאָט, ווו איך האָב אַף טריט און שריט געזען אָן א שיר נײַס, געפירט צו מײַנע אייגענע. דער נײַער ראיאָן, ווו זיי האָבן געוווינט, האָט שוין אויך אצינד אויס־געזען גאָר אנדערש, ווי פאראיאָרן. פון איין זײַט, דאָרט, ווו איך האָב פאראיאָרן ניט געקאָנט אָפּזוכן דאָס נייטיקע הויז צווישן די פיל ענלעכע בוי־פּלעצער, האָט זיך אצינד שוין געהויבן א גאנצער קווארטאל נײַן־, צען־ און צוועלפשטאָקיקע מויערן מיט אקוראטע טראָטוארן, מיט גרינע גאזאָנען צווישן זיי. די ערשטע שטאָקן פון די מויערן — ברייטע, לופטיקע, דורכזיכטיקע, קימאט אינגאנצן פון גלאָז. אין איינעם פון זיי — מיט א ליכטנדיקן שילד לענגויס דעם גאנצן פאסאד — א גרויסע קאפע, אין צווייטן — א טעלעפאָן־סטאנציע, א טעלעגראף.

און דאָס אַלץ — האָב איך געטראכט, — פאר איין יאָר?

קעגניבער די דאָזיקע מויערן, אָנמערקנדיק דעם אָנהייב פון דער אנדערער זײַט גאס, האָבן מעכטיקע בולדאָזערס און עקסקאוואטאָרס מיט אן אומופהערלעכער דונערנדיקער גריל־צערײַ געגראָבן קאָטלאָוואנען פאר נײַע פונדאמענטן.

3

אין א יאָר אָנדערהאַלבן ארום בין איך ווידער אַף א קורצער צײַט געקומען קיין מאָסקווע. א פארבויטער פון אַלע זײַטן מיט הויכע מויערן, האָט דער ראיאָן, ווו עס האָבן געוווינט מײַנע אייגענע, אצינד שוין אויסגעזען ווי א באזונדערע היפּשע נײַע שטאָט. אין די אויגן האָבן זיך געהאַלטן אין איין ווארפן א סאך פארשיידנקאָליריקע שילדן פון מאגאזינען, גאָרקיכן, שולן, קינדערגערטנער, אַטעליעס. אָן שום אויסערלעכע באַפּוצונגען, נאָר שיין, מיט זייער באַקוועמער און אָנגענעמער פּאשטעס, האָבן די מויערן געשטיגן מיט גרויסע ליכטיקע פענצטער, מיט גרינע, אָראנזשעווע, רויטע באַלקאָנען, מיט די דורכזיכטיקע, קימאט דורכויס פון גלאָז, ערשטע שטאָקן, מיט די טעלעוויזאָר־אַנטענעס אין דער הייך, און די פּלאטשיקע דעכער.

אנטקעגן דער וווינונג פון מײַנע אייגענע האָט מען געהאַלטן אין פארענדיקן נאָך איין מויער, וואָס מיט אים האָט געזאָלט געשלאָסן ווערן דער אנסאמבל פונעם נײַעם מיקראָ־ראיאָן. פון מײַן צעעפנטן פענצטער אפן פינפטן שטאָק האָט זיך גוט אָנגעזען די בויונג, און אין פרײַע מינוטן האָב איך ליב געהאַט שטיין און קוקן, ווי עס פאָרן אהער אָפּ און אויף מאשינעס מיט ריזיק לאַנגע פּלאַטפאָרמעס, און אַף זיי — איינס אפן אנדערן — גאנצע בלאָקן: פארטיקע ווענט, פארטיקע טיר־און־פענצטער. מיט דער הילף פונעם טורעם־קראַן נעמט מען אַט די בלאָקן ארויף און מע שטעלט זיי אפן אָרט. און באשעפטיקט בא אַט דער ארבעט זײַנען געציילטע עטלעכע מענטשן. אזוי וואַקסט שטאָק נאָך שטאָק. דעם זיבעטן שטאָק שטעלט מען ערשט, און דורך די פענצטער פונעם זעקסטן זעט מען די מענטשן, וואָס זײַנען שוין דאָרט פארנומען מיטן אויספארטיקן די אינער־לעכע ארבעטן.

אָט, זע איך, האָט א מיידל, א בויער, אין א בלויען קאָמבינעזאָן, מיט א רויט טיכל, פון אונ־טער וועלכן עס שלאָגן זיך ארויס בלאָנדע לאָקן, אראָפּגעבויגן זיך פון א פענצטער אפן זעקסטן שטאָק און עפּעס פריילעך, מאָנענדיק גענומען אראָפּשרײַען צו דער מאשין, וואָס איז אָקאָרשט צוגעפאָרן. דער שאָפער האָט זיך ארויסגערוקט פון דער קאבינע, גוטברודעריש א מאַך געטאָן ארויף צום מיידל מיט דער האנט, עפּעס איר געענטפערט. נאָר מאכמעס דעם הודען פונעם טור־רעם־קראַן און דעם דונערן פון א רעאקטיוון אעראָפּלאַן, וואָס האָט גראָד אין דער רעגע בליץ־שנעל זיך דורכגעטראָגן פון אויבן, האָט מען גאָרניט געקאָנט דערהערן. דאָס מיידל האָט זיך נאָך מער ארויסגעבויגן פון איר הויכן פענצטער און אזוי פארבליבן שוין א לענגערע ווײַלע מיטן פּאָנעם צו דער זון. אונטער דער זון, וואָס האָט אין דער מינוט זיך ארויסגעכאַפּט פון צווישן זייער לענגלעכע טונקעלע וואָלקנס, העל באשײַנענדיק אי די דאָזיקע וואָלקנס, אי אַלץ אונטער זיי, האָט דאָס מיידל אינעם אָפענעם פענצטער מיטאמאָל מיר זיך עפּעס אויסגעוויזן ווי קענטלעך. איך וואָלט געמעגט שווערן, אז ערגעץ האָב איך זי שוין געזען...

פּלוצעם איז זי פונעם פענצטער פארשוווּנדן, נאָר אין עטלעכע מינוט ארום, אינצווייען מיט איר כאווערטע, פּונקט אין אזא בלויען קאָמבינעזאָן, נאָר מיט שווארצע, ייִנגלש אונטערגעשוירענע

האָר, זיך ווידער באַוויזן אין פֿענצטער. אונטן איז דערווײַלֿ צוגעפֿאָרן נאָך אַ מאַשין. פֿון איר זײַנען אַרויס צוויי באָכערים, אויך אין קאָמבינעזאָנען, און די מיידלֿעך פֿון אויבן האָבן זיך גענומען מיט זיי פֿריילֿעך איבערשרײַען, ביז איינער פֿון די באָכערים האָט זיי באַוויזן אַ פֿויסט, ווי איינער רעדט: „גענוג שוין אײַך צו כויזעקן, נעמט זיך צו דער אַרבעט!“ — און ביידע מיידלֿעך זײַנען פֿון פֿענצטער פֿאַרשוווּנדן.

און דאָ האָט מיר ווי אַ פֿלעט געטאָן אין מויעך — דאָס מיידלֿ מיט די מאַלפּעלֿעך! נאָר ווו איז אַהינגעקומען איר פֿאַרגליווערטער גלײַכגילט, פֿונוואַנען קומט אָט דער לֿעבנספֿריידיקער בראַוויזנדיקער געלֿעכטער?..

דאָס מאָלֿ בין איך אין מײַן קאָמאַנדירונג אַרויסגעפֿאָרן אַזוי אומגעריכט, אַז קיינער האָט מיר ניט באַוויזן מיטצוגעבן קיין שום באַשטעלֿונגען. נאָר דאָך בין איך דעם זעלֿבן טאָג געווען אינעם גרויסן מאַגאַזין. איך האָב נייטיק דאָ געמוזט פֿאַר זיך עפּעס פֿעסטשטעלֿן. מיט אַ געוויסער מוירע בין איך געגאַנגען צו יענעם אָרט, ווו עס איז אַמאָלֿ געשטאַנען דאָס טורעמלֿ מיט די מאַלפּעלֿעך. און ווי איז, אויב איך וועלֿ זיי טרעפֿן ווידער דאָ?

נאָר אָף יענעם אָרט איז קיין טורעמלֿ ניט געווען. עפּשער האָט מען עס ערגעץ אַריבערגעטראָגן? איך בין אויסגעגאַנגען דעם גאַנצן ערשטן שטאָק, דעם צווייטן, נאָר אין ערגעץ — ניט קיין טורעמלֿ, ניט קיין מאַלפּעלֿעך, ניט קיין מיידלֿ.

קיין מאַטאָנעס האָב איך דאָס מאָלֿ פֿאַר קיינעם ניט אײַנגעקויפֿט. נאָר אַוועקגעגאַנגען בין איך פֿונדאַנען מיט אַזאַ געפֿילֿ, ווי מיר אַליין וואָלֿט עמעצער דאָ אונטערגעטראָגן אַ מאַטאָנע.

פעטרו זאדניפרו

רעגנבויגן

טרויעריקס

ס׳שווינדלען דורך די יונגע יאָרן
ווי דער צוג — שנעל אומגעהויער.
און אין בליק מײַנעם אין קלאָרן
לייגט זײַן שאָטן אָפּ דער טרויער.

כ׳פיל: אָפּ שלייפן לייגט אנידער
שניי־געפריר זיך, און פון נעכטן
נעמען זיך אין מײַנע לידער
די זיכרוינעס קייטלען, פלעכטן.

ס׳שווינדלען דורך די יונגע יאָרן...

נעמט צומאָל א כיישעק בריִען,
און די פלינקע צײַט איך וואָרן:
האלט א ביסל אָפּ דאָס פליִען:
מאך נאָר צו די סעמאפאָרן!

ווײַל צו וואָס, זאָג, דאָס געײַל איז
אויסער מענטשן־ראנד מיך שטעלן?
נאָר די צײַט ניט פרעגט קיין שײַלעס,
ס׳איז מיר יאָ צי ניט געפעלן.

ווײַטער אַלץ און ווײַטער גייט זי,
און מיר ווערט דאָס הארץ צעבראָכן,
ווען די יאָרן הינטער פלייצע
פונדערווײַטן צו מיר פאָכן.

ווען ס׳זאָל גאָט מיר קוי׳ך באשערן,
כ׳וואָלט פארשארט דעם שניי דעם
העלן,
אָפּגעשארט אים פון מײַן שטערן, —
מערער וואָלט איך גאָרניט וועלן.

די סרייפע

זיך צעגאָסן האָט פון ליכט א יאם
באם אופגאנג פון דער זון, און מיטאמאָל —
עס ברענען מיט א פורפור־פלאם
די סעדער פונעם דערפעלע אין טאָל.

א טומל, א בעהאָלע ווערט: — עס ברענט!
און יעדער, ווער בעקויעך ס׳איז אין דאָרף,
כאפנדיק די עמערס אין די הענט,
טוט זיך צו דעם סרייפע־אָרט א וואָרף...

אַלטע אײַלן זיך. עס אײַלן יונגע,
ווײַבער מיט פארשטעקטע פארטעכער — פול
רייץ.
ערגעץ זיך צעזייט פון סטאדע־גלאָק דאָס קלינגען
און די לערכע שיסט ארויס פון ווייץ...

און א כאָפּטע יאטלעך אייפעריק און פלינק,
ביז די עלטערע געלינגט דערגיין,
דראפען זיך שוין אָפּ די קארשנביימער גרינג,
האלטנדיק די עמערס אין די ציין.

שפיל פון שאָטנס צווישן בלעטער, ווי נ׳א טרוים.
רײַסן פלאמען זיי פונעם געצווײַג, וואָס ברענט.
און גיבן זיי אראָפּ צו די, וואָס אונטער בוים,
ווי קרעלן רויטע אין די הענט...

פארנאכט־צו שטילט זיך שוין די סרייפע אײַן,
די לופט ווערט פרישער ביזן ווײַטסטן ראנד.
געלאסן ציִען פורן זיך אין דאָרף ארײַן,
ביז ארוף געלאָדענע מיט זונען־בראנד...

יִדיש — מ. סאקציִער

יאָנס אלמאָנע

אף אײַער כאסענע מ׳האָט ניט געהערט קײן
פידלען שפילן,
די קאסא מארע[1] — פּוסט געװען קימאט.
ס׳האָט די פּאָװעסטקע יאָן צונױפגעלײגט אינפירן,
זי האָט גערופן אים צו װערן א סאָלדאט.

פארטאָג האָסטו באגלײט אים.
געברױזט עס האָבן פראָנטן,
געזאָטן האָט די לופט אין פלאמען פון דער
שלאכט.
אין אײנעם א פארנאכט בא װײַטע האָריזאָנטן
האָט א קויל דײַן יאָנען די אויגן צוגעמאכט.

דיר האָט געדאכט זיך שטענדיק, אז דו הערסט
אים ריידן.
און א טרער האָט אָפּט פארנעפּלט דיר דעם בליק.
אוי, װי שנעל געקומען איז די שאָ פון שײדונג,
אוי, װי שנעל פארשװוּנדן איז דײַן טרוים,
דײַן גליק.

אײנמאָל, א פרימאָרגן, האָסט אונטערן הארצן
ס׳ערשטע מאָל דערפילט דעם צאפּל פון דײַן
קינד.
פון דעם שמאָלן רעמל, פון דעם בילד דעם
שװארצן
האָט דײַן מאן געשמײכלט גוט אזוי און מילד.

— װעמען װאָלסטו װעלן, א ייִנגל צי א
מײדל? —
האָסט געפרעגט בא יאָנען. — ענטפער, אָבער
פלינק...
ער האָט אלץ געשמײכלט, גלײַך װי ער װאָלט
רײדן,
און דערפון געװאָרן איז דיר לינד און גרינג.

ס׳איז זײַן גוטער שמײכל דיר א שוץ געװאָרן,
און דעם שפּאָט און כויזעק האָט צעװײט דער
װינט.
...נאָר פון דעמלט אָן פארגאנגען זײַנען יאָרן,
ענלעך אף זײַן טאטן איז דײַן זון אצינד.

שלאנק און הויך־צעװאקסן, מיט א הארץ א גוטן,
װי דער טאטע, פלײַסיק בא דער מי אין פעלד.
בלױ זײַנען די אויגן.
שפּילעװדיק און מוטיק,
מיט א בליק א צארטן קוקט ער אף דער װעלט.

אײַלט דאָס דאָרף אצינדער,
אין פארנאכט אין שטילן
אף דײַן יוירעשס כאסענע אײַלן ליבע געסט.
ס׳איז די שטוב געפּאקט שוין, און די קלעזמער
שפּילן
יעדן גאסט א װיװאט, קײנעם מע פארגעסט.

האָסט געשטעלט א בעכער פול מיט װײַן מיט
זיסן,
יאָנאס בעכער שטײט איצט אפן טיש פון רעכטס.
יעדער גאסט מיט ערע טוט זיך צו אים גריסן,
און מיט גרויסן קאָװעד זײַן אָנדענק מע באערט.

ס׳האָט די זון געזעצט זיך, ס׳איז שוין טיפער
אָװנט,
און א מילדע קילקײַט האָט דאָס דאָרף פארהילט.
שמײכלט יאָן פון רעמל אזוי צארט און נאָענט,
פּונקט װי ער װאָלט זאָגן:
— העכער, פידלען, שפּילט!

[1] די שטוב (מאָלדאװיש).

א שורע בושלען

באװיזן האָט א פּינטל זיך אין װײַטן —
א שורע בושלען אין דער הײך זיך ציט,
מיט שטארקע פליגל שנײַדן זײ די לופט און
שנײַדן,
פאָרויס דער סאמע דרײסטער פליט.

דעם װינט, די װאָלקנס מיט זײַן ברוסט
צעשנײַדט ער
און מיטן גאנצן קױ׳ך די שטרויכלונגען
צעשטערט.
די טשאטע פירט ער װײַטער אלץ און װײַטער,
און גרינג דער שװערער װעג די בושלען װערט.

פאָכען זײ און פאָכען מיט די ברײטע פליגל,
און דער װינט טרעט אָפּ אלץ אפצוריק.

זיי שוועבן זיכערע — זיי וועלן זיגן,
ס׳האָט דער וואַזשאַק זיי דורכגעלייגט א בריק.

און אויב דער וועגווייַזער וועט מיד נאָר ווערן,
א צווייטער וועט פארבייַטן אים געשווינד.
קיינער וועט די גלייַכע שורע ניט צעשטערן —
ניט קיין וואָלקן, ניט קיין ווינט.

דעם פרילינג טראָגן זיי צו פעלדער און צו
וועלדער,
א בלויער שטעג פארבלייַבט אהינטער זיי.
צעשפּרייט די פליגל, אויסגעשטרעקט די
העלדזער —
די בושלען פליִען אין א שטרענגער ריי.

יִדיש — א. זינגער

ווייַן

ווען איך נעם א גלעזל ווייַן,
גייט אין מיר א שעד אריַין.
ניט דערפאר, וואָס ווייַן
פארשיקערט —
עפּעס אנדערש איז דער איקער.
ס׳איז א סוואָרע:
ניכטערערהייט
גייט די זון אוף און פארגייט,
ווייַל איך גאנצן ברויז און פלאַם
גיט זי אָפּ דעם ווייַן, מיסטאָם.

ווען איך נעם א גלעזל ווייַן,
איך דערזע אפסנייַ גאָטס שייַן.
הער איך אוף די פיס צו שווינען —
טאנץ און זינג און שפּיל א דוינע,
און די דוינע ברויזט און ברויזט
פון דעם יונגן ווייַן ארויס.

אף די ליפּן איך פארהיט
פון דעם ווייַן די הייסע ליד.

ווען איך נעם א גלעזל ווייַן,
מעגסטו זייַן און מעגסט ניט זייַן,
נאָר עס פינקלען דייַנע אויגן
אין דער מאשקעס רעגנבויגן,
וואָס פארפולט פון קאָס דעם ראנד,
קלייַבט זיך איבער אין מייַן האנט,
אין מייַן הארצן גייט אריבער,
און איך האָב דיך ליב און ליבער.

ווען איך נעם א גלעזל ווייַן,
גייט אין מיר א שעד אריַין.

יִדיש — א. ווערגעליס

יאנקל יאקיר

אַן עמעסע געשיכטע

די נאַכט רעדט צו מיר מיט אַ ווײַבלעך־פּולברוסטיק קאָל. דאָס קאָל האָט דעם פולן קלאַנג, די גאַנצע כשיוועס, וואָס אַ מענטשלעך קאָל דאַרף האָבן.

ס׳איז האַלבע נאַכט, און אין דרויסן איז די פינצטערניש אַזוי געדיכט, אַז מע קאָן זי שנײַדן מיט אַ מעסער. און ווי אַ צושפּיל צו אָט דער כאַשכעס, האָט זיך עפּעס אַזוי ווי פון דער העלער הויט צעהוליעט אַ זאַווערוכע, פון די אַמאָליקע בעסאַראַבער באַרימטע זאַווערוכעס, וועלכע פלעגן אָפּשנײַדן איין יישעוו פון דעם צווייטן אַף טעג און וואָכן. אַזוי אַז סע דוכט זיך מיר, אַז אונדזער צוג בעלץ—קעשענעוו, אין וועלכן כ׳פאָר איצט אין קאָמאַנדירונג, גייט כאַדאָראָם. עפּעס מיניען מיר זיך דאָ זייער מאָדנע די עלעקטרישע לעמפּלעך, הערן ניט אויף צו פינטלען און צו לעשן זיך, טאַקע נאָר ווי די אויגן בײַ הינער, ווען סע באַפאַלט זיי די בלינדעניש. אַזוי אַז וועגן לייענען קאָן שוין דאָ קיין רייד ניט זײַן. האָב איך בעלעס־ברייִרע זיך גוט אײַנגעקוטעט אין מײַן קאָלדרע, גאַנץ בעהאַרכאָוועדיק זיך אויסגעראָסטיעט אַף דער אייבערשטער פּאָליצע און שוין געהאַט בעדייע אײַנצושלאָפן. ערשט... אָט דאָס צענע־אורענע־קאָל האָט מיך אַ טראָג געטאָן פונעם אָרט.

— ...איז זאָגט זשע, כ׳לעבן, איז עס ניט קיין נעס? אַ וועלט טרינקט זיך אין בלוט, מענטשן ווערן פאַרקאַלייעט פון קעלט, פאַרברענט פון היץ און לעשן זיך אויס פון הונגער. און דאָ, נאַ דיר גאָר, אינמיצקעדערינען, נעמט אַ ייִדישע טאָכטער און צעקינדלט זיך... און דאַווקע מיט אַ זון און דאַווקע מיט אַן אויסגעשפּילט ייִנגעלע, מיט אַ שאָלעמל, וואָס געוואַלדעוועט, יעכצט און שרײַט איבער אַלע היטלערס, אַז ער וויל לעבן!

מיט עפּעס אַ ייִנגלשער אופגעהײַטערטקײַט — שוין גאָר ניט לויט די יאָרן — גיב איך אַ שפּרונג אַראָפּ אַפן דיל און נעם מיך נאָכן קאָל פון דער דערציילערן, וואָס הערט זיך אַזש פונעם צווייטן עק וואַגאָן. עמעס, איר פּאָנעם זע איך ניט, אָבער יעדעס וואָרט אירס איז עפּעס אַזוי מילגרוימענדיק, פול, מאַמעש מיט דער האַנט אָנצוכאַפּן.

— קאַיאָר אין יאַסינאָוואַטע, — רעדט די ייִדענע אַזוי הויך, ווי זי וואָלט וועלן איבערשרײַען דעם געוואַי פון דער צעיושעטער זאַווערוכע, — איז אונדזער עשעלאָן געבליבן שטיין אַף אַ טויטער ליניע. שטייט ער אַ שאָ, און צוויי, און דרײַ, עפּעס טאַקע נאָר ווי אַ צוגעקאָוועטער. אַ ברייִרע האָט ער געהאַט, אַז אַ גאַנצע נאַכט האָבן אים די דײַטשן געטרייבערט אין וועג. האָט מען געזאָגט, אַז דער פּאַראָוואָז האָט געכאַפּט אַ ביטערן „שנעל אין דער נאָז“ און מע דאַרף אים בײַטן. בײַטן איז בײַטן... זע איך, ווי אַלע שיטן זיך אַרויס פון די וואַגאָנען אַפן וואָקזאַל. איז נעם איך מײַן טעכטערל, מײַן כאַוועלען, באַם הענטל און לאָז מיך אויך זוכן גליקן. עפּשער אַ טעלערל זופּ, אַ פּענעצל ברויט אַף אונטערצוהאַלטן דאָס פאַרכליאַנעטע האַרץ. איז מעגט איר אַף אַ טשעקאַוועסט הערן. איז אַזוי ווי איך ראַטשקעווע מיך, ניט פאַר אײַך געדאַכט, איבער די ליניעס מיטן קינד און פאַרשעלט מיר דעם טאָג פון מײַן געבוירן, דערזע איך פּלוצעם פונדערווײַטנס, ווי אַ סאָלדאַט מאַכט צו מיר מיט די הענט און שרײַט קוילע־קוילעס, איך זאָל אים טאָן אַ געפעליקײַט און זיך מאַטריִעך זײַן צו אים... קען מען דאָך קיין פירפּיסיקע ניט זײַן. איז נעם איך שוין כאַוועלען אַף די הענט און שלעפּ מיך צו צו אים.

„מומינקע, — ווענדט ער זיך צו מיר עפּעס גאָר היימישלעך, גלײַך ווי מיר וואָלטן זיך שוין געקענט פון יאָרן און דוירעס, — זעסט אָט דאָס קעסעלע קאַשע, איז נעם און האָדעווע אָן דײַן טעכטערל און אין זיך פאַרגעס אויך ניט...“

וואָס זאָל איך דאָ לאַנג ברײַען? כ׳שטיי אַ פאַרהילצערטע און פיל, ווי סע באַשלאָגן מיך אַנגסטן. און ווי אַפּצולאָכעס ווינקט צו מיר די קאַשע, ווינקט און מאַניעט. און דער רייעך אירער... אוי, דער רייעך! איך פיל מאַמעש, סע לאָזן זיך מיר אויס די קויכעס. אָבער כאַוועלען האָב איך אַזוי פאַרקרעמפּעוועט דאָס הענטל, אַז דאָס קינד איז פאַרשטאַרט געוואָרן אַפן אָרט, און ניט אַהין

און ניט אהער. ווי האָט מען דאָס האַרץ אַרויסצורײַסן בײַ אַ סאָלדאַט, וואָס גייט לייגן דעם קאָפּ פאַר דיר, דעם ביסן פונעם מויל?

— איר הערט, מומע, — שרײַט אַראָפּ פון דער אייבערשטער פּאָליצע אַ צעבאָרשטענער פּאַסאַזשיר מיט אַ לויפּנדיקן קנאָפּ אין האַלדז, — מיט אײַער טאַראַראַלײַקען האָט איר שוין בע־מיילע אויפגעוועקט דעם גאַנצן וואַגאָן, איז עפשער וועט איר שוין זאָגן, ווי רופט מען אײַך?

— גיטל אָסטרעבענסקי הייס איך! וואָס זשע, איר ווילט זיך מעשאַדעך זײַן מיט מיר?

— ניין, סע איז מיר אַפילע ניט אײַנגעפאַלן, — פאַרלירט דער ייִד אַ געלן שמייכל אין זײַנע געדיכטע וואָנציעס, — בײַ מיר זײַנען שוין, קיין אײַנהאָרע, אַלע מײַנע זין און טעכטער אָפּ אַ לאַד... מײַנע קינדער שעמען אָפּ דער וועלט. איך בין ניט פון די אַביוורניקעס בין איך. כ׳האָב נאָר געוואָלט וויסן, ווער איז די שיינע פּירזאָגערן, וואָס האָט פאַרכאַפּט פאַר די יאָמים־נוירהאָים?

— עפּעס זײַנט איר זייער אַ געפּויעלטער בײַ זיך, פעטער, אַפּאָנעם פון די פּירגעגומענע...

— מע פאָרט ניט אַזוי אַרײַן יענעם מיטן דישל אין דער נעשאָמע, — נעמען זיך אָן דאָס קרענצל צוהערערנס אַרום גיטלען איר קריוודע.

...גיטל אָסטרעבענסקי! גיטל אָסטרעבענסקי... עפּעס האָט מיר מיטאַמאָל אַ היץ ווי אַ כמאַליע געטאָן אין קאָפּ אַרײַן. דערמאָנענישן האָבן אָנגעהויבן רוישן אין מײַן בלוט. און פאַר די אויגן האָט אַ בלענד געטאָן דאָס שטעטל פון מײַנע קינדער־יאָרן. אײַ, אײַ, אַ שטעטל! דאָרטן, אַז מע האָט אין איין עק אַ זאָג געטאָן „גוט־מאָרגן", האָט מען אין צווייטן עק געענטפערט „גוט־יאָר".

איז שיקט זיך, אַז אַמאָל, אין מײַנע ייִנגלשע יאָרן, איז אָט די צעקנייטשטע, גרײַז־גראָווע אָנגעפּעלצטע ייִדענע געווען אַ ספּריטנע רירעוודיק ווײַבל מיט אַ שיינעם געשטעל און אַ פּאָנעם בלוט און מילך?

שאַ, שאַ, איך הייב מיך אָן צו דערמאָנען: אַז זי פלעגט געבן אַ שוועב דורך אונדזער ציגײַנעריש געסל, פלעגן פאַרומערטע ווײַבער, ניט־פאַרגינערקעס, איר נאָכגעבן שוואָכים:

— קוקט נאָר אָפּ אַ כאַריפּעס, ווי זי וויגט עס מיט די באָקעס, די גילדענע פּאַווע אונדזערע!

— זי מיינט אין אָנעמעסן, אַז זי איז ס׳אייבערשטע פונעם שטייסל.

וואָס האָב איך געוווּסט וועגן איר?

כ׳האָב געוווּסט, אַז זי האָט אַ מאַן אַ שניטקרעמער, סאָכער הייסט ער. אַ שטיל, קליין, פּאַמעלעכדיק מענטשל. אַ שטיקל שטאַמלער און צו דערצו אַ לויזלעכער, אַזוי אַז קליינשטעטלדיקע לייצים האָבן שוין געהאַט איבער אים וואָס זיך צו וויצלען:

— ס׳טײַערע גיטעלע דערגייט איר ניט דערבאַקן מאַנדלבייגעלע די יאָרן, ווײַל זי פאַרגינט אים ניט, וואָס ער פאַרמאָגט אַזאַ טשאַקנדיק־קנאַקנדיק ווײַבל!

שפּעטער, אַז איך בין עלטער געוואָרן און אַרײַן, ווי מע פלעגט זאָגן בײַ אונדז אין שטעטל, אין די „לינקע פעדערן", פלעגט זי מיך פון צײַט צו צײַט אָפּשטעלן אין אַ כאַשכעסדיק הינטער־געסל, מיך אָנעמען בײַ דער האַנט און מאַמעש מיך אַרומהילן מיט איר ברוסטיק־סוידעסדיק קאָל, אַזוי אַז אַפילע די אויערן־לעפּלעך פלעגן מיר אָנהייבן צו בריִען:

— נאַט אײַך, כאַווער לאַפּושנער, אַ הונדערטער אָפּ „מאָפּר", נאָר געדענקט, עס זאָל אַפילע אַ האָן נישט קיין קרייע טאָן, — פלעגט זי כיינעוודיק אַ פיר טאָן מיטן פינגער איבער אירע גרײַפּל־דיקע ליפּעלעך און פאַרשווינדן ווי אַ שיינער כאָלעם אין אַ זומער־נאַכט, איבערלאָזנדיק מיך שטיין אינמיטן געסל אַ זיס־באַרוישטן און פאַרכושטן.

איצט, אין אָט דער שפּעטנאַכטיקער שאָ, אָן אײַנגעהילטער אין דעם בלייכן סוידעסדיקן וואַגאָן־ליכט, שטיי איך אַ צעטומלטער, פּונקט ווי מיט יאָרן צוריק, און ברעך מיר דעם קאָפּ: האַזויס איי נאָאָמי?.. איז זאָל עס טאַקע זײַן די אַמאָליקע געשמאַקע גיטל פון מײַנע ייִנגלשע יאָרן? איז אויב אַזוי, טאָ וואָס זשע שטיי איך ווי אַ גלאָמפּ און לאָז מיך ניט דערקענען צו איר? — בריִען מיך מײַנע ראַיוינעס פון די האָר־וואָרצלען ביז צו די שפּיץ פינגער. ניין! ניין! מע דאַרף ניט, מע טאָר ניט. איך ווייס שוין פון מײַן ביטערער דערפאַרונג, אַז אַזעלכע פּלוצעמדיקע באַגעגענישן רירן אויף קוים פאַרניטעטע וווּנדן...

— ...איז עס אָבער געווען אַ סאָלדאַט אַ ליובע, — דערמאָנט איצט גיטלס פאַרקלעמט קאָל די טרויעריק־באַדאַכטע שטימע פון אַ פאַרצײַטיקער טכינעזאָגערן, — האָט ער מיך אָנגענומען בײַ דער האַנט און מיר אַרײַנגעקוקט גלײַך אין די אויגן אַרײַן. וואָס זאָג איך אײַך אין די אויגן? גלײַך אין דער נעשאָמע אַרײַן. אַזאַ קוק איז עס געווען, און אַזויפיל האָט ער געזאָגט:

„איך האָב אויך אַ ווײַב מיט אַזאַ טעכטערל, ווי דײַנס..."

איך מאַך צו די אויגן און זע דעם אָפּגעסמאַליעטן עשעלאָן, דעם אָנגעלויף פון די מענטשן און זי, גיטעלען, מיט איר מויל, וואָס שטייט האַלב אָפן און זעט אויס ווי אָנגעדראָלן, מיט די שטעטלדיקע אָפּגעריבענע שטעקשיך אָפּ אירע מאָגערע פיס און מיט כאַוועלען בײַ דער האַנט.

— ...אָפּגעגעסן צו זאַט, נעם איך מיך אויסוואַשן דאָס קעסעלֿע. אַז וואָס, מישטיינסגעזאָגט, האָט מען שוין געהאַט דאָרט וואָס צו וואַשן, אַז עס איז געוועזן אויסגעלֿעקט ביז אַ שפּענטע. בע־ניי־ביי כאַפּ איך אַ זײַטיקן קוק אַף מײַן סאָלדאַט. איר זאָלט זאָגן, ער זאָל זיך עס רירן פֿון אָרט. ער שטייט עפּעס טאַקע נאָר ווי אַ צוגעזאָטענער און נעמט ניט אַראָפּ די אויגן ניט פֿון מיר און ניט פֿונעם קינד. נעם איך, פֿאַרשטייט זיך, און רוים אײַן מײַן כאַוועלֿען אַ סאָד אין אויערל, זי זאָל זאָגן דעם דיאַדיען אַ שיינעם דאַנק אַף רוסיש, וועט עס זײַן באַ אים גאָר אָנגעלֿייגט. ווערט זי, די קלֿיינע מײַנע, רויט, ווי אַ צוויקל, בריקעוועט זיך. פֿאָרט אַ קינד. נאָר אַז איך גיב זי אַ נעם, ווי איך קען, גיט זי זיך דעם פֿײַנעם נייג פֿאַרן סאָלדאַט און הייבט אָן זאָגן... טרעפֿט וואָס? איר זאָלט זײַן מיט טויזנט קעפּ, וועט איר ניט טרעפֿן, וואָס אַ קינד קאָן אײַנפֿאַלֿן:

אָנע, קאַפּאָנע, קאַטוירעס אַ ברויז,
איך בין מײַן מאַמעס גילֿדענע רויז.
אַ גילֿדענע רויז שטייט אַפֿן פֿענצטער.
איך בין באַ מײַן מאַמען די בעסטע און שענסטע.

ווינק איך צו איר און בין זי גרייט מאַמעש דוירעס צו זײַן: „גאַזלֿענטע, אַז סע האָט זיך דיר שוין יאָ פֿאַרוואָלֿט באַ אָט דער ערד־טרעטעניש צו זאָגן אַ סטיך, איז זאָג זשע אים אַף רוסיש, דער דיאַדיע זאָל אויך פֿאַרשטיין. קאַרג סטיכן האָט מען דיך געלֿערנט אין קינדערגאָרטן“.

איז כאָטש האַק זי און בראָק זי. זי פֿאַרשנורעוועט דאָס פּיסקעלֿע, פּונקט ווי די שוויגער מײַנע, שטעלֿט זיך אוועק מיט די הענטלֿעך פֿידבאָקעם און ענטפֿערט מיר קאַלֿטבלֿוטיק: אַז יענע אַלֿע סטיכן האָט זי פֿאַרגעסן און נאָר דעם, וואָס דער זיידע האָט זי געלֿערנט, געדענקט זי.

איז ווי איך שטיי אַזוי, גרייט איר צו געבן, מײַן יוירעשטע, וואָס סע איז מיר אַפֿן האַרצן, הער איך, ווי מײַן סאָלדאַט לֿאַכט אַף אַ קאָל:

„מומינקע, — איז דאָס געלֿעכטער זײַנס עפּעס טאַקע נאָר ווי אַ געזעגונג, — וואָס ערגערסטו זיך אַזוי? בישקאָשע, זאָל דאָס קינד זאָגן אַף איר לֿאָשן“.

— איר הערט, — קלֿינגט איצטער גיטלס קאָל הויכבאַרגיק, — אָט די ווערטער וועל איך ניט פֿאַרגעסן אַפֿילֿע, אַז מע וועט מיך טראָגן אַף דער מיטע.

— איז וויאַזוי זשע האָט ער געהייסן, אָט דער רוסישער צאַדיק אײַערער? — פֿרעגט דער ייִד מיטן לֿויפֿנדיקן קנאָפּ אין האַלדז.

— איוואַן פּאָפּאָוו, — שרײַט אַרויף גיטל צו דער פּאָליצע.

— גיי זוך אַ נאָדל אין אַ וואַגאָן היי, — כיכיקעט דער ייִד, — אַז נאָר אין מאָסקווע זײַנען דאָ אַ מיליאָן פּאָפּאָווס און צוויי מיליאָן איוואַנען.

— איר פֿאָרט שוין נאָכאַמאָל אַרײַן מיט די האַלֿאַבלֿיעס אין דער מאַנסע! — בייזערט זיך גיטלס אַ צוהערערן.

— איר הערט, דעמלֿט האָב איך דאָס ערשטע מאָל דערפֿילֿט מײַן שאָלֿעמלֿען, — איז גיטלס קאָל ווי באַזוימט מיט כאַלֿעם־פֿעדעם, — איך ווייס ניט, צי דעם זיידנס לֿידל, צי דעם סאָלֿדאַטס רייד האָבן אים ראַזדרעכעט, צי עפּשער גאָר די קאַשע מיט די פֿעטע אייגלֿעך? נאָר אַז ער האָט זיך מיר געגעבן אַ וואָרף אונטערן האַרצן, האָב איך געוואָלֿט אויסבאַטלֿען צו אים אַלֿע מײַנע בייזע, וויסטע כאַלֿוימעס. הערט אַ האָזע פֿון אַ באָכער! גאַנצע פֿופֿצן יאָר האָט זיך מײַנער גע־צאַפּלֿט: אַ ייִנגל, אַ ייִנגל... אַ יוירעש וויל ער האָבן. און פּונקט איצט, ווען פֿון אַלֿץ איז געוואָרן אָריען־קאָריען און דער טאַטע איז אין סאַמע פֿײַער, פֿאַרגלֿוסט זיך אים, מײַן שאָלֿעמלֿען, זיך צו פּאָיאַווען אַף דער שיינער וועלֿט.

— סטאַנציע אונגען! — צעגלֿעקלֿט זיך דאָס קאָל פֿון דער באַן־באַגלֿייטערן.

— אין אונגען איז אַמאָל געווען אַ מויד אַ ברען! — טאָרעט דער ייִד מיטן לֿויפֿנדיקן קנאָפּ זײַן אַקעגניבערדיקן שאָכן.

— נו, נו, — ברומקעט יענער פֿונעם שלֿאָף.

— נו, נו, האָט זי מיך געלֿאָזט מיט אַ נאָז.

— ווען מע שיט מיר אָן אַ פֿולֿע שטוב מיט גאָלד, וואָלט איך אײַך אויך ניט גענומען, — קילֿט זיך גיטל דאָס האַרץ.

— אייסעך־וואָס, זוך דעם נעכטיקן טאָג. איז זאָגט זשע בעסער, וווהין זשע פֿאָרט איר, מאַדאַם אָסטרעבענסקי, מינאַסטאַם אַף אַ כאַסענע אָדער אַף אַ בריס, ווײַלֿ איר זעגט מיר עפּעס גאָר לֿעבעדיק, — כיכיקעט דער צעבאָרשטענער מיט אַ דריבנע קאַמצאָניש געלֿעכטערל.

— ניט אַף קיין בריס און ניט אַף קיין כאַסענע, נאָר גאָר אַף אַן אַנדער מין סימכע, — האָ־נערט זיך גיטל מיט אַ באַכיינטן שמייכל.

— דאָך, וואָס פֿאַר אַ מין אונטערהאַלט?

— איר וועט שוין א סימען האָבן! — פּאַטערט אים אָפּ גיטל מיט א לאַז־מיך־געמאך־מינע.

— אָט א ייִד א פּריטשעפּקע, — בייזערט זיך די ייִדענע מיטן אָנגעדרינדזשעטן קאָל, — וואָס שטייט איר אזוי צו צו זיי? און א טאַנדעלע פּארמאָגט איר, נאָר עפּעס טאקע, ווי אַײער מאמע וואָלט אַײך געוועזן אנטוויינט מיט א כרייך־וואָרצל.

— איר האָט א טאָעס, כּאוואָרטע, ניט מיט קיין כריין, נאָר מיט א געזאָלצן פישל, — רופט זיך אָן דעם צעבאַרשטענעמס פּארשלאָפענער שאָכן, — זיי האָבן, קיין אײַנהאָרע, געמאַכט אפּן בעלצער וואָקזאָל א פּײַנע קויסע.

איך פּרווו אײַנדרעמלען, נאָר פּארפאַלן, דער שלאָף איז שוין א געפּאַטערטער. איך הער ווײַטער גיטלס מעגילעס. א מײַסע מיט אן אוזבעקישער הייב־אַם אוראַדזאַיעווא, „וואָס אפּריער גאָמ און דערנאָכדעם איר האָט זי צו פּאַרדאַנקען דעם שאָלעמלען...” א מײַסע מיט א זאַווכאָז א טאַטער אכמעד, „וואָס האָט האַשגאָכע געהאַט אַף אירע קינדער, ווען סע האָט זי, גיטעלען, ניט הײַנט געדאַכט, געוואָרפן פון די פּיס דאָס שלימיסטע קאַדאָכעס”... און דערנאָך גייט שוין א פּריילעכע געשיכטע וועגן א פּוילישן ייִדן אן אויסטויגער, וואָס האָט שוין באַם סאָף פון דער מילכאָמע „אָנגעהויבן זיך צוצופּוצן צו איר און זי געוואָלט נעמען, ווי זי שטייט און גייט, מיט ביידע קינדער קיין וואַרשע”...

— —

ס'טרעפט, האַלעווײַ זאָל זיך עס ניט טרעפן, אז כ'קער מיך אום פון א קאָמאַנדירונג מיטן „בײַטשל”. קומט מיר דעמלט אפּן זינען דער טערפקע זאָג פון אוורהאָם איבן עזרא: „אז וואָלט איך האַנדלען מיט ליכט, וואָלט די זון קיינמאָל ניט אונטערגעגאַנגען, און וואָלט איך געמיסכערט מיט טאַכריכים, וואָלט קיינער ניט געשטאָרבן”. הײַנט אָבער, דאַרף איך זאָגן, אז עס גייט מיר, מאַמעש דורך טיר און דורך טויער. וואָרעם ווי נאָר כ'האָב פּאַרנאַכט־צו איבערגעשפּאַנט די שוועל פון דער קאָרנעשטער קאָנטאָר „מאָלדסעלכאָזטעכניקאַ”, האָב איך מײַנע אויגן ניט געגלייבט — כ'האָב דערזען גיטלען.

— אוי, כ'האָלט עס ניט אויס! כ'עק מיך! כ'וואָלט געקאָנט שווערן, אז איר זענט יאָסל מיל־נערס זון, — גיט זי זיך אײַליק א פּאַרשאַר די גראָווע האָר אונטערן טיכל.

— גלײַך ווי איר זײַט געוועזן דערבײַ.

— שאָלעמל, — גיט זי א קערעווע אויס מיטן פּאָנעם צו מיר א שטאָלטנעם איבערגעראַשטן יונגערמאַן, — ווען דו זעסט זיי קריק מיט דרײַסיק יאָר! זיי זײַנען זיך באַ אונדז געווען דער שפּיגל פונעם שטעטל, — שמייכלט זי אזוי, אז ס'קומט מיר אויס, אז באַלד וועט זי זיך צעוויינען.

אָט דער אויסטערלישער שמייכל איז ווי אויסן צו זאָגן:

„מיילע, טאקע אָפּגעפּאָרענע, אָבער אבי מע זעט זיך לעבעדיקע”.

דער שאָלעם מעסט מיך אָפּ פון קאָפּ ביז פּיס, און אין זײַן פּאַרגאַפטן בליק דערקען איך, אז סע איז אים שווער צו גלייבן, אז דער פּאַרשוין, וואָס שטייט פּאַר אים, איז אמאָל געווען דער שפּיגל פון זײַן מאַמעס יונגע יאָרן.

— גאָט אַליין האָט אַײך געבראַכט אהער. איר זענט געקומען צום סאַמע סטיס. עס איז הײַנט דאָ באַ זיי אן אָפּענע פּאַרטסאָבראַניע. מע נעמט אַרײַן אין דער פּאַרטיע מײַן זון. ער איז דאָ אן אינזשעניער איז ער. ער גייט ניט אַראָפּ פון דעם ערן־טאָוול גייט ער ניט, — צעוויכערט זיך פונסנײַ גיטלס ווערטער־געווירבל.

זעט אויס, אז דעם צאַרטן באַברילטן באַכער באַלעסטיקן דער מאַמעס שוואָכים, ווײַל ער צינדט זיך אָן גאָר ניט אָף קיין קאַטאָוועס און לאָזט אויס זײַן גרימצאָרן צו גיטלס האַלבאַשע.

— מאַמע, — בייזערט ער זיך, — וואָס האָסטו זיך אזוי אָנגעפּעלצײַעט?

— לעבן א שווערער מאַמען, זונעניו, איז גרינג צופוס צו גיין, — לאַכט גיטל.

איצט שפּאַנען מיר אינדרײַען אַרײַן אין קאָנטאָר, ווו סע וועט פּאָרקומען די סימכע.

— באַשערט, איר זאָלט נעמען אונטערפּירעכץ באַ מײַן זון, — ווערט גיטל מיטאַמאָל קאַ־ראַשיקער, ייִנגער, פּונקט ווי אמאָל אין יענע יאָרן, ווען זי פּלעגט זיך אַדורכטראָגן, ווי א פּריי־לינג־ווינט, איבער מײַן שטעטל און מיר אקעגנטראָגן דעם הונדערטער אָף „מאָפּר”.

אין פּאָדערצימער פון קאָנטאָר, אָנגעשפּאַרט אפּן אָגלען פון א פּאָטעל, זיצט א פּאַרמאַכשאַ־וועטער גרײַז־גראָוער ייִד מיט א פּאַרמעט־פּאָנעם. קענטיק, א ייִד א כאָלעש. דערזען גיטלען מיטן זון, גיט ער זיך א לאָז צו זיי מיט אזעלכע אײַליקע טריט, אזש סע פּאַרהאַקט זיך אים דער אָטעם.

— ווו האָט איר זיך אזוי פּאַרהײַעט? איך האָב מיך שוין קוים דערוואָרט אָף אַײַך, — ווישט זיך אויס דער ייִד א פּאָר טרערעלעך פון די סיווע ווײִעס.

— טאַטע, איר דערקענט זיי? — ווערט גיטל גאָר האָפּערדיק.

— איך הייב זיי ניט אָן צו דערקענען.

— און איך דערקען אײַך יאָ. איר זענט סאָכער אָסטרעבענסקיס פאָטער. איר האָט מיר אמאָל אָנגעדרייט די אויערן, ווײַל כ׳בין אַרײַנגעגאַנגען אין שול אַרײַן אָן א היטל. איך בין יאָסל דעם מילנערס.

— דעם יאָסלס, וואָס סע פלעגט זיך אים נאָכשלעפן די צויטן! — העלפט מיר גיטל.

— האַ־אַ, יאָסל דעם מילנערס? איז רעדט זשע אזוי, — גיט זיך דער ייִד א רײַב דעם שטערן, גלײַך ווי ער וואָלט וועלן א מונטער טאָן זײַן צוגעלעגערטן זיקאָרן, — איז זעט זשע, רעב יאַנקעוו, דוכט זיך, אזוי רופט מען אײַך, איז לייב אָסטרעבענסקי לעבט און דער זון סאָכער פוילט אין דער ערד און מע ווייסט אפילע ניט, ווו זײַן געביין איז אהינגעקומען. איר זענט זיך אמאָל געווען עפּעס א ווויל־לערנער, דאַרפט איר געדענקען דעם מעדרעש: „פאַלט דער טאָפּ אויפן שטיין, איז וויי דעם טאָפּ, פאַלט דער שטיין אויפן טאָפּ, איז ווײַטער וויי“. אזוי צי אזוי... גאָרניט. מע זאָל ניט זינדיקן מיט די רייד. מע לעבט. א ברייר׳ע האָט מען?

— זיי זײַנען הײַנט א שרײַבער, טאַטע, — פיל איך באַשײַמפּערלעך, ווי גיטל וויל פאַרשרײַען איר שווערס אצוועסדיק מאַנעלאָשן מיט אָט דער ליובעכץ.

— נו, האָסטו טאַקע זייער געטראָפן מיט זיי, טאָכטער. שרײַבערס — דאָס איז א בעקאָוועדיקע אומע. אמאָל האָבן שרײַבער בא ייִדן געהייסן נעוויִים.

— גייט שוין, גייט, טאַטע. איר זאָלט מיר מויכל זײַן, איר זײַט אויך אוועק אין עלעף־האַשישי, באַלד וועט איר זיי שוין, שווער־לעבן, מאַכן פאַר א ראָוו. זיי זײַנען ניט קיין נאָווי. זיי זײַנען פונעם סאָיוז פּיסאַטעלי, — קוקט גיטל צו מיר, זי וויל דערגיין, צי דעם אַלטנס רייד האָבן, כאָלילע, ניט אָנגערירט מײַן שרײַבערישן האָנאָר.

— אַלציינס, טאָכטער. פון זינט די וועלט איז וועלט, זײַנען שרײַבער אומעטום, סײַ בא סימכעס, סײַ, די שאָ זאָל ניט זײַן, בא לעווײַעס. און אין א שאַס־האַכײרעם זײַנען זיי ווי די פייגעלעך פון יענער שיינער געשיכטע, וואָס האָבן געטראָגן אין זייערע שנאָבעלעך טראָפּעלעך וואַסער צו לעשן די סרייפעס פונעם בייס־האַמיקדעש. האָסט עפּעס געכאַפּט, זונעניו? — לייגט דער אַלטער אַרויף זײַן בלייכע האַנט אויף זײַן אייניקלס שולטער.

— גאָרניט פאַרשטאַנען, זיידע.

— איר מיינט, אז דאָס קינד איז ניט גערעכט, טאַטע? איר זאָלט קיין פאַריבל ניט האָבן, עפּעס רעדט איר גאָר, ווי איר וואָלט געשטאַנען אויפן באַלעמער אמאָל אין דער פאַרליצער שול.

— יעדער מענטש איז א כאָשעוו. אַלציינס, צי מע רעדט פאַר איינעם, צי פאַר א סאַך, דאַרף מען ריידן מיט דערעכערעץ און ייִשעווע־האַדאַאַס, די אכרײַעס איז איינע.

— מײַן שווער איז א קענער. ער, אז ער כאַפּט זיך אַרויף אויף א פּאָסעק, האַלט ער שאַבעס אויף אים, — לאַכט גיטל. — קומט, מירן אַרײַנגיין.

אינעם צימער, ווו סע דאַרף פאָרקומען די אָפענע פאַרטיי־פאַרזאַמלונג, טרעפן מיר שוין בא א דרײַ צענדליק מענער און פרויען.

איך זע, ווי גיטלס זשוואַווע שוואַרצע אויגן — אָט יענע אויגן, וואָס פלעגן אמאָל מאַניען, לאַשטשען און מאַמעש אַרויסצײַען דאָס כּײַעס פון די ביינער, — לויפן אַרום אין אַלע ווינקעלעך, און ווי א געניטע, דערפאַרענע ווירטנע, וועלכע האָט ליב, אז יעדע זאַך זאָל פּעכלען און זאָל ליגן אַקוראַט אויפן אָרט, גיט זי א פאַרכמורע די ברעמען און רוימט מיר אײַן א סאָד אין אויער:

— זעט נאָר א מין אָפּגעבליאַקעוועטער טישטעך אויפן טיש, ווער ווייסט, וויפל ער ליגט דאָ. שיקט זיך, אז מע האָט ניט געקענט געפינען קיין לײַטישערן צודעק? און טאַקע בעפּײַרעש א וואַזע מיט בלומען. וואָסי, ס׳א גרויסער באַטרעף?

— איר וועט באַלד וועלן, מע זאָל ברענגען אהער שלוימע גערמאַנסקי מיט דער קאַפּעליע, ער זאָל שפּילן דאָ יעדן איינעם א דאָברינײַטש, — פּרוּוו איך אָפּקילן מײַן לאַנדסמאַנקע.

— וואָס זשע מיינט איר טאַקע? ס׳א געדאַנק. ווײַל צאָרעס זײַנען געווען, באָרעך־האַשעם, אויפן פּוד, מעג מען זיך פאַרגינען צו פרייען אויך א ביסל. כאָטש דעם, סע איז זיך איין מאָל אין לעבן, — רעדט גיטל מיט א קאָל, געבאָדן אין טרערן.

דעם ערשטן רופט מען אויף דעם בעסטן מעכאַניקער וואַסיליע ליוואַדאַרו. מיר דרײַ — דער אַלטער לייב, גיטל און איך, — זײַנען אויג און אויער. וואַסיליע איז דאָך אונדזערער א לאַנדסמאַן. מיר געדענקען נאָך, ווי ער פלעגט אַרומלויפן אָן אַפּגעריסענער און אָן אָפּגעשליסענער און זיך קאָרמענען פון „גיין א גאַנג“. כאָטש דעם, פלעגט ער זומער־צײַט פּראַשעווען און יעטן די פּרייצישע גיטער, און ווינטער פלעגט ער הייצן די קאַכליענע הרובעס בא די נעגידים פון שטעטל.

איז שטייט ער איצט, ליוואַדאַרו, א שווערגעוויכטיקער, עפּעס טאַקע נאָר, ווי ער וואָלט פּאָזירט פאַר א פאָטאָגראַף.

— שטענדיק געווען אזא רירעוודיקער, פריילעכער כעווערמאַן — און איצט כאָטש נעם און מעלק אים אויס, — איז גיטל אויסער־זיך.

— וואָדען, זאָל איך טאַנצן, מומע גיטל? — באַווײַזט וואַסיליע, אַז ער האָט נאָך די „געלע־כערטע אויערן“ פֿון אַמאָל. און פֿון זײַן ייִדיש פֿאַרשמעקט מיט פּריש היי...

פֿאַמעלעך, ניט געכאַפּט, דערציילט וואַסיליע זײַן לעבנס־געשיכטע. און קענטיק, דערפֿאַר, וואָס ער האַלט, אַז דאָס, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן ביז איצט, איז ניט דאָס סאַמע וועזנטלעכע און צום איקער דאַרף ער ערשט קומען, האָט מען דאָס געפֿיל, אַז ער טאָפּטשעט זיך אויף איין אָרט. ער דערמאָנט איצט אַ שווער־באַלאָדענעם גייער אויף אַ בלאָטיקן באַרג־אַרויף.

און אַז ער ענדיקט, ליוואַדאַרו, אויסלייגן זײַן ביאָגראַפֿיע און ענטפֿערן אויף די אַלע האַרבע קאַשעס פֿון די מיטגלידער פֿון פּאַרטיי־ביוראָ, שלעפּט ער אַרויס פֿון זײַן טיפֿער קאָמבינעזאָן־קעשענע אַ געקוויטלטע פּאַטשיילע, ווישט די גרויסע טראָפּנס שווייס פֿונעם שטערן און דעכעט אָפּ אין דער הייך, ווי איינער זאָגט — איבערגעקומען.

— גענומען אַזאַ טײַערע ביאָגראַפֿיע און זי צעטרענצלט, זי געמאַכט צו גאָרנישט, — גיט זיך דאָס בענקל אונטער גיטלען אַזאַ וויג, גלײַך ווי די ערד וואָלט אַ ציטער געטאָן.

דעם עמעס געזאָגט, נעם איך זיך אויך צום האַרצן, וואָס ליוואַדאַרו האָט צעטאַכלעוועט אַזאַ רירנדיקע אויטאָביאָגראַפֿיע. איך דערמאָן זיך, ווי מע פֿלעגט עס אַלץ דערציילן אין די אַרומיקע דערפֿער און שטעטלעך, ווי אין פֿערציקסטן יאָר, עטלעכע שעה פֿאַרן אַרײַנקומען פֿון דער רויטער אַרמיי, האָט וואַסיליעס טאַטע, שטעפֿאַן, זיך אַרויפֿגעדראַפּעט אויף אַ טעלעגראַפֿישן סלופּ און אויפֿגעהאַנגען אַ רויטע פֿאָן, אַ געמאַכטע פֿון אַ פּויערישן אַנשיט. און אַן אַנטלויפֿנדיקער רומענישער אָפֿיצער האָט אים דערשאָסן, שטעפֿאַנען. און אַזוי האָבן אים געפֿונען די באַפֿרײַער: אַ באַמבלענדיקן זיך אויפֿן סלופּ, אַן אײַנגעהילטן אין דער פּראָסטער דאָרפֿישער פֿאָן.

— אַניוועס איז אַ שיינע מידע, זי באַצירט דעם מענטשן, — רעדט מיר אַרײַן אין אויער דער אַלטער לייב, — מײַן שנור איז זייער אַ ווויל ווײַבל, נאָר מײַנע רייד זאָלן זי ניט אַרן, אַ ביסל אַ ראַשערקע. זי פֿאַרשטייט ניט, אַז אַלץ הייבט זיך אָן פֿון אַניוועס און אַז מוישע־רבינו האָט אויך מער געהאַלטן פֿונעם דאַברי מיינעלע, ווי פֿונעם דאַברי זאָגעלע.

זעט אויס, אַז דער סעקרעטאַר פֿון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע האָט באַמערקט גיטלס צעטרודערונג, מאַכמעס ער האָט זיך גאָר היימישלעך אַ ווענד געטאָן צו איר:

— ווער זײַט איר, כאַווערטע, אפֿשר ווילט איר אויך נעמען אַ וואָרט?

— איך בין שאָלעם אָסטרעבענסקיס מאַמע, — ענטפֿערט גיטל אַזוי איבערגענעריש, גלײַך זי וואָלט געווען די מײַסעדיקע כאַנע, די מאַמע פֿון די העלדישע זיבן זין.

— שאָלעם סאָכערעוויטש אָסטרעבענסקי! — רופֿט אויף דער סעקרעטאַר גיטלס בעניאָכיד מיט אַ פֿײַערלעכער שטים. און אפֿשר דוכט זיך מיר גאָר אַזוי, ווײַל איך וואָלט וועלן, אַז דאָס מאָל זאָל זײַן קאָל קלינגען יאָמטעוודיקער, ווי טאָמיד.

— איר הערט, כאַווער, — איז איצט גיטל גאָלע פֿלאַטער און צאַפּל, — עס געפֿעלט מיר זייער באַ די רוסישע, וואָס זיי רופֿן זיך נאָכן פֿאָטערס נאָמען. איר ווייסט דאָך די טעווע פֿון די קינדער צו פֿאַרגעסן אין די עלטערן, און אַזוי דערמאָנט מען זיי, מיר זײַנען אויך עפּעס ווערט.

— גאָלדענע רייד, — נייגט דער אַלטער לייב זײַן אויער הענט צו דער שנור זײַנער, העט צו מיר, ווי ער וואָלט מוירע געהאַט צו פֿאַרלירן אַ וואָרט, — סע איז אַ מין ווייליע טוילדעס נויעך. פּוואָליע, ניט געכאַפּט. מע הייבט אָן פֿון די אָוועס און די פּאָראָוועס, און מע גיט זיי אָפּ קאָוועד. איז עס אַ לעבעדיקער טאַטע, דאַרף מען ניט פֿאַרגעסן אין אים. און טאָמער, כאַס־וועכאָלילע, אַ ניפֿטער, טאָר מען דאָך אַוודע ניט פֿאַרגעסן. איז אַז איר ווילט, איז עס אַ מין קאַדיש זאָגן נאָך אים, — ציטערט דעם אַלטן לייבס קאָל.

— מײַן טאַטע איז געווען אַ שניטקרעמער... מײַן מאַמע פֿלעגט אים אונטערהעלפֿן אין קלייט און זיך פֿאַרנעמען מיט דער הויז־ווירטשאַפֿט. אין די מילכאָמע־יאָרן האָט זי זיך אויסגעלערנט נייען. און איצטער אַרבעט זי אין ניי־צעך פֿון בעלצער פּראָמקאָמבינאַט, — באַמבלען זיך באַ שאָלעמען זײַנע הענט אַראָפּגעלאָזטע, הענגענדיקע, ווי ער וואָלט פֿאַר זיי קיין אָרט ניט געפֿונען.

— ווו זײַט איר, זאָגט איר, געבוירן געוואָרן? — וויל זיך אַן איבעריקס מאָל דערקונדיקן איינער אַ באַיאָרטער אַרבעטער.

— געבוירן אין יאַנגי־יול אין 1942 יאָר! — ענטפֿערט שאָלעם.

— גאָטעניו! — פֿאַרברעכט אַזש גיטל די הענט פֿון אַנגסט. — יענער, דער וואַסיליע, האָט זיך געטאָפּטשעט אויף איין אָרט. און דער יאָגט עפּעס טאַקע נאָר ווי אַ נאַראָוויסטע פֿערדל. עס גייט באַ אים, ווי אַ מיזמער. געבוירן, פֿאַרלוירן, געקומען, געפֿאָרן, אַוועק די יאָרן...

— די מאַמע לעבט איבער פֿאַרן זון? — שמייכלט דער באַיאָרטער אַרבעטער צו גיטלען.

— אַלץ הייסט איבערלעבן, — שפּרינגט אויף גיטל פֿון איר אָרט, — פֿאָטער אין הימל! ווי קאָן מען עס פֿאַרגעסן צו דערמאָנען, אַז אין דעם טאָג, ווען ער איז געבוירן געוואָרן, איז מיר אָנגעקומען די שוואַרצע בסורע, אַז זײַן טאַטע איז געפֿאַלן אויפֿן פֿראָנט!

— גיטל, — זעץ איך זי אַוועק, — ניט אײַך נעמט מען אַרײַן אין דער פּאַרטיי...

— אָבער טאַטע־מאַמע רײַסט מען ניט אָן אין גאָרטן, — קאָכט זיך גיטל.

— אַזוי איז זי פֿון טאָמיד אָן א ספּילטשעווע און אײַנגעשפּאַרטע בא מיר, — כמאַרעט זיך דער אַלטער לייב, — זי פֿאַרשטייט ניט איין קלײניקײַט, אַז יעדער דאָר האָט זיך זײַן נוסעך. אַמאָל, אַז איך בין אַרײַן אין דער עלטערער קיטע פֿון די געמאַרע־לערנער, האָב איך אַזוי אָנגעהויבן: „שאַט, מוירע־וועראַבויסיי, לאָז א ביסל שטילער זײַן, איך וועל מאַרבע דראָשע זײַן“... און די דראָשע איז געווען א לאַנגע, מיט קנייטשעלעך, מיט האָווײַעלעך, מיט דרייעלעך. און הײַנט איז קיין צײַט ניטאָ. מע אײַלט זיך צום גליק. מע פֿליט שוין אַפּן הימל. אָט באַלד וועט מען שוין פֿליִען אַף דער לעוואָנע. נאָר גיי רייד מיט איר, אַז סע איז פֿאַרט ווײַבערישער סייכל.

אַדורך די פֿענצטער פֿון קאַנטאָר קוקט אַרײַן א ווײַסע אויסגעשטערנטע ווינטער־נאַכט. אין אַוונטיקן שלומער, דוכט מיר, אַז זי טראַגט, די נאַכט, אין אירע פֿאַלדן די שאַלוועדיקע רייד פֿון זקיינעס, וואָס פֿלעכטן מײַסעס אונטערן אויוון און די נאַגנדיקע האַרציקע וויגלידער פֿון יידישע מאַמעס, מיט וועלכע עס איז אַזוי אַמאָל פֿול געווען דאָס שטעטל.

עפּעס בין איך, אַפּאָנעם, אַזוי פֿאַרזונקען געווען אין מײַנע מאַכשאָוועס און דערמאָנענישן, אַז איך האָב ניט געפֿילט, ווי גיטל האָט מיך א טאָרקע געטאָן:

— נו, קומט, מע גייט שוין צו אויסנעמען!

...איצטער שפּאַנען מיר אײַנפֿינפֿן צו וואַסיליע ליוואַדאַרו. דער אַלטער לייב, גיטל, וואַסיליע, איך און גיטלס בעניאַכיד. דרײַ אומפּאַרטײיִשע און צוויי פּאַרטייער. דאָס האָט אונדז וואַסיליע גאָר ברייטלעך פֿאַרבעטן אַף א קיבעד צו זיך אַהיים. לויט זײַן האַוועגן און פּאַדען אַרום אונדז, זע איך אײַן, אַז ער איז ניט נאָר אויסן אַפּמערקן די גליקלעכע געשעעניש, נאָר ער וויל זיך אויך באַווײַזן מיט זײַן נײַער גערצמער דירע. ווי ער וואָלט וועלן זאָגן: „ווער, ווער, נאָר איר געדענקט דאָך, וואָס איך בין געווען, און זעט, וואָס סע איז פֿון מיר געוואָרן...“

...איז שפּאַנען מיר עס אַזוי פּאַמעלעכע און באַדאַכטע אַפּן וואָלעכישן שטייגער און מונטערן זיך מיט קאַטאָוועסלעך און אַמאָליקע דערמאָנענישן. נאָר דער נײַער פּאַרטיי־מיטגליד שאָלעם אַסטערעבענסקי שפּאַנט מיט אַזא אימפּעט, אַז מיר קאָנען אים קוים נאָכיאָגן. וואָס עמעס, איז עמעס: ער האָט געוואָלט נעמען זײַן מאַמען אונטערן אָרעם, אָבער זעט אויס, אַז סע איז איר געווען ניכעדיקער, גיטלען, צו גיין מיט מיר. עפּשער דערפֿאַר, ווײַל סע האָט זיך איר געדוכט, אַז דער זון וועט איר פֿירהאַלטן פֿאַר איר צעיאַכמערן זיך אַף דער פּאַרטיי־פֿאַרזאַמלונג, און עפּשער דערפֿאַר, ווײַל איך האָב איר דערמאָנט אין אירע יונגע יאָרן.

וואָס מער מיר דערנענטערן זיך צו וואַסיליעס וווינונג, אַלץ מער בלײַבט דער אַלטער לייב אַהינטער: „קענטיק, אַז זײַנע פֿיס פֿאָלגן אים ניט“, — טראַכט איך מיר.

— קומט אַרײַן, רעב לייב, — צעפּראַלט וואַסיליע די טיר. דאָס מאַכט ער אַזא פֿײַערלעכע וואָרע דעם אַלטן גרײַז־גראָען יידן און פּרוּווט אים אויך פֿאַרזיסן מיט זײַן יידיש וואָרט...

— קומט, קומט מיט אונדז, — האַלט איך אונטער.

— קומט, קומט, מיר וועלן דאָ קיין סאַך ניט זיצן, — נעמט גיטל אָן איר שוועער אונטערן אָרעם.

— וואַרט א רעגעלע, טאַכטער, איך וועל זיי אײַנרוימען א סאָד. זיי זײַנען א שרײַבער און וועלן מיך בעסער פֿאַרשטיין.

איך גיי אַרויס מיטן אַלטן אין קרירעדיקן דרויסן.

— פֿאַרשטייסטו מיך, יאַנקעלע, — הייבט אָן דער אַלטער מיך צו דוצן, ווי אַמאָל אין מײַנע קינדער־יאָרן, — דאָ איז מען זיך צונויפֿגעקומען מעסאַמייעך זײַן, טאָ זאָל מען זיך פֿרייען געזונטערהייט, און איך קאָן, כאַס־וועכאַלילע, מיט איין טרער פֿאַרשטערן די סימכע. איך מיין, אַז איר וועט שוין אַף מיר קיין פֿאַריבל ניט האָבן, אַז כ'על מאַכן א שפּאַציר אַליין.

איך שטיי אַף די טרעפּ און קוק, ווי דער אַלטער שפּאַנט אַוועק מיט מידע טריט צום וואָקזאַל.

אָט הייבט ער זיך אויף אַף א בערגל, שטעלט זיך אָפּ, לייגט אַוועק די האַנט איבער די אויגן, ווי א דעכל, און ווענדט זײַן בליק צו אַלע פֿיר זײַטן — קיין מיזרעך, מײַרעוו, צאָפֿן און דאָרעם...

עפּשער וויל ער עס פֿאַרטרויען דער וועלט דעם אַלטן קלוגן זאָג: דויר הוילעך וועדויר באָ.

און עפּשער זוכט ער גאָר דעם קיווער פֿון זײַן ווירעש סאָכער בען לייב, קעדיי ער זאָל אים אָנזאָגן די בסורע פֿון זײַן זונס ניסאָלע ווערן.

אווראָם גאָנטאר

פון בוך „טויבן אפן דאך"

אײגענע רונצעלעך

איך וויל ניט ענלעך זײַן אף דיר,
ניט אף קיין צווייטן,
ער מעג אפילו זײַן געקרוינט.
זאָל זײַן מײַן טיש אן אָרעמער,
נאָר כ'וועל אַליין אים גרייטן, —
אזוי בין איך געווינט.

ווי הונגער,
לעשט די גרויקײַט אויס מײַן ריִע
(ווער נאָך געדענקט אזוי,
וואָס הונגער הייסט?),
נאָר בא מײַן פּריזבע
פלעגן בוזיקעס צעבליִען —
איז דאָס געווען א טרייסט.

מײַן אויג איז בלוי
און אנדערש זעט עס,
אפילו ווי מײַן קינד,
וואָס ענלעך איז אף מיר.
די שפּיל פון פארב
גאָר אנדערש זעען וועט עס,
און אנדערש אײַנזאַפּן
דעם זעלביקן קאָליר.
ס'איז יעדער בלאַט געשניצט
מיט זײַנע רונצעלעך
און צײַנדלעך.
און יעדער צווײַג —
געבויגן אנדערש
און געדרייט.
דאָס קינד אין וויגעלע
פארמאָגט שוין זײַנע כײַנדלעך
און אנדערש ס'וויינט,
און אנדערש זיך פארגייט.

און ווען דער שווייס
פארגאָסן האָט מײַן פּאָנעם,
און ווען געטריבן האָבן הינט מיך
צום קאַריער,
איך פלעג אין פלי
פון דײַנע ברעמען זיך דערמאָנען
און פארגעסן,
אז מײַן לאַסט איז שווער.

נאָר כ'וויל ניט ענלעך זײַן
אף דיר אפילו,
כאָטש ווי א קוואַל
האָסט מיך דערקוויקט.
ווײַל דו ביסט שטענדיק
ווי א טויב א שטילע,
האָסטו מײַן דולן קאָפּ פארוויגט.

א קענדל טיי

כ'האָב אופגעזאָטן זיך א קענדל טיי,
דער סטעפּ דער שנייִיקער — מײַן טיש מײַן רונדער.
מײַן צוקער זײַן וועט אויך א ביסל שניי,
און גוט עס וועט מיר זײַן — א וווּנדער.

און פריילעך מאכן וועט מיר בא דעם טיש
דער ווילדער ווינט, דער פראָסט דער גיבער.
אויב האָסט קיין טיי געטרונקען אין א שניי־געמיש,
דאַן וויסטו ניט דעם טאַם פון דעם געטראַנק, מײַן ליבער.

ס'איז נאָר אין מײַסעלעך פאראַן, מיסטאָם, א הויז,
א פרוי, וואָס גרייט צום טיש דיר עסן.
צי כ'האָב אין כאָלעם דאָס געזען, צי ס'ווײַזט מיר אויס,
צי איז בעעמעס דאָס געווען און כ'האָב פארגעסן...

ס׳איז עמעס, כ׳האָב געהאט אמאָל א קינד?
כ׳געדענק דאָך בלויז דעם נאָמען אירן.
און איצטער טרינק איך טיי בעשותפֿעס מיטן ווינט,
און אז עס זאָל דאָס הארץ ניט פרירן,

דו טו א טױווע מיר, מײַן שטילער פרײַנט,
צינד אָן אין שטוב א לאָמפּ א גרינעם.
כ׳וועל צומאכן די אויגן, אויסציִען די האנט,
און אופלעבן דו וועסט בא מיר אין זינען.

און ווען איך וועל זיך אומקערן צו דיר,
א קענדל טיי וועסט שטעלן אף דעם טיש דעם רונדן,
א גרינעם טישטעך לייגן, ווײַל דער קאָליר
פון פרילינג וועט היילן מײַנע ווײַסע וווּנדן.

כ׳קום צו דיר אין געסל

אז דו זאָלסט מיך ניט פארגעסן,
קום איך אָפט צו דיר אין געסל.
אויב דו וועסט אין שויב א קוק טאָן
דורך די פארהענגלעך צערוקטע,
קאָן זיך מאכן, קאָן פאסירן,
זאָלסט מיט מיר א רייד פארפירן.
עפּעס פרעגן, עפּעס מאָנען,
עפּעס גוטס צי שלעכטס דערמאָנען.
כ׳זעץ זיך אף די טרעפּ פון גאנעק,
שטיל־פארטײַעט, ווי א גאנעוו,
כ׳ווארט, עס זאָלן זיך דערטראָגן
דײַנע טריט פון דריטן גאָרן.
כ׳גיי ארײַן אין ווײַנשל־גערטל —
אין דײַן גרין־באליבטן ערטל.
כ׳הער זיך אײַן, די בלעטער ברומען:
„ער איז ווידער שוין געקומען...״
יאָ, געקומען! ווי זשע קלערט איר?
זאָגט, ווי קאָנט איר פריילעך זשומען,
ווען איר הערט ניט איר געלעכטער?..
נארישקײַטן, פּוסטע ווערטער,
וואָס פארשטייען ביימער שטומע?
ניט בא זיי, בא גאָט כ׳וועל פרעגן:
— דו האָסט זיך געשטעלט אנטקעגן,
ווען דער קוילער האָט מײַן ליבע
צו דעם יאָר קאַיאָר געטריבן?
כ׳וויס — עס ריידן ניט קיין בלעטער,
כ׳גלייב שוין לאנג ניט אין קיין
געטער.
כ׳קאָן דיך אָבער ניט פארגעסן,
קום איך אָפט צו דיר אין געסל.

א שפּאַס

איך האָב געמיינט,
עס איז א שפּאַס,
האָב איך געוואַרט אױף דיר
אין גאַס,
נאָר ס׳איז אוועק
א טאָג,
א נאַכט,
און כ׳האָב אױף דיר זיך ניט דערוואַרט.
האָב איך זיך, הייסט עס, אָפּגענאַרט?

איך האָב געשפּאַנט
פון וואַנט צו וואַנט,
געשפּאַנט, געשפּאַנט
און זיך דערמאַנט:

א פלעק פון שײַן
איז אױפן טיש,
איך נעם א בוך,
איך לייען, מיש,
און מיטאַמאָל
כ׳דערהער דײַן קאָל,
מיר דוכט, עס קלינגט,
ווי אַלעמאָל,
נאָר אומגעריכט איז יעדעס וואָרט
און כ׳בלײַב ווי צוגעשמידט צום אָרט.

כ׳דערפיל אױף אַקסלען
דײַנע הענט,
און רויִק זאָגסטו,
אומפאַרשעמט:
— געשען עס מוז —
נו, שפּעטער, פריִ׳ר,
איז גלײַכער צומאַכן די טיר
אָט איצטער,
באַלד...
אין האַלדז דערשטיקט געבליבן איז
דער גוואַלד:
שוין?! באַלד?!

אין מאָסקווע, זאָגסטו רויִק,
איז קאַיאָר,
דײַן צימער איז שוין אופגעראַמט,
מע וואַרט, אַז דו זאָלסט קומען,
מע וואַרט אױף דיר
שוין זיבן לאַנגע יאָר.
און איך האָב אױף א שפּאַס דיך
צוגענומען.
פאַרגיב זשע מיר
און זײַ אױף מיר ניט בייז,
כאָטש, סײַוויסײַ,
אַלציינס!..

דו זאָגסט: א שפּאַס?
אַזוי־אָ שפּאַסט א שעד!
נאָר דו האָסט ניט געשפּאַסט
און ניט געלאַכט,
דו האָסט פאַר מיר געוויײטעקט
און געטראַכט,
דערפאַר האָסטו די טיר פאַרמאַכט.

און איצטער שפּאַן איך אום
פון וואַנט צו וואַנט
און פיל נאָך אױף מײַן אַקסל
אַלץ דײַן האַנט...

אײַנגעאַקשנט־אײַנגעשפּאַרט

פאַרשטייסט דען ניט,
דו ווייסט דען ניט,
דו האָסט דען ניט קיין סייכל?
פאַרשטייסט דען ניט,
דו ווייסט דען ניט,
וואָס באַטײַט דער שמייכל?
זאָל זי שמייכלען,
זאָל זי לאַכן
און אַפילע כויזעק מאַכן...
כ׳בין א מייוון אױף די זאַכן —
קומען וועסט צוריק!

אָט אַזוי־אָ רייד איך אײַן זיך
טאָג און נאַכט.
אָט אַזוי־אָ ליג איך
און איך טראַכט־פאַרטראַכט,
אָט אַזוי־אָ מיט די אויגן
צוגעמאַכט־פאַרמאַכט.
כ׳טראַכט
און זע, ווי ס׳שטייט א שיפל
אין טשערעט.
כ׳טראַכט אַזוי שוין וויפל־וויפל,
ס׳איז נאָך פריִ צי שפּעט?

אינעם שיפל זיצט ניט קיינער,
ס׳וויגט זיך שטילערהייט,
צו דעם ברעג ס׳איז צוגעבונדן
אױף א קורצער קייט...

וואָס פאַר שיפלעך מיטנדרינען,
קאָן איך ניט דערגיין.
כ׳קאָן קיין ענטפער ניט געפינען —
קריץ איך מיט די ציין.

ווארט נאַר, לאָז זיך מיך דערמאנען,
דאכט זיך, כ'האָב אצינד
פארשטאַנען...
ניט פארשטאנען,
ניין!

אָט אזוי־אָ ליג איך
און איך טראכט־פארטראכט,
אָט אזוי באטאָג,
און אָט אזוי באנאכט —
איַינגעקשנט־איַינגעשפארט...

געבעט

קיין ערד, קיין בוים, קיין שטיין אפילע,
נאָר וואסער, וואסער אומעטום.
איך וואָלט געטאָן צום יאם א טפילע —
איז קען איך ניט קיין טפילע טאָן.

איך וואָלט געבעטן אים מעכילע,
ער זאָל ניט שטורעמען אזוי,
כאָטש אף א רעגע ווערן שטילער —
אין שיף עס גייט צוקינד א פרוי.

יאם־שטערנדלעך

ס'איז עפעס סוידעסדיקס אין זיי פאראן —
די וועל האָט זיי געבראכט פון טונק'לע טיפן,
יאָרטויזנטער געפיַילט זיי און געשליפן —
איז יעדעס שטיינדעלע א קליינער יאם.

ניין, ניין, איך וויל קיין סוידעס ניט דערגייין,
אין מאָסקווער צימער אין מיַין שטילן
זאָל דורך דעם זוניק־דורכזיכטיקן שטיין
די ליוטערקיַיט פון יאם זיך שפילן.

געזאלצן איז מיַין הויט

ווי הויך ס'זאָל זיך ניט אופהייבן דער פויגל,
נאָך שפּיַיז ער לאָזט אראָפּ זיך אף דער ערד.
דער טרוים, וואָס קוקט ארויס פון מיַינע אויגן,
האָט זיך מיט קאָרנברויט גענערט.
מיט שוייס פון ליַיב האָב איך דאָס ברויט געגעסן,
פון מי געזאלצן איז מיַין הויט.
דעם טאם פון ערד כ'וועל קיינמאָל ניט פארגעסן,
כאָטש מיַין שוואַרצאַפּל הימלדיק עס בלויט.

יעכיעל פאליקמאַן

דער שוואַרצער ווינט

(ראָמאַן)

7 ווען וויכאָרעווע און אירע באַגלייטער זײַנען אוועקגעפאָרן, האָט טשאַרנע דערפילט זיך אַזוי, ווי מע וואָלט בא איר אַרויסגענומען א שטיק האַרץ. און ניט נאָר ווײַל זי איז געבליבן אָן א פרײַנט און ווײַל זי האָט זיך שוין צוגעוווינט זאָרגן וועגן די מיידעלעך און אפילע וועגן וואַסיען, וועלכער האָט ווי ווײַט מעגלעך אונטערגעשטראָכן זײַן זעלבשטענדיקײַט, — דער אומעט, די פוסטקײַט איז גיכער געקומען פון דאַניעלס באַציִונג צו איר. נאָך יענעם באַזוך זײַנעם, אין אָוונט, האָט זי נאָך פאָרט געוואַרט אף עפּעס. הײַנט אָבער האָט זי פאַרשטאַנען — דאַניעל האָט זיך זײַנע פליכטן, זײַנע דײַגעס, זײַן לעבן, און צו איר האָט עס אַלץ קיין שום שײַכעס ניט. „נו, דו בלײַבסט דאָך, מיט דיר וועלן מיר זיך זען?" — אָט די פראַזע, ווען זי זאָל נאָר געווען אַרויסגעבראַכט ווערן מיט אַן אַנדער טאָן, וואָלט דאָך געקאָנט עפּעס באַטײַטן. נאָר טשאַרנע האָט גוט אופגעכאַפּט דאַניעלס אינטאָנאַציע, און זי האָט זיך באַמיט, אַז איר אייגענער ענטפער זאָל קלינגען פּונקט אַזוי.

זי האָט זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען, און ווײַל די צײַטונג האָט הײַנט ניט געדאַרפט אַרויסגיין און די עטלעכע גראַנקעס, וואָס די סאָלדאַטן וועלן אין א פּאָר שאָ אַרום אויסזעצן, קאָן מען ביז פאַרנאַכט נאָך צען מאָל אויסקאָרעגירן, האָט טשאַרנע גענומען איר קליין קלומעקל און איז אַוועק צום טײַכל, דערבײַ ניט אין דאָרף, ווו דאָס וואַסער איז עפּשער ניט ריין, נאָר ווײַטער, אין פעלד — זי האָט געדאַרפט עפּעס אויסוואַשן. לעבן טײַכל האָבן סאָלדאַטן געגראָבן טראַנשייען, נאָר זי האָט אָפּגעזוכט אַן אָרט ניט ווײַט פון די קעלערס, ווו דער ברעג, כאָטש א זומפּיקער, איז געווען באַוואַקסן מיט לאָזע און קיינער האָט זיך דאָרט ניט אומגעדרייט. דאָ האָט טשאַרנע ניט נאָר אויסגעוואַשן, וואָס זי האָט געוואָלט, נאָר אַליין זיך אויך אויסגעבאָדן, דערנאָך

פאָרזעצונג פון צווייטן טייל. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נום. 7.

איז זי געלעגן אפֿן גראָז און געטראַכט. און כאָטש די געדאַנקען אירע זײַנען געווען גענוג ביטער, האָבן זײ דאָך קײן ייִעש ניט אַרויסגערופֿן, פֿאַרקערט, ערשט דאָ, באַם טײַכל, אין אָפּגעפֿרישטע, אין אײנזאַמע, האָט זי באַנומען, אַז אין לעבן איז נאָך דאָ גוטס אויך, מע דאַרף נאָר קאָנען וואַרטן. און גוט איז שוין דאָס אַלײן, וואָס זי איז דאָ מיט אַלעמען, מיט די, וואָס שלאָגן זיך קעגן סוינע.

בײַס די דײַטשישע אַעראָפּלאַנען זײַנען פּלוצעם אָנגעפֿאַלן אפֿן דאָרף, האָט זי שנעל צונויפֿגעקליבן אירע זאַכן, וואָס האָבן זיך געטריקנט אפֿן גראָז, און באַהאַלטן זיך אין די קוסטעס. און דערנאָך, ווען דער אָנפֿאַל האָט זיך פֿאַרענדיקט, האָט זי ווידער ניט געצויגן אין דאָרף אַרײַן — ס'איז איר דאָ גוט געווען. ערשט אין אַ שאָ אַרום נאָכן אָנפֿאַל האָט איר אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ דער געדאַנק, אַז קײנער ווײסט ניט, ווּ זי געפֿינט זיך. מע איז דאָך אפֿן פֿראָנט. מאַלע וואָס עס קאָן געשען, מע קאָן זיך פּלוצעם אופֿהײבן און אַוועקפֿאָרן.

טשאַרנע איז אײַליק געגאַנגען איבער דער סטעזשקע אין דער סטערניע. ערטערווײַז זײַנען געבליבן ניט קײן גרויסע קאָפּנעלעך צונויפֿגעשאַרטע שטרוי. מיסטאַמע האָט אַ קאָמבײַן דאָ אַראָפּגענומען די טווּע. שוין ניט ווײַט פֿון די קעלערס, אײַנגעגראָבן אין אײנער אַ קאָפּנע, איז געזעסן, אַוועקגעשטעלט די עלנבויגנס אויף די קני און אונטערגעשפּאַרט מיט די דלאָניעס דאָס פּנים, דער גענעראַל יאַסענעוו. טשאַרנע האָט אים דערזען, ווען זי איז צוגעגאַנגען שוין גאָר נאָענט. פֿאַרכידעשט האָט זי ניט נאָר דאָס זיצן זײַנס דאָ, נאָר דאָס, ווי ער האָט געקוקט אויף איר. ער האָט זי ווי געזען און ניט געזען, ניט געענטפֿערט אויף איר באַגריסונג, און עפּשער יאָ געענטפֿערט, נאָר מיט אַ קוים באַמערקבאַרן שאָקל מיטן קאָפּ. אַפֿילע ניט קײן שאָקל, בלויז אַ באַוועגונג פֿון די ברעמען, פֿון די וויִעס, פֿון דער הויט אפֿן בלאַסן, פֿאַרשטײנערטן פּנים. זי איז געבליבן שטײן אַ געפּלעפֿטע, ניט געקאָנט פֿאַרשטײן, וואָס איז פֿאָרגעקומען, און דערשראָקן געפֿרעגט:

— כאַווער גענעראַל, וואָס איז מיט אײַך?

— גאָרנישט, — האָט ער מיט אַן אײַנגעבראָכן קול געענטפֿערט, — גײט, גײט, ביטע...

זי איז נאָך געשטאַנען אַ מינוט. אַ גרויסע צאַרטקײַט האָט זיך דערוועקט אין איר צו אָט דעם מענטשן, וועלכער איז שטענדיק געווען פֿאַר איר די פֿאַרקערפּערונג פֿון קראַפֿט, זיכערקײַט, מוטיקײַט, כאָכמע. ערשט ער קאָן גאָר זײַן אויך אַזאַ... נאָר וואָס איז געשען, און צי קאָן זי אים כאָטש מיט עפּעס ניט העלפֿן?

ער האָט געקוקט מיט פֿאַרבלאָזע אויגן אויף איר, אויף אַזוי ווי פֿאַרבײַ איר, און ווידער איבערגעכאַזערט, שוין עטוואָס באַפֿעלעריש, אומגעדולדיק:

— גײט...

זי איז אַוועק. די אַקסל, אויף וועלכע דאָס שאַלכל איז אַראָפּגעפֿאַלן, האָט זי עטוואָס אונטערגעהויבן צי פֿון פֿאַרלוירנקײַט, צי ווײַל זי האָט דאָס קלײנע פּעקעלע צוגעדריקט צו דער ברוסט. אָט האָט זי זיך ווי פֿאַרטשעפּעט אין עפּעס, אַ בײג זיך געטאָן אין אַ זײַט און ווײַטער געגאַנגען גלײַך, אַפֿילע שטאָלץ, ווי באַפֿרײַט זיך פֿון אַ לאַסט. אופֿגעהויבן דעם קאָפּ, מיט אַ פֿלינקער באַוועגונג פֿאַרשאַרט די האָר אויף הינטן — עס האָט אַ בלענד געטאָן די ווײַסע האַנט. ער האָט איר נאָכגעקוקט, געטראַכט וועגן דעם, וועגן וואָס ער האָט געטראַכט, ביז זי האָט זיך באַוויזן אפֿן שטעג. דער ווײַטעק אין האַרץ איז געבליבן פּונקט אַזאַ, ווי מיט אַ מינוט צוריק, אַ ברענענדיקער און אַלץ פֿאַרטויבנדיקער, און דאָך — אַ מענטש איז דורכגעגאַנגען, פֿרײַנטלעך זיך געווענדט צו אים, און ער: „גײט“... ס'האָט פֿאַרדראָסן. נאָר וואָס האָט די ווערט דער דאָזיקער פֿאַרדראָס איצט, ווען ער ווײסט דאָס, וואָס ער ווײסט?

אַ שטײן, ווען ער פֿאַלט אין וואַסער, גײען אין אַלע זײַטן אַוועק קרײַזן. וואָס גרעסער די קרײַזן ווערן, אַלץ שוואַכער זײַנען זײ... אַ שיף איז פֿאַרזונקען אין יאַם, אַזויפֿיל מענטשן זײַנען אומגעקומען, און יעדערער איז אַ געשלאָסענער לעבנס־קרײַז... די ערשטע רעגע, בײַס ער האָט דערהערט וועגן דעם אומגליק, האָט זיך אים אַ שטעל געטאָן פֿאַר די אויגן אָט דער מעכטיקער קרײַז, וואָס די אונטערגײענדיקע שיף האָט איבערגעלאָזט, ס'האָט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ מאַסע זיך טרינקענדיקע מענטשן, וואָס שרײַען צום פּוסטן הימל. אים, וועלכער זעט אַזויפֿיל טויטן, האָט אַ שוידער געטאָן. באַלד אָבער האָבן די קרײַזן גענומען ווערן קלענער, קלענער און אַלץ בוילעטער, און ער האָט שוין דערזען אײנע אַ צוגעשמידטע צו אַ שמאָלן טראָגבעטל, אַן אויסגעדאַרטע, מיט אַ פּאָנעם, געל, ווי אַלטער פּאַרמעט, — איין העלפֿט פּאָנעם איז גאָר אומבאַוועגלעך, — דערזען זי, ווי זי פֿליט אין דער גרינער טיף פֿון יאַם, אין אָפּגרונט.

אַזוי האָט זיך געשלאָסן אַגנעסעס לעבנס־קרײַז, און אויך זײַנער, פּאַוועל יאַסענעווס, אַ קרײַז האָט זיך געשלאָסן. נאָר ער איז געבליבן פֿון דער זײַט קרײַז — אויף לאַנג צי ניט אויף לאַנג? דער שפּליטער, וואָס האָט אים הײַנט אַראָפּגעכאַפּט דעם אָפּצאַס, ווען ער פֿליט אַ ביסעלע העכער, האַקט ער אים אָפּ דעם פּוס, און ווען נאָך העכער — וואָלט די יעדיִע וועגן אַגנעסעס טויט שוין

ניט געהאַט צו וועמען צו דערגיין... יאָ, אָט אַזוי. זי האָט שטענדיק מוירע געהאַט אים צו פאַרלירן, מוירע געהאַט בלײַבן אַליין. און, אייגנטלעך, איז זי אַלץ אָפטער געווען אַליין מיט אירע שטימונגען, מיט איר שרעק. דאָס האָט ניט געשטימט מיט זײַן געמיט, כאָטש טײַער איז זי אים געווען, ווי קיינער, זי און די, וועמען זי האָט געבראַכט אויף דער וועלט.

עפשער האָט דאָס, ווי ער האָט זיך מיט איר באַגעגנט, פון סאַמע אָנהייב געלייגט אַ שטעמפּל אויף אַלץ, אויף איר לעבן מיט אים? ער איז געווען אין אויסשפּיר מיט זײַן רײַטער-אָפּטיילונג הינטער סטאַרי אָסקאָל און פּלוצעם דערזען אַ פור אויפן וועג באַם וואַלד, און צוויי אַלטע לײַט, צוגעבונדענע צום וואָגן. זיי האָבן מעווולוועלע געקוקט אויף די רײַטער אין בודיאָנאָווקעס, קוים באַנומען, ווער דאָס איז, און באַלד צעיאָמערט זיך: „די טאָכטער, די טאָכטער!" צוויי זײַנען געבליבן, קעדיי פאַנאַנדערבינדן די אַלטע, און ער, דער קאָמאַנדיר, האָט מיט די איבעריקע כעוורע זיך אַ ריס געטאָן אין וואַלד. סאַכאַקל צוויי שקוראָווצעס... זיי האָבן ניט באַוויזן אָפּבינדן די פערד פון דער סאָסנע און אַנטלויפן — מע האָט זיי צעבראָקט מיט די שווערדן. דאָס מיידל איז געווען שיין, און קימאַט אַ קינד — זיבעצן יאָר. מע האָט גראַטעוועט איר שטאָלץ, איר לעבן, איז זי שוין ניט געבליבן באַם טאַטן, דעם גימנאַזיע-לערער, אין שטוב — אַוועקגעפאָרן מיט אים, מיט פּאָלק, צו בודיאָניק. אַוודע האָט זי אויך דאָרט, אין עסקאַדראָן, גענוג זיך אָנגעקוקט אויף דעם, ווי ווייניק אַ לעבן באַטרעפט, ווען שלאַכטן גייען טאָג נאָך טאָג.

זי איז געווען אַן אײדעלע, אַ צאַרטע. זי האָט אים געשענקט די גרויסע ליבע אירע און געיידלט אים און דערהויבן. זי און די צײַט, די צײַט און זי. עפשער וואָלט ער אויך אָן איר זיך געלערנט ווײַטער, אָנגעקומען אין אַקאַדעמיע, און עפשער ניט. זי האָט אים געהאָלפן און אויך אפילע אונטערגעשטויסן. נאָר וואָס ווײַטער, אַלץ מער האָבן זיך אַנטוויקלט אין איר די שטריכן פון כאַראַקטער, וואָס האָבן פאַרשווערט זייער לעבן, באַטריבט עס. אָט די שטענדיקע אָנגעשטרענגטקײַט אַגנעסעס, איר שרעק פאַר אַן אומגליק, וואָס אַזויפיל וועגן זײַנען פאַר אים אָפן. די קינדער זײַנען איר אָנגעקומען שווער — אַ צווילינג, זי איז שיִר ניט אַוועק פון דער וועלט. און ער איז ווו? אויפן פּוילישן פראָנט. מער געבוירן האָט זי שוין ניט אײַנגעשטעלט זיך. געציטערט איבערן צווילינג, דעם זון און דער טאָכטער, געפּײַניקט זיך און געפּײַניקט זיי. אַ קלייניקײַט, אַ צוקילעכץ — און איר פאַרצווייפלונג האָט קיין ברעג ניט. אַלץ האָט זי איבערגעלעבט טיף, אין דער פולער מאָס. און ער איז ווו? ער יאָגט זיך נאָך טיוטיוניקן, דערנאָך — נאָך די באַסמאַטשעס, דערנאָך אין מאָנגאָליע — קעגן פאַרשיידענע שלעק. אַגנעסע איז ווײַט, עלנט, נאָר יעדער מינוט זעט זי אים. אַן אַנטבלויזט האַרץ איז בא איר געווען, און אויגן, וואָס האָבן געקוקט דורך דער ווײַט — וווּנדערלעכע, ווי מיט בורשטין-קערנדלעך אויסגעלייגטע אין דער טיף, האַרציקע, גרענעצלאָז טרײַע.

ראָסטיק, ראָסטיסלאַוו האָט ניט געוואָלט זיך לערנען אין אָדעס, ווו מע האָט צו יענער צײַט זיך שוין פעסט באַזעצט און געווען אַלע צוזאַמען. ער האָט געשטרעבט אַרויסרײַסן זיך פון אונטער דער מאַמעס האַשגאָכע, וואָס איז אַלץ מער צו לאַסט געווען, און איז אָנגעקומען אין לענינגראַדער אוניווערסיטעט. אַ גוטער פיזיקער וואָלט ער געוואָרן מיסטאָמע. איז אָבער אויסגעבראָכן די מילכאָמע מיט די ווײַספינער. ראָסטיק האָט אָנגעטראָטן אויף אַ מינע ערגעץ באַם ברעג פון אַ וואַלדיקן זומפּ, און דער זעלבער אופרײַס האָט אומגעוואַלגערט אַגנעסען. דאָס מאָל האָט זי זיך נאָך אינגיכן אופגעהויבן פון בעט. גאָר אַן אַנדערע, אַ שאָטן פון דער פריִערדיקער אַגנעסע, נאָר דאָך — אופגעהויבן זיך. דעם צווייטן קלאַפּ האָט דערלאַנגט די מילכאָמע מיטן פאַשיסטישן דײַטשלאַנד. מאַרינע, די טאָכטער, איז אין מאָסקווע, אויך זיך אַרויסגעריסן פון דער היים, ער — אין מאַרש צום פראָנט. ווו האָט אים געטראָפן די יעדיִעע? אין איזמאַיִל. אַגנעסע איז פּאַראַליזירט. ס'האָט בא איר אָפּגענומען דאָס לאָשן. אויף וויפל האָט ער געקאָנט קומען קיין אָדעס? אויף אַ האַלבן טאָג. דאָך האָט ער אַלץ אײַנגעאָרדנט — געפונען, ווער עס זאָל אַכטונג געבן אויף דער קראַנקער, געזען, אַז גוטע דאָקטוירים זאָלן זי היילן, דערעדט זיך, אַז מע וועט זי אַרויספירן פון אָדעס, ווי נאָר איר צושטאַנד וועט דערלויבן. איינס נאָר — מאַרינען האָט ער ניט געהייסן אַרויסרופן. אַגנעסע, ווען זי זאָל געווען קאָנען ריידן און ביכלאַל פאַרשטיין, וואָס עס קומט פאָר, וואָלט זי אויך ניט וועלן, אַז מאַרינע זאָל קומען. איז כאָטש דאָ די טאָכטער...

אָט אַזוי האָט זיך פאַרמאַכט דער קרײַז. און איצט? איצט? נאָך אַ ביסעלע טראַכטן וועגן אַגנעסען, אופשטיין, אָפּטרייסלען פון זיך די שטרוי און טאָן דאָס, וואָס מע דאַרף טאָן. סאָכאַ, וועלכער האָט פאַרלאָרן די מאַמע מיט אַ שוועסטערל, וועט דען ניט אויספּילן טייקעף זײַן יעדן באַפעל? און קאָסטענקאָ, און אַלע אַנדערע, וואָס דער אומגליק האָט זיי געטראָפן? און אויב ער, יאַסענעוו, איז דאָ דער עלטסטער, וועט ער זיך אַליין אָפּגעבן אַ באַפעל: זעצן זיך אין קאַבינע פון „פּיקאַפּ" און פאָרן אויפן נײַעם פראָנט-באַצירק, ווו דער שעף פון שטאַב ווישעסלאַווסקי געפינט זיך שוין, און ניט פאַרגעסן אויך אַרײַנפאָרן נאָך די אויסשפּירער.

XI. א פאַרשפעטיקטער באַשלוס. דער נאַכטלעג איז ניט קיין זיכערער. איינער פון פאַטרול

1 דאָס זײַנען געווען די לעצטע גוטע מינוטן ליאָניעס. כאָטש וואָס קאָן שוין זײַן גוט, ווען עס דריקט די אומבאַוווּסטקייט? און דאָך זײַנען דאָס געווען די לעצטע גוטע מינוטן זײַנע, אין וועלכע ער האָט זיך דערנאָך דערמאָנט פונקט אַזוי, ווי מע דערמאָנט זיך אין דער שוועל, אין דער קליאַמקע פון דער היים־טיר, ווען מע איז אין א ווײַטן, געפערלעכן וועג. און גוט זײַנען די מינוטן געווען דערפאַר, ווײַל ער איז נאָך געווען ניט איינזאַם, ווײַל אָף דער בראָנירטער פלאַטפאָרמע פון פאַנצערצוג, לעבן די האַרמאַטן און קוילנוואַרפער, וואָס זייערע רערן און שוצדעקלעך האָבן אַרויסגעקוקט פון די אַמבראַזורעס, פאַרגאָסענע מיט דער געדיכטער בלויקייט פון דער אויסגעשטערנטער סענטיאַבער־נאַכט, זײַנען געזעסן און געלעגן זײַנע כאַווירים, אַלע עלטער פון אים. אין די אינטערוואַלן צווישן די אופרײַסן פון שווערע דײַטשישע סנאַריאַדן, וואָס זײַנען געפאַלן אָף יענער זײַט קיִעווער וואָקזאַל, אָף דער באַרגיקער קאָמינטערן־גאַס און אין באָטאַנישן גאָרטן (אַלע מאָל האָט עמעצער אַרויסגעזאָגט א האַשאָרע, ווו דער סנאַריאַד האָט זיך צעריסן), האָט מען געפירט א געוויינלעכן סאָלדאַטישן שמועס, וואָס אויב ער פאַרטויבט ניט, איז פאַרטרײַבט ער טיפער דאָס אַלץ, וואָס פרעסט קעסיידער דעם סאָלדאַטס האַרץ.

— פאַראַן א סאַך אַזעלכע עפלביימער בא דיר אין סאָד?

„שטענדיק רעדט ער וועגן עפעס ווירטשאַפטלעכע איניאָנים", — האָט ליאָניע אָפגעמערקט בא זיך. די פראַגע, האָט ער געוווּסט, האָט געשטעלט דער אָנצילער פון א האַרמאַט גריגאָרי יאַצענקאָ, כאָטש געזען האָט ער אים ניט — יאַצענקאָ האָט פאַרשטעלט דער האַרמאַט, בא וועלכן ער האָט זיך אײַנגעמאָסטעט.

— ניט קיין סאַך — פינף ביימער, — האָט געענטפערט דער אָנלאָדער פיאָדאָר פידכאַטני, א צעקודלטער, פלייציקער יונג, וועלכער איז, פאַרלייגט די פיס אונטער זיך, געזעסן לעבן א האַלבן זאַק עפל, וואָס די קרויווים האָבן אים געבראַכט, בייס זיי זײַנען געקומען געזעגענען זיך. פיאָדאָר האָט מײַסע באַלעבאָס, וואָס האָט געשטעלט צובײַסעכץ, אַכטונג געגעבן, אַז אַלע זאָלן פאַרזוכן זײַנע עפל; באַמערקט, אַז ליאָניע האָט אַרויסגעוואָרפן דעם אָרומגעהריזעטן עפל, האָט ער א גראַב זיך געטאָן אין זאַק און שווײַגנדיק אויסגעשטרעקט א צווייטן, ניט ווייניקער פון א האַלבן קילאָגראַם די וואָג. ליאָניע האָט זיך ניט געאײַלט עסן — די ציין זײַנען שוין געווען אײַליק. ער האָט געטראַכט:

„יאָ, בא יאַצענקאָן אין הויף וואָלט זיך אַמאָל וועלן זײַן. ס'איז מיסטאָמע דאָ ניט ווײַט, פון יענער זײַט באַטייעווער באַרג. איך וואָלט זיך אַרײַנגעשטעלט אַהין נאָך דער מילכאָמע און געזאָגט: „אַנו, גריגאָרי אָליפעראָוויטש, ווײַזט אָקאָרשט אײַער פערשקע־ביימל, וואָס איר האָט אַזוי־פיל מאָל דערציילט וועגן דעם, און לאָמיך נאָר א קוק טאָן אָף אײַער דוש, וואָס איז געמאַכט פון אַן אײַזערנעם פעסל, — עפשער איז זיך קעדײַ אָפפרישן אונטער אים?.." און צו פיאָדאָר פידכאַטני פאַרוואָס ניט אַרײַנקומען נאָך דער מילכאָמע? אָט די אַלע מענטשן האָב איך מיט צוויי כאַדאָשים צוריק ניט געקענט, און איך, ווען איך קום צו זיי פלוצעם אַראָפ אין דעפאָ צי אין וואַגאָנבוי־זאַוואָד מיט צוויי כאַדאָשים צוריק, וואָלט איך געווען פאַר זיי פּאָשעט א שנעקל..."

— גוטע עפל! האָסט כאָטש אָנגעזאָגט, פעדיע, מע זאָל זיי אָפטרייסלען?

דאָס האָט זיך אָנגערופן יערעמיי זאַרובאַ, דער אויסשפּירער, און אַלע האָבן נאָך דעם געשוויגן א האַלבע מינוט — מע האָט געוווּסט, וואָס ער האָט אין זינען, און אין די געדאַנקען זיך יעדערער אומגעקערט צו דעם אומבאַוווּסטן, וואָס האָט זיי דערוואַרט.

„און אויב שוין קומען און טאַקע אינגאַנצן ווי צו זיך אַהיים, איז צו יערעמיי זאַרובאַ, קיין דאַרניצע, — האָט ליאָניע ווײַטער געטראַכט, — אָ, בא אים וואָלט איך געווען גאָר אַן אָנגעלייגטער גאַסט!"

ליאָניע איז האַלב געלעגן אָפן אָפגעקילטן בלעך פון דיל, אָנגעשפאַרט מיט דער פאַכוועאָפן קײַלעכדיקן דיסק פון זײַן אווטאָמאַט און אונטערהאַלטנדיק מיט דער אײַנגעבויגענער האַנט דעם קאָפ. זאַרובאַ איז געזעסן ניט ווײַט פון אים אָף זײַן צונויפגעדרייטן וואַטאָוון לײַביאַק, און ליאָניע האָט, קוקנדיק פון אונטן אַרויף, געזען אָפן פאָן פונעם הימל דעם אויסשפירערס קאָפ מיט די שיטערע צעשויבערטע האָר אַרום דעם ניט גרויסן פליך, און מיטן פאַרשפּיצטן בערדל, אויך א שיטערס. באַנאַכט זעט מען עס ניט, נאָר ליאָניע ווייסט, אַז דאָס בערדל איז א געלס, די האָר אָפן קאָפ זײַנען געלע, די געדיכטע ברעמען — אויך געלע. און א פאָר גוטע בלויע אויגן פאַרמאָגט זאַרובאַ, און א פאַריסענע שפּיציקע נאָז, און גרויסע, מיט האָר באַוואַקסענע אויערן. א שטשופלער, א נידעריטשקער, בא די פּופּציק. אַלע מאָל פאַרשטעלט ער זיך פאַר עמעצן אַנדערס — פאַר א

פויערל, א גאלעכל צי גאָר אַן אורקע, ערשט פון הינטער די גראַטעס, און לאָזט זיך אוועק אין דעם סוינעס הינטערלאַנד, פּונקט ווי ער איז אַמאָל, אויך מיט אַזאַ־אָ טאַמעוואַטער צורע, געגאַנגען איבער שטעט און דערפער, וווּ עס האָבן געווילדעוועט דעניקינצעס און הײַדאַמאַקעס.

צו ליאָניען באַציט זיך זאַרובאַ גוט, עפּשער בעסער, ווי אַלע דאָ, אויפן פּאַנצערצוג. ער רופט אים „סינאָק"[1] און זאָגט קעסיידער צו:

— איך וועל דיך אַמאָל מיטנעמען אַהין, אויף יענער זײַט. ביסט א געלער, ווי איך, און לויט ווי איך זע, א ספּריטנער און א שווײַגער דערצו. וועסט אָנגיין פּאַר מײַנס א ייִנגל.

פאַרוואָס זאַרובאַ האַלט אים פאַר א שווײַגער, ווייסט ניט ליאָניע. אָט יערעמיי פּאָמיטש אַליין איז א שווײַגער. ווען ער טוט עס א דערצייל, וואָס ער זעט אויף יענער זײַט! דערציילט ער אָבער קוים־קוים אויפן שפּיץ מעסער. נאָר אויספרעגן און אויסהערן יענעם קאָן ער. יעדנפאַלס, מיט זאַרובען איז ליאָניע לאַכלוטן קיין שווײַגער ניט. יערעמיי פּאָמיטש ווייסט וועגן אים אַלץ, די גאַנצע געשיכטע זײַנע. און אָט האָט דערפון ליאָניע אַפילע א פּולע — זאַרובאַ האָט אים געהאָלפן אָפּזוכן טימאָשטשוקן.

„כאָטש, וואָס איז, אייגנטלעך, אַזוי גרויס די פּולע? פּאָשעט, נאָכאַמאָל געטראָפן זיך מיטן מאַשיניסט", — האָט ליאָניע פאַריכט זיך אַליין און ווידער גענומען צוהערן זיך, וועגן וואָס מע רעדט.

— איינס נאָך איינס! איבער יעוובאַז סמאַליעט ער...

— ניין! די סנאַריאַדן פאַלן, דאַכט זיך, נעענטער, לעבן דער „לענקוזניע".

— וויפל זשע קאָנען מיר אַזוי שטיין דאָ, באַם פּעראָן, פּונקט ווי מיר זאָלן זײַן עפּעס א געהויבענער עקספּרעס?

— ווען מיר וואָלטן כאָטש געענטפערט...

— ווער עס דאַרף — ענטפערט, און אויב מיר שווײַגן, דאַרפן מיר, הייסט עס, שווײַגן.

„עלטערע מענטשן, און נערווירן זיך, — האָט ליאָניע געטראַכט. — נו, און איך? ווען איך שעם זיך ניט, וואָלט איך זיך עפּשער גאָר אויסגעוויינט. אָט דאָס איז דער עמעס, וועלכן מע זאָגט זיך אַליין. און וואָס דאַרף איך דעם עפּל — אוועקוואַרפן אים? א שאָד. כ'וועל אים אָפּקײַלען אין א זײַט, און זאָל אים מאָרגן אינדערפרי עמעצער געפינען. ביז אינדערפרי וועט פּיאָדאָרס זאַק זײַן פּוסט. מאָרגן אינדערפרי... וווּ וועלן מיר זײַן מאָרגן אינדערפרי, און וואָס וועט זיך טאָן דאָ, אין שטאָט?"

קראָטאָוו, אונטערגעגאַרטלט מיט א קוילן־לענטע, האָט געמאַכט צוויי טריט פון זײַן „מאַקסים" צום מיטן פון דער פּלאַטפאָרמע, אַראָפּגעלאָזט זיך אויף די שפּיץ פינגער, אַרויסגענומען פון מויל דעם ניט אָנגעצונדענעם ציגאַרעט און, צוהוסטנדיק, ניט הויך גענומען ריידן:

— גיט מיר נאָר צו פאַרשטיין, כאַווײרים, וואָס קומט דאָ פאָר, האַ? מיט זעקס טעג צוריק, דעם עלפטן סענטיאַבער, וווּ זײַנען מיר מיט אײַך געווען? אויף דער סטאַנציע באָבראָוויצע — א פײַנער מעהאַלעך מיזרעך־צו פון קיִעוו. און וואָס האָבן מיר דאָרט געטאָן? מיר האָבן צענעריקט דעם דײַטשס מאָטאָציקליסטן, וואָס האָבן געזאָלט איבערהאַקן דעם וועג אויף ניעזשין און אוועקגיין ווײַטער, קעדיי אויך דעם צווייטן אײַזנבאַן־וועג, אויף פּאָלטאַווע, איבערשנײַדן... דעם עלפטן סענטיאַבער! מיר האָבן זיך געפרייט — אָנגעבראָקט א פּײַן ביסל פריצן, צוויי און דרײַסיק גענומען אין געפאַנגענשאַפט. אָבער איך פרעג אײַך: וווּ גענומען? באַ זיך אין הינטערלאַנד! און וואָס האָבן די צײַטונגען געשריבן יענעם טאָג? איך געדענק עס גוט: „קיינמאָל וועלן די היטלעראָווצעס ניט אַרײַן אין פרײַען קיִעוו". ערשט, מע האָט אונדז שוין דעמלט די קאָמוניקאַציע, ווי די אָדערן, געשניטן!

— מאַלע וואָס. און וויפל האָט מאַדריד זיך געהאַלטן?

— מאַדריד... און דו קלערסט ניט, סערעדאַ, אַז דאָס איז א קנאַפּע טרייסט?

— פאַרוואָס עפּעס א קנאַפּע? העלדישקײַט איז העלדישקײַט, און אונדז שפּאַרט דאָך אונטער אַזאַ לאַנד...

„באָבראָוויצע, — האָט ליאָניע געטראַכט און דערבײַ ניט אויפגעהערט זיך אײַנהערן אין דעם, וואָס מע האָט גערעדט, — אין באָבראָוויצע האָב איך זיך צעשיידט מיט טימאָשטשוקן און דערנאָך באַדויערט וועגן דעם. טאַקע, געפאָרן מיט אים אויפן לאָקאָמאָטיוו, וואָס האָט קוים געזשיפּעט, פון סאַמע קאָנאָטאָפּ, און אין באָבראָוויצע, נאָך דער באָמבאַרדירונג, ווען די מאַשין איז געווען ענדגילטיק צעשעדיקט, האָב איך זיך דערפרייט מיט זײַן אייצע און בין אוועק. איך האָב געוואָלט קיין קיִעוו. נאָר ער האָט, דאַכט זיך, צו מיר גאָרנישט, דער מאַשיניסט".

---

[1] זונעלע.

עמעצער, וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפאַרט מיט דער פלייצע אין ווענטל פון דער פלאַטפאָרמע, דאַכט זיך, שורפאַלאָ, איינער פון די נײַע, וועלכע האָבן מיט א פּאָר טעג צוריק זיך פאַרשריבן אין דער קאָמאַנדע פונעם פאַנצערצוג, האָט פאַרקלערט געזאָגט:

— און מיר קומט אַמאָל, דעם עמעס געזאָגט, אַזאַ געדאַנק אין קאָפּ: ווי, ווען מע רעדט זיך גוט דורך מיט די דײַטשן, מיט די סאָלדאַטן, מיין איך? ניט אַלע זײַנען דאָך פאַשיסטן מיסטאָמע, בלויז די נאַטשאַלסטווע, און אַזוי זײַנען דאָס דעריקערשט אַרבעטער. פּויערים, פאַרשטייט זיך, אויך. איז ווי, ווען מע כאַפּט זיך אַרײַן צו זיי אין די אָקאָפּעס, אַזוי ווי צום סאָף פון יענער מילכאָמע, איך געדענק דאָס, און מע רעדט זיך דורך מיט זיי, וואָלטן זיי דאָך געמוזט פאַרשטיין, קעגן וועמען מע שיקט זיי.

— ע־הע! — האָט זיך אָנגערופן פּידכאַטני, פלינק אויסקערעווענדיק דעם קודלאַטן קאָפּ צו יענעם, וואָס האָט דאָס געזאָגט. — וואָס זשע, די דײַטשן מיינען, אַז אונדזער לאַנד איז באַפעלקערט מיט מאַרסיאַנער? עפּעס האָבן זיי גאָרנישט געהערט וועגן אונדז? רעדן וועלן מיר מיט זיי, נאָר אַ ביסל שפּעטער, ווען מיר וועלן זיי גוט אָנבייקערן די ביינער. בייס דער באָבראָוויצער שלאַכט ביסטו נאָך ניט געווען, ניין? מיר האָבן די פריצן גענומען אין געפאַנגענשאַפט, און זיי האַלטן זיך גרויס, זײַנען זיכער, אַז טאַקע די זייעריקע וועלן זיי אינגיכן באַפרײַען. און יענע צוויי דײַטשן, וואָס מיר האָבן גענומען בא מישעלאָווקע, — קירפּאָנאָס אַליין, וואָס איז גראָד פאַרבײַגעפאָרן, האָט זיך אָפּגעשטעלט און געוואַרט, מע זאָל בא זיי אַרויסבאַקומען א וואָרט, און די פריצן האָבן אײַנגענומען א שטומעניש! טו א פרעג יערעמיי פּאָמיטשן, ער געדענקט דאָס, קירפּאָנאָס איז זײַנער א לאַנדסמאַן, און אָנשטאָט די דײַטשן האָט דעם קאָמאַנדיר פון אונדזער פראָנט באַגליקט מיט א שמועס יערעמיי פּאָמיטש.

— א שמועס! מער האָט ער ניט וואָס צו טאָן, קירפּאָנאָס, נאָר שמועסן. פּאַשעט, ער האָט מיך דערקענט און געפרעגט, צי בין איך ניט קיין ווערקיעווקער.

ווידער שטיל.

ליאָניע האָט פאַרשטאַנען: מע וואַרט, וווּהין וועלן די סנאַריאַדן פאַלן איצטיקס מאָל. די דײַטשן האַלטן אויס פּינקטלעך דעם אינטערוואַל — באַלד וועט זיך דערהערן א פאַרצויגענער פײַף און דער דונער פון אופרײַסן.

וואַרטנדיק, ווי אַלע, האָט ליאָניע זיך געצוווּנגען טראַכטן גאָר וועגן עפּעס אַנדערש, און אַליין ניט געוווּסט, אַז דאָס וויל ער זיך אַזוי באַהערשן. ער האָט געזען, אַז זאַרובאַ וואָלט גערן דערציילט וועגן קירפּאָנאָסן אַלץ, וואָס ער ווייסט וועגן אים, כאָטש אַלע האָבן דאָס שוין דאָ ניט איין מאָל געהערט. האָט ליאָניע אַליין גענומען זיך דערמאָנען דאָס, וועגן וואָס דער אויסשפּירער וואָלט דערציילט.

ווערקיעווקע איז א קליינינקע סטאַנציע פון יענער זײַט ניעזשין, צו טשערניגאָוו־צו. מע האָט צוזאַמען געפּאַשעט פי אין וואַלד, יערעמיי זאַרובאַ און מיכײַלאָ קירפּאָנאָס, צוזאַמען באַזוכט ווינטערצײַט א קלויסטער־שול. מיכײַלאָ האָט זיך אַרויסגעריסן אויך ווײַטער — אין א שול פון סאָדציכטלערײַ, נאָר ניט געהאַט מיט וואָס צו צאָלן פאַרן לערנען און אומגעקערט זיך אַהיים. אין יענער שול האָט ער זיך אָבער דערוווּסט, וואָס די באָלשעוויקעס ווילן, און ווען זשאַנדאַרמען האָבן אין ווערקיעווקע דערשאָסן א סטודענט, וואָס האָט זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן, האָט קירפּאָנאָס, א פּופּצניאָריק ייִנגל, באַנאַכט צוגעבונדן א רויט שטיקל צײַג צום בוים, וואָס לעבן פרישן קייווער. מע האָט זיך דערוווּסט, אַז ער האָט דאָס געטאָן, אַרעסטירט אים, צעפּאַסעוועט דאָס לײַב מיט א נאַהײַקע, נאָר ער האָט קיין איין וואָרט ניט אַרויסגעבראַכט. וואָס נאָך? ער האָט אין וואַלד, אין אַן אויסגעהוילטן שטאַם פון א בוים, געהאַט א ביבליאָטעקל פון פאַרווערטע ביכלעך. יערעמיי האָט געלייענט יענע ביכלעך. דערנאָך איז ער געוואָרן אַן אויסשפּירער בא קירפּאָנאָסן אין פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד, ווען מע האָט געקעמפט קעגן די הײַדאַמאַקעס, צוזאַמען מיט אים אַרײַנגעריסן זיך אין ווערקיעווקע פּונקט דעמלט, ווען די סטאַנציע האָט געפלאַקערט און מע האָט מיכײַלעס מאַמע און זײַן, יערעמייס, ברודער זיך געקליבן צעשיסן. דערנאָך האָט מען זיך אַוועקגעלאָזט צו שטשאָרסן. קירפּאָנאָס איז געווען דער ערשטער קאָמענדאַנט פון סטאַראָדוב, און יערעמיי — זײַן אַדיוטאַנט... און שפּעטער, פרידנצײַט, איז יעדערער שוין געווען דאָס, וואָס ער איז: זאַרובאַ — א לאָקאָמאָטיוו־מײַסטער, קירפּאָנאָס — א פּאָלקנפירער.

עטלעכע סנאָפּעס פײַער האָבן א פלאַטער געטאָן אַרום דעפּאָ, דרײַ הונדערט שפּאַן פאַרן פאַנצערצוג, באַלויכטן די טרויב פונעם לאָקאָמאָטיוו, פון וועלכער עס האָט זיך געקנוילט א רויך, דעם געפלעכט פון רעלסן, אויפגעפלויגענע הרודעס ערד.

פּיאָדאָר פּידכאַטני איז דער ערשטער געקומען צו־זיך, פלינק א קער געטאָן איןביידע זײַטן דעם צעקודלטן קאָפּ:

— ווי אין אײן פּינטל אוועקגעלייגט... פּאסקודנע, מע וועט נאָך דארפן רעמאָנטירן דעם וועג, קעדיי ארויסרײַסן זיך פונדאנען.

— ווי זשע אנדערש, פּעדיע, — האָט געלאָזן זיך אָנגערופן יאצענקאָ, — דאָס, וואָס דיר איז ניט צום הארצן, איז פאַרן דײַטש א ליכט אין די אויגן, און פאַרקערט — אויך דאָס זעלבע. אין דעם באשטייט, אייגנטלעך, די מילכאָמע.

עמעצער האָט נערוועז א לאַך געטאָן.

ליאָניע האָט דערפּילט, אז עס קילט אים אין בויך, און קעדיי פאַרטויבן אָט דעם אומאָנגענעמען געפּיל, האָט ער זיך באמיט ווידער אָנכאַפּן פאַרן פאָדעם, וואָס האָט זיך ערשט־אָ, ביז די אופרײַסן, געוועבט בא אים אין קאָפּ. „אהא, קירפּאָנאָס! איז וואָס האָב איך דאָס געטראכט וועגן אים?" און ער האָט שוין געוווּסט ניט נאָר וואָס, נאָר אויך פאַרוואָס ער האָט געטראכט וועגן קירפּאָנאָסן. ניט ווײַל זארובא האָט ניט באקומען די מעגלעכקײַט ווידער דערציילן וועגן זײַן לאנדסמאן. ער, ליאָניע, האָט געטראכט וועגן קירפּאָנאָסן די גאנצע צײַט, זינט מע האָט נאָך מיטיק, דאָ, אפן קיִעווער וואָקזאַל, זיך אָפּגעשטעלט באם הויפּט־פּעראָן און גענומען ווארטן. קיינער האָט ניט געלאָזט פאַלן דאָס וואָרט, פאַרוואָס מע ווארט, נאָר אזוי אָדער אנדערש האָבן אלע געשפּרעכן זיך געדרייט ארום דעם, — מע פאַרלאָזט די שטאָט, וואָס ליגט א פאַרטײַעטע אין דער פינצטערניש אף ניט אָנזיכטיקע בערג און אין ניט אָנזיכטיקע טאָלן, א פאַרשאָטענע מיט אש פון פּאַפּירן, וואָס אין די לעצטע טעג פאַרברענט מען זיי נאָך העפטיקער, ווי דעמלט, אין יול, ווען די פאשיסטן זײַנען צוגעגאנגען צו אירע ראנד־וועלדער און ראנד־סעדער. און טראכטנדיק וועגן די, וואָס דארפן אָפּגעבן דעם באפעל פאַרלאָזן די שטאָט, האָט ליאָניע זיך פאָרגעשטעלט בלויז איינעם פון זיי, ווײַל אים, דעם איינציקן, האָט ער אנומלטן געזען, דערבײַ כאָטש פונדערווײַטנס, נאָר באמערקט, אז ער איז א שטאַלטנער, א שווארצער.

לאָזט זיך אויס, אף דער פּלאטפאָרמע רעדט מען אויך וועגן קירפּאָנאָסן. עס איז געקומען צו פאָרן דער פאַרבינדלער זשאָרזש דודאקאָוו, א יונג אין א שווארצן לעדערנעם רעקל און אין א לעדערנעם העלם מיט שטויב־ברילן, פּאַרוקטע אפן שטערן.

— א גרוס פון אײַער לאנדסמאן, יערעמיי פּאָמיטש! — דודאקאָוו, אן אופגעשרויפטער, האָט, ווי שטענדיק, גערעדט הויך. אלע מאָל איז ער אף זײַן מאָטאָציקל ערגעץ אין א יאזדע און קומט צו זיך אפן פאַנצערצוג ווי א גאַסט. — איך האָב הײַנט קאיאָר געפּירט ראטמאנסקין אהין, איר ווייסט וווהין, און געזען קירפּאָנאָסן אומגיין אין סאָד, לעבן מאַלינע־קוסטעס. ער האָט אפילע א פּאָר שפּעטע מאַלינעס אָפּגעזוכט און אופגעגעסן... א כמורנער, ניט קיין אויסגעשלאָפענער, א גרינער... — און שטילער, דערפּילט, מיסטאמע, אז ער רעדט איבעריקס. — ווו איז ליאָנקע, ליאָניע קרעמעז?

— אָט בין איך! — האָט ליאָניע זיך א הייב געטאָן פון דיל.

— פאָרסט מיט מיר. וועטשערע האָסטו געגעסן? הײַדא צו מײַן מאָטאָציקל. ער שטייט באם ארויסגאנג פון וועסטיביול! איך קום באלד...

2 יאָ, ער איז אומגעגאנגען אין סאָד אי קאיאָר, אי עטלעכע מאָל אין מעשעך פון טאָג, אי איצט, שפּעט אין אָוונט, שוין נאָך עלף, ווען דאָס ליכטנדיקע לענגלעכע ווײַזערל אפן האנטזייגער האָט מיט אקשאָנעסדיקער אומפאַרמײַדלעכקײַט געמיטן די ציפער זעקס און איז אוועק דעם לעצטן האלבקרײַז — צו צוועלף. א נײַער טאָג האָט געדארפט געבוירן ווערן אין כאָשכעס, אראָפּנידערן אף דער ערד פון צווישן די בליאסקענדיקע שטערן צי גאָר ארויסשפּרינגען פון הינטער אָט די ליכטנדיקע ציפערן, וואָס דערמאָנען אין ציין פון א פרעך לאכנדיק מויל. ווער לאכט דאָס, דער פעלדמארשאַל רונדשטעט? ער האָט אים אנומלטן געזען א לאכנדיקן אף דער הילע פון א בערלינער זשורנאַל. צי גאָר יענער גראָווער, באיאָרטער קאפּיטאן, דער שיפּראָוואלשטשיק? א שטילער מענטש איז ער געווען, דער שיפּראָוואלשטשיק, א באשיידענער, געשולט געטאָן זיך זײַן זאך. ער, קירפּאָנאָס, האָט אפילע א פּאָר מאָל א טראכט געטאָן, פאַרוואָס האָט דער דאָזיקער אומדערמידלעכער און באהאוונטער מענטש אזא קליינעם מיליטערישן ראנג, געפּרוווט זיך פאָרשטעלן זײַן לעבן ביז דער מילכאָמע. געוועזן מיסטאמע א לעקטאָר אין א הויכשול (ער האָט ליב אזוי־אָ זיך פּרווון טרעפן, ווער וואָס עס איז געווען אין פרידלעכן לעבן). איז אָט דער שיפּראָוואלשטשיק ערשט־אָ אים געקומען אנטקעגן לעבן דער כאטע, ווו ס'איז דער ראדיאָ־קנופּ, אָפּגעשטעלט זיך און גענומען שעפּטשען: „אויס, אויס, האָסט אלעמען אומגעבראכט, איצט מעג מען עס שוין ניט שיפרירן, אויס!" — און שטיל זיך צעלאכט: „שטעל זיך לעבן מיר צום ווענטל, כא, כא! האָסט זיך דערוווארט!"

דער סטארשינא מאָגוטאָוו, וועלכער שטייט צווישן דיביימער, דער טרײַער היטער, וואָס לאָזט אים, קירפּאָנאָסן, קיין איין רעגע ניט בלײַבן אליין, האָט א כאַפּ געטאָן דעם שיפּראָוואל־

שטשיק, וואָס איז פון זינען אראָפּ, פארן קאָלנער, אָפּגעשלעפּט אים אין א זײַט און איבערגעגעבן א סאָלדאט פון דער וואך.

דאָס איז שוין דער צווייטער, וואָס איז מעשוגע געוואָרן פארן פארגאנגענעם טאָג. אינדער־פרי — דער גענעראל־מאיאָר סאמוסעוו פון זיבעטן אָפּטייל, און איצט — דער שיפּראָוואלשטשיק. און וויפל אנדערע שווערע איבערלעבונגען זײַנען הײַנט געווען! דער פּאָלקאָווניק ליאמסקי פון אָפּעראטיוון אָפּטייל האָט זיך גענומען דאָס לעבן. ער איז געקומען אהער פון דער זיבן־און־דרײַסיקסטער ארמיי, אזש פון יענער זײַט קיִעוו, פון הינטער פאָסט־וואָלינסקי, אָפּגעגעבן א באריכט, און...

איינס האָט ער געזאָגט, ליאמסקי, אפן אָפּעראציע־טיש, ווען מע האָט אים געפּרוווט ראטעווען:

— איך קאָן זיך ניט פאָרשטעלן, וואָס עס וועט זײַן מיט די מענטשן דאָרט, וואָס עס וועט זײַן מיט זיי מיט אלעמען. בעסער ניט וויסן גאָרנישט!

און אים, קירפּאָנאָסן, איז דען גרינגער? הונדערט מאָל שווערער איז אים, איידער ס'איז געווען ליאמסקין. כאָטש פארוואָס עפּעס — שווערער? יעדערער האָט בלויז איין הארץ און לעבט בלויז איין מאָל. א געוויינלעכער סאָלדאט לעבט איבער אין אָנגעזיכט פון טויט פּונקט דאָס זעלבע, וואָס ער, דער קאָמאנדיר פון א גאנצן פראָנט. דאָס ווײַזערל האָט זיך א רוק געטאָן נאָך אף א מינוט, און וויפל לעבנס זײַנען פאר אָט דער מינוט ווי מיט א פײַערדיקער קאָסע אונטערגעשניטן געוואָרן און אף וויפל האָט זי זיך ווידער פארמאָסטן?..

ער האָט אלץ געווארט אף א באפעל פון מאָסקווע, געווארט, אז דער שעף פון גענשטאב שאַפּאָשניקאָוו זאָל ענטפערן אף טופּיקאָווס, דעם שטאב־שעף פון זײַן, קירפּאָנאָס', דאָרעם־מײַרעווערדיקן פראָנט, אָנפראגע. טופּיקאָוו האָט ווידער איבערגעגעבן קיין מאָסקווע דעם אינהאלט פונעם מינדלעכן באפעל, וואָס דער גענעראל־מאיאָר באגראמיאַן האָט נעכטן געבראכט: „דער מיליטערישער ראט פון דער דאָרעם־מײַרעווודיקער ריכטונג האָט פאָרגעלייגט פארלאָזן קיִעוו און ארויספירן דאָס מיליטער פון ארומרינגלונג“. ארויספילן אָדער ניט ארויספילן אזא באפעל? קלאָר, אז ניט שאַפּאָשניקאָוו, נאָר סטאלין האָט געדארפט ענטפערן אף דער דאָזיקער פראגע, און ווער ווייסט, וואָס ער טוט איצט, עפּשער שלאָפט ער גאָר, ווי זײַן שטייגער איז פאר דעם, ווי זײַן אוף א גאנצע נאכט?

קירפּאָנאָס איז דערגאנגען ביז די מאלינע־קוסטעס. דאָ, אין א זײַט פון די אלטע עפּלביימער, איז געווען א באקאנט שטעגעלע, איבער וועלכן מע האָט געמעגט שפּאנען און ניט מוירע האָבן אָנשטויסן זיך מיטן קאָפּ אין א צווײַג. פונדאנען האָט מען בא באטאָגיקער שײַן געקאָנט זען העט־ווײַט — דער סאָד האָט זיך געפונען אף א בארג. באלד נאָך די מאלינעס, וואָס זײַנען געוואקסן הארט באם פארקן, האָט זיך אָנגעהויבן א שטיילער ליימיקער אָפּהאנג. שטיל האָט געפּליושקעט זיך די נאכט פון יענער זײַט קוסטעס־געקנויל, ווי אן אומענדלעכער יאם. אף צאָפן האָבן געשניטן דעם הימל ווײַטע פּראָזשעקטאָר־שטראלן — דאָרט איז דאָס דײַטשישע מיליטער, וואָס האָט פארמאכט דעם ריזיקן קרײַז ארום קיִעוו, געווען אמנאָענטסטן. אָבער קירפּאָנאָס האָט געוווּסט, אז ניט קעדיי זען אָט די שטראלן איז ער געקומען צום אָפּהאנג, און ניט דער אומגעדולד האָט אים געיאָגט אהער — וויפל ער זאָל פונדאנען, פונעם פארוואָרפענעם כוטאָר הינטער פּרילוקי, ניט קוקן אף מיזרעך, וועט ער ניט דערזען דאָס, וואָס עס וואָלט זיך אים וועלן זען, — די פארטונקלטע פענצטער פון קרעמל. ער האָט פּאָשעט געמוזט אנטלויפן פון אלעמען און פון אלץ כאָטש אף עטלעכע מינוט. אָבער פון זיך אליין, פון די אייגענע געדאנקען, האָט ער אנטלויפן ניט געקאָנט. טאקע דאָ, אין שטילן ווינקל פון סאָד, האָבן זיי מיט זייער גאנצער מאסע זיך ארופגעוואלגערט אף אים.

ווידער איז אופגעשווומען די פראגע, וואָס האָט עפּשער איצט קיין באדײַטונג ניט געהאט: וויאַזוי איז געשען, וואָס דער פאשיסטישער אָנפאל איז געווען פאר אונדז אומדערוואַרט? און כאָטש ער האָט שוין א סאך מאָל זיך געענטפערט דערויף, פּינקטלעך אָפּגעוויגן סײַ זײַן אייגענע טייל־ווײַזע שולד, סײַ דאָס, וואָס נעמט פון אים אראָפּ די שולד, האָט ער געוווּסט, אז טאקע אין דעם, פארוואָס עס איז מעגלעך געוואָרן, דער אָנפאל זאָל זײַן פאר אונדז אומגעריכט, שטעקט אויך די סיבע פונעם שווערסטן ניסאָיען, וואָס שטייט אים איצט פאָר, און פון דעם, וואָס ער, דער קאָמאנדיר פון אזא גרויס כאַיִל, קאָן ניט אָנעמען דעם ביטערן, נאָר ריכטיקן באשלוס.

צי האָט ער דען, פּונקט ווי די אָנפירער פון אייניקע אנדערע מיליטערישע בײַגרענעץ־קרײַזן, באצײַטנס ניט געבעטן באם גענעראל־שטאב קיין דערלויבעניש ברענגען דאָס מיליטער אף די שוץ־פּאָזיציעס לענגויס דער גרענעץ אין פולער שלאכט־גרייטקײַט, ווײַל עס איז אלץ קלאָרער געוואָרן, אז היטלער זאמלט זײַנע דיוויזיעס אין פּוילן און רומעניע און קאָן א ליאדע טאָג אָנהייבן א מילכאָמע קעגן אונדז? דער ענטפער איז געווען: „ניטאָ וואָס צו שרעקן די גענדז.

דײַטשלאַנד דאַרף זײַן זיכער, אַז מיר פֿילן ערלעך אויס דעם פּאַקט וועגן ניט אָנפֿאַלן". די פּאַר־בלענדעניש איז געווען אַזוי גרויס, אַז סטאַלין האָט אויפֿגעהערט גלייבן דער אויסשפּירונג, ער האָט שוין געהאַט אַ זאָג געטאָן אַזוינס: „עפּעס פֿלײַסט מען זיך זייער אונדז צעבוצקען מיטן דײַטש — צי איז דאָס ניט קיין באַשטעלונג פֿון די, וואָס האָבן ליב שאַרן פֿײַער מיט פֿרעמדע הענט?" און וואָס אַזאַ רעפּליק סטאַלינס באַטײַט, האָט מען גוט געוווּסט. איז בעסער געווען זיך אונטערגעבן דעם היפּנאָז, פֿאַרלאָזן זיך אַף סטאַלינס ווײַטזיכטיקייט. אָט אַזוי איז דאָ, אַף דאָרעם, סאַכאַקל עטלעכע טעג פֿאַרן צווייט־און־צוואַנציקסטן יוני, דערלויבט געוואָרן דער דיוויזיע־ און קאָרפּוס־אַרטילעריע פֿאַרנעמען זיך מיט שיסער־איבונגען אַף די פּאָליגאָנען גאַנץ ווײַט פֿונעם מיליטער, וואָס האָט בייס אַן אָנפֿאַל געדאַרפֿט דורך אָט דער אַרטילעריע געשטיצט ווערן.

די ווײַטערדיקע גרויזאַמע געשעענישן האָבן באַ אים, באַ קירפּאָנאָסן, ווי אויך באַ אַנדערע מיליטערישע אָנפֿירער, געמוזט דערוועקן און דערוועקט דעם געפֿיל פֿון אייגענער גרויסער אַכרײַעס, געמוזט פֿאַנאַנדערבינדן און פֿאַנאַנדערגעבונדן אין אַ געוויסער מאָס די איניציאַטיוו.

דער שוץ־קאָמיסאַריאַט האָט אין זײַן דירעקטיוו, וועלכע איז געגעבן געוואָרן אינעם ערשטן אָפּדערנאַכט פֿון דער מילכאָמע, נײַן אַזייגער מיט פֿופֿצן מינוט (סטאַלין האָט, נאַטירלעך, געוווּסט וועגן איר), געפֿאָדערט פֿונעם סאָוועטישן מיליטער, וואָס איז אונטערן סוינס שווערע אומדערוואַרטע קלעפּ אָפּגעטראָטן פֿון דער מײַרעוודיקער גרענעץ, דרינגענדיק אָנהייבן אַן אַנטשיידענעם אָנגריף. אַן און פֿאַר זיך איז דער אָנגריף געצילט געווען אַהין, וווּ מע האָט געדאַרפֿט, עס זײַנען אָבער ניט גענומען געוואָרן אין אַכט ניט דער צושטאַנד, ניט די רעאַלע מעגלעכקײַטן פֿונעם מיליטער, וואָס האָט דעם באַפֿעל געזאָלט אויספֿילן. דער דאָרעם־מײַרעוודיקער פֿראָנט האָט געדאַרפֿט אָנגרײַפֿן אַף לובלין און אין אָנדערהאַלבן מעסלעס אַרום פֿאַרנעמען דעם דאָזיקן ראַיאָן. די פּאַקטישע לאַגע אַפֿן פֿראָנט האָט אָבער דיקטירט גאָר עפּעס אַנדערש. איז טאַקע געטאָן געוואָרן אַזוי, ווי עס איז אין דעם קאָנקרעטן פֿאַל נייטיק געווען: דעם סוינע איז לעבן לוצק, בראָד און ראָוונע אָנגעבונדן געוואָרן אַ טאַנקען־שלאַכט. אַגעוו, האָט דער גענעראַל־שטאַב, אין פּראָצעס פֿון צוגרייטן אָט די טאַנקען־שלאַכט, וואָס איז געווען די גרעסטע אין אָנהייב פֿון דער מילכאָמע, שנעל אָפּגעשאַצט די רעאַלע לאַגע און באַשטעטיקט דאָס, וואָס איז געטאָן געוואָרן. אין רעזולטאַט האָט מען די דײַטשן ניט נאָר פֿאַרהאַלטן אַף אַ וואָך אין וואָלין און עס איז ניט נאָר אָראָפּגעריסן געוואָרן זייער פֿאַרטראַכט אַרומרינגלען די סאָוועטישע טיילן, וואָס זײַנען געשטאַנען אַרום לוואָוו, — די פֿאַשיסטישע טאַנקען־אַרמאַדע, וואָס האָט געזאָלט זיך לאָזן אַף קיִעוו, איז דערווײַל געצוווּנגען געווען פֿאַרקערעווען אַף צאָפֿן און צעדרויבלען די קויכעס אין שלאַכטן פֿון אָרטיקן באַטײַט.

אָט ווי דאָס איז צוגעגאַנגען אין דער ווירקלעכקײַט, און אָט ווען די ערשטע אומיטלבאַרע געפֿאַר פֿאַר קיִעוו איז ליקווידירט געוואָרן. נאָר פֿאַרוואָס זשע האָט ער, קירפּאָנאָס, אין דער שלאַכט פֿאַר קיִעוו, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין גינסטיקערע באַדינגונגען, ווי עס וואָלט געקאָנט זײַן, פֿאַרוואָס האָט ער אין דער לעצטער סטאַדיע פֿון אָט דער גיגאַנטישער שלאַכט ניט אַרויסגעוויזן קיין עמעסע פֿעסטקײַט?

דאָס, ווי די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן, האָט מיט דער גאַנצער אַכזאָריעסדיקער האַרבקײַט געדאַרפֿט אי אים, אי פֿיל אַנדערע, וואָס האָבן געוווּסט דעם טאָך פֿון די געשעענישן, עפֿענען די אויגן אַפֿן פּאַשטעטן עמעס, אַז דער, אַף וועמען מע איז זיך סוימעך געווען פֿיל מער, ווי אַף זיך אַליין, מע האָט געגלייבט אין זײַן ווילן פֿיל מער, ווי אין אייגענעם ווילן, אַזוי ווײַט געגלייבט, אַז דער אייגענער ווילן איז געווען ווי אָפּגעגאַנגען אײַזן, אַז סטאַלין איז זיך טויע געווען און אַפֿילע זיך פֿאַרלוירן, ווען די געשעענישן האָבן זיך גענומען אַנטוויקלען ניט אַזוי, ווי ער האָט זיי זיך אַליין אויסגעמאָלט. נאָר גראָד אַזאַ זאַך פֿאַרשטיין איז אומעגלעך מיטאַמאָל, און ניט ווײַל אינערץ בלײַבט אינערץ — אין שלאַכט איז נאָך מער נייטיק אַ פּאָן.

ערשט אַפֿן צוואַנציקסטן טאָג, זינט די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן, זײַנען די פֿאַשיסטן צוגעגאַנגען צו דער צאָפֿנדיקער שוועל פֿון קיִעוו — צום שטעטל, אין סאָווערן פֿאַרוויגטן טײַך אירפּען, און עטוואָס שפּעטער — אויך צו דער דאָרעמדיקער שוועל, צו פֿאַסטאָוו. אָט דאָס קליינע אַרבעטער־שטעטל, וווּ עס קרייצן זיך עטלעכע אײַזנבאַן־וועגן, האָט דער סוינע גענומען נאָך אַ פֿאַרביטערטער שלאַכט, וואָס האָט געדויערט קימאַט אַ וואָך. און אַף דורכגיין נאָך פֿופֿצן קילאָמעטער, פֿון פֿאַסטאָוו ביז באָראָוואַיע, זײַנען באַ אים ווידער פֿאַרלוירן געגאַנגען צען טעג. אין פֿלוג איז דער סוינע אָפּגעשטעלט געוואָרן הינטער קיִעוו, און געשען איז דאָס ניט דערפֿאַר, ווײַל דאָס פֿאַשיסטישע מיליטער איז געקומען אַהער אַן אויסגעשעפּטס. קיִעוו איז געווען די ערשטע שטאָט, וואָס האָט באַוויזן דער וועלט, וואָס פֿאַר אַ מילכאָמע אַף מיזרעך מוז און וועט זײַן. די העלדישקײַט פֿון דער אַרמיי איז דאָ געקייפֿלט געוואָרן אַף דער העלדישקײַט פֿון דער באַפֿעלקערונג סײַ פֿון דער שטאָט גופֿע, סײַ פֿון אירע ראַנד־יִישוּווים. דאָס איז די סומע פֿון ניט גע־

הערטער אַקשאַנעס, פֿון ניט געזעענעם מעסירעסנעפּעש, וואָס אַרויסגעוויזן האָבן אים טויזנטער סאָלדאַטן און אָפֿיצערן און ניט ווייניקער טויזנטער יינגלעך און מיידלעך, וואָס זײַנען צו סאָלדאַטישע יאָרן ניט דערוואַקסן, און עלטערע לײַט, פֿאַר וועלכע די צײַט פֿון אָבליגאַטאָרישער מיליטער־דינסט איז אַוועק. פֿיל פֿון זיי וועלן שוין קיינמאָל ניט אופֿהייבן זיך פֿון די טאָרף־זומפּן אַרום בוטשאַ און פּושטשאַ־וואָדיצאַ, פֿון די לאָנקעס, פֿאַרוואַקסענע מיט „איוואַן־און־מאַריע"־בלימלעך און ראָמאַשקעס, הינטער באָיאַרקע און זשוליאַנע, פֿון די טיפֿע יאַרן לעבן גאָלאָסייעווער וואַלד, לעבן פּיראָגאָווּאָ און מישעלאָווקאַ, פּונוואַנען ס'איז מיט דער האַנט צו דערלאַנגען צו דער אײַזנבאַן־בריק איבערן דניעפּער, צו דעם פּאָדעם, וואָס ציט זיך אויף מיזרעך.

צי האָט ער געגלייבט, קירפּאָנאָס, אַז קיִעוו וועט ניט פֿאַלן? אַ סאָלדאַט דאַרף גלייבן, אַז ער וועט זײַן אַקאָפּ ניט אָפּגעבן דעם סוינע, און אײַנצײַטיק דאַרף ער גרייט זײַן גראָבן הונדערטער נײַע אַקאָפּעס. קיִעוו איז פֿאַר אים, דעם מיליטער־מאַן, געווען אַ ביז גאָר וויכטיקער סטראַטעגישער פּונקט, אַ קנופּ־פּאָזיציע, באַגלײַך מיט דעם אָבער איז קיִעוו געווען פֿאַר אים אויך, פּונקט ווי פֿאַר יעדן קיִעווער אײַנוווינער, די באַליבטסטע שטאָט, וואָס איז אײַנגעבאַקן אין האַרצן מיט יעדער גאַס אירער, מיט יעדן מויער, מיט יעדן סאָד, ווי דער טאָכטערס שמייכל, ווי דעם ווײַבס בליק. און דאָך האָט ער אַלס מיליטער־מאַן געוווּסט: אַלץ קאָן געשען, עס קאָן אויסקומען אָפּטרעטן אויך ווײַטער. אָבער אינעם ווייטעק, וואָס יעדער מילכאָמע־טאָג האָט געבראַכט (און ער האָט דאָך צווישן די געציילטע אין לאַנד געוווּסט דעם עמעסן מאַסשטאַב פֿון די פֿאַרלוסטן), איז די טרייסט זײַנע געווען: קיִעוו שטייט שטאָלץ אויף זײַנע ליים־בערג, קיִעוו קעמפֿט.

וויאַזוי איז ער פֿאַרוואָרפֿן געוואָרן, דער שלייף, אויף דער שטאָט?

דעם דרײַסיקסטן יול האָבן די פֿאַשיסטן אָפּגעשטעלט דעם אָנגריף אויפֿן צענטראַלן פֿראָנט, אויף מאָסקווע, און שוין אין עטלעכע טעג אַרום באַדײַטנדיק פֿאַרשטאַרקט דעם דרוק אויף צאָפֿן און דאָרעם. דאָס איז געווען אַ געצוווּנגענער שריט דעם סוינעס, ערשטנס, ווײַל עס איז אומעטום אָנגעוואַקסן דער ווידערשטאַנד פֿון דער סאָוועטישער אַרמיי, צווייטנס, ווײַל די פּלאַנגען פֿון זײַן צענטראַלער שלאָג־גרופּע זײַנען באַדראָעט געוואָרן. די סאָוועטישע אויבער־קאָמאַנדשאַפֿט האָט אָבער ניט ריכטיק אָפּגעשאַצט די געשאַפֿענע לאַגע און באַשלאָסן, אַז דער סוינע וויל פּאָשעט אַרומגיין די אַרמייען, וואָס פֿאַרטיידיקן מאָסקווע. דעריבער זײַנען די רעזערוון געשטעלט געוואָרן ניט דאָרט, וווּהין די פֿאַשיסטן האָבן געריכטעט זייערע נײַע קלעפּ, נאָר אין אַ זײַט, דאָרט, ווו מע האָט געקאָנט דערוואַרטן, אַז די אָנגרײַפֿנדיקע קאָלאָנעס וועלן ווידער פֿאַרקערעווען אויף מיזרעך.

דעם אַכטן אויגוסט האָבן גרויסע היטלערישע קרעפֿטן אָנגעהויבן אַן אָנגריף קעגן מאָהילעוו און סטאַראָדוב, כּדי אַרויסרײַסן זיך אין טיפֿן הינטערלאַנד פֿון דעם דאָרעם־מײַרעוודיקן פֿראָנט, און אונדזער אויבער־קאָמאַנדשאַפֿט האָט גאָר געטאָן אַלץ אויף צו שאַפֿן אַ באַריער בײַ בריאַנסק.

עס זײַנען געפֿאַלן האָמעל, ראָסלאַוול, סטאַראָדוב, באַגלײַך מיט דעם האָבן די דײַטשן פֿאַרשטאַרקט די אַטאַקעס פֿיל דאָרעמדיקער, בײַ קרעמענטשוק, פֿאַרכאַפּט אַ פּלאַצדאַרם אויפֿן לינקן ברעג פֿון דניעפּער און אָנגעצילט זייער מיליטער אויף פּאָלטאַווע. איצט איז שוין קלאָר געווען: קיִעוו ווערט גענומען אין ברייטע קלעמען. די טיילן פֿון דאָרעם־מײַרעוודיקן פֿראָנט האָבן דורכגעפֿירט עטלעכע גוט פֿאַרטראַכטע אָנגריף־אָפּעראַציעס. אייניקע — געמיינזאַם מיטן בריאַנסקער פֿראָנט, וועלכער האָט זיך געפֿונען צאָפֿן־צו פֿונעם סוינעס קלין. דער מיין איז געווען — אָפּהאַקן די שטאָלענע קלעמען. עס האָבן אָבער געפֿעלט קויכעס, איבערהויפּט בײַ אים, בײַ קירפּאָנאָסן. כּוץ דעם, זײַנען ניט שטענדיק די קלעפּ פֿון דאָרעם און פֿון צאָפֿן דערלאַנגט געוואָרן אײַנצײַטיק. די דײַטשישע טאַנקען און די מאָטאָריזירטע פּעכאָטע האָט זיך באַוועגט אַלץ ווײַטער, צוגעגאַנגען צו קאָנאָטאָפּ און טשערניגאָוו.

דעם זיבעטן סענטיאַבער האָט דער מיליטערישער ראַט פֿון דאָרעם־מײַרעוודיקן פֿראָנט מיטגעטיילט דעם אויבערקאָמאַנדיר פֿון דער דאָרעם־מײַרעוודיקער ריכטונג, בודיאָניק, אַז די לאַגע איז אַן אויסערסט ערנסטע, ווײַל אומעטום, ווו דער סוינע נעמט אָנגרײַפֿן, וואָלט מען געדאַרפֿט צוואַרפֿן מיליטער, און די רעזערוון זײַנען אויסגעשעפּט. אָפּגעשאַצט די לאַגע, האָט דער מיליטערישער ראַט פֿון דער דאָרעם־מײַרעוודיקער ריכטונג, וועלכער האָט אויך קיין רעזערוון ניט געהאַט און ניט געהאָפֿט באַקומען זיי אינגיכן, געשטעלט די פֿראַגע פֿאַר סטאַלינען, אַז מע מוז אָרגאַניזירטערהייט אָפּטרעטן פֿון קיִעוו, כּדי אויסגלײַכן דעם פֿראָנט, וועלכער האָט דאָ געשאַפֿן אַ ריזיקן בויגן. די נײַע שוץ־ליניע קאָן דורכגיין לענגאויס דעם טײַך פּסיאָל, זי וועט זײַן עטלעכע מאָל קירצער, וועט, הייסט עס, דאָס אַרויסגעפֿירטע מיליטער קלעקן אויף אײַנצוהאַלטן זי.

דעם זעלבן אָוונט האָט סטאַלין געשמועסט מיט אים, מיט קירפּאָנאָסן. יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש האָט קאַטעגאָריש פֿאַרווערט אָפּטרעטן פֿון קיִעוו און פֿונעם קיִעווער בויגן.

אַ מאַלינע־צווײַגל האָט פֿאַרטשעפּעט, לײַכט אַ דראַפּע געטאָן דעם אַרבל פֿון קירפּאָנאָס' קיטעל; ער האָט אַ ציטער געטאָן און איז שטיין געבליבן. ס'האָט אים דערמאָנט אין דעם, ווי

זשעניע, זײַן ייִנגסטע טאָכטער, פּלעגט אים א צי טאָן פארן אַרבל, ווען ער האָט, דערציילנדיק וועגן זײַנער אַן אַמאָליקער שלאַכט־אָפּעראַציע אָדער סטאַס א לעבנס־פּאַסירונג, זיך אָפּגעשטעלט אַף א רגע. זשעניע האָט גלײַך פארשטאַנען, אַז דאָס קלערט ער, וויאַזוי דורכלאָזן עפּעס אַזוינס, וואָס ער האַלט, אַז א קינד דאַרף עס ניט וויסן. איצט האָט זיך אים פארוואָלט אַלץ, וועגן וואָס ער האָט געטראַכט, וואָס האָט אים אָן אויפהער געפּײַניקט, פראָסט און ערלעך דערציילן גאָר זשעניען, דער ייִנגסטער פון זײַנע פינף טעכטער. מיט יעדערער פון זיי האָט ער אין געדאַנק זיך געזעגנט, נאָר מער פון אַלץ האָט זיך אים געוואָלט אויסריידן דאָס האַרץ פאַר זשעניען, און אַפילו ניט פאַר אַזא, ווי זי איז איצט, נאָר ווי זי וועט זײַן אין פינף, צען יאָר אַרום, ווען זי וועט וועלן פאַרשטיין דעם טאַטן און וויסן אַלץ וועגן אים. און עפּשער גאָר ניט זשעניען און ניט סאָפיען, דעם ווײַב, נאָר די הונדערטער טויזנטער סאָלדאַטן זײַנע און זייערע אייגענע האָט ער דאָס דערציילט — די נאַכט איז פול געווען מיט אויגן, וואָס האָבן שטרענג געקוקט אַף אים...

סטאַלין האָט געפאָדערט, ער זאָל ניט אָפּטרעטן פון קיִעוו, און כאָטש ער, קירפּאָנאָס, האָט געוווּסט, אַז ס'איז אָן אומזין, האָט ער פאַרטויבט די ביטערקײַט אין זיך, די פאַרלוירנקײַט און צוגעשטימט: „יאָ, יאָ". וואָס זשע איז עס אַזוינס? ווידער די זיכערקײַט, אַז סטאַלין זעט פונדער־ווײַטנס בעסער און שאַצט ריכטיקער די לאַגע, איידער ער און בודיאָני און אַלע אַנדערע, וועלכע געפינען זיך דאָ, אַפן אָרט, דער גלויבן אין סטאַלינס ווילן, די פאַנאַטישע גרייטקײַט אויספּילן זײַן פאַרלאַנג, זײַן באַפעל אום יעדן פּרײַז? צי עפּשער, עפּשער דער קליינלעכער געפיל פון גײַווע, אַז אָט — עס ווערט פון מיר געפאָדערט אומעגלעכס און איך וועל אַלץ טאָן אַף אויס־צופּילן עס, גאָרנישט ניט שוינען, ניט זיך, ניט קיינעם? און עפּשער די מוירע פאַרן אייגענעם קאָפּ? ניין, נאָר ניט דאָס! זײַן גאַנץ לעבן, זינט ער געדענקט זיך, אַלץ איז אַן איידעס — ניט אין פּאַכדאָנעס גייט דאָ.

נאָך זײַן שמועס מיט סטאַלינען איז דער טאָן פון די צײַטונגען געווען: די לאַגע פון קיִעוו איז א זיכערע, דאָס לעבן גייט דאָרט נאָרמאַל, אַף וויפל עס קאָן גיין נאָרמאַל אין א פראָנט־שטאָט. בודיאָניִן האָט פאַרביטן טימאָשענקאָ, נאָר קיין רעזערוון האָט ער מיט זיך ניט געבראַכט. די אײַזערנע קלעמען דעם סוינעס האָבן פון צאָפן שוין דערגרייכט ניעזשין און לאָכוויצע, און פון דאָרעם — כאָראָל און לובני. עס איז געבליבן א שטעטל פון קנאַפּע פערציק קילאָמעטער, דורך וועלכן מע וואָלט נאָך געקאָנט אַוועק אַף מיזרעך. טופּיקאָוו האָט דאָס מיטגעטיילט שאַפּאָשניקאָוון, נאָר יענער האָט געענטפערט:

— אָן פּאַניק. געדענקט, וואָס סטאַלין האָט באַפוילן דעם עלפטן.

אַף מאָרגן האָט דער קרײַז זיך געשלאָסן. איצט איז אַפן פּסיאָל געשטאַנען דאָס פאַשיסטישע מיליטער און אָפּגעשניטן די וועגן אַף מיזרעך. פונדעסטוועגן איז די פאַרצוימונג נאָך געווען א שיטערע, מע וואָלט זי געקאָנט דורכרײַסן. אָט דאָס האָט באַטײַט דער באַפעל, וועלכן באַגראַמיאַן האָט נעכטן געבראַכט, אָבער — א מינדלעכן... און ווי איז מען איוווער אַף סטאַלינס א באַפעל? שוין א גאַנצער מעסלעס, בייס וועלכן די לאַגע פאַרערגערט זיך מיט יעדן שפּאַן פו־נעם סעקונדע־ווײַזערל, הערט ער ניט אויף וועגן דעם צו טראַכטן. און ער וואַרט. יאָ, ער שטייט אַפן פּאָסטן, ווי דאָס פאָדערט זיך פון א סאָלדאַט. נאָר בעסער וואָלט ער געוואָרן א סאָדציכטלער, ווי ער האָט געטרוימט אַמאָל, אין ווערקיִעווקע, איידער א פּאָלקנפירער. בעסער וואָלט ער אַלס געוויינלעכער רויטאַרמייער איצט געלעגן אין איינעם פון די שוצגראָבנס בא פּאָסט־וואָלינסקי צי פּושטשא־וואָדיצא און פאַרלאָזט זיך אַף עמעצנס געוויסן, איידער אַליין זײַן דער דאָזיקער צווייפּ־לענדיקער געוויסן...

— כאָווער גענעראַל־פּאָלקאָווניק! מיכאיל פּעטראָוויטש, ווו זײַט איר?

טופּיקאָוו רופט באַם טירל פונעם פּאַרקן.

— דאָ זײַנען מיר! — ענטפערט מיט זײַן ברוסטיקער שטים מאָגוטאָוו. ער שטייט סאַכאַקל דרײַ טריט אין א זײַט פון קירפּאָנאָסן.

קירפּאָנאָס לאָזט זיך גיין ניט געײַלט צום טירל. ער איז איצט גרייט אויפנעמען יעדער יעדיִע, ווי א פּלעט איבערן קאָפּ.

טופּיקאָוו דערנעענטערט זיך, אין דער פינצטער זעט זיך בלויז זײַן פּאָנעם.

— פאַראַן אַן ענטפער פון שאַפּאָשניקאָוון, — זאָגט ער שטיל, — מיר פאַרלאָזן קיִעוו... דער באַפעל איז איבערגעגעבן געוואָרן דרײַ און צוואַנציק אַזייגער מיט פערציק מינוט. איצט איז צוויי און פערציק.

—שפּעט! — קירפּאָנאָס האָט געוואָלט א קוק טאָן אַפן זייגער און בלויז א מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — מענטשן וועלן אַמאָל זאָגן, גענעראַל־מאַיאָר, ווער מיר זײַנען מיט אײַך. איך ווייס ניט.

3

אַן אומגליק, וואָס טרעפט מיליאָנען, הייבט זיך דאָך אָן פאַר יעדן באַזונדער אַף זײַן אויפן.

בא ליאָניען האָבן די צאָרעס זיך אָנגעהויבן פון דעם, וואָס זשאָרזש דודאַקאָוו האָט אים געדופן מיטפאָרן מיט זיך. כאָטש, ווענדליק ווי די לאַגע איז געווען, וואָלטן אים די צאָרעס ביכלאַל שוין ניט געמיטן, אָבער אָנגעהויבן האָבן זיי זיך גראָד פון דעם.

מיט צוויי כאַדאָשים צוריק, בייס דער קאָנטראַטאַקע הינטער מישעלאָווקאַ, ווען דער סוינע איז, דעריקערשט אַדאַנק דעם, וואָס דער פאַנצערצוג איז געקומען צו דער צײַט, אָפּגעוואָרפן געוואָרן צוריק פון די צוגענג צו דער אײַזנבאַן־בריק איבערן דניעפּער, האָט ליאָניע באַקומען אַן אויטאָמאַט, און ניט קיין טראָפּיינעם, נאָר אונדזערן, וואָס איז, ווי אַלע האָבן געהאַלטן, בעסער פון א דײַטשישן, ווײַל אין דיסק גייען אַרײַן צוויי מאָל מער קוילן. געשען איז דאָס אַזוי: ווען דער פאַנצערצוג האָט צום סאָף פון דער קאָנטראַטאַקע גענומען מאַנעווירירן הין און צוריק, קעדיי דער סוינע, וועלכער איז געקומען צו־זיך, זאָל אים ניט טרעפן מיט זײַנעם א זאַלפּ, האָט ליאָניע פון דער בראָנירטער פּלאַטפאָרמע דערזען ניט ווײַט פון אָנשיט א פאַרוווּנדעטן לייטענאַנט, אַראָפּגעשפּרונגען און געהאָלפן אים אַרופקריכן אַפן פאַנצערצוג. דער לייטענאַנט, בא וועלכן ביידע פיס זײַנען געווען דורכגעשאָסן, האָט שוין ניט געהאַפּט אַזוי גיך באַנוצן זיך מיט זײַן אויטאָמאַט און אָפּגעגעבן אים ליאָניען.

אַפן פאַנצערצוג האָבן דעם מין געווער געהאַט געציילטע מענטשן. און דער דאָזיקער אויטאָמאַט האָט אַרויסגערופן א גרויסע קינע בא זשאָרזש דודאַקאָוון. דאָס איז געווען א מאָדנער יונג, וואָס האָט אַף דער מילכאָמע געקוקט ווי אַף א ספּעקטאַקל, א קינאָ, ווו ער שפּילט זיך זײַן ראָל. א בראַווער, א שוואַרצכיינעוודיקער, א וויצלינג, האָט ער זיך געקליידט אין לעדער מײַסע פּילאָט. זשאָרזשן האָט זיך אומבאַדינגט געוואָלט אויסבײַטן זײַן קאַראַבין אַף ליאָניעס אויטאָמאַט. נאָר אַזיווי ליאָניע האָט אַפילע הערן ניט געוואָלט פונעם בײַט, איז דודאַקאָוו געפאַלן אַף א האַמצאָע. אין ווײַטע אָדער באַנאַכטיקע רייסן האָט מען אים געווינלעך מיטגעגעבן א באַגלייטער, האָט ער שוין אַלע מאָל געזען, אַז דאָס זאָל זײַן ליאָניע מיטן אויטאָמאַט. „מײַן פּערזענלעכע באַוואָפנטע וואַך“, — האָט ער אים אָנגערופן אין שפּאַס, נאָר אויך מיט א היפּשער דאָזע כויזעק. דודאַקאָוו האָט געהאָפּט, אַז ליאָניען וועט דערעסן די ראָל פון א באַגלייטער, דערצו נאָך, אַז ס'איז אָפּטלעך מאַכמעס דעם אויסגעקומען ניט צו דערשלאָפן, און ער וועט אײַנגיין אַפן בײַט, אַבי מע זאָל זיך פון אים אָפּטשעפּען.

„אַפילע הײַנט ליגט אים דאָס אין זינען!“, — האָט ליאָניע קימאַט מיט א פּײַנטלעכן געפיל געטראַכט וועגן זשאָרזשן, וואַרטנדיק אַף אים לעבן מאָטאָציקל, וואָס איז געשטאַנען באַם וועסטיביול פון פּוסטן, פינצטערן וואָקזאַל.

ביכלאַל איז אומפאָרן מיט דודאַקאָוון געווען גאָר ניט אַזוי שלעכט. אַלע מאָל זעט מען עפּעס נײַס — צומיינסטנס זײַנען דאָס געווען רייסן אין מיליטערישע טיילן אַרום דער שטאָט, קעדיי צו קאָאָרדינירן די אָנפליִען פונעם פאַנצערצוג. אײַ, דער מאָטאָציקליסט האָט ליב געהאַט זיך כאָכמענען און אָפּשפּעטן, איז מיילע — ערשטנס, ווען מען קאָן דאָס אַרן, און צווייטנס, איז אין וועגל קימאַט יעדעס מאָל געפאָרן פּאָפּלאַווסקי — דער אָנפירער פון דער אויסשפּיר־גרופּע פון פאַנצערצוג, אַן אָדערדיקער, שטענדיק ערנסטער עלטערער לייטענאַנט, פאַר וועלכן אַפילע זשאָרזש האָט געהאַט גרויס דערעכערעץ און קיין שום קונצן אין זײַן אָנוועזנהײַט זיך ניט דערלויבט.

איצט איז פאָרגעשטאַנען צו פאָרן אין שטאַב, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט די מיליטערישע אָפּעראַציעס אַף דער אײַזנבאַן, דערין אויך מיט די שלאַכט־רייסן פון די פאַנצערצוגן. דער שטאַב האָט זיך געפונען לעבן דעם אָפּערע־טעאַטער, אין געבײַדע פון דער אײַזנבאַן־פאַרוואַלטונג. כאָטש ס'האָט ווי געטאָן דאָס האַרץ, האָט דאָך געצויגן א קוק טאָן אין אָט דער שפּעטער, איימעדיקער שאָ אַפן צענטער שטאָט, עפּשער דאָס לעצטע מאָל א קוק טאָן. נאָר געווען איז נאָך עפּעס אַזוינס, וואָס האָט געצויגן ליאָניען אין שטאָט אַרײַן, און קעדיי ס'זאָל פאַר זיך אַליין ניט אויסקומען, אַז דאָס אינטערעסירט אים שטאַרק, האָט ער זיך באַמיט טראַכטן וועגן גאָר עפּעס אַנדערש.

דאָרט, אין דער אײַזנבאַן־פאַרוואַלטונג, וועט ער עפּשער נאָכאַמאָל זען דעם מאַיאָר ראַטמאַנסקי, דעם שעף פון אָפּעראַטיוון אָפּטייל פון שטאַב, דעם וווּקסיקן גוואַר. גיכער פון אַלץ וועט ראַטמאַנסקי איבערגעבן דעם באַפעל, וועלכן מע דערוואַרט. אויב גלייבן זשאָרזשן, איז דאָס א יִינגערער ברודער יענעם מישע ראַטמאַנסקיס, וועלכער איז אַמאָל, אין בירגערקריג, אומגעקומען מיטן קאָמיוגישן אָטריאַד אין טריפּאָליע. זשאָרזש ווייסט צו דערציילן אַפילע אַזאַ אײַנצלהײַט: דעמלט א צוועלפיאָריק יִינגל, איז דער־אָ ראַטמאַנסקי נאָכגעלאָפן דעם אָטריאַד ביז פּושטשאַוואָדיצאַ, נאָר געוואָלט, אַז מע זאָל אים מיטנעמען, ביז מישע האָט צוגעטראַכט, וויִאַזוי אים צווינ־

געגן אומקערן זיך אהיים, — ער האָט אים געהייסן איבערגעבן דעם שליסל פון דער שטוב דער מאמען, וועלכע איז געווען אַף דער ארבעט... זאָל זײַן, ס'איז טאקע געווען אזוי?

ליאָניע האָט געוווסט, אז קיין ענטפער וועט ער אַף דעם ניט באקומען און אז ער טראכט וועגן דעם בלויז, קעדיי פון זיך אליין צו באהאלטן, אז ער טראכט גאָר וועגן טאניען, וועגן יענעם מיידל, וואָס אזא שיינס האָט ער נאָך קיינמאָל ניט געזען און וואָס קעדיי א קוק טאָן אַף איר, דאַרף מען זיך אופהייבן איבער די מירמלשטיינערנע טרעפּ פון דער אײַזנבאַן־פארוואלטונג אַפן צווייטן שטאָק און, מאכנדיק דעם אָנשטעל, אז האָסט פארבלאָנדזשעט, אָן עפן טאָן די טיר פון קאדרען־אָפּטייל. דערבײַ האָט ער אויך געוווסט, אז ס'איז נאריש און ניט נאָר נאריש — פּאָשעט אומזיניק ניט בלויז דאָס, וואָס ער קלײַבט זיך אופהייבן אַפן צווייטן שטאָק און טאָן אזוי, ווי ער האָט שוין עטלעכע מאָל געטאָן. פארוואָס זאָל ער גאָר ביכלאל טראכטן, אז טאניע איז אויך הײַנט דאָרט, ווו זי איז געווען אנומלטן? פארקערט, ער האָט גאָר איצט מיטן גאנצן הארצן געוואָלט, זי זאָל דאָרט שוין ניט זײַן. נאָר זען זי ווידער וואָלט ער זייער וועלן, און זאָל זי דורכגיין פארבײַ אים א שלאנקע, מיטן שטאָלץ פארהויבענעם שווארץ־געלאָקטן קאָפּ און א קוק טאָן פון דער זײַט מיט די לענגלעכע שווארצע אויגן, גלײַכגילטיק, דאכט זיך, נאָר אזוי, אז זי נעמט דיך דורך מיטן בליק אַף דורך און דורך, זאָל זי... און זאָל זשאָרזש אפילע ווידער זאָגן, אז ס'איז ניטאָ וואָס צו גלאָצן אַף איר די אויגן, ווײַל אין איר איז פארליבט איינער א געשטופּלטער, א שווארצער, וואָס איז אָנדערהאלבן מאָל עלטער פון איר; ס'איז אָנגענעם גראָד דאָס, וואָס זשאָרזש זאָגט דאָס דיר; הייסט עס, אז ביכלאל ביסטו שוין אויך עפּעס ווערט... ערשט אייערנעכטן, — ס'איז געווען אפילע א ביסל שפּעטער, ווי איצט, — ווען מע האָט אינדרײַען, ליאָניע, זשאָרזש און פּאָפּלאווסקי, זיך אומגעקערט פון שטאב מיטן באפעל וועגן דער שלאכט הינטער זשוליאנע, האָט מען אָנגעלייגט א שטיקל וועג און אָפּגעפירט אַפן מאָטאָציקל טאניען אהיים, אַפן ראָג פון וולאדימירער און סאקסאגאנסקי־גאַס. טאניע איז געזעסן אינעם וועגל, און ער, ליאָניע, האָט זיך אײַנגעמאָסטעט אויבן, אַפן וועגל, לעבן דעם צעלולאָיד־דעקל, און האָט געקוקט אַף איר פונדערנאָענט, כאָטש עס איז, ווי אפּצולאָכעס, געווען שטאָקפינצטער, געהערט איר שטיפעריש־געפּעסטעטן „אוי“, ווען דאָס וועגל איז אונטערגעשפּרונגען, א פּאָר מאָל האָט זי זיך אָנגעכאַפּט פאר זײַן האנט, פארן אקסל... איז דאָך דאָס געווען אייערנעכטן. און ווו איז זי איצט? און די יאזדע אהין, אין שטאב, איז איצט גאָר אַן אנדערע, אזא, וועגן וועלכער מע האָט נאָך אייערנעכטן ניט געטראכט.

צי וועט מען נאָך קאָנען דורכשלאָגן זיך מיטן פּאנצערצוג אַף מיזרעך? צי עפּשער וועט אויסקומען אונטערײַסן אים ערגעץ דאָרט, פּאָרויס, און אוועק פּארטיזאנעווען? וועגן דעם אלע־מען האָט מען הײַנט ניט איין מאָל גערעדט, און ליאָניע האָט שוין געטראכט וועגן דעם אפילע אָן א באזונדערער פארצווייפלונג. אבי צוזאמען מיט אלעמען — מיט יערעמיי זארובא, מיט פּיאָדאָר פּידכאטני, מיט גאָלאָוואניאָוון און פּאָפּלאווסקין, און אפילע מיט זשאָרזשן.

אין דעם מאָמענט, ווען ליאָניע איז מיט זיך דורכגעקומען, אז מיילע, זאָל זײַן מיט זשאָרזשן אויך, ווען די אופגעבראכטקײַט אַף זשאָרזשן איז שוין קימאט צערונען, איז יענער אָנגעקומען א פארסאָפּעטער, ארײַנגערוקט ליאָניען אין האנט עפּעס ווארעמס, וואָס איז פארוויקלט געווען אין פּארמעט־פּאַפּיר, — די וועטשערע פאר פּאָפּלאווסקין, — און געזאָגט:

— זעץ זיך אין וועגל, מיר פּאָרן!

ווען מע איז אָפּגעפאָרן א מעטער הונדערט סאכאקל, האָבן פון פאָרנט קימאט אייזצײַטיק זיך אופגעריסן עטלעכע סנאריאדן. זיי זײַנען געפאלן עק קאָמינטערן־גאַס, דאָרט, ווו זי גיסט זיך ארײַן אין שעווטשענקאָ־בולוואר. די שלאנקע טאָפּאָלן פון בולוואר האָבן, העל באלויכטענע, ווי אָנגעצונדן זיך, איינער איז אונטערגעפלויגן און געפאלן אַף דער גאַס.

זשאָרזש האָט זיך צוגעבויגן צו ליאָניען, וועלכער האָט אינסטינקטיוו זיך אײַנגענורעט אין וועגל, און מיט אַן אופגערעגטן געלעכטער געפרעגט:

— אין צירק ביסטו שוין לאנג געווען?

— אין צירק?

— נו, יאָ... אָט טו א קוק!

אויסגעשלאָסן דעם מאָטאָר און געלאָזט דעם מאָטאָציקל לויפן בארג־אראָפּ לויט דער אינערץ, האָט זשאָרזש, האלטנדיק זיך מיט ביידע הענט פארן רודער, לײַכט אופגעהויבן זיך אַף זיי, פאר־וואָרפן די פיס ארוף, און אָט אזוי, מיטן קאָפּ אראָפּ, א דראָטיק־אויסגעצויגענער, דערפאָרן ביז יענעם אָרט, ווו עס האָט זיך אָנגעהויבן דער בארג־ארוף און וווהין עס האָט דערגרייכט דער רויך פון די אופרײַסן. דאָ האָט ער זיך ווידער אראָפּגעלאָזט אין זאָטל און אײַנגעשלאָסן דעם מאָ־טאָר. דער מאָטאָציקל האָט האסטיק זיך א ריס געטאָן פּאָרויס.

ליאָניע האָט געשוויגן, זשאָרזש — אויך. ער האָט ניט געוואַרט אַף קיין לויב, אַף קיין קאָ־מענטארן, און מאכמעס דעם אוואדע שטארק געדריקט אַף די פּעדאלן, אזוי אז דער מאָטאָר האָט

מוירעדיק גערוישט. מע איז געפֿאָרן איבער פּוסטע גאַסן, און ליאָניע האָט אַ פֿאַרומערטער גע־טראַכט, אַז אין אַ פּוסטער שטוב קאָן מען זיך אַמאָל דערלויבן לעצאַנעס, אַזוינס, וואָס מע טוט ניט, ווען מענטשן זײַנען דאָרט דאָ. אָבער די שטאָט איז דאָך ניט פּוסט, הינטער יעדער וואַנט האָט פֿאַרטײַעט און אָנגעשטרענגט פּולסירט דאָס לעבן...

ווען ליאָניע און זשאָרזש דודאַקאָוו זײַנען אַרײַנגעקומען אין צימער אויפֿן ערשטן שטאָק, וואָס איז אויסגעטיילט געווען פֿאַר די פֿאַרבינדלער פֿון פֿאַרשיידענע מיליטערישע און האַלב־מיליטע־רישע טיילן, איבער וועלכע דער שטאַב האָט געהאַט צו שאַפֿן, איז דאָרט פֿאָרגעקומען עפּעס אומגעוויינלעכס. שטענדיק איז מען דאָ אָדער געשלאָפֿן אויף די בענק און אויף די טישן, ביז מע וועט אַרויסרופֿן וועמען מע דאַרף, אָדער מע האָט געשפּילט אין דאָמינאָ און אַפֿילע געכאַפּט אַ קערטל. איצט זײַנען אַלע געשטאַנען אויסגעצויגן, סײַ די סאָלדאַטן, סײַ די פֿאַרבינדונג־אָפֿיצערן, און ראַטמאַנסקי מיט איינעם אַן עלטערן לייטענאַנט, ניט קיין הויכן, אַ געפּאַקטן, מיט אַ קימאַט קוואַדראַט פּאָנעם, מיט אַ גרין קאָמענדאַנטן־בענדל אויפֿן אַרבל, האָבן שטרענג געפֿרעגט וועגן עפּעס אַלע מאָל אַן אַנדערן פֿון די בײַוועזנדיקע און איינציקע פֿון זיי באַפֿוילן שטעלן זיך בײַ דער טיר. דער עלטערער לייטענאַנט, וועלכער האָט אויף אַ שפּאַן איבערגעיאָגט ראַטמאַנסקין, — יענער האָט זיך פֿאַרהאַלטן לעבן עמעצן פֿון די אָפּגעקליבענע, — האָט געפֿרעגט בײַ זשאָרזשן:

— פֿון וועלכן טייל?

ראַטמאַנסקי האָט אײַליק אַ קערעווע געטאָן דעם קאָפּ און געזאָגט:

— איך ווייס, איך ווייס — דער בלײַבט...

דאָך האָט זשאָרזש, ווי דערפֿרייט זיך מיט דער דאָזיקער מעגלעכקײַט, הויך, בראַוו געמאָלדן, ווער ער איז.

— און איר ווער זײַט? — די דאָזיקע פֿראַגע האָט שוין ראַטמאַנסקי געשטעלט ליאָניען.

— פֿון זעלבן פּאַנצערצוג.

פּאָפּלאַווסקי איז דאָ אויך געווען. ער האָט דערקלערט:

— אַן אויטאָמאַטלער, ער באַגלייט אונדז.

— אַהאַ! — ראַטמאַנסקי האָט אָנגעכמורעט די ברעמען און עטוואָס פֿאַרקרימט דאָס מויל, אין וועלכן עס האָט אַ פֿינקל געטאָן אַ גאָלדענער צאָן. — איר וועט זיך באַגיין אָן אים. — און באַוויזן ליאָניען מיט אַ האַנט אויף דער טיר. — אַהין!

— דערלויבט, כאַווער מאַיאָר, — האָט זשאָרזש געמאַכט אַ טראָט פֿאָרויס, — דערלויבט פֿרעגן, וווהין נעמט איר אים?

פּאָפּלאַווסקי, אינגאַנצן אַן אָנגעצויגענער, האָט אויפֿגערעגט געשאָקלט מיטן קאָפּ צו זשאָרזשן, ס׳הייסט: „וואָס מישסטו זיך!“ נאָר זשאָרזש האָט, קוים־קוים צושמייכלענדיק, אַ ביסעלע פֿראָ־סטאַקיש און דאָך באַשטייענדיק אויף זײַנעם, געוואַרט אויף ענטפֿער.

— מיר האָבן דאָ שוין געזאָגט, נאָר איר זײַט ערשט אַרײַן, — האָט ראַטמאַנסקי געדולדיק, כאָטש ס׳איז צו זען געווען, אַז דאָס קאָסט אים געזונט, דערקלערט, — מע דאַרף העלפֿן דער קאָמענדאַטור אונטערהאַלטן די אָרדענונג אין שטאָט, פּאַטרולירן אַ געוויסן ראַיאָן.

— און דאָס איז אויף לאַנג? — האָט זשאָרזש אַ פֿאַרזאָרגטער געפֿרעגט.

— ביז אינדערפֿרי.

— איך וואָלט עפּשער צוגעפֿאָרן נאָך אים אויפֿן מאָטאָציקל, אַז ב... ווען... ווען איך זאָל וויסן, ווו אים זוכן.

— איר וועט קיין צײַט ניט האָבן. — ראַטמאַנסקין האָט גערירט אָט די זאָרג, דערפֿאַר האָט ער דערקלערט: — יעדנפֿאַלס, זײַן וועט מען אין ראַיאָן פֿון אַנדרייעווסקי ספּוסק, גאָנטשאַרנע, גלובאָטשיצע. דאָרט זײַנען ליים־בערג, קוסטעס... נו, נעמט די מענטשן! — האָט ער זיך געווענדט צום עלטערן לייטענאַנט.

ליאָניע איז נאָך אַ מינוט געשטאַנען אַ פֿאַרלוירענער, ביז די, וואָס זײַנען אָפּגעקליבן גע־וואָרן, זײַנען איינער נאָכן אַנדערן אַרויס אין קאָרידאָר. און געקומען איז ער צו־זיך גאָר פֿון אַזאַ געדאַנק: „אַנדרייעווסקי ספּוסק. דאָרט וווינט טיכאָן וואַסיליעוויטש. שפּעט, אַניט וואָלט עפּשער קעדײַ געווען אַרײַנגיין צו אים כאָטש אויף אַ ווײַלע“. אָט דער געדאַנק, וואָס האָט, אייגנטלעך, געקאָנט נאָך שווערער מאַכן זײַן געמיט, האָט אים גראָד געטרייסט, ווי עס טרייסט שטענדיק די דערמאָנונג וועגן אַ גוטן מענטשן.

4

טיכאָן וואסילֿיעוויטש קאלֿינקא — דאָס איז געווען יענער אלֿטיטשקער וועכטער פון דער קלֿיידער־אטעלֿיע, וועמען לֿיאָניע האָט געהאט באגעגנט, ווען עס איז אים אײַנגעפאלֿן ווענדן זיך אין דער פּאָטשט־אָפּטיילֿונג, ווו דער טאטע פּלֿעגט באקומען בריוו צום אופּאָדערן. מע האָט נאָך עטלֿעכע מאָלֿ זיך געזען טאקע בא דער דאָזיקער פּאָטשט־אָפּטיילֿונג. צולֿעצט, ווען לֿיאָניע איז אָנגעקומען אפן פאנצערצוג און האָט זעלֿטן געקאָנט זיך אראָפּכאפּן אין שטאָט, האָט ער גאָר געבעטן טיכאָן וואסילֿיעוויטשן זיך דערוויסן, עפּשער וועט עפּעס אדרעסירט זײַן די קרעמעזעס — אומאָפּהענגיק וועמען. די מיידלֿעך פון דער פּאָטשט האָבן שוין, נעמענדיק אין אכט די באזונדערע אומשטענדן, ניט אָפּגעהיט שטרענג די דאָזיקע געהיימניס, זיי זײַנען אפילֿע מאסקים געווען אָפּגעבן דעם אלֿטן די בריוו, וואָס וועלֿן אָנקומען דירעקט אף לֿיאָניעס נאָמען.

לֿיאָניע האָט זיך געקאָנט באווײַזן אין שטאָט אויך אפּדערנאכט, און דעמלֿט האָט ער ניט געהאט וואָס צו גיין אף דער פּאָטשט — ער האָט געאײַלֿט צום וועכטער אהיים, אין זײַן קעלֿער־שטוב, וואָס האָט זיך געפונען אין דער טיף פון א גרויסן, באלֿעבטן פּאָדאָלֿער הויף. ער איז שוין דאָרט געווען עטלֿעכע מאָלֿ. סײַ טיכאָן וואסילֿיעוויטש, סײַ זײַן ווײַב, דאָקיע סטאסאָווגע, סײַ דאָס פּופּצניאָריקע יינגלֿ עדיק, וואָס ס'איז ניט קלֿאָר געווען, צי ער איז אן אייניקלֿ זייערס, צי גלאט א דערצויגלֿינג, ווײַלֿ ער איז לֿאכלֿוטן ניט ענלֿעך געווען אף די אלֿטע און גערופן זיי בא די נעמען (פרעגן האָט לֿיאָניע ניט געוואגט), — אלֿע האָבן אים פארעכנט פאר אן אייגענעם, און אפילֿע, ווי ער האָט פארשטאנען, געגרויסט זיך מיט אים. אָט האָט מען, הייסט עס, אויך עפּעס א שײַכעס צום פראָנט, מע פארמאָגט דאָרט כאָטש א באקאנטן, וואָס מע טוט עפּעס פונזײַנטוועגן...

לֿיאָניע האָט געוווּסט, אז דאָס איז אופריכטיק. איינצײַטיק אָבער האָט ער געשפּירט, אז עפּעס איז אין דעם, ווי מע באציט זיך דאָ צו אים, ווי מע נעמט אים אוף, פארבאָרגן א ווייטעק, א טיפֿער און א באשטענדיקער. וועגן דעם האָט איידעס געזאָגט די אָפּהענטיקײַט און טיפֿע פארוּמערטקײַט, וואָס פּלֿעגט מיטאמאָלֿ באהערשן דעם אלֿטן, די אלֿטיטשקע, אפילֿע דאָס יינגלֿ בייס זײַנער, לֿיאָניעס, א דערמאָנונג וועגן פראָנט, וועגן כאוויירים צי גאָר וועגן די דײַטשן. ער האָט בעשום־אויפן ניט געקאָנט אופכאפּן, פון וואָס קומט זי, די מאמעש שולֿדיקע אָפּהענטיקײַט זייערע. באם יינגלֿ, עמעס, האָט זיך עס געפילֿט שוואכער, ווי בא די אלֿטע לֿײַט, נאָר די סיבע איז גראָד געווען אן אנדערע — דאָס יינגלֿ האָט ביכלֿאלֿ ניט אלֿעמאָלֿ געוווּסט, אף וועלֿכער ווײַלֿט ער איז. שטענדיק איז ער געווען פארטיפט אין קאָמפּלֿיצירטע כעזשבוינעס, שטענדיק אף באלֿיביקע שטיקלֿעך פּאפּיר געצייכנט געאָמעטרישע פיגורן. דער בלֿיק זײַנער — אן אָפּוועזנדיקער און איינצײַטיק טיף פארטאָנענער, וואָס פאלֿט זײַטיק, פון אונטער די געדיכטע, צונויפגערוקטע ברעמען און ווערט געוואָרפן, ווי פון גאָר אנדערע וועלֿטן... ער האָט זיך אראָפּגעלֿאָזט בלֿויז אף א ווײַלֿינקע אף דער ערד, עדיק, א שמייכלֿ געטאָן לֿיב, אויסקערעווענדיק דאָס איידעלֿע, בלֿאסע פּאָנעם צום אלֿטן, צו דער אלֿטיטשקער, דערבײַ א טשמאָקע געטאָן מיט די פולֿע לֿיפּן, ס'הייסט, דאָס קושט ער זיי אזוי, און ווידער אוועקגעטראָגן זיך אהין, אין די אוילֿעמעס... עדיק האָט שטודירט העכערע מאטעמאטיק, געווען אי צופילֿ א קינד אין אָט דער צו פריִער פארכאפּטקײַט זײַנער, אי לֿאכלֿוטן קיין קינד ניט. און דאָך האָט אפילֿע בא עדיקן, ווען ער פּלֿעגט דערוואכן פון זײַנע ראיוינעס, באוויזן זיך די זעלֿבע קרענקלֿעכע אָנגעשטרענגטקײַט, ווי בא די אלֿטע לֿײַט, און די ניט ארויסגעבראכטע טיפֿע דאנקבארקײַט, וואָס ער, לֿיאָניע, קומט ארײַן אהער. לֿיאָניע האָט דאָס נאִיוו דערקלֿערט אלֿץ מיט דעם זעלֿבן: זיי האָבן קיינעם ניט אפן פראָנט און ס'איז זיי ניט באקוועם, וואָס אין אזא צײַט איז מען אזוי ווי זײַטיקע.

ווען לֿיאָניע זאָלֿ א שמועס טאָן מיט עמעצן אין הויף, וואָלֿט ער זיך לֿײַכט דערוווּסט, אין וואָס עס האנדלֿט זיך. נאָר אים זײַנען פרעמד געווען אזעלֿכע גענג, ער האָט די מענטשן געטרויט, געהאלֿטן זיי פאר פרײַנט און זיכער געווען, אז אזוי איז עס.

און ס'איז טאקע געווען אזוי, כאָטש לֿיאָניע האָט ניט געוווּסט וועגן עפּעס גאנץ וועזנטלֿעכס, וואָס איז סײַ אין קעלֿער בא די קאלֿינקעס, סײַ אויסער אים קיינמאָלֿ ניט פארגעסן געוואָרן און וואָס האָט הײַנטיקן אָוונט גאָר פון אן אנדער זײַט דערמאָנט וועגן זיך. און עס מעג דאָ אפילֿע געזאָגט ווערן מער: אין דער שווערער מינוט, ווען לֿיאָניע האָט א קלֿער געטאָן וועגן טיכאָן וואסילֿיעוויטשן, האָט אָט דער מענטש מיטן פּאָנעם פון אן אלֿטן רוימישן פילֿאָסאָף אָדער א דיכטער, מיטן איינציקן, וואָס האָט צוגעגעבן הײַנטצײַטיקײַט זײַן אויסזען, ווי לֿיאָניע האָט שוין אמאָלֿ געהאט באמערקט, מיט דער לֿיולֿקע אין ווינקלֿ פונעם אײַנגעפאלֿענעם מויל, געטראכט וועגן אים, וועגן לֿיאָניען, אז עס וואָלֿט גוט זײַן, ווען ער שטעלֿט זיך איצט מיטאמאָלֿ ארײַן. אייגנטלֿעך, האָט זיך געהאנדלֿט ניט נאָר אין לֿיאָניען, ער האָט בלֿויז געזאָלֿט זײַן דער, וועגן וועמען דער אלֿטער האָט געטראכט — א באוואָפנטער מענטש, וועלֿכער וואָלֿט מיט זײַן פּלֿוצעמדיקן באווײַזן זיך לֿעבן טויער, בא וועלֿכן טיכאָן וואסילֿיעוויטש איז געשטאנען מיט דער אויסגעלֿאָשענער לֿיולֿקע אין מויל, א סאָף געמאכט צו די שווערע ספּייקעס זײַנע.

5

מיט א שאָ צוריק האָט עמעצער לײַכט אָנגעקלאַפּט צו די קאַלינקעס אינעם פאַרהאנגענעם קיך־פענצטער, מע האָט ניט לאַנג געהאַט אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט דער וועטשערע, און אַזױװי די קיך איז געװען אױך דער עסצימער און אַזױװי דאָקיע סטאַסאָװנע האָט ביכלאַל ליב געהאַט, אַז אין די צימערן (אין דעם זאַל, װוּ זי האָט גערופֿן דעם גרױסן צימער, נאָך דער קיך, און אין די צװײ זײַטיקע — אין שלאָפֿצימער פֿון דעם אַלטן פּאָרפֿאָלק און אין עדיקס פּיצינק כײדערל) זאָל שטענדיק זײַן צוגעראַמט, האָט מען, װי אַלע מאָל, אױך איצט זיך דאָ פֿאַרהאַלטן. עדיק האָט זיך פֿאַרטיפֿט אין אײנעם פֿון די דיקע ביכער, װעלכע ער שטודירט, — אין שול װעט מען אױך מאָרגן ניט לערנען, װי מע לערנט שױן ניט דרײַ טעג, איז ניטאָ װאָס צו דערמאָנען אים, ער זאָל זיך נעמען צו די קלאַס־פֿאַרגעבונגען, צו װעלכע ער האָט געװײנלעך א קנאַפּן כײשעק, כאָטש דאָס, װאָס די לערער פֿאָדערן, פּילט ער אױס, אױב מע באַשטײט אױף דעם; די אַלטע האָט געװאַשן דאָס געפֿעס אין א ברײטער שיסל, און טיכאָן װאַסיליעװיטש האָט, זיצנדיק אונטערגעשפּאַרט מיט בײדע הענט דעם פּליכעװאַטן קאָפּ, געשלאָגן זיך מיט דער דײע — אָנבראָקן אָדער ניט א ביסל טאַבאַק פֿון די בלעטער, װעלכע ער האָט אױף א גאַנץ יאָר פֿאַרגרײט. אָט אַזאַ־אָ, א געמיטלעכע, איז געװען די דאָזיקע שאָ, װען עס װילט זיך ניט טראַכטן װעגן דעם שװידערלעכן, װאָס רוקט זיך אָן, און װען טאַקע אינעם אױספּילן דאָס געװײנלעכע, דאָס טאָגעגלעכע, זעט דער מענטש א סגולע ניט נאָר אױף פֿאַרגעסן זיך, נאָר אױף אױפֿהאַלטן אין זיך די האָפֿענונג, אַז דאָס שװערע װעט־װי־עס־איז פֿאַרבײַגײן, מײַדן אים.

און פּלוצעם האָט זיך דערהערט דער לײַכטער קלאַפּ אין פֿענצטער. איבערגעקוקט זיך מיטן װײַב, — עדיק האָט ביכלאַל אױפֿן קלאַפּ קײן אַכט ניט געלײגט, — איז טיכאָן װאַסיליעװיטש אַװעק עפֿענען און אומגעקערט זיך מיט א מיליטערישן, אַן אָפֿיצער, װעלכן ער האָט, פּונקט װי דאָקיע סטאַסאָװנע און עדיק, ערשט דאָ, בײַ דער שײַן, געקענט רעכט באַטראַכטן.

דער אַרײַנגעקומענער איז, װײַזט אױס, נאָך ניט אַלט געװען קײן פֿערציק, נאָר װײַל ער האָט זיך עטלעכע טעג ניט געגאָלט, האָט מען אים געקאָנט געבן מער. ער האָט געטראָגן װאַנציעלעך, װאָס האָבן אױפֿן פֿאַרװאַקסענעם פּאָנעם קױם זיך אױסגעטײלט. די נאָז, דאָס מױל, די קינבאַקן, דער אױגן־שניט — אַלץ אײדל געצײכנט. דער קאָפּ איז געװען פֿאַרבונדן מיט מאַרליע, און צונױפֿגעקלעפּטע פּאַסמעס האָר זײַנען אַראָפּגעהאַנגען איבערן באַנדאַזש. דער אָפֿיצער איז געװען א ביסלע העכער פֿון מיטלען װוּקס, מאַמעש קעצישע געצױמטקײַט האָט זיך געשפּירט אין זײַן דאַרלעכן גוף. אָט דאָס און די אָנגעשטרענגטקײַט זײַנע, װי ער זאָל דורך די װענט און דורך דער צוגעמאַכטער טיר, װאָס פֿאַרשטעלט די װײַטערדיקע צימערן, און דורך דעם שטילן קלאַפּ פֿון „כאָדיק" װעלן הערן און זען, צי ס'איז דאָ מער קײנער ניטאָ, — דאָס אַלץ האָט אָפּגעמערקט אײן עדיק, װעלכער האָט אױף עטלעכע רגעס אָפּגעריסן די אױגן פֿונעם בוך. עדיק, אױב ער האָט שױן יאָ געװענדט אױף עפּעס די אױפֿמערקזאַמקײַט, האָט ער געזען מער, װי עמעצער אַנדערש.

— זײ זוכן א נאַכטלעג, — האָט טיכאָן װאַסיליעװיטש דערקלערט דעם װײַב.

דאָקיע סטאַסאָװנע האָט קױם א צוק געטאָן מיט די אַקסל. דער דאָזיקער צוק און דער שטומער בליק האָבן באַטײַט אי פֿאַרלעגנהײַט: „עפּשער דאַרף מען עמעצן מעלדן װעגן דעם?", אי איבעראַשונג: „זע, פֿון גאַנצן הױף — גאָר צו אונדז געטראָפֿן!", אי פּאָשעטע זאָרג: „פֿאַרװאָס ניט, זאָל א מענטש אָפּרוען, אָבער צי װעט אים גוט זײַן בײַ אונדז?" טיכאָן װאַסיליעװיטש האָט איר מיטן בליק געענטפֿערט, אַז „װי דאָס זאָל ניט זײַן, נאָר דער מענטש איז שױן דאָ".

— א נאַכטלעג װעט זיך געװײנלעך געפֿינען, — האָט דער אַלטער געזאָגט מיט געלאַסנקײַט אין שטים, װאָס מאַכט א סאָף צו די װאַקלעניש, זײַנע און דעם װײַבס, און קעדײ געבן צו דערפֿילן דעם אַרײַנגעקומענעם, אַז מע איז צופֿרידן מיט אים, א קוק געטאָן אױף זײַן צעקנײטשטער פּעטליצע, װוּ ס'האָט אומקלאָר זיך געזען עפּעס א צײכן: — איך װײס ניט, װי ריכטיק אײַך אָנרופֿן לױטן ראַנג נאָך...

— עס מאַכט ניט אױס, א קאַפּיטאַן! — דער פֿאַרװונדעטער האָט אַװעקגעלײגט אױף דער באַנק בײַ דער טיר דעם שינעל, די פּילאָטקע, דעם קימאַט לײדיקן רוקזאַק, און מיט פֿאַרלײַכטערונג, אין װעלכער ס'האָט אָבער אַלצײנס זיך געפֿילט א מאָדנע אָנגעצױגנקײַט, א שפּאַס געטאָן: — װי זאָגט מען דאָס, איר מעגט מיך אַפֿילע אָנרופֿן טאָפּ, נאָר שטעלט מיך ניט אין אױװן.

די דאָזיקע רעפּליק איז ענדגילטיק ניט געפֿעלן געװאָרן עדיקן, ער האָט װידער זיך גענומען צום בוך.

דאָקיע סטאַסאָװנע האָט פֿאַרגעלײגט דעם קאַפּיטאַן אַרומװאַשן זיך. ער האָט בלױז א שװענק געטאָן די הענט אונטערן קראַן. דאָס איז געװען נאָך אײן באַװײַז דערפֿון, װי מיד און אױסגעשעפּט ער איז.

— עפּעס עסן?

— נייִן, קיין עסן וועט איצט אין האַלדז ניט קריכן, בעסער — שלאָפֿן.

די באַלעבאַטים האָבן זיך שטיל מעיאַשעוו געווען און באַשטימט באַלייגן דעם גאַסט אין עדיקס צימערל.

— וועסט שלאָפֿן אין זאַל הײַנטיקע נאַכט, — האָט טיכאָן וואַסיליעוויטש אַ פֿיר געטאָן מיט דער דלאָניע איבערן יִנגלס אײַנגעבויגענער פּלייצע און איז אַוועק אויסבעטן.

דער קאַפּיטאַן האָט עטלעכע מאָל דורכגעשפּאַנט איבער דער קיך, געשטאַנען אַ מינוט הינ־טער עדיקס פּלייצע, אַרײַנגעקוקט, וואָס פֿאַר אַ בוך ער לייענט, מיט כּידעש אַ הייב געטאָן די ברעמען. באַלד האָט ער געגומען זײַנע זאַכן און איז אָן אָן אײַנלאַדונג אַוועק אַהין, וווּ דער אַלטער האָט געגרייט פֿאַר אים אַ געלעגער.

אין פֿיצינקן צימערל איז געשטאַנען אַ שמאָל בעטל, אַן עטאַזשערקע מיט ביכער און אַ טישל, אַ פֿאַרוואָלגערטס מיט העפֿטן און אויסגעפּליקטע זײַטלעך, דורכויס פֿאַרשריבענע מיט מאַטעמאַטישע פֿאָרמולעס. ווי נאָר דער קאַפּיטאַן איז אַהער אַרײַן, האָט ער זיך גענומען אופֿירן ניט ווי קיין גאַסט: געפּרוווט, צי די טיר מאַכט זיך גוט צו, אַרויסגענומען דעם שליסל פֿון יענער זײַט און אַרײַנגעשטעלט אים פֿון אינווייניק. טיכאָן וואַסיליעוויטשן האָט די דאָזיקע אופֿירונג שאָקירט, ער האָט אַפֿילע צוריקגעהאַלטן באַמערקט: „דער שלאָס איז קאַליע”. נאָר דער קאַפּי־טאַן האָט דערויף קיין אַכט ניט געלייגט, ער האָט אויך אופֿגעהויבן אַ ברעג פֿון דער קאָלדרע, מיט וועלכער דאָס פֿענצטער איז געווען פֿאַרהאַנגען, און אַ קוק געטאָן, וווהין עס קומט אַרויס (דאָס ביסל שײַן, וואָס איז דורך דער טאַפּליע געפֿאַלן, האָט אַרויסגעכאַפּט פֿון דער פֿינצטערניש אַ קרומען שטאַם, אַן אַלטן פּלויט, און ווײַטער — אַ באַרג־אַרויף, אַ באַדעקטן מיט קוסטעס). ערשט ווען דער קאַפּיטאַן האָט דאָס אַלץ אָפּגעטאָן, האָט ער אַרויסרופֿעריש, מיט אַ שמייכל אַ קוק געטאָן אויפֿן אַלטן, אײַנגעלאַדן אים צוזעצן זיך אויפֿן איינציקן בענקל, וואָס איז דאָ געווען, אַליין אַוועקגעזעצט זיך אויפֿן ראַנד פֿון בעטל און ניט הויך, נאָר מיט שפּאָטיש־אינטימע נאָטקעס אין קאָל געזאָגט:

— איך האָב פֿאַר אײַך אַ גרוס, טיכאָן וואַסיליעוויטש. איר ווייסט פֿון וועמען? פֿון אײַער פּעטרוסן...

דער אַלטער האָט די ווערטער אופֿגענומען אויסערלעך רויִק, שטרענג. ווי ער איז געזעסן, אַוועקגעלייגט די דלאָניעס אויף די קני, אַזוי איז ער געבליבן זיצן. בלויז אין עטלעכע רגעס אַרום האָט ער זיך קוים אַ וויג געטאָן, אַ פֿיר געגעבן מיט דער האַנט איבערן הוילן שאַרבן און וואַרט־דיק אָנגעשטעלט אויפֿן קאַפּיטאַן די טריבע שוואַרצע אויגן, אַרום וועלכע ס'זײַנען געווען אַ סאַך קנייטשן.

— וואָס זשע פֿרעגט איר גאָרנישט? — האָט יענער מיט אַ געלעכטערל אַ זאָג געטאָן.

— איר וועט שוין אַליין דערציילן.

— איך גיי פֿון אַרומרינגלונג, פֿון סאַמע לוואָוו. צופֿעליק זיך דאָרט געטראָפֿן מיט אײַער זון. די דײַטשן רעכענען זיך מיט אים... און באַ די, וואָס שאַפֿן די נײַע אַדמיניסטראַציע, האָט ער גאָר אַ גרויסע ווערט...

דער אַלטער האָט געשוויגן. וואָס עס האָט אויסגעדריקט זײַן פּאָנעם, איז שווער געווען צו זאָגן — ניט קיין צערודערונג, ניט קיין דערשלאָגנקײַט, ניט קיין איבעראַשונג, ניט קיין פֿרייד. אַן אַנטישע מאַסקע, ניט מער. דאָס איז צו זען אַי געפֿעלן געוואָרן דעם גאַסט, אַי פֿאַרווײַלט אים, אַי אַ ביסל אופֿגעבראַכט — נאָר דאָס לעצטע האָט ער זיך באַמיט ניט אַרויסצווײַזן.

— אַ גוטע נײַס, אַן אָנגענעמע? — האָט ער לוסטיק איבערגעפֿרעגט. — וויפֿל האָט איר שוין, טיכאָן וואַסיליעוויטש, קיין גרוס ניט געהאַט פֿון פּעטרוסן? אַ יאָר צוואַנציק מיסטאָמע?

— זאָל זײַן צוואַנציק...

דער אַלטער האָט אַ הייב געטאָן די אויגן, גרייט שטעלן אַ פֿראַגע, און ווײַל דער גאַסט האָט פֿאַרשטאַנען, וואָס פֿאַר אַ פֿראַגע דאָס קאָן זײַן, און דערווײַל געוואָלט זי אויסמײַדן, האָט ער אײַליק, שוין אָן אַ שמייכל, אַפֿילע אַזוי ווי מיטפֿילנדיק, געפֿרעגט:

— און פֿון גנאַטן, פֿון גנאַט טיכאָנאָוויטשן, האָט איר יעדיעס?

— פּעטראָ ווייסט, וואָס עס איז מיט גנאַטן געשען? — האָט דער אַלטער זיך פֿאַרכידעשט; און באַלד דאָס זעלבע איבערגעפֿרעגט אַנדערש: — ווייסט ער, הייסט עס, וואָס עס איז מיט גנאַטן געשען? — אין דער פֿראַגע האָט זיך דערהערט ווי אַ פֿאָרוואָרף.

דער גאַסט האָט צוגעשאָקלט מיטן פֿאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ און אײַנגעקוקט זיך אין טיכאָן וואַסיליעוויטשן שאַרפֿער, ווי ביז דעם, — דער פֿאָרוואָרף, וואָס האָט געקאָנט האָבן אַ שײַכעס צו פּעטראָן, האָט אָנגעשפּיצט.

— יאָ, ער ווייסט. איך האָב דאָס אים דערציילט. איך האָב מיט גנאַט טיכאָנאָוויטשן געאַרבעט צוזאַמען אין קאָנסטרוקטאָר־ביוראָ פון קיִעווער ווערקשטעל־זאַוואָד, מע האָט דאָך אים גלײַך פון דער אַרבעט צוגענומען? אַזוי? איז ווייסט איר עפּעס וועגן אים?

— וואָס איז שײַעך וויסן? — דער אַלטער האָט אָפּגעקערט די אויגן אין א זײַט. — גנאַט איז ווײַט, און פון די צען יאָר איז ער דערווײַל אָפּגעוועזן בלויז פיר.

— עך! — דער גאַסט האָט גענומען אַראָפּציִען דעם פאַרשטויבטן שטיוול. — איך וועל זיך דערווײַל אויסטאָן, טיכאָן וואַסיליעוויטש, נאָר גייט ניט אַוועק, מירן נאָך א ביסעלע שמועסן... אָנגעמוליעט די פיס... — ער האָט אַראָפּגעצויגן אויך דעם צווייטן שטיוול, די אָנעטשעס אופגעהאַנגען צופוסנס אפן ווענטל פון בעט. א שאַרפער רייעך פון שווייס האָט פאַרפולט דאָס צימערל. — עך, און איך פלעג דאָך אַמאָל אַרײַנקומען צו אײַך אין קראָם, טיכאָן וואַסיליעוויטש, אפן ווערכני וואַל, איך פלעג קויפן בא אײַך העפטן, פענעס, מאַרקעס פאַר מײַן קאָלעקציע... בא אײַך האָב איך אַמאָל קאַראַלענקאָן געזען, ער איז געקומען אָף אַן איזוואָזטשיק אַזש פון דער פונדוקלייעווסקע קויפן פּאַפּיר און טינט, און קופּערינען האָב איך געזען בא אײַך, און אַליין נעטשוילעוויצקין. די קראָם איז געווען באַרימט. אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, איז געווען א טראַדיציע בא שרײַבער, זשורנאַליסטן, קאָמפּאָזיטאָרן אײַנקויפן אַלץ, וואָס מע דאַרף פאַר דער אַרבעט, בלויז בא די קאַלינקעס... איך בין געווען א שנעקל, דעם גענעראַל שיבײַעווס אָנטרײַבערס זון...

— אַזוי, אַזוי, אַלץ איז געווען, — טיכאָן וואַסיליעוויטש האָט דערלאַנגט די ליולקע פון דער הויזן־קעשענע, פאַררייכערט — דער רייעך פון שווייס האָט געקלאַפּט אין נאָז. — איז וואָס זשע, פּעטראָ האָט אײַך באַפרײַט צי געהאָלפן לויפן? ווי קומט איר צו אים?

די אַרבקײַט האָט זיך געשפּירט אינעם אַלטנס קאָל, און דער גאַסט האָט ניט פאַרשטאַנען, צו ווען דאָס האָט א שײַכעס — צום זון אָדער צו אים.

— ער דינט אין דער פּאָליציי. פּעטראָ פאַרנעמט זיך מיט פּאָליטישע איניאַנים — שטעלט אײַך פאָר... נו, ווען מיר האָבן זיך צערעדט, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז איך בין א קיִעווער, אַז איך האָב געקענט דעם ברודער און אײַך... נו...

— א קיִעווער? — טיכאָן וואַסיליעוויטש האָט א צי געטאָן די ליולקע און אַרויסגעלאָזט דעם רויך אַזוי, אַז ער האָט פאַרדעקט זײַן פּאָנעם.

דער גאַסט האָט זיך געכאַפּט, וואָס דער אַלטער מיינט, און דערקלערט:

— געווען א קיִעווער, איצט זײַנען מיר אַלע, אַלע ברידער, כאַרקאָווער, און די עלטערן לעבן שוין ביכלאַל ניט.

— איז וואָס זשע האָט פּעטראָ איבערגעגעבן?

— אַז ער וועט אינגיכן זײַן אין קיִעוו, האָט ער איבערגעגעבן. — דער קאַפּיטאַן האָט אַרופגענומען די באָרוועסע פיס אפן בעטל, באַקוועם אָנגעשפּאַרט זיך מיטן עלנבויגן אין קישן און ניט אָפּגעווענדט די אויגן פון דעם אַלטנס פּאָנעם, וואָס איז פאַמעלעכן אַרויסגעשווומען פונעם רויך. — מיט איין וואָרט, ער האָפט, אַז איר, דער טאַטע זײַנער, וועט זיך פירן ווי געהעריק און אַז איר וועט פאַרנעמען דאָס אָרט, וואָס עס קומט אײַך.

דער אַלטער האָט צוגעדעקט מיט דער דלאָניע די ליולקע; אָן אָנגעשפּיצטער, האָט ער אפילע רייכערן אופגעהערט. ס'איז אומעגלעך געווען צו באַשטימען, ווי ער האָט דאָס געזאָגטע אופגענומען. דער גאַסט האָט געוואַרט.

— אינגיכן? — האָט ענדלעך אַרויסגעבראַכט טיכאָן וואַסיליעוויטש. — ס'הייסט, איר זײַט א מיליטערישער, ווייסט איר... האַלט עס טאַקע אַזוי שלעכט מיט קיִעוו?

דער קאַפּיטאַן האָט א הייב געטאָן איין אַקסל:

— אײַך, מײַן איך, גייט עס ניט אָן...

אָט די פּראַזע האָט ער קונציק צוגעקליבן. באַלד האָט אַלץ געדאַרפט ווערן קלאָר. ער האָט אפילע א שמייכל געטאָן. דאָס האָט געקאָנט באַטײַטן: „נו יאָ, ס'איז דאָך א כילעק צווישן מײַן לאַגע און דײַנער", נאָר אויך עפּעס אַנדערש: „אַלט פערד, וואָס מאַכסטו זיך געפּײַגערט, איך רעד דאָך מיט דיר אָפן!". שמייכלענדיק אַזוי, האָט ער צוגעגעבן:

— אַגעוו, האָב איך געלייענט א פלוגבלעטל: ווער עס וועט ווילן, וועט קאָנען באַגעגענען די דײַטשן פײַערלעך בא דער בעסאַראַבקע, אפן קרעשטשאַטיק.

טיכאָן וואַסיליעוויטש האָט איין מאָל און א צווייט מאָל א פּיפּקע געטאָן מיט דער ליולקע, שווערלעך אופגעהויבן זיך און מיט די ווערטער: „איר ווילט אוואַדע אָפּרוען", געלאָזט זיך צו דער טיר. בא דער שוועל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט.

— איר זײַט אַזויפיל אומגעגאַנגען איבער די ערטער, וואָס די דײַטשן האָבן פאַרנומען, — האָט ער שטיל געזאָגט און צוגעמאַכט די טיר, וועלכע האָט פון די טריט זיך עטוואָס געעפנט, — זאָגט, וואָס טוען זיי דאָרט מיט די ייִדן?

דער קאַפּיטאַן האָט אָפּגעשפּיליעט דעם רימען און צוזאַמען מיטן פּיסטאָלעט, וואָס איז אַף אים געהאַנגען, פאַרוקט אים אונטערן קישן. פון קעשענע האָט ער אַרויסגענומען אַ גראַנאַטע און אויך אַוועקגעלייגט זי אַהין.

— מיט די ייִדן? — האָט ער קאַלט איבערגעפרעגט (אָט די קעלט האָט געקאָנט קומען פון דעם, וואָס ער האָט זיך שוין געקליבן שלאָפן און ניט געוואָלט אָנהייבן אַ נײַעם שמועס). — איך האָב ניט געהערט.

— ניט געהערט? — טיכאָן וואַסיליעוויטש האָט, שטייענדיק צוקאָפּנס, שטראָפנדיק און דאָך מיט קווענקלעניש געקוקט אַפן קאַפּיטאַנס פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ, וועלכער איז געלעגן אַפן קישן, געזוכט די אויגן זײַנע, נאָר אַ שאָטן האָט זיי פאַרשטעלט. — ניט געהערט? און דאָ רעדט מען אַלץ מער, אַז מע טוט זיי אָן געברענטע צאָרעס, די ייִדן... און אונדזערע מענטשן ביכלאַל...

— נאָר צו אײַך האָט דאָך דאָס ווידער קיין שײַכעס ניט, טיכאָן וואַסיליעוויטש! כוץ דעם... — דער קאַפּיטאַן האָט, ניט אונטערהייבנדיק און ניט אויסקערעווענדיק דעם קאָפּ, גערעדט ווי צו דער אַנטקעגנדיקער וואַנט, אַ פּײַכטלעכער אין די ווינקלען, — כוץ דעם, האָט איר בא פּעטליורען און דעניקינען שוין אויך עפּעס־וואָס געזען און ווי־ניט־איז שאָלעם געמאַכט מיט דעם... און אײַער פּעטרוס...

דער אַלטער האָט אַ טראָט געטאָן צוריק אין צימער, קעדיי זען דעם קאַפּיטאַנס פּאָנעם.

— שאָלעם געמאַכט? דאָס האָט פּעטרוס אײַך געזאָגט? ער האָט ניט געהאַט קיין גרונט דאָס צו זאָגן! און איצט... איך דערציִ אַ ייִנגל, אַ ייִדיש ייִנגל, אָט דעם, וואָס איר ליגט אַף זײַן בעטל. אַן אומגליקלעכער איז ער, מע האָט זײַנע טאַטע־מאַמע צוגענומען קימאַט אין איין צײַט מיט גנאַטן. פּונקט ווי אַן אייגן קינד איז ער מיר טײַער, און אַ קאָפּ האָט ער, אַ גאָלדענעם קאָפּ. אַ גרויסער מענטש וועט ער עפּשער אויסוואַקסן. איז וואָס זשע דערוואַרט אים, האַ?

דער קאַפּיטאַן האָט געשוויגן און צוגעדעקט מיט דער דלאָניע דאָס מויל, קעדיי פאַרבאַהאַלטן אַ גענעץ, וואָס קומט פון נערוון־אָנשטרענגונג.

— מע וועט, מיין איך, דאָס נעמען אין אַכט, — האָט ער, ניט אָפּטוליענדיק די דלאָניע פון מויל, געזאָגט, — אַזוי מיין איך...

טיכאָן וואַסיליעוויטש איז אַרויס פון צימערל, צוגעמאַכט נאָך זיך די טיר. אין קיך האָט ער אַ פאַרלוירענער, אַ צעמישטער געקוקט אַ מינוט, ווי דאָקיע סטאַסאָוונע שטעלט פּליַיסיק אויס די טעלער אַף דער פּאָליצע, ווי עדיק שרײַבט עפּעס, דרייענדיק מיט דער לינקער האַנט אַ קוטשער אַפן שטערן.

שטיל געזאָגט: „איך וועל באַלד אַרײַנקומען“, איז דער אַלטער אַרויס אין הויף. דאָרט איז ער מיט אַן אויסגעלאָשענער ליולקע אין מויל געבליבן שטיין באַם טויער און גענומען קוקן אַף דער פּוסטער גאַס, קוים אַ באַלויכטענער פון ווײַטע אופרײַסן און סרייפּעס, אַף איר קרומען באַרג־אַרויף און פּונקט אַזאַ קרומען באַרג־אַראָפּ.

דורך די ווידערשפּרעכלעכע געפילן און געדאַנקען, וואָס האָבן אים באַהערשט און מינוטנווײַז אײַנגאַנצן פּריטשמעליעט, האָט אָן אויפהער אַלץ שטאַרקער געפּיקט אין מויעך איינס: „וואָס טוט מען?“

די דאָזיקע פראַגע האָט געהאַט אַ צווייענדיקן באַדײַט.

איינעם — עפּשער טאַקע אופשטיין מאָרגן קאַיאָר און אַוועקלאָזן זיך צופוס מיט דאָקיען און עדיקן אָדער בלויז מיט עדיקן אַף מיזרעך, דערקלײַבן זיך כאָטשבי ביז גאָגאָליעוואָ, דעם היים־שטעטל דאָקיעס, ס'איז אַ פופציק קילאָמעטער גאַנג. דאָרט זײַנען נאָך דאָ ווײַטע קרויווים און באַקאַנטע, בא עמעצן וועט מען קאָנען איבערזײַן דאָס שווערסטע שטיקל צײַט, ווײַל אַלעמאָל, ווען פרעמד מיליטער טרעט אַרײַן, זײַנען די ערשטע טעג די ביטערסטע, די געפערלעכסטע, דאָס איז נאָך פון בירגערקריג באַוווּסט, — איבערזײַן דאָרט מיטן ייִנגל, וווּ קיינער קען אים ניט און ווייסט אים ניט, ביז עס וועט זיך אַלץ איבערמאָלן און איבערקאָכן.

דער צווייטער באַדײַט פון דער פראַגע, וואָס האָט געמאַטערט טיכאָן וואַסיליעוויטשן, איז געווען גאָר אַן אַנדערער, אַזאַ, וואָס ער האָט אַליין זיך ניט געוואָלט מוידע זײַן, אַז ער עקזיסטירט און איז דער וויכטיקסטער: „ווער איז ער, דער, וועמען איך האָב געגעבן אַ נאַכטלעג?“ יאָ, עפּשער איז דאָס טאַקע געווען פאַר טיכאָן וואַסיליעוויטשן דאָס וויכטיקסטע, ווײַל עס האָט, אייגנטלעך, געדאַרפט זײַן אויך אַן ענטפער אַף דעם, וואָס ס'איז אים אָפּגענומען טײַער אָדער ניט טײַער אין לעבן.

ס'איז אים פריקרע געווען, וואָס ער איז אַרויס צום טויער, און איינצײַטיק האָט ער געוווּסט, אַז ער האָט ניט געקאָנט ניט אַרויס. און כאָטש ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'איז שוין מיסטאָמע ביכלאַל שפּעט און אומזיניק צו טאָן דאָס, וואָס ער האָט זיך געקליבן טאָן, אַז אַלציינס וועט אַלץ

גיין אזוי, ווי טויזנטער, טויזנטער מילכאָמע־געשעענישן, וואָס הענגען פון אים לאַכלוטן ניט אָפּ, האָט ער דאָך געוווּסט אויך, אז ער טוט דאָס, וואָס איז א פויעל־יויצע פון אן ערלעך דורכגעלעבט לעבן. ער האָט געוואָרט, ארויסגעקוקט באַם טויער און טיף אין הארצן געפרייט זיך, און טיף אין הארצן געווען פארצווייפלט, וואָס קיינער פון די, וועלכע וואָלטן אים איצט קאָנען העלפן, קומט ניט.

וועגן פעטראָן האָט ער ניט געטראַכט, ס'הייסט געטראַכט, נאָר אָפּגערוקט אים אין געדאַנק אהין, אף יענעם „קעגניבער", ווו די דײַטשן זײַנען געווען, און פונוואַנען דאָס שווארצע, דאָס גרויזאַמע האָט זיך אָנגערוקט. דער סיכסעך מיט פעטראָן, דעם עלטערן זון, דער סיכסעך, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן נאָך דעמלט, ווען מע איז געווען צוזאַמען, האָט מיט יאָרן זיך פארטיפט, כאָטש מע האָט שוין ניט געהערט איינער פון דעם אנדערן, יעדנפאַלס, פון פעטראָן זײַנען ביז הײַנט קיין גרוסן ניט געווען. און די סיבע פון די צאָרעס, וואָס האָבן זיך אויסגעלאָזט צו דער מישפּאָכע, און פון דעם, וואָס איז געשען מיטן ייִנגערן, מיט גנאַטן, האָט טיכאָן וואַסיליעוויטש געטראַכט, איז אויך פעטראָ. אָבער דאָס, וואָס ער דאַרף איצט אראָפּקומען, איז ניט קיין טרייסט און ניט קיין לויז פאַר דיליידן — ס'איז א שאַנד. טאַקע די פאָרשטייענדיקע באַגעגעניש מיט פעטראָן האָט אים איצט אויך געטריבן פון שטאָט און אײַנצײַטיק אים פאָרט א ביסל געפּענטעט, און ער האָט מוירע געהאַט פאַר אָט דער פּענט.

אָפּגעשטאַנען בא א פערטל שאָ באַם טויער, האָט טיכאָן וואַסיליעוויטש באַשלאָסן אומקערן זיך דערווײַל אין שטוב, ווײַל אָן אים וועלן ניט עדיק, ניט דאַקיע זיך ניט לייגן שלאָפן. און אופשטיין דאַרף מען פאָרט, ווי נאָר עס וועט נעמען שאַרײַען — דאָס איז שוין זיכער. און נאָך איינס האָט אים געצויגן אין שטוב: ס'האָט זיך געוואָלט ווידער א קוק טאָן אפן גאַסט. א טערעץ האָט זיך געפונען — מע מוז נעמען פאַר עדיקן די קאָלדרע, מיט וועלכער דאָס פענצטער איז פארהאַנגען.

אפן קלאַפּ איז קיין ענטפער פון צימערל ניט געקומען. טיכאָן וואַסיליעוויטש האָט שטיל געעפנט די טיר. דאָס פלעמל פון דער צינד־מאַשינקע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט, האָט פארלאָשן א צוגווינט. ווען דאָס פײַערל האָט ווידער אופגעבליצט, האָט דער אַלטער א פארציטערטער דערזען: דאָס פענצטער איז צעפראַלט, די קאָלדרע הענגט אף איין צוואָק, דאָס בעטל איז ליידיק.

6

דער, וועלכער איז נאָרוואָס אנטלאָפן פון עדיקס צימערל און געלאָזט אף דער נידעריקער פענצטער־ברעט א שטיקל פארטריקנטע בלאָטע פון שטיוול, האָט דורך א ליימיקן באַרג זיך דערקליבן צו דער גאַס, וואָס שלענגלט זיך אין דער נידער, פאַראַלעל דעם אַנדרייעווסקי ספּוסק, — אף דער וואָזדוויזשענסקע, און איז א פארסאָפּעטער שטיין געבליבן הינטער א פּלויט, קעדיי איבערוואַרטן, ביז עס וועט אין די ארומיקע הויפן זיך אײַנשטילן די בילערײַ פון די הינט. געקומען א ביסל צו־זיך, האָט ער דערפילט, אז דער לינקער פוס זײַנער האָט אָנגעטראָטן אף א קאַנאַליזאַציע־דעקל, וואָס איז אײַנגעפאַסט אין שמאָלן טראָטואַר, אָן אויסגעלייגטן פון ציגל, און מיטן נאָסעק א פיר געטאָן איבערן דעקל פון איין ראַנד צום צווייטן — ס'איז געווען קלענער, ווי געוויינלעך. מיט אן אופגערעגטן שמייכל אף די צעשפּאָלטענע ליפּן האָט ער זיך אָנגעבויגן און מיט דער האַנט געגומען שאַרן איבערן דעקל. אינעם ניט געדיכטן אָרנאַמענט־געפלעכט, א פארקלאַפּטן מיט שטויב, האָט ער אָנגעטאַפּט עטלעכע אָפּגעשליפענע רוסישע אויסיעס, וואָס האָבן געבילדעט איין וואָרט מיט א „טוויאָרדי זנאַק" צום סאָף, און, כאָטש ס'איז געווען פינצטער, איבערגעלייענט: „שיבײַעוו".

— אהאַ! — האָט ער ניט הויך, מיט פרייד געזאָגט צו זיך אליין. — אָט איז ער, דער שפּור אונדזערער!

„דעם גענעראַל שיבײַעווס אָנטרײַבערס זון", — האָט זיך פאָרגעשטעלט טיכאָן וואַסיליעוויטשן דער דאָזיקער מיטן פארבאַנדאַזשירטן קאָפּ און מיט די צייכנס פון א קאַפּיטאַן. נאָר געווען איז דאָס שיבײַעווס זון — קאָנסטאַנטין.

דער צאַרישער קאַוואַלעריע־גענעראַל שיבײַעוו איז אַמאָל דאָ, אין קיִעוו, ווו די בריגאַדע זײַנע איז פרידנצײַט באַשטענדיק אײַנגעשטאַנען, באַרימט געווען מיט אזאַרטער שפּיל אפן היפּאָדראָם און מיטן זאַוואָד אף שוליאַווקע — א ירושע נאָכן שווער. אפן זאַוואָד האָט מען געגאָסן טשוהונענע פּלויטן פאַר גווירישע הויפן, קייווער־פארקנדלעך, צלאָמים. אין אָנהייב יאָרהונדערט, ווען מע האָט גענומען פארפולקומען די קאַנאַליזאַציע אין שטאָט, האָט דער גענעראַל באַקומען א גרויסן פּאָדריאַד אף דעקלעך און ביכלאַל אפן גאַנצן מעטאַל־רעמאַנענט פאַר אָט דעם צוועק.

דער גענעראַל שיבײַעוו האָט זיך געשלאָגן קעגן דער סאָוועטנמאַכט אין דעניקינס און ווראַנגעלס אַרמייען, פונעם לעצטן פּאַסיק קרימער ערד אַריבערגעקליבן זיך צוערשט קיין טערקײַ, דערנאָך קיין דײַטשלאַנד, און דער גרעסטער פּאָסטן, צו וועלכן ער האָט זיך דערדינט אין דער פרעמד, איז געווען — אַן אופזעער אַפן בערלינער היפּאָדראָם.

קאָנסטאַנטין, קאָטיע, א יונקער פון די ייִנגערע קלאַסן, איז בייסן בירגערקריג נאָך געווען צו גרין אַף אַוועק מיט די ווײַסע. ער, די מאַמע און די שוועסטער זשאַנע, ייִנגער פון אים מיט צוויי יאָר, זײַנען געבליבן שטעקן אין קיִעוו. ערשט סאָף בירגערקריג, ווען די מאַמע, וועלכע האָט פעסט געהאַלטן קאָטיען לעבן זיך, איז געשטאָרבן, איז ער אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין א קאָנטררעוואָליוציאָנערער גרופּע, בייס א דיווערסיע, א פאַרוווּנדעטער, אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון דער טשעקאַ, מיט ניסים געראַטעוועט זיך און אַנטלאָפן צוזאַמען מיט דער שוועסטער קיין בערלין. דאָ האָט דער טאַטע אָנגענומען אַלע מיטלען, אַז קאָנסטאַנטין זאָל ווערן אַן אינזשעניער. עס האָט געקאָנט הייסן: אויב ער וועט אין דײַטשלאַנד זיך ניט שטעלן אַף די פיס, וועט ער, ווען די צײַט וועט קומען, כאָטשבי וויסן וואָס צו טאָן מיט זײַן קיִעווער אייגנטום. עס זײַנען געווען גרויסן, אַז שיבײַעווס זאַוואָדל איז בא די באָלשעוויקעס זיך צעוואַקסן אין א סאָלידער אונטערנעמונג.

הײַנט, דעם ערשטן טאָג, ווען קאָנסטאַנטין שיבײַעוו איז מיט שטאַרק געשלענגלטע וועגן אָנגעקומען קיין קיִעוו, האָט ער געהאַט א סאַך געגנג און איז ניט אַוועק אַף שוליאַווקע א קוק טאָן אַף זײַן זאַוואָד. ער האָט אָבער, אומגייענדיק איבער דער שטאָט, געזוכט מיט די אויגן דעם טאַטנס קאַנאַליזאַציע־דעקלעך, און בלויז אין איין אָרט, אַף דער שמאָלער סטרעלעצקע, דערזען אַזאַ דעקל, אַן אָפּגעשפּאָלטנס גראָד דאָרט, וווּ די פאַמיליע איז געווען, אַזוי אַז געבליבן איז בלויז דער סאָף „ײַעוו“. און אָט איז דאָס צווייטע דעקל — א גאַנצס.

אייגנטלעך, האָבן די דײַטשן זיך ניט שטאַרק גערעכנט מיט דעם, ווער ווו עס האָט פאַרמאָגט אייגנטום. צוערשט האָט מען אים גאָר געשיקט אַלס פּאָליציי־שעף קיין ניקאָלײַעוו. „פריִער דאַרף מען באַצווינגען און שוין דערנאָך אָנפירן“, — פאָלגנדיק דעם דאָזיקן דעוויז היטלערס, האָט מען פיל עמיגראַנטן, ערעוו דעם מאַרש אַף מיזרעך, פאַרגעלייגט ענדיקן א ספּעציִעלע שול און אײַנגעשלאָסן זיי אין דעם פּאָליציייִשן קאָרפּוס פון דער אָקופּאַציע־אַרמיי. קיין ניקאָלײַעוו איז קאָנסטאַנטין שיבײַעוו ניט דערפאָרן. הינטער בערעסטאָווקע, ווען די סאָוועטישע אויסשפּירער האָבן אים אַרומגערינגלט, א צוגעקוועטשטן צו דער ערד מיטן איבערגעקערטן וואָגן, האָט ער זיך געפּרוּווט דערשיסן, און דערפאַר איז זײַן קאָפּ איצט געווען פאַרבאַנדאַזשירט, כאָטש די וווּנד איז שוין קימאַט פאַרהיילט געוואָרן.

ווידער האָט דאָס מאַזל אים צוגעשפּילט, קימאַט אַזוי, ווי אין איין־און־צוואַנציקסטן יאָר אינעם שפּיטאָל פון דער קיִעווער טשעקאַ. ער איז געלאָפן פון געפאַנגענשאַפט, און — א שיינע זאַך, א פּאַטאַלישקײַט! — אין דעם דײַטשישן טייל, צו וועלכן ער האָט קוים דערפּויזעט, אין א סטעפּישן דאָרף, האָט ער, וואַרטנדיק אַף א פאַרהער באַם געסטאַפּאָ־שעף, זיך באַגעגנט מיט אַן איבערלויפער, און דאָס איז געווען זײַן אַמאָליקער קיִעווער רעטער — יורי טאַנאַגאַז.

מע האָט צוזאַמען זיך געלערנט אין צוגרייטונג־קלאַס פון דער רעאַל־שול אַף באַריסאָגלעבסקע, ביז ער, קאָטיע שיבײַעוו, איז אַריבער אין דער יונקער־שול. מע פלעגט זיך טרעפן אויך שפּעטער — יורי טאַנאַגאַז איז פון צײַט צו צײַט געקומען צו די שיבײַעווס מיט זײַן פעטערס זון. דער פעטער, א קאַראַימער, האָט פאַרמאָגט א טאַבאַק־פאַבריק לעבן יעוובאַז, און זײַן זון, יוריס שוועסטערקינד, האָט זיך געלערנט מיט קאָטיען אין דער יונקער־שול. אָבער אין שפּיטאָל פון דער טשעקאַ איז קאָטיעס און יוריס לאַגע געווען א גאַנץ פאַרשיידענע — בא איינעם האָט די וווּנד אין ברוסט זיך שוין קימאַט פאַרהיילט און ער האָט אַף קיין גנאָד ניט געוואַרט, און דער צווייטער, אין א בודיאָנאָווקע, מיט א נאַגאַן בא דער זײַט, האָט באַוואַכט דעם וועסטיביול פון שפּיטאָל.

זשאַנען האָט מען שוין דעמלט ניט געדאַרפט לערנען, ווי כיינדלען זיך מיט א באָכער. זי האָט דערנאָך זיך גוט אָנגעלאַכט, דערציילנדיק, ווי יורי איז טכילעס נאַכט אַרויס צו איר אין די טשערעמוכע־קוסטעס און שוין געמוזט מאַכן דעם אָנשטעל, אַז ער זעט ניט, ווער עס גאַנוועט זיך אין איינעם ווען, מיט א קאָלדרע אַף די אַקסל, צום פּלויט פון שפּיטאָל.

וויפל ס'האָבן אים געקאָסט די מינוטן, וואָס ער האָט פאַרבראַכט מיט זשאַנען אין די קוסטעס, האָט יורי טאַנאַגאַז אַפילע אין צוואַנציק יאָר אַרום ניט געוואָלט דערציילן. „מע האָט מיך איבערן קאָפּ קיין גלעט ניט געטאָן“, — האָט ער באַשיידן באַמערקט, האָבנדיק אַוודע בעדייע צוגעבן וואָג ניט נאָר זײַן דעמאָלטיקן אופטו, נאָר אויך דעם איצטיקן. מיט א דורכגעשאָסענעם אויער, וואָס איז מעשונעדיק געשוואָלן געוואָרן, מיט א פאַרוווּנדעטן אַקסל, וואָס איז געווען אַפּגיך איבערגעבונדן, אינגאַנצן אין גאָר א קלאָגעדיקן צושטאַנד, האָט טאַנאַגאַז דאָך געפרעגט

אַף זשאנען, ווו איז זי, און דער גלאַנץ פון זײַנע טיף־פּאַרגראָבענע, קלײנע אויגן האָט אויסגעזאָגט דעם סאָד, אַז זשאנע האָט אים אַמאָל אָפּגעבריט ניט מיט קיין בענגאַליש פײַער.

קאָנסטאַנטין האָט ניט ליב נאָר צו דערציילן, נאָר אַפילע דערמאָנען זיך, אַז זשאנען האָט פון אַ האַמבורגער נאַכט־קאַפע געגומען צו זיך אין די סאַוואַנען אַן אַרגענטינער פּי־הענדלער, און דאָרט איז פאַרלוירן געגאַנגען איר שפּור נאָך דעם, ווי זי האָט מיט איינעם, וואָס איז איר מער געווען צום האַרצן, באַנומען דעם פּי־הענדלער. גאָרנישט ניט געענטפערט אַף טאַנאַגאָזס פראַגע, האָט ער פאַרטראַכט זיך נאָך וועגן איין זאַך: יענעם אַרגענטינער האָט זשאַנע געמאַכט פאַר אַן עוויען, און יורי טאַנאַגאָזן האָט דער פלירט מיט איר, און בעמיילע אויך זײַן, קאָנסטאַנטינס, פאַרשווינדן אין לעצטן סאַכאַקל ניט געפּאַטערט די ביאָגראַפיע, אויב ער האָט זיך דערקליבן צום ראַנג פון אַן ענקאַוועדיסטישן קאַפּיטאַן.

ער האָט אים פראַטעזשירט אַ ביסל, טאַנאַגאָזן. פאַרוואָס ניט, אין אַ געוויסן זין איז ער דאָך געווען זײַנער אַ באַלכויוו. דער געסטאַפּאָ־שעף פון דעם מיליטערישן טייל, וווהין זיי זײַנען ביידע אַרײַנגעפאַלן, האָט ניט געמוזט און איז ניט גענייגט געווען צו קוקן ווײַט. דער אויסגעמעלקטער אָסאַביסט איז שוין פאַר אים געווען בלויז אַן אָסאָביסט, וועלכער האָט געדאַרפט באַקומען זײַנס — אַ קויל אין נאַקן. קאָנסטאַנטין האָט געפּויעלט, אַז מע זאָל טאַנאַגאָזן אָפּשיקן אין אַ לאַגער פאַר קריגסגעפאַנגענע, דערבײַ אַלס אַ סאַניטאַר. אַזויאַרום האָט ער אים ניט נאָר געראַטעוועט די פעל, נאָר אַפילע באַוואָרנט מיט מעדיצינישער הילף. דעם טראָף איז, פאַרשטייט זיך, אויסגעקומען צו שטעלן אַף דעם, אַז טאַנאַגאָז, אַ מענטש מיט אַ פלעק אַפן געוויסן, קאָן אינעם לאַגער נוצלעך זײַן. נאָר אַז אים, קאָנסטאַנטינען אַליין, וועט דער דאָזיקער טאַנאַגאָז נאָך זײַן נוצלעך, דאָס איז אים אין קאָפּ ניט געקומען.

7 וואָלפגאַנג ראָגאוש, וועלכער האָט קאָנסטאַנטין שיבײַעוון אָפּגעזוכט אַזש אין פּערוואָמײַסקער מיליטערישן שפּיטאָל און גאַנץ שנעל פאַרוואַנדלט אים אין אַזאַ, וואָס ער איז איצט, וואָלפגאַנג ראָגאוש, דער געסטאַפּאָ־שעף פון קיִעווער שטאָט־קאָמיסאַריאַט (די רעזידענץ פונעם קאָמיסאַריאַט איז דערווײַל באָיאַרקע), האָט זיך גראָד באַלד געכאַפּט, אַז טאַנאַגאָז איז ווערט מער, איידער מע האָט אים פון אָנהייב געשאַצט. נאָר דאָס איז שוין אַ צווייטע זאַך, וועגן וועלכער ער, שיבײַעוו, קאָן זיך נאָר אָנשטויסן, און שטאַרק אָנגיין גייט עס אים ניט אָן.

מיט פאַבריצירטע דאָקומענטן אַף יורי ניסאַנאָוויטש טאַנאַגאָזס נאָמען איז קאָנסטאַנטין שיבײַעוו סאָף נאַכט, ווען עס איז באַזונדערס פינצטער, אַריבער דעם פראָנט לעבן טשאַקאַלאָווקע, אַ פאָרשטאָט פון קיִעוו, דורכגעשלײַכט זיך דורך די דאָרטיקע פּוסטקעס און טיפע באַוואַקסענע יאַרן, אַרויס אַף דער סאָלאָמינקע, שוין אַ מער באַלעבטן ראַיאָן, און איז אַוועק אין שטאָט. דאָס, וואָס טאַנאַגאָז איז פון יאַסענעווס דיוויזיע, איז אַ געפינס — ס'איז דער איינציקער סאָוועטישער טייל, וואָס ער, שיבײַעוו, קען דעם קאָמאַנדיר זײַנעם, דעם קאָמיסאַר און עטלעכע אַנדערע, וואָס האָבן דאָרט מיט אים געהאַט צו טאָן, בייס ער איז אַ האַלבן מעסלעס געווען אין געפאַנגענשאַפט. פאַרשטעלן זיך פאַר אַן אָסאָביסט האָט אויך אַ זין — אַזאַ איינעם וועט מען ווייניקער כוישעד זײַן. כוץ דעם, האָט ער וועגן ענקאַוועדיסטן געגוג זיך אָנגעלייענט. און אַף דער פראַגע, ווי קומט ער פונעם דאָרעם־פראָנט אַהער, קאָן ער אויך לײַכט ענטפערן — געווען פאַרוווּנדעט און האָט באַ געזונט וווערן, פון שפּיטאָל האָט מען אים געשיקט אַפן דאָרעם־מײַרעוודיקן פראָנט לויט זײַן ביטע.

ער איז אָנגעשפּיגעוועט מיט לעגענדעס, און די ווערט זייערע באַשטייט אין דעם, וואָס אין יעדערער איז פאַראַן אַ וואָרט עמעס. פּעטרוס קאַלינקאַ איז טאַקע אַנטלאָפן מיט די סיטשעוויקעס און שטעקן געבליבן אין דײַטשלאַנד. אײַ, זײַן געבייך רוט שוין פינף יאָר אין מינכען אַפן עמיגראַנטישן בעסוילעם, מעג וועגן דעם טיכאָן וואַסיליעוויטש ניט וויסן.

— פיל אָסטלײַט האָבן געליטן פון נאָסטאַלגיע און געענדיקט אָט אַזוי, אַלס אַלקאָהאָליקער, קאָקאַיִניסטן, זעלבסטמערדער, — האָט געזאָגט וואָלפגאַנג ראָגאוש, באַהאַלטנדיק אין סייף פּעטרוס קאַלינקעס פאָטאָגראַפיע. — מיר וועלן דעם אַלטן באַווײַזן אַ באַליביק קיִווער־בערגל אין באָיאַרקע, באַפּוצן עס ווי געהעריק, און עס וועט הייסן, אַז זײַן זון איז קיין קיִעוו ניט דערגאַנגען. אַזוי איז אַפילע בעסער. דער אַלטער וועט זיך קאָנען גרויס האַלטן.

גנאַט קאַלינקען האָט שיבײַעוו אויך געזען בלויז אַף אַ פאָטאָגראַפיע, נאָר יענער האָט טאַקע געאַרבעט אַפן ווערקשטעל־זאַוואָד און אַרעסטירט האָט מען אים טאַקע אַף דער אַרבעט.

די געסטאַפּאָ איז אָבער ניט אַזוי באַהאַוונט אין אַלץ, ווי עס קאָן זיך אויסדאַכטן. מע אורטיילט דאַפקע לויט אָביעקטיווע, שטרענג דורכגעקאָנטראָלירטע פאַקטן, נאָר מע פאַרגעסט דערבײַ, אַז יעדער מענטש האָט זיך זײַנע גענג אין לעבן, צומאָל אומאָפּהענגיק פון די אומשטענדן. אינעם

אַלטן קאַלינקען, האָט שיבײַעוו געטראַכט, האָט מען, ווײַזט אויס, א טאָעס געהאַט, און כאָטש עס קאָן זיך אויך מאַכן, אז ניין, איז בלײַבן בא אים געווען א ריזיקע.

וואָס האָט אים געצווונגען סאָפּעקן אינעם אַלטן — דאָס, וואָס ער דערציט א ייִדיש ייִנגל? ניין, ניט דאָס דעריקערשט, עפּעס אַנדערש. דאָס, ווי ער האָט בייסן שמועס זיך געהאַלטן. אָט באַהאַלט זיך דאָך בא א שאָכן א ייִד, קעדיי ניט עוואַקויִרן זיך, אָזנאָבלין, דער קינפּטיקער קיִע־ווער בורגאָמיסטער. איז וואָס? און ניט דערפאַר, ווײַל ראַגאוש ווייסט מיסטאָמע דערפון, ווײַל דאָס האָט ער אָנגעוויזן אַף דער דאָזיקער קוואַרטיר, ווי אַף א רעזערוו־יאַווקע, ניט דערפאַר האָט דאָס בא אים, שיבײַעוון, קיין כשאַד ניט אַרויסגערופן. און ניט דערפאַר אויך, וואָס יענער ייִד, דער אַדוואָקאַט באַרדאַך, וועלכער פאַרמאָגט, ווי עס שײַנט, א היפּש ביסל געלט, האָט באַ־שטימט, לויט ווי אָזנאָבלין זאָגט, בלײַבן בא די דײַטשן. קיין האָניק וועט דער דאָזיקער אַדוואָ־קאַט בא די דײַטשן ניט לעקן, נאָר אויב אָזנאָבלין שווײַגט, איז וואָס זשע גייט דאָס אָן אים, שיבײַעוון?

ער איז גראָד ניט אַזוי שטאַרק אָנגעשטויסן אַף ייִדן. בײַס דער רעוואָליוציע האָבן זיי טאַקע אויפגעהויבן די קעפּ, אָבער ניט אַלע, דאָס איז ערשטנס, און צווייטנס, האָט ביכלאַל אַלץ, וואָס איז געווען אַפן דעק, דעם קאָפּ אויפגעהויבן. פאַרוואָס היטלער און זײַנע לײַט זײַנען אַזוי אויפגע־טראָגן אַף די ייִדן — איז זיך זייער זאַך, נאָר גיכער פון אַלץ איז דאָס א מיטל אַף אָנוואַרפן א פּאַכעד אַף אַנדערע. איז, הייסט עס, דאָ אין דעם א געוויסער זין.

יאָ, איז ווו זשע זוכט מען פונדעסטוועגן א נאַכטלעג, ווו טוט מען זיך אַהין?

ער האָט הײַנט אויסגעשפּאַנט די שטאָט, ווי גרויס זי איז. די פּיס הודען מאַמעש פאַר מידקײַט, אַלע ביינער ברעכן. קימאַט אַלעמען, וועמען מע האָט געדאַרפט זען, האָט ער געזען, נאָר ניט געפונען קיין איינעם, בא וועמען ער וואָלט קאָנען בלײַבן. ס׳הייסט, ווען די דײַטשן וועלן אַרײַן אַהער, וועלן די אַלע לײַט זיך באַרימען, אַז דאָס האָבן זיי די ערשטע אויפגענומען אים, דעם שאָליִעך פון יענער זײַט. דערווײַל אָבער איז מען ניט דרייסטער, ווי די האָזן. מע האָט זיך געטרייסלט, רעדנדיק מיט אים, געוואַרט, ער זאָל וואָס גיכער אַוועקגיין. יעדן פון זיי האָט ער, וועמען אָפּן, וועמען פאַרשטעלט, אין העסקעם מיט ראַגאושעס כאַראַקטעריסטיק, געזאָגט, ווו מע זאָל באַגעגענען פײַערלעך די ערשטע דײַטשישע טיילן, ווען זיי וועלן אַרײַנגיין אין שטאָט.

אָזנאָבלין, דער פּראָפעסאָר פון נײַער געשיכטע, וואָס זײַן כאַראַקטעריסטיק פאַרנעמט צוויי זײַטלעך מאַשין־טעקסט אין ראַגאושעס דאָסיע: דאָרט ווערט דערמאָנט אי וועגן זײַן טאַטנס גרויסער דרוקערײַ, אי וועגן דעם טאַטנס פינפשטאָקיקן מויער טאַקע אין עק פון אַנדרייעווסקי ספּוסק, אי וועגן דעם פּראָפעסאָרס כאַלאַס צו געשלעכט־פאַרקריפּלונגען, מאַכמעס וואָס ער נייטיקט זיך שוין לאַנג ניט אינעם ווײַב און האָט פון איר אויסצושטיין געבערענטע ליידן (ווען ער ווייסט וועגן דער דאָזיקער דאָסיע!), אָזנאָבלין האָט זיך געהאַלטן אָנשטענדיקער, רויִקער, ווי אַלע אַנדערע, צו וועמען ראַגאוש האָט אים, שיבײַעוון, געשיקט, אײַנגעשטימט צוגרייטן ברויט און זאַלץ און אָן אויסגעניטן האַנטעך פאַר דער באַגעגעניש, לויט אַלע קלאָלים פון דער עטנאָגראַ־פיע. נאָר אַנטשולדיקט זיך, אַז געבן א נאַכטלעג דעם לאַנג דערוואַרטן גאַסט קאָן ער ניט, ער לעבט אַליין בא יענעם אַף קעסט, אַזוי צו זאָגן...

די דאָזיקע צוויי אַדרעסן, אָזנאָבלינס און קאַלינקעס, ביידע אַף אַנדרייעווסקי ספּוסק, האָט שיבײַעוו בעקיוון זיך איבערגעלאָזט אַף לעצט, געגלייבט, אַז זיי זײַנען די זיכערסטע, און דאָך איז ער געבליבן מיטן בײַטשל!

די הינט האָבן אַלץ געבילט, אָבער שוין שטילער, מיט איבעררײַסן. נאָך א ביסל, און זיי וועלן זיך אײַנמאָסטען יעדערער אַף זײַן אָרט, אין זײַן קאָנורע — מע דאַרף צווואַרטן. כאָטש די נאַכט איז א בעהאָלעדיקע, דער אומרו גיט זיך איבער אויך די הינט — זיי קאָנען נאָך ביכלאַל ניט אַנשטומט ווערן. ראַקעטעס לײַכטן אויף דאָ און דאָרט, ווער ווייסט וועמעס, סנאַריאַדן פליִען פון יענער זײַט דניעפּער און אַף יענער זײַט דניעפּער. נאָר וווהין גייט מען? עפּשער גאָר פאַרקלײַבן זיך אין די קוסטעס פון די אַרומיקע ליים־בערג און איבערשלאָפן ביז אינדערפרי? ס׳איז קאַלטלעך, נאָר אינעם שינעל וועט זײַן נישקאָשע. איז אָבער צוויי זאַכן — מענטשן שנאָרען איצט אום אין די סאַמע אומדערוואַרטע ערטער, און אַז מע שלאָפט, קאָן מען כראָפּען אויך, מאַלע וואָס עס מאַכט זיך. און ווידער טאַקע בלײַבט די זעלבע זאָרג: ווו טוט מען זיך אַהין אינדערפרי? נאָכאַמאָל אומדרייען זיך איבער דער שטאָט?

איין געדאַנק, וואָס קאָן אויסזען ווילד, נאָר איז, דאַכט זיך, דער ריכטיקסטער, האָט שוין עטלעכע מאָל א פּיק געטאָן אין מויעך. און טאַקע — פאַרוואָס ניט טאָן אַזוי, פאַרוואָס ניט אַוועק־לאָזן זיך צו יורי טאַנאַגאָזס שוועסטער? דער ערשטער וויזיט הײַנט אינדערפרי איז, לויט ראַ־גאושעס אייצע, געווען צו איר, צו לידע טאַנאַגאַז. ער האָט איר איבערגעגעבן א גרוס פונעם ברו־דער, נאָר ניט געזאָגט, געוויינלעך, אַז ער איז בא די דײַטשן. לידע האָט זיך ניט עוואַקויִרט, דאָס

איז דעם געסטאַפּאָוועץ געוועזן באַוווּסט, זי אַרבעט אין אַ פּסיכיאַטרישן שפּיטאָל און פֿון דאָרט איז קימאַט קיינער ניט אַוועקגעפֿאָרן, ווײַל די כלאָים זײַנען געבליבן אויף אָן אָרט, איז ווינטשנסווערט געווען כאָטשבי קענען זי און זען, ווי עס זעט אויס דאָס הויז, די דירע, וווּ זי וווינט.

דער באַזוך איז געווען אַ פּריִער. לידע איז נאָך ניט אַוועק אויף דער אַרבעט, זי האָט געפֿרישטיקט, און אים, דעם גאַסט, אויך אײַנגעלאַדן. צוגעפּרעגלטע קאַרטאָפֿל, באַגאָסענע מיט אַן איי, אַ שטיקל וווּרשט, אַ טשאַשקע קאַווע — זייער פֿײַן. זי איז אַ מיידל פֿון אַ יאָר פֿינף און צוואַנציק. ניט איבעראַשנדיק שיין, נאָר אויך ניט מיִעס. ס'הייסט, אויב מע זאָל זיך וועלן אײַנקוקן אין איר אויפֿמערקזאַם און דערזען ניט נאָר די שטריכן פֿון פּאָנעם, נאָר אויך וואָס דאָס פּאָנעם דריקט אויס, איז זי אַ באַכיינטע, מיט טונקעלע אויגן פֿון אַ ניט געוויינלעכן טיורקישן שניט, מיט סקולעס, עטוואָס בוילעטערע, איידער דאָס וואָלט געדאַרפֿט זײַן, מיט אַ ברוינלעךמאַטאָווער הויט. טמימעסדיקייט, געצוימטקייט אין יעדער באַוועגונג, אין יעדן אַרויסגעבראַכטן וואָרט, אין יעדן בליק. אַזאַ קאָן פֿאַרבלײַבן אַן אַלטע מויד, זי קאָן אָבער אויך ווערן אַ מאַמע פֿון אַ סאַך קינדער, דער גוטער מאַלעך פֿון אַ מישפּאָכע, אויב עמעצער וועט זי, ווי ניט גאָר קיין בונט בלימל, באַמערקן. נאָר דאָס אַלץ איז פֿילאָסאָפֿיע, סענטימענטאַלקייט — אַזוינס באַפֿאַלט אים צומאָל. ער האָט דעמלט טאַקע, בײַסן אינדערפֿרייִקן באַזוך, אַ קוק געטאָן אויף דער זאַך מער פּראַקטיש, און ס'איז אים געקומען אין זינען, אַז ווען ער זאָל זיך קאָנען אָפּשטעלן כאָטש אויף עטלעכע טעג בײַ לידען, ווי מיליטערישע טוען, און אַ ביסעלע וועלן אַ שפּיל טאָן, וואָלט ער זיך עפּשער אָפּגערעכנט מיט יורי טאַנאַגאָזן פֿאַר זשאַנען. אַזאַ פֿריילעכער געדאַנק איז אים געקומען אין קאָפּ, ווען ער האָט סטאַם אַזוי, בײַם געזעגענען זיך, געפֿרעגט, אַז ווי וועט זײַן, טאָמער קומט אים דאָ אויס איבערנעכטיקן? לידע האָט זיך אַ ביסעלע פֿאַרלוירן. אָבער געקלערט ניט לאַנג.

— אויב עס וועט אויסקומען, — האָט זי געענטפֿערט, — איז ביטע. איך קום, עמעס, שפּעט אַהיים, נאָר אין שפּיטאָל נעכטיק איך ניט.

ס'איז ווײַטלעך צו איר — דאָס איז איינס, וואָס האָט אים אָפּגעשטעלט. מע דאַרף זיך נעמען אַרויף מיט דער גאָנטשאַרנע, אַרויס אויף דער גרויס־זשיטאָמירער, איבערהאַקן זי — דאָס איז דאָס געפֿערלעכסטע, נאָר באַלד איז די סטרעלעצקע, און אין אַ הויף, אויפֿן ערשטן שטאָק — לידעס צימערל.

דאָס צווייטע איז געווען דאָס, וואָס לויט די דאָקומענטן איז ער טאַנאַגאָז. ווי, אויב עס טרעפֿט צופֿעליק אַ קאָנטראָל און מע רופֿט אים אָן אַזוי פֿאַר לידען אין די אויגן? דאָס איז דאָך אַ גרייטער דורכפֿאַל! פֿונדעסטוועגן האָט ער באַשלאָסן גיין.

אויפֿהייבנדיק זיך איבער די הילצערנע טרעפּ, וואָס האָבן פֿון דער גאָנטשאַרנע געפֿירט אויף אַ באַרג, אַ באַדעקטן מיט ביימער און קוסטעס, האָט ער געטראַכט:

„איך, שיבײַעווס זון, בין אין קיִעוו. איך שלײַך זיך, ווי אַ שאָטן, אָבער איך בין שוין דאָ. די באָלשעוויקעס האָבן אונדז גערופֿן „שאָטנס פֿון דער פֿאַרגאַנגענהײַט". די שאָטנס וועלן מאָרגן אויפֿלעבן. אָזנאָבלין, ווי אויך יענער אַלטיטשקער באַנק־אָנגעשטעלטער פֿון פּעטשערסק, וואָס איז אַזוי אײַנגעהויקערט, אַז בײַס ער שטייט און בײַס ער גייט, מוז ער זיך אָנשפּאַרן מיט ביידע הענט אין די קני. צוואַנציק יאָר האָט ער געוואַרט אויף דער דאָזיקער מינוט, צוואַנציק יאָר האָט די סינע געבערענט אין זײַן האַרץ, און איצט וועט ער זײַן אַ מיטגליד פֿון דער מאַגיסטראַטור. אָזנאָבלין — דער בורגאָמיסטער, און ער — אַ מיטגליד, און אַלע אַנדערע, וועמען איך האָב הײַנט באַזוכט, — מיטגלידער. בלויז קאַלינקאַ פֿאַלט אָפּ.

און איך, וואָס וועל איך דאָ זײַן? וואָלפֿגאַנג ראָגאַוש האַלט דאָס דערווײַל בעסאָד, נאָר ער זאָגט, אַז דער פּאָסטן וועט זײַן אַ גוטער. איז אָט איז זי, די לוין, פֿאַר אַזוי לאַנג וואַרטן — וואָלפֿגאַנג ראָגאַושעס ווילגענייגטקײַט. און ווער איז ער אַליין, וואָלפֿגאַנג? פּאַול ראָגאַושעס, דעם קיִעווער שטאַטסקאָמיסאַרס, פּלעמעניק. ביידע זײַנען זיי לומפּן, דאָס ווייס איך אויף זיכער.

אין באָיאַרקע, אין וואַלד, איז איצט אַזוי טונקל, ווי דאָ, אויף די דאָזיקע טרעפּ, צווישן די ביימער און קוסטעס, וואָס זייערע צווײַגן הענגען סאַמע איבער די פּאָרענטשעס. זיי סקריפּען, די טרעפּ, און מע קאָן אויבן הערן, אַז איך גיי. איך ציטער פֿון יעדן סקריפּ, און די ראָגאַושעס קוקן איצט מיסטאַמע אַ פֿילם אין באָיאַרקע, אין קאַזינאָ, מע שפּילט אין ביליאַרד, מע טרינקט ווײַן, אָדער מע טוט דאָס, וואָס איך האָב בעדייע צו טאָן מיט לידען... נו, בײַ מיר איז דערווײַל איין שאַנס פֿון הונדערט — מײַן פֿאַרלאַנג...

יאָ, אַ פֿרעמדער קויעך האָט מיך אַראָפּגעבראַכט אַהער, און ניט צוליב מיר טוען דאָס די דײַטשן, און ניט צוליב יענעם אַלטיטשקן פֿון באַנק, נאָר צוליב זיך. און וואָס, אויב אַלע זײַנען שאָטנס — אי מיר, אי זיי? שאָטנס גייען דורך איבער דער ערד און פֿאַרשווינדן, נאָר זי, די ערד, בלײַבט. ווי שאָטנס זײַנען פֿאַרבײַ די שוועדן, די פֿראַנצויזן, ווילהעלמס און פּילסודסקיס אַרמייען... איז ווי, אויב דאָס מאָל וועט אויך זײַן אַזוי? פֿאַרוואָס אָבער פֿאַרטראַכט זיך אויף דעם ניט אָזנאָב־

לין, דער היסטאָריקער? און עפשער טראַכט ער, נאָר די סינע האָט אים קיין אויסוואַל ניט געלאָזט?

צומאָל פארדריסט אפילע: קאָלאָנעס געפאנגענע, סרייפעס, רויִנען, פאָרט אייגענע ערד. קיִעוו האָט זיך געהאלטן העכער צוויי כאדאָשים, און דער סאָף איז — א נײַע ארומרינגלונג. „ווען איר טרעט ניט אָפּ...” ווּעמען האָב איך דאָס געזאָגט? יענעם, דעם גענעראַל יאסענעוו. און ער: „פאלט, הייסט עס, די פרײַז אײַערע? מע קאָן זיך אויך אָן אײַך באגיין, מע פירט אײַך בלויז אף יעדן פאַל אין אָבאָז?” בײַסיק, אין טאָך אָבער איז עס אזוי. און אויב איך בין איצט אפילע ניט אין אָבאָז, בלײַב איך אַלציינס אן אָבאָזניק. בייסן שמועס מיט יאסענעוון האָב איך זיך געהאלטן פרעך, ווײַל איך האָב געמיינט, אז דאָס איז מײַן סאָף. נאָר דער העלד איז ער געווען, ניט איך. ער האָט געפירט א דיוויזיע פון ארומרינגלונג און, לויט ווי איך האָב געהערט, ארויסגעפירט זי...”

דאָס העכסטע טרעפל. די פיס פלאָנטען זיך קוים. אנטקעגן — דער שווארצער כאָלאָל פון א טויער. און פלוצעם, פון הינטער א קוסט:

— ווער גייט? שטיי! דעם פאראָל!

8

ווען דער עלטערער לייטענאנט פון דער שטאָט-קאָמענדאטור איז מיט די זיבן באַוואָפנטע מענטשן, וועלכע זײַנען אָפּגעקליבן געוואָרן צו פאטרולירן די שטאָט, דעריין אויך ליאָניע קרעמעז (ניט אלע זײַנען אפילע געווען רויטארמייִש געקליידט, אייניקע האָבן געטראָגן אן אוניפאָרם פון אײַזנבאנער), ארויס פון דער אײַזנבאן-פארוואלטונג, האָט בא דער מאַסיווער טיר געוואַרט נאָך איינער, א הויכער, שטארק אן אויסגעצערטער, מיט אן אײַנגעפאלענער ברוסט, מיט א גראָווּן צעקודלטן קאָפּ, אפן שפיץ פון וועלכן ס'האָט זיך געהאלטן א פילאָטקע. אָנגעטאָן איז ער געווען אין ניט קיין מיליטערישע קוואדראטע ארויפהענגענדיקע גאַליפע, אין א האלב מיליטערישן פרענטש, אן ארומגעגארטלטן מיט א רימען, וואָס דאָס איז אויך געווען ניט געוויינלעך, און אפן אָפּגעצויגענעם רימען האָט זיך געבאָמבלט א נאגאַן.

— אָ, זעסט, איך האָב זיך דערוואַרט אף דיר, ראקושא! — האָט געזאָגט דער צעקודלטער מיט א מאָדנע הייזעריקער שטים, וואָס ס'איז שווער געווען אופכאפּן די אינטאָנאציעס אירע — מעגלעך, אז דער מענטש איז געווען געפאלן בא זיך, און עפשער, פארקערט, געווען אן אקשן, געהאט רעכט צו זײַן אן אקשן. — גיי איך, הייסט עס, מיט דיר, מיט דײַן כאיִל!

— קום, אויב דו ווילסט, — האָט געענטפערט דער עלטערער לייטענאנט קלוימערשט גלײַכגילטיק, נאָר אין זײַן הייזעריקלעכער שטים איז געווען פארבאָרגן אומצופרידנקײַט, — קום, אָפּער[1], אויב דו קאָנסט קיין בעסערס פאר זיך ניט צוטראכטן. מע מעג דיך אזוי רופן — אָפּער, צי דו ביסט שוין סטאם א בירגער?

— א בירגער, און דו ביסט א בירגער, ראקושא, איך — קושנאריאָוו, און דו — ראקושא, און האלעווײַ זאָלן מיר כאָטש ביזן סאָף זײַן גוטע בירגער, ווײַל דאָס, וואָס מיר זײַנען מיט דיר געווען...

— ע־ע, גענוג, קיין פאניכידע דארף איך איצט ניט! שווײַג בעסער! — דער עלטערער לייטענאנט, א פולער, מיט א קורצן געפאקטן גוף, האָט א פיר געטאָן מיט די שווערע, ברייטע אקסל, ווי ס'זאָל אים א גליווער דורכנעמען, אָנגערוקט דאָס מיליטערישע היטל נידעריקער אפן שטערן, פון וואָס זײַן פּאָנעם איז ווי געוואָרן נאָך קוואדראטער און נאָך שטרענגער. ער האָט געזאָגט צו אלעמען, וואָס זײַנען אין א האלבן קרײַז געשטאנען פאר אים: — איז אָט וואָס, דאָס צעטל מיט אײַערע פאמיליעס האָב איך, די טיילן, פון וועלכע איר זײַט, ווייס איך, און אזוי ווײַטער. פונדאנען גייען מיר, ווי איך האָב שוין געזאָגט, ביזן ראָג פון וולאדימירער און גרויס-זשיטאָמירער...

אייגנטלעך, האָט ער אין קאָרידאָר בייסן קורצן אינסטרוקטאזש שוין געזאָגט וועגן דעם צעטל, וואָס ער האָט דאָרט טאקע אף אן אָרט צונויפגעשטעלט, — לויט דעם צעטל וועט מען, הייסט עס, געפינען יעדן, וואָס וועט פרווון אויסדרייען זיך פון פאטרולירן. ער האָט אויך געזאָגט, ביז וועלכן ראָג מע וועט גיין צוזאמען, אז דערנאָך וועט מען זיך פאנאנדערגיין צו צוויי אָדער צו דרײַ, ווי עס וועט אויסקומען, און אוועק אראָפּ, אף פאָדאָל, באקוקן אונטערוועגנס ווו א יאר, ווו א בערגל, ווו א הויף, יעדן פארדעכטיקן פארהאלטן, אויב עס וועט נייטיק זײַן הילף — איז דער סיגנאל דרײַ שאָסן... דאָס, וואָס דער עלטערער לייטענאנט האָט איצט איבערגעכאזערט א טייל פונעם שוין געזאָגטן, און באזונדערס די דראָונג זײַנע, האָבן די, איבער וועמען ער האָט באקומען די קאָמאנדע, ריכטיק אויסגעטײַטשט — ער איז ניט זיכער ניט אין זיי, ניט אין זיך.

— און ווי, אויב אונדזערע גייען אוועק, נו, מע פארלאָזט די שטאָט? — האָט עמעצער פון הינטער ליאָניעס פלייצע א פרעג געטאָן.

[1] אָפּעראטיוּוער באפולמעכטיקטער.

— דאָס איז דאָך דיר ניט קיין זאַק מיט קאַרטאָפל, וואָס פאַר איין מינוט שיט מען אים אויס. מיר וועלן זען! — דאָס האָט געענטפערט קושנאַריאָוו, ווייַל ראַקושאַ האָט גאָר געטומען בייַסן די נעגל: זעט אויס, די דאָזיקע פראַגע האָט אים אויך געמאַטערט.

— נו, יאָ, מיר וועלן זען, — האָט ער איינגעשטימט, — ביכלאַל דאַרף מען זיך צוהערן.

— ווייסט אַ סאַך הערן. דאָרט זייַנען פאַרוואָרפענע ערטער...

איצט האָט ליאָניע אַ קוק געגעבן און דערזען: אַן עלטערער אייַזנבאַנער מיט אַ שראַם אַפן פולן פּאָנעם — פון שלייף ביזן קין.

— און טאַקע ביז אינדערפרי? — האָט אַ צווייטער געפרעגט.

— יאָ, ביז עס וועט ליכטיק ווערן.

— איז געגאַנגען! — האָט אַנטשלאָסן געזאָגט עמעצער אַ דריטער.

מע האָט געמיטן דעם סקווער לעבן די „גאָלדענע טויערן“, אַרויס אַף דער וולאַדימירער. אין דער ניט גאָר געדיכטער פינצטערניש זייַנען געלעגן: לינקס — די גרויס־פּאָדוואַלנע, רעכטס — די סווערדלאָווער מיט איר דורכויסיקן שוואַרצן וויטרינען־גאַס, ווייַט אונטן — דער קרעשטשאַטיק. אומרויִק, איימעדיק איז געווען אַף די גאַסן, מענטשן האָבן זיך געטראָפן ווייניק. פונעם נאָענטסטן מויער אַף דער גרויס־פּאָדוואַלנע האָט מען אַפן טראָטואַר אַרויסגעטראָגן מעבל, בעטגעוואַנט, פּעקלעך: אַ שווערער סנאַריאַד האָט געטראָפן אין אייבערשטן שטאָק. די, וואָס זייַנען דאָ באַשעפטיקט געווען, האָבן זייער אַרבעט געטאָן פאַרצאָרנט־זאַכלעך — עמעצער איז אויבן דערהאַרגעט געוואָרן.

אַ טומל האָט זיך דערקייַקלט פון דער סווערדלאָווער גאַס: מע האָט געפירט צווייען אין צעריסענע העמדלעך, מיט הענט, געבונדענע אַף הינטן.

— זיי האָבן אויסגעזעצט אַ וויטרינע אין דער יווועליר־קראָם אַף קרעשטשאַטיק, — האָט דערקלערט עמעצער פון די, וואָס האָבן די פאַרהאַלטענע געפירט.

און איינער פון די געבונדענע האָט געענטפערט מיט אַ שיקערלעך־היסטערישן קוויטש:

— אהא, אויסגעזעצט... דאָס האָט ער מיך אַהין אַ שטופּ געטאָן, ליאָשע!

אַ מענטש אין רויטאַרמייִשע קליידער איז, שטויסנדיק פאַר זיך אַ טאַטשקע, אַף וועלכער ס'איז געזעסן אַ יונגע פרוי מיט אַ קינד אין ווינדעלעך אַף די הענט, אָנגעקומען פון יענער זייַט, ווו ס'איז דער שעווטשענקאָ־בולוואַר.

— זי האָט הייַנט אינדערפרי געבוירן, — האָט דער סאָלדאַט דערציילט, ווישנדיק מיטן אַרבל דעם שטערן און דעם געשוירענעם קאָפּ, — איך בין אַרייַנגעלאָפן אַהיים זיך געזעגענען. מייַן זעניטקע שטייט אַפן וולאַדימירער בערגל. ערשט די שכיינים זאָגן — אַ ייִנגל, האָב איך געכאַפּט די טאַטשקע — און נאָך זיי. זאָלן זיי כאָטש זייַן אין דער היים. און די דאָקטוירים האַלטן אויך, אַז אַזוי איז גלייַכער... מע האָט צוגעזאָגט אַרייַנקומען אַ קוק טאָן.

— און אַ דערלויבעניש אַף אַוועקגיין פון טייל האָסטו? — האָט שטרענג געפרעגט ראַקושאַ.

— אָט איז זייַן דערלויבעניש, באַם ווייַב אַף די הענט, — האָט דער אייַזנבאַנער מיטן שראַם אַף דער באַק געזאָגט. עטלעכע פון פּאַטרול האָבן ניט פריילעך זיך צעלאַכט. דער סאָלדאַט האָט ווייַטער אַוועקגעקייַקלט די טאַטשקע.

בא איניקע הויפן זייַנען געשטאַנען אַלטע לייַט אָדער גאָר יונגינקע ייִנגלעך און מיידלעך מיט טאַשן פון קעגנגאַז־מאַסקעס איבער די אַקסל, מיט בענדלעך אַף די אַרבל — דעזשורנע. דעם פּאַטרול האָט מען שווייַגנדיק באַגלייט מיט די בליקן.

בייס מע האָט געמיטן אַ לאַנגן, טונקעלן מויער, וואָס איז געשטאַנען רעכטס אַף דער וולאַדימירער גאַס, האָט ראַקושאַ אויסגעגלייַכט זיך מיט קושנאַריאָוון און מיט קימאַט ניט באַהאַלטענער שאָדנפרייד געזאָגט:

— דערקענסט, אפּער? דייַן פענצטער איז געווען, דאַכט זיך, אָן־אָ, אַפן צווייטן שטאָק...

— געווען — אָי דאָ, אָי פון יענער זייַט, אַפן דריטן שטאָק, — האָט, ווי ניט באַמערקנדיק דעם שטאָך, געלאַסן געענטפערט קושנאַריאָוו.

ליאָניע האָט געוווּסט, וואָס פאַר אַ מויער דאָס איז, — די רעפּובליקאַנישע פאַרוואַלטונג פון ענקאַוועדע. ער האָט בעקיוון אויך ווייַטער געהאַלטן זיך אַ טראָט הינטער קושנאַריאָוון און ראַקושען. פּונקט אַזוי געלאַסן, ווי ער האָט נאָרוואָס געענטפערט, האָט קושנאַריאָוו געפרעגט:

— און דו ביסט פון ווען אָן אין דער קאָמענדאַטור, ראַקושאַ?

— פון זינט מע האָט די טפיסע אויסגערייניקט, ווען — אַהיים, און ווען — ווייַטער. קיין גרויסער קאָנוואָי האָט זיך ניט געפאָדערט. צומייַנסטנס האָבן עלטערע די וואַגאָנען באַגלייט.

— אהא, האָסטו, הייסט עס, אין צענטער שטאָט מילכאָמע געהאַלטן די אַלע כאַדאָשים? און איך וואָלט דיך, ראַקושאַ, געשיקט כאָטשבי אין גאָלאָסייעווער וואַלד, אַוועקגעלייגט דיך באַם קוילנוואַרפער מיט אַ ביטערן באָכער, וואָס זאָל פון דיר דעם זיבעטן שווייס אַרויסיאָגן, אָדער

איך וואָלט דיך געשיקט שטעלן מינעס אויף קיינעמס ערד, נישקאַשע, מע לערנט זיך אויס די דאַזיקע אַרבעט שנעל... אָט וואָס איך וואָלט געטאָן מיט דיר, ליבער פריינט מיינער ראַקושאַ!

דער עלטערער לייטענאַנט האָט געשוויגן, געוואָלט, זעט אויס, א סך מאַכן צום שמועס, בלויז געפֿירט א ביסעלע מיט די שוועדע אַקסל, ווי ער זאָל זיך פֿלייסן שטילער שטעלן די גראָבע, קורצע פיס און אינגאַנצן ציטערן פון אָט דעם פֿלייס. גאָר שטיל האָט ער זיך אָנגערופן — מע איז שוין אַרויס אויפן ברוקירטן כמעלניצקי־פּלאַץ, און דער רויש פון סאָלדאַטישע שיך, וואָס האָבן געקלאַפּט אין די שטיינער, האָט פאַרטויבט עטוואָס זיינע ווערטער:

— איך האָב דיך אָבער ניט געוואָלט מיטנעמען, אָפּער! צוגעשעפּעט זיך: נעם און נעם! ווער ווייסט דיך איצט, עפּשער האָסטו גאָר קיין רעכט ניט צו טראָגן געווער?

— ניט אין רעכט גייט דאָ, ראַקושאַ. רעכט האָב איך, זיי רויק. אין קויעך גייט עס! — האָט ווידער געלאַסן, נאָר מיט דראָונג אין קאָל געענטפערט קושנאַריאָוו און פאַרברייטערט די טריט, קעדיי ניט אָפּשטיין פונעם עלטערן לייטענאַנט, וועלכער האָט געפּרוווט אוועקגיין פאָרויס. — קיין קויעך איז ניטאָ, דערפאַר האָט מען מיך אפילו פון דער אָפּאָלטשעניע, פון גאָלאָסייעווער וואַלד, אָפּגעשיקט — בלוט האָט בא מיר א זעץ געטאָן פון האַלדז...

— דאָס איז שוין א נייס, — האָט קלוימערשט איבעראַשט, נאָר קאַלט זיך אָנגערופן ראַקושאַ.

— אין טפּיסע האָט דאָס זיך צוגעטשעפּעט — טובערקוליאָז.

— און פאַרוואָס האָט מען דיך פונדעסטוועגן אוועקגעזעצט?

— ניט פאַר דעם, וואָס איך האָב גוטע מענטשן אין די הערצער געשפּיגן, סראָוו גוטע מענטשן — ניט פאַר דעם, ווייל ווען מע זעצט מיך אוועק פאַר דעם, וואָלט מען דיך אויך אוועקגעזעצט, ראַקושאַ, דו פֿלעגסט יענע מענטשן די ביינער ברעכן.

— פֿלעגסט אָנקלינגען, אָפּער, דו צי אַן אַנדערער: „שיק מיר עמעצן אָדער קום אַליין אַריין, בא מיר איז דאָ א שווערער געבורט", — האָב איך אָדער געשיקט אָדער איך בין אַליין געגאַנגען... נו, גענוג, עפּעס האָט זיך בא דיר צופֿיל די צונג צעבונדן, אָפּער!

דאָס שטיקל וועג פון פּלאַץ ביזן אָנגעמערקטן ראָג איז מען געגאַנגען שווייגנדיק. באַם ראָג האָט מען זיך צעטיילט אויף גרופּעס. ליאָניע האָט בעקיוון זיך געשטעלט לעבן קושנאַריאָוון, און ראַקושאַ האָט זיי ביידן אוועקגעשיקט אויף דער גרויס־זשיטאָמירער, פונוואַנען זיי וועלן דורך א דורכגאַנג־הויף אַרויסגיין צו די טרעפּ, וואָס פירן אויף דער גאַנטשאַרנע. ליאָניעס פאַרדראָס, וואָס ער איז ניט אוועק אויף אַנדרייעווסקי ספּוסק און וועט ניט קאָנען אָנקלאַפּן צו טיכאָן וואַסי־ליעוויטשן, דער דאָזיקער פאַרדראָס איז געלינדערט געוואָרן פון דעם, וואָס ער איז אין איין פּאָר מיט קושנאַריאָוון, וועלכער איז אים געפעלן. א ביסל איז ניט באַקוועם געווען, וואָס ראַקושאַ האָט אים, ליאָניען, אויסגעטיילט פאַרן עלטסטן, נאָר דאָ האָט מען שוין גאָרנישט ניט געקאָנט טאָן — א באַפעל איז א באַפעל.

קושנאַריאָוו האָט, אַגעוו, אויף דעם קיין אכט ניט געלייגט. ווען מע האָט זיך דערווייטערט פון ראָג — די גאַס איז געווען לאַכלוטן פּוסט, האָט ער מיט עטלעכע פראַגן אויסגעקלאָרט דאָס איקערדיקע וועגן ליאָניען, גלייך טאַקע אוועקגעלייגט אים איין האַנט, גאָר א לייכטע, אויפן אַקסל, און ניט אָנשפּאַרנדיק זיך, נאָר גייענדיק מיט ליאָניען זייט בא זייט, פאַרטרויליך, א ביסל אַנציקט און א ביסל באַדויערנדיק, געזאָגט:

— ביסטו, הייסט עס, אַלט סאַכאַקל צוואַנציק יאָר... ווי נעמט מען זיי צוריק, די צוואַנציק יאָר מיינע!

— און פאַרוואָס האָט מען אייך טאַקע אוועקגעזעצט? — האָט ליאָניע געפּרוּועלט בא זיך צו פרעגן.

— האָסטו, הייסט עס, געהערט דעם שמועס... — דאָס איז ניט געווען קיין פאָרוואורף — פּאַשעטע קאָנסטאַטאַציע, און אפילו באַווילקונג. — דער געוויסן איז בא אים ניט קיין ריינער, בא ראַקושען — דאָס פאַרשטייסטו, און דו ווילסט וויסן, ווי האַלט דאָס מיט מיר. אויך ניט רייך, כאָטש — שוין ריינער... שוין, אָבער נאָך ניט אינגאַנצן, מע דאַרף נאָך וואַשן און וואַשן, און דו ווייסט מיט וואָס...

ער האָט זיך אָפּגעקערעוועט, נאָר ניט אַראָפּגענומען די האַנט פון ליאָניעס אַקסל, פאַר־שטעלט דאָס מויל מיט דער צווייטער האַנט און א הוסט געטאָן.

— איך בין געווען רייך, ווי אַן אַפּאָסטאָל, — האָט ער געזאָגט, שווער, מיט א פּייף, אָפּציִונג־דיק דעם אָטעם, — גלייב מיר אויפן וואָרט. צו זעכצן יאָר — בא שטשאָרסן. איך בין א ווייסרוס, אין נאָוואָזיבקאָוו צוגעשטאַנען צו אים. נאָכן בירגערקריג אוועק גראָבן טאָרף. דערנאָך די קאָ־לעקטיוויזאַציע דורכגעפֿירט. מע האָט מיר אפילו דערלאַנגט מיט א מעסער אין פּלייצע, נאָר איך האָב זיך אַרויסגעקאַראַטשקעט. דערנאָך — אָט דאָס, די אָרגאַנען, אין זעקס־און־דרייסיקסטן. איך

דאַרף, הייסט עס, אויסרײַסן דעם גיפט בא די סאָנים. אין די איניאָנים, וואָס מע גיט מיר, איז אַלץ שוין אָנגעשריבן, מע דאַרף נאָר איין קלײניקײַט — דער באַשולדיקטער זאָל כאַסמענען. מע קאָן דאָס צווינגען טאָן, די מערהײַט — קאָן מען. אָבער אַז איך האָב זיך גענומען פאַרטראַכטן: וואָס הייסט עס, פאַרוואָס זײַנען אַלע שולדיק, פאַרוואָס קאָן זיך קיינער ניט ריינוואַשן? איבערהויפּט האָט מיך איין צופאַל געצווּונגען אַנדערש אַ קוק טאָן אַף דעם אַלעמען. מײַן שול־כאַווער, באָריע, זיצט אַנטקעגן מיר. ווער זשע איז ער, באָריע? בא שטשאָרסן — צוזאַמען, אַפן טאָרף — צוזאַמען. ער האָט זיך געלערנט הינטער־אויגיק און געוואָרן אַ טעכניקער, אָבער דאָך ניט צוליב דעם, קעדיי אומברענגען די מאַשינעס, מיט וועלכע מע וועט דערביוען דעם טאָרף. און ער דאַרף מיר טאַקע דאָס דאָזיקע אונטערשרײַבן, אַז ער האָט געוואָלט אומברענגען די מאַשינעס. איך זאָג אים: „פונדאַנען וועסטו קיין ריינער ניט אַרויס. וואָס עס איז שײַעך מיר, וועל איך ניט לאָזן, אַז אַ האָר זאָל פאַלן פון דײַן קאָפּ, נאָר אַ צווייטער, אַזאַ ראַקושע, וועט דיך ניט שאַנעווען. לאָמיר מיט דיר בעסער שמועסן צוויי וואָכן נאָכאַנאַנד דורך די נעכט, דערמאָנען אַלדאָס גוטע. ווען עמעצער וועט אַרײַנקומען צו מיר, וועל איך אַף דיר שרײַען, טופּען מיט די פיס, דערנאָך, ווען מיר וועלן ווידער בלײַבן אַליין, וועלן מיר ווײַטער שמועסן, און דו וועסט צום סאָף פון די צוויי וואָכן אונטערשרײַבן אַף זיך עפּעס אַזוינס, וואָס מיר וועלן ביידע צוטראַכטן, און באַקומען וועסטו דערפאַר דעם מינימום, וואָס מע גיט דאָ, — פינף יאָר". אַזוי האָב איך זיך דערעדט מיט באָריסן, אַזוי האָב איך געטאָן מיט אַנדערע, וואָס איך האָב געזען, אַז זיי זײַנען ריינע נעשאָמעס. און געפּאַקט האָב איך זיך — דאָס איז דער ענטפער אַף דײַן פראַגע — מיט זייער אַ קלוגן מענטשן, מיט אַ פּראָפעסאָר פון פּאָליטעקאָנאָמיע. איך האָב שוין דעמלט זיך געלערנט אין אַ יורידישער שול, אויך הינטער־אויגיק, האָט דער פּראָפעסאָר מיך בייס אונדזערע אינטימע שמועסן געגרייט צו אָן עקזאַמען לויט זײַן געגנשטאַנד, אַפילע אַ קאָנספּעקט מיר אָנגעשריבן... דערנאָך איז דער קאָנספּעקט געווען אַ באַווײַז קעגן מיר.

מע האָט פאַרקערעוועט אין אַ פינצטערן טויער, אַרויס אַף אַ פּוסטקע, ווו ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטיילער אָפּהאַנג. צווישן געדיכטן גרינס האָט מען געזען די הילצערנע טרעפּ, וואָס פירן אַף פּאַדאַל. דאָ האָט שטאַרקער געבלאָזן דער ווינט... קושנאַריאָוו האָט אַרויסגענומען פון דער הויזן־קעשענע אַ צונויפגעדרייטע קאַשנע, אַרומגעוויקלט דעם האַלדז און די עקן פאַרוקט אין פּאַזוכע, אונטער די לאַצן פונעם פּרענטש.

— אַ דעליקאַטע זאַך, — ער האָט די דלאָניע צוגעדריקט צו דער ברוסט, — ערשט אין טורמע, ווו איך האָב די ציאַציע געפּאַקט, האָב איך פאַרשטאַנען, סאַראַ קליינע טויווע איך האָב געטאָן באָריסן און אַלע אַנדערע. געדאַרפט עפּשער פּרווון זײַן אַ דאָן־קיכאָט?..

ליאָניע האָט ניט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן און צי דאַרף מען ביכלאַל ענטפערן. ער האָט ניט געזען, וואָס פאַר אַ שײַכעס האָט יענץ, וואָס איז בעפיירעש געווען אַ צאָרע פאַרן לאַנד, צו דעם, וואָס קומט איצט פאָר, ווײַל בלויז דאָס איז אים איצט אָנגעגאַנגען, ווײַל קיין ערגערס האָט ניט געקאָנט זײַן. און איינצײַטיק האָט ער פאַרשטאַנען, אַז עפּעס אַ שײַכעס האָט עס פונדעסטוועגן, און דאָ האַנדלט זיך ניט נאָר אין קושנאַריאָוון. נאָר טראַכטנדיק וועגן דעם, האָט ער גאָר געטראַכט וועגן דעם טאַטן: מיט וועמען האָט דער טאַטע זיך באַגעגנט דאָרט — מיט אַזאַ ווי קושנאַריאָוו, צי מיט אַ דרייסטערן, כאָטש קושנאַריאָוו האָט אים אויסגעזען אַף זײַן אויפן דרייסט און אָרנטלעך. דער טאַטע האָט קיינמאָל ניט דערציילט גענוי, ווי ס'איז צוגעגאַנגען די אויספאָרשונג, יעדנפאַלס, אים, ליאָניען. ער האָט נאָר געזאָגט: „די צײַט האָט זיך געביטן". און ווײַל צײַטן מוזן זיך בײַטן און בעסערס מוז קומען, האָבן גראָד דעם טאַטנס ווערטער מער פון אַלץ באַפרידיקט ליאָניען אויך איצט, געווען אַ טרייסט פאַר אים. עמעס בלײַבט עמעס. גוטס בלײַבט גוטס.

ליאָניע האָט זיך אָנגעשפּיצט, ווײַל אונטן, אַף די טרעפּ, האָבן זיך געהערט טריט.

— עמעצער גייט אַהער, — האָט ער שטיל געוואָרנט.

— יאָ, עמעצן טראָגט עס... — קושנאַריאָוו האָט זיך באַמיט שעפּטשען, נאָר ס'האָט זיך בא אים באַקומען אַ דורכוויסיקער כריפּ; ליאָניע האָט מער לויט די זשעסטן פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט ווײַטער געזאָגט, — מע דאַרף זיך פאַרלאָקערן.

מע האָט זיך געשטעלט בא ביידע פּאָרענטשעס, הינטער די קוסטעס.

אַ קאָמאַנדיר מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ האָט זיך אופגעהויבן אַפן לעצטן טרעפּל. ליאָניע האָט אים באַפוילן שטיין און אָנרופן דעם פּאַראָל.

— איך בין ערשט געקומען אין שטאָט, ווי קאָן איך אים וויסן? — האָט נאָך אַ ווײַלע שווײַגן רויִק געענטפערט דער מיליטערישער.

— אײַער דאָקומענט! — האָט געפאָדערט ליאָניע, אַרויסגייענדיק פון הינטערן קוסט. קושנאַריאָוו איז אויך אַרויס פון די קוסטעס מיטן נאַגאַן אין דער האַנט. דער קאָמאַנדיר האָט זיך

ארומגעקוקט, סקעפּטיש און אָפּהענטיק א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי זאָגנדיק דערמיט: „זע נאָר, זע, מע מיינט עס טאקע ערנסט“, און אויסגעשטרעקט ליאָניען א קליין ביכעלע.

ליאָניע האָט דאָס קעשענע־לאמטערנדל, וואָס ראקושא האָט אים אלס דעם עלטסטן געגעבן, איינגעשלאָסן און אָנגעשטעלט אזוי, אז די שייַן זאָל פאלן בלויז דורך איין שפּעלטל אפן צעעפנטן ביכעלע.

— וואָ־אָס? יורי ניסאנאָוויטש? טאנאגאָז?! — האָט ער פּלוצעם אויסגערופן און א ווענד געטאָן דאָס לאמטערנדל גלייַך דעם קאָמאנדיר אין פּאָנעם. די צווייטע האנט, די רעכטע, וואָס האָט געהאלטן דאָס ביכעלע, האָט א כאפּ געטאָן דעם אווטאָמאט, וואָס איז געהאנגען אף דער ברוסט. עפּעס האָט געמאכט אויך א באוועגונג קושנאריאָוו, נאָר אין דער זעלבער ווייַלע האָט דער מיליטערישער ארויסגעהאקט בא ליאָניען דאָס לאמטערנדל פון האנט, דערלאנגט אים מיט א פוס אין בויך און זיך אויסגעקערעוועט צו קושנאריאָוון. ס'האָט זיך דערהערט א שאָס, מיסטאמע פון קושנאריאָווס נאגאן, נאָר אן אייַנגעבויגענער פאר ווייטעק, האָט ליאָניע דערזען, אז קושנאריאָוו פאלט נאזנדיק מיט פאנאנדערגעוואָרפענע הענט.

ווען ליאָניע האָט, ניט אויסגלייַכנדיק זיך, אָנגעדריקט אפן צינגל פון אווטאָמאט, איז דער אומבאוווסטער שוין געשפּרונגען פון אָנשיט אין דער פינצטערניש. ליאָניע איז צוגעלאָפן צום סאמע ראנד, דורכגעשטעפּט עטלעכע מאָל די נאָענטע קוסטעס און אייַנגעהערט זיך. די צווייַגן האָבן גערוישט פיל נידעריקער, האָט ער געשיקט אויך אהין עטלעכע קורצע רייען, נאָר באלד פארשטאנען — ס'איז אומזיסט. אויב א קויל האָט יענעם ביז איצט ניט דערטאפּט, איז ניטאָ וואָס צו שיסן סטאם אין דער וועלט אריין.

קושנאריאָוו האָט געפּרוווט אופהייבן זיך, מע האָט אים געדארפט העלפן.

פונעם קלאָפּ, וואָס קושנאריאָוו האָט באקומען, צי פונעם פאל האָט בא אים זיך א גאָס געטאָן בלוט פון האלדז. ער האָט לאנג געשווענקט דאָס מויל באם קראַן, וואָס ליאָניע האָט אָפּגעזוכט אין הויף, פון מאָל צו מאָל אויסגעשפּיגן אף דער דלאָניע, אייַנגעקוקט זיך און ווידער געשווענקט. פון דער גאַנטשארנע איז געקומען דער אייַזנבאנער מיטן שראם אף דער באק דערוויסן זיך, וואָס מע האָט דאָ געשאָסן. ער איז באלד אוועק צוריק, וואָרענען די כאווייריים, וואָס האָבן געוואַרט אונטן, מע זאָל זוכן דעם אנטלאָפענעם, מיטגענומען דאָס ביכעלע, ווו ס'איז געווען יענעמס פאָטאָ. ליאָניע איז געבליבן לעבן קושנאריאָוון.

— הער נאָר, הער, — האָט יענער געכריפּעט, — אזא דורכפאל... עס איז דאָך געוויס עפּעס א פּאסקודע... אזוי איז דאָרט טאקע אָנגעשריבן — יורי טאנאגאָז, אן אָסאָביסט? איך קען אים, יורקען, מיר האָבן אמאָל געארבעט צוזאמען אינעם גרויען מויער, אף וועלכן ראקושא האָט אָנגעוויזן... ע, געהאלטן אין די הענט און אָפּגעלאָזט!

— עס האָט מיך ווי מיט א נאָדל דורכגענומען, — האָט ליאָניע א פארשעמטער דערקלערט, — טאנאגאָז — און ניט די פאָטאָ, ניט ער אליין...

— ווארט, — האָט קושנאריאָוו זיך געכאפּט, — און פונוואנען קענסטו אים?

— לאנג צו דערציילן, — ליאָניע האָט א קלער געטאָן און צוגעגעבן קאלט, ווי געוויינלעך, ווען מע וויל אויסמייַדן ווייַטערדיקע פראגן, — טאנאגאָז איז מייַנער א לאנדסמאן.

— ע, געדארפט, ליאָנקע, ניט אויסשרייַען גלייַך, געדארפט עפּעס זאָגן בארויִקנדיקס פון אָנהייב...

אויסגעשפּיגן אף דער דלאָניע און אייַנגעקוקט זיך אין איר, האָט קושנאריאָוו ווידער אויסגעקערעוועט דאָס פּאָנעם צו ליאָניען, קלייַבנדיק זיך פאָרזעצן דעם שמועס, נאָר יענער האָט אים אָפּגעשטעלט:

— שווייַגט, פאר אייַך איז בעסער.

נאָר קושנאריאָוו האָט זיך ניט בארויִקט:

— עס דארף דאָך אזוי פּאסירן — פונקט אף דיר אָנגעשפּרונגען!..

— און ווען ניט איך? — ליאָניע האָט זיך שוין געבייזערט, דאָס ערגסטע איז בא אים פארענטפערן זיך. — און ניט איר? ווען עמעצער סטאם אזוי? דעם פּאראָל האָט ער דאָך ניט געוווסט... נו, גענוג צו ריידן!

דאָס בלוט האָט זיך אָפּגעשטעלט, נאָר קושנאריאָוו האָט געמוזט איבערליגן. ער איז געבליבן אָן קויכעס.

— גיי, — האָט ער פאָרגעלייגט ליאָניען, — אויב איך וועל קאָנען, וועל איך אליין קומען.

ליאָניע האָט ניט געענטפערט, צוגעזעצט זיך לעבן אים אין גראָז.

ערשט אין א האלבער שאָ ארום, נאָך א דרעמל, א מין פארטראָגנקייַט, האָט קושנאריאָוו זיך אופגעהויבן.

— איך בין ווי א קאַץ, — האָט ער שוואַך א שמייכל געטאָן, — איך פייגער, פייגער און פייגער אַלץ ניט... קום!

אַף דער גאַנטשאַרנע, וווּהין זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט (קושנאַריאָוו האָט זיך א ביסל אָנ־געשפּאַרט אין ליאַניעס האַנט, א ביסל — אַף דער פּאַרענטשע), האָט מען קיינעם פון פּאַטרול ניט געטראָפן. איז מען אַוועק אַפן צווייטן טרעף־אָרט, אַף דער פּראַלאָווסקע. דאָ, לעבן קלויסטער, האָט בא אַזייגער צוויי באַנאַכט זיי געפונען דער אײַזנבאַנער מיטן שראָם אַף דער באַק.

— איך האָב באַשטימט פונדעסטוועגן א זוך טאָן אײַך, — האָט ער געזאָגט, און די ציין האָבן בא אים שטיל געקלאַפּט פון אופרעגונג, וואָס ער האָט זי אי ניט געקאָנט, אי ניט געפּו־נען פאַר נייטיק באַהאַלטן. — מיר פאַרלאָזן די שטאָט, אַלע אײַלן צו די בריקן. דער עלטערער לייטענאַנט האָט געפּאַקט א מאַשין, האָט ער זיך אַף איר אַרופגעכאַפּט — און א גוטן טאָג. די איבריקע — ווער־וווּהין. וואָס מיינט איר טאָן?

— איך גיי צום וואָקזאַל, דאָרט שטייט מײַן פּאַנצערצוג, — האָט ליאַניע געזאָגט.

— מיינסט, ער שטייט נאָך?

— איך מוז, יעדנפאַלס, זיך אומקערן.

— שטיי, — האָט קושנאַריאָוו זיך געכאַפּט, — און יענעם, וואָס האָט מיך מעכאַבעד געווען, האָט איר געפּאַקט?

— וועגן וואָס רעדט איר איצט! — איז דער אײַזנבאַנער געוואָרן אויסער־זיך. — מיר פאַר־לאָזן דאָך די שטאָט!..

— דאָס האָב איך שוין געהערט. קיין קויעך וועט מיר אַלציינס ניט קלעקן אַוועקגיין. סײַדן... סײַדן — אַפן פּאַנצערצוג.

— און איך האָב, דעם עמעס געזאָגט, זיך אויך געקליבן גיין צום וואָקזאַל, — דער אײַזנ־באַנער האָט מיט דער דלאָניע געריבן דעם שראָם. — מיר זײַנען דאָרט געשטאַנען מיט א דרע־זינע, וועג־רעמאָנטלער זײַנען מיר...

— איז געגאַנגען, מיטן קירצסטן וועג, דורך די טרעפּ, דורכן צענטער! — א פּיבערדיקע קראַפט האָט זיך דערוועקט אין קושנאַריאָוון. — גייט, כאַווירים, און קוקט זיך אַף מיר ניט אום. איך וועל ניט אָפּשטיין, איך קען זיך!

מע האָט שוין אָבער אומזיסט געײַלט...

XII. דער ווײַסער טורעם. וואָס איז געווען אַף די טײַכן פון באָוול? פון פּאַסטקע — אין שליף

1 יאָ, זיי האָבן אומזיסט געײַלט, מע האָט זיי שוין צום וואָקזאַל ניט צוגעלאָזט. צוויי עלטערע באַוואָפנטע אײַזנבאַנער, וועלכע זײַנען געשטאַנען בא א וועגטל אָנגעוואַל־גערטע זעק מיט זאַמד אין עק קאַמינטערן־גאַס, דאָרט, ווו זי גיסט זיך צונויף מיטן פּוסטן, פּינצטערן וואָקזאַל־פּלאַץ, האָבן געוואָרנט, אַז ווײַטער גיין טאָר מען ניט — באַלד וועלן אַף דער סטאַנציע זיך אָנהייבן אופרײַסן.

— דער פּאַנצערצוג? — איינער פון די אײַזנבאַנער האָט אַראָפּגענומען די ביקס פון אַקסל, אַוועקגעשטעלט זי מיט דער קאָלבע אַפן אַספאַלט און מיט א טיכעלע גענומען דורכווישן די ברילן, מיינענדיק דערמיט אַוודע געבן צו פאַרשטיין, אַז ער פּערזענלעך האָט שוין ניט ווּהין צו אײַלן, ער בלײַבט דאָ אַף העפקער, און זיי, די, וואָס שטייען פאַר אים, קאָן ער מיטפילן און א ביסל, נאָר א ביסל אָפּשפּעטן פון זיי, די לוי־יוצלעכס — זייער לאַגע איז ניט בעסער פון זײַנער. — אַוועקגעפאָרן שוין דער פּאַנצערצוג. אַלץ, וואָס האָט נאָר געקאָנט אַוועקפאָרן, איז שוין אין וועג.

— שטיי, מיטריטש, — האָט דער צווייטער, מיט געדיכטע וואָנצעס און פּונקט אַזעלכע געדיכטע ברעמען, זיך אַרײַנגעמישט, — פאַרפלאָנטער ניט די מענטשן, יעדער מינוט איז טײַער. איר זײַט פונעם פּאַנצערצוג?

— איך בין פון עקיפּאַזש, און די גייען מיט מיר, — ליאַניע האָט גענומען אָפּשפּיליען די קעשענע פון גימנאַסטיאָרקע, קעדיי באַווײַזן זײַן דאָקומענט.

— זוך ניט, — דער מיט די וואָנצעס האָט פאַרהאַלטן זײַן האַנט, — וואָס איז דאָ, אייגנט־לעך, דער סאָד? די דײַטשן זעען אים איצט גאַנץ גוט, דעם פּאַנצערצוג. ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט רונד־אַרום, אַף מײַרעוו, אַף פּאָסט־וואָלינסקי און באָרשטשאַגאָווקע, ערשט פון דאָרט וועט ער פאַרקערעווען צו דער פּאָדאָלער בריק. דורכן סאַמע פײַער דאַרף ער זיך דורכרײַסן. אַוועקגע־

פֿאָרן איז מען מיט א שאָ אָנדערהאַלבן צוריק. לאָזט זיך עפּשער אָפּ פֿאָדאָל, צו יענער בריק, עס קאָן זיך מאַכן, אז איר זאָלט באַווײַזן...

די לעצטע ווערטער האָט דער מיט די וואָנצעס שוין נאָכגעשריגן ליאָניען און זײַנע צוויי כאַווײרים אין פּלייצע.

זינט ליאָניע איז אָנגעקומען אפֿן פֿאַנצערצוג, האָט ער באַמערקט בא זיך, אז ווען עס קומט אים אויס איבערלעבן עפּעס זייער שווערס, געדענקט ער דערנאָך ניט אלץ, וואָס ער האָט געטאָן און וואָס ארום אים האָט זיך געטאָן. בלויז באַזונדערע מאָמענטן פֿיקסירט זײַן מויעך, דערפֿאַר אָבער — פֿאָטאָגראַפֿיש־פּינקטלעך. דאָס איבערגעלעבטע איז ווי א קייט, וואָס גאַנצע רינגען אירע ווערן ערגעץ פֿאַרפֿאַלן אין פּולן כוישעך. עפּשער זײַנען עס גראָד די גרעסערע און קלע־נערע צײַט־אָפּשניטן, ווען ער האָט, טוענדיק דאָס, וואָס ער האָט געדאַרפֿט טאָן, לאַכלוטן פֿאַר־געסן אין זיך, פֿאַרגעסן אין שרעק, פֿאַרגעסן, אז ער איז עמעצן טײַער, און אין איבערמענ־טשלעכער אָנשטרענגונג בײַגעקומען אלץ?

א דינינקע, אין כאַקי, מיט א פּילאָטקע אפֿן שווארצן זשמוט קורץ געשוירענע האָר, וואָס פֿאַלן אראָפּ אָפּ דער רעכטער העלפֿט פּאָנעם — קיין צײַט ניטאָ זיי צו פֿאַרשארן, אָפּזוכן די שפּילקע, וואָס שטעקט עפּשער אינעם זשמוט, און פֿאַרפֿעסטיקן זיי, — מיט א פּיסטאָלעט אין האַנט איז זי ארויסגעלאָפֿן אפֿן ברוק פֿון דער שמאָלער דמיטריִעווער גאַס, שוין נאָכן יעוובאַז, און געפֿאָדערט, מע זאָל זיך אָפּשטעלן. איינע — קעגן דרײַען, מיט א פּיסטאָלעט אין האַנט און א פֿאַרווייַנטע. דעם פּיסטאָלעט האָט זי, אייגנטלעך, ניט אופֿגעהויבן, ניט געדראָעט מיט אים, און נאָך דעם ערשטן שטרענגן, פֿאַרצווייפֿלטן „שטייט!“ האָט זי שוין בלויז געבעטן:

— ליבינקע! טײַערע! דאָרט זײַנען פֿאַרווונדעטע, אין שול, אייך און זיבעציק זײַנען נאָך געבליבן. דרײַ מאַשינעס האָבן געקומען, וויפֿל זיי האָבן געקאָנט, און איך וואַרט אָפּ נאָך. דער מאַיאָר איז אוועק זוכן מאַשינעס. העלפֿט ארויסטראָגן די פֿאַרווונדעטע אין הויף, מע זאָל קיין צײַט ניט דאַרפֿן פֿאַרלירן. העלפֿט, איך בעט אײַך, איך בין דאָ איינע געבליבן...

צעוויינט זיך און איז אוועק צום טויער, אפֿילע ניט אומגעקוקט זיך. זײַנען זיי שווײַגנדיק איר נאָכגעגאַנגען — ליאָניע, קושנאַריאָוו און דער אײַזנבאַנער מיטן שראַם. דער אײַזנבאַנער האָט זיך, עמעס, שטאַרק געזידלט, נאָר נאָכגעגאַנגען.

— עפּשער וואָלט איר דאָ צוגעוואַרט און אויך אוועקגעפֿאָרן? — האָט ליאָניע פֿאָרגעלייגט קושנאַריאָוון, ווען מע האָט אלץ אָפּגעטאָן און אוועקגעלאָזט זיך צום טויער.

יענער האָט געענטפֿערט שוין אין גאַס:

— א שאָד דאָס מיידל, א יונגינקע. זי וועט דאָ בלײַבן מיט זיי אַלעמען. אָפּ וואָס דאַרף זי מיך, דעם צוויי־און־זיבעציקסטן?

מע האָט געמיינט פֿון דער אַרטיאָם־גאַס זיך לאָזן אראָפּ, אָפּ דער גלובאָטשיצע, נאָר פֿון דאָרט זײַנען אָנגעקומען איבערגעשראָקענע, צעטומלטע מענטשן מיט אַפּגיך צונויפֿגעבונדענע קלומקעס, מיט קליינע קינדער, בעכיפֿאָזנדיק אָנגעטאָנענע אין וואָס עס האָט זיך געמאַכט, אין גרויסע פּידזשאַקעס און קאָפּטעס, אַזוי אז די אַרבל און די פּאָלעס האָבן דערגרייכט ביז דער ערד, מיט פֿאַרווונדעטע, וועלכע מע האָט געפֿירט אונטער די הענט אָדער געטראָגן אָפּ קאָלד־רעס, — ער באַשיסט שטאַרק, דער דײַטש, די גלובאָטשיצע, און די טאַטאַרקע, און ווײַטער פֿאַלן סנאַריאַדן אָפּ מעזשיגאָרסקע און אָפּ דער פּרונזענסקע.

— קאָלאָנעס מיליטער זײַנען דורך דאָרט געגאַנגען, און ער האָט קאָרעקטיראָווטשיקעס אָפּ די בערגלעך — ראַקעטעס האַלטן אין איין ארופֿליִען, — האָט עמעצער פֿון די אָנגעקומענע דערציילט.

— די ראַקעטעס קאָן ער גראָד ניט זען, ער איז נאָך ווײַט. ראַדיִאָ — דאָס איז עפּעס אַנ־דערש, — האָט אַן אַנדערער, מײַסע מייוון, דערקלערט.

— און עפּשער דערפֿאַר, ווײַל דאָרט וווינען א סאַך ייִדן, — האָט געזאָגט אַן אַלטיטשקער, בא וועלכן דער קאָפּ און דאָס ציגן־בערדל האָבן אָן אופֿהער זיך געטרייסלט, — אייניקע האַלטן, אז דערפֿאַר טאַקע...

— אײַ, הערט שוין אוף!

די קאָלאָנעס פּוסגייער, די האַרמאַטן, מאַשינעס — אלץ, וואָס האָט געשפּאַרט פֿון דער ברייטער אַרטיאָם־גאַס, האָט גענומען אויסמײַדן די גלובאָטשיצע און אוועקגעצויגן זיך ווײַטער, אָפּ דער מעלניקאָווער גאַס.

ס'האָט קוים געגרויט אָפּ טאָג. אַנטקעגן דעם לוקיאַנאָווער מאַרק האָבן די מאַנצבלען און פֿרויען אופֿגעשלאָסן אָדער אופֿגעבראָכן די טיר פֿון א שפּײַז־קראָם און געטראָגן פֿון דאָרט וואָס

ס'האָט זיך געמאַכט. פריִער מיט עטלעכע שאָ איז דאָס נאָך געווען א פאַרברעכן, איצט — א דער־לויבטע זאַך: זאָל דעם סוינע ניט בלײַבן. עטלעכע סאָלדאַטן האָבן זיך אָפּגעטיילט פון א קאָלאָנע, אַרײַנגעלאָפן אין קראָם און אומגעקערט זיך יעדערער מיט א גרויסן פירליטערדיקן בוטל אַב־ריקאָסן־זאַפט.

בא איינעם א הינקעדיקן, וועלכער האָט געטראָגן צוויי אַזעלכע בוטלען אונטערביידע פּאַכ־ווען, האָט קושנאַריאָוו איינעם צוגענומען און פאַרגעלייגט ליִאַניען און דעם אײַזנבאַנער:

— טרינקט, נאָך מיר דאַרף מען ניט טרינקען.

דעם רעשט, העכער א האַלבן בוטל, האָט ער אויסגעגאָסן:

— עמעצער קאָן זיך קוואַפּען אַף דעם און ווײַנען דערנאָך דאָס גאַנצע לעבן.

איינער מיט א פּעסטן, געפּאַלדעוועטן קאַרק, א רונדפּלייציקער, ניט קיין הויכער, האָט פון א מעבל־קראָם אַרויסגעטראָגן די ווענטלעך פון א ניקלענעם בעט; א פרוי, וועלכע האָט דערמאָנט אין א הילצערנער מאַטריאָשקע, האָט נאָכגעטראָגן די זײַטיקע שטאַנגען פונעם בעט און א גראָשנדיקן הענגער. קושנאַריאָוו האָט דערזען דעם, וואָס מיטן געפּאַלדעוועטן קאַרק, אַרויס־געריסן בא אים איין ווענטל און מיט א זעץ אין טראָטואַר צעבויגן עס. דאָס זעלבע האָט ער געטאָן אויך מיטן צווייטן.

— ווערסט שוין ווי־ניט־איז שלאָפן אַף דעם, אַף וואָס ביסט ביז איצט געשלאָפן. האַרט וועט דיר ניט זײַן!

יענער, וואָס מיטן געפּאַלדעוועטן קאַרק, און זײַן ווײַב האָבן געוואָגט עפּענען די מײַלער ערשט ווען ליִאַניע, קושנאַריאָוו און דער אײַזנבאַנער זײַנען שוין געווען ווײַט.

— מירן גיין ניט דורך דעם פּאַדאָלער ספּוסק, ווּהין די קאָלאָנעס פאַרקערעווען, — האָט געזאָגט דער אײַזנבאַנער און פאַנאַנדערגעשפּיליעט דעם שטייענדיקן קאָלנער פון זײַן בלאָוון אָפּגעריבענעם קיטל (ער האָט מיטן קאָלנער געהאַט צו טאָן די גאַנצע צײַט — ווען ער האָט די ביקס געטראָגן אין האַנט, האָט ער פאַרשפּיליעט די אייבערשטע צוויי העקלעך, ווײַל עס איז געווען קיל, און ווען ער האָט די ביקס גענומען אַפּן אַקסל, ווײַל די הענט האָבן אויך געפרוירן, האָט דער רימען אָפּגעצויגן דעם קאָלנער, עס האָט געוואָרגן אין האַלדז, די העקלעך האָבן זיך אײַנגעשניטן אין לײַב), — דאָרט איז דער וועג א געשלענגלטער, דורך דעם פּאַדאָלער ספּוסק, און צו דער באַן־ליניע איז ווײַט. מירן גיין דורך דעם באַבי יאַר און דורכן סירעץ, וועט אי די ליניע זײַן אָט־אָ באַלד, אי עס איז דאָרט פאַראַן א קליינינקע סטאַנציע....

אָט דעמלט האָט ליִאַניע דאָס ערשטע מאָל דערהערט וועגן באַבי יאַר און וועגן סירעץ. ביז דעם האָט ער גאָר ניט געוווּסט, אַז אַזעלכע ערטער זײַנען דאָ אין קיִעוו. ער האָט אויך ניט גע־וווּסט, אַז ער דאַרף זיך גוט צוקוקן צו די דאָזיקע ערטער, צו דעם, וויִאַזוי מע קומט צו אַהין און וויִאַזוי מע קלײַבט זיך אַרויס פון דאָרט.

ס'איז געווען קאַיאָר, גרוי, קיל. מע איז איינער נאָכן אַנדערן — דער אײַזנבאַנער פּאָרויס, קושנאַריאָוו אינמיטן, און ליִאַניע פון הינטן — געגאַנגען איבער א שטעגעלע לעבן ציגלנעם פּאַרקאַן פון א בעסוילעם. ווײַטער האָט דאָס שטעגעלע אוועקגעפירט ערגעץ אין א זײַט, רעכטס, נאָר דער אײַזנבאַנער איז אַוועק גלײַך דורך דער פּוסטקע און דורכן געדיכטן ווילדגראָז, וואָס איז שוין געווען האַרבסטיק צוגעוועלקט און פול מיט בודזיקעס. מע איז שטיין געבליבן באַם ראַנד פון א טיפן אָון ברייטן ריוו, ווו עס האָבן זיך געזען אַנטהוילטע ליים־אָפּשיטן און שטילע אָפּהאַנגען, קוסטעס און איינציקעביימער, גאַנץ הויכע, וואָס האָבן אָבער קוים דערגרייכט מיט די קרוינען צום ראַנד פון יאַר. ביכלאַל, ווען מע זאָל קומען אהער סטאַם אַזוי אַף אומבאַלאַנקען אין א פאַרוואָרפענעם ווילדלעכן ווינקל, איז דאָ בעפּירעש געווען אייגנאַרטיק שיין. איצט אָבער האָט אין דער טיף פון יאַר זיך געשפּרייט א נעפּל, ס'האָט פון דאָרט געצויגן מיט שווערער פײַכטקײַט, די ביימער און די קוסטעס האָבן אומהיימלעך גערוישט. דאָס שוואַרצע וועלדל, וואָס האָט זיך געזען פון יענער זײַט יאַר, איז ווי געהאַנגען איבער דער ערד — דער נעפּל האָט עס אונטערגעשניטן.

דאָ איז דאַפקע געווען עפּעס אַן אַנדײַט אַף א דורכגעטראָטן שטעגעלע באַרג־אַראָפּ, אין יאַר אַרײַן, נאָר מע האָט פונדעסטוועגן געמוזט, אַראָפּלאָזנדיק זיך, אָנהאַלטן זיך פאַר די פײַכטע גראָזן און צווײַגלעך, און פּונקט אַזוי, אַף אַלע פיר, איז אויסגעקומען זיך דראַפּען אַף דער קעגנייבערדיקער, נאָך מער שטיילער זײַט. מעגלעך, אַז דער גאַנצער פּרווו אויסגעווינען צײַט איז קיין סאַך ניט ווערט געווען, ווײַל וויפל טײַערע מינוטן האָט מען פאַרלוירן באַם אַריבערקלײַבן זיך איבערן יאַר און זײַנע אָפּווײַכונגען. נאָר אָט איז מען אוועק פאַרבײַ א יישעוול, אַן אײַנגעע־טונקנס אין סעדלעך, פאַרבײַ א ציגל־זאַוואָד און אַרויס צו דער אײַזנבאַן, וואָס האָט זיך געצויגן אַף א הויכן אָנשיט.

ווען איינצײַטיק מיטן פלוצעמדיקן פײַף איבערן קאָפ, קימאט אין דעם זעלֿבן אויגנבלֿיק, איז א קוסט א הונדערט שפאן פאָרויס אופגעפלֿויגן אינדערלֿופטן, האָט מען ניט טייקעף באנומען, אז דאָס האָט אים א סנאַריאַד אופגעהויבן. נאָר באַלֿד איז דאָרט אָנשטאָט דעם האַרבסטיק־געלֿן קוסט אויסגעוואַקסן א שוואַרצער, א רויכיקער. דער אײַזנבאַנער איז געבלֿיבן שטיין א פאַרלוירענער, קושנאַריאָוו — אויך. לֿיאָניע האָט זיי אָנגעיאָגט און איז אײַנגעבויגענערהייט אוועקגעלֿאָפן ווײַטער.

— נאָך מיר, נאָך מיר! — האָט ער געדופן. נאָר סנאַריאַדן האָבן זיך געריסן אי פאָרויס, אי פון הינטן, אי בא די זײַטן, און דורכן הילך פון די אופרײַסן האָט מען געהערט, ווי עפּעס א דונערן און א קנאַלֿן דערנעענטערט זיך אהער. זיי זײַנען געלֿעגן אין גראָז, אין א קליינינק טאָלֿעכל, און געזען: איבערן אָנשיט יאָגט דער פאַנצערצוג, סנאַריאַדן רײַסן זיך ארום אים, און פון די האַלֿב־אָפענע בראָנירטע פלֿאַטפאָרמעס, אף וועלֿכע עס באַווײַזן זיך פון מאָלֿ צו מאָלֿ קאַסקעס און אײַנגעבויגענע פלֿייצעס פון די אַרטילֿעריסטן, ענטפערן אַלֿע האַרמאַטן.

— כאָטש שיט אים אָן זאַלֿץ אפן עק! — האָט טרויעריק א שפּאַס געטאָן קושנאַריאָוו.

גוט, וואָס ער האָט אזוי א שפּאַס געטאָן. טאַקע דאָס האָט געגעבן לֿיאָניען מוט צו זאָגן:

— אַלֿציינס דאַרף מען אײַלֿן. די בריק איז, הייסט עס, נאָך גאַנץ!

מע האָט שוין ניט קיין סאַך געדאַרפט גיין צו דער בריק — אַן ערעך א האַלֿבן קילֿאָמעטער. מע איז אַרויס אף א בערגלֿ און דערזען זי, די בריק. און אין דער זעלֿבער מינוט האָבן בלֿיצן זי דורכגעאַקערט אין עטלֿעכע ערטער. די פערמעס האָבן צוערשט א ציטער געטאָן, א בראָך זיך געגעבן, אָט איז איין עק, א צווייטער אופגעפלֿויגן אינדערלֿופטן; א רעגע האָט אָט די שוואַרצע, געבראָכענע לֿיניע, אָנשטאָט דער גלֿײַכער, וואָס איז ביז דעם געווען, אָפגעמערקט די גאַנצע ברייט פון דניעפּער און פאַרשוווּנדן אין ווײַס־קאָכיקע פאָנטאַנען. נאָך אין א רעגע ארום האָבן שוין בלֿויז די שטיינערנע ביקעס געסטאַרטשעט איבערן וואַסער.

— איך בין פון סוויאַטאָשינאָ. דזשוטאָווסקי, פילֿיפּ דזשוטאָווסקי. איך האָב דאָרט, אף דער דריטער לֿיניע, א ווײַב מיט צוויי קינדער. פאַרגעדענקט דאָס אף יעדן פאַלֿ, — אזוי האָט געזאָגט דער אײַזנבאַנער מיטן שראַם צו לֿיאָניען און צו קושנאַריאָוון, ווען מע איז געגאַנגען נאָך דעם פּאָדפּאָלֿקאָווניק, דעם גרענעצלֿער. זיי און נאָך א מענטשן פופציק פאַרנעמען א שוץ בא די סקלֿאַדן ניט ווײַט פון דער אופגעריסענער בריק, ביז מע וועט אהער, צום ברעג, אָנטראָגן בערווענעס און פאַרקרעמפּעווען זיי אף אײַזערנע פעסלֿעך, מע זאָלֿ זיך קאָנען אריבערשיפן. אַנדערע זײַנען אוועק באַשיצן די בערגלֿעך, וואָס האָבן זיך געצויגן לֿענגויס דעם ברעג.

— דיך דאַרף איך ניט, בלֿײַב דאָ, — האָט דער פּאָדפּאָלֿקאָווניק פאַר דעם, ווי אוועקלֿאָזן זיך אהין, צו די סקלֿאַדן, געזאָגט צו קושנאַריאָוון, קריטיש באַקוקט זײַן גראָוון צעקודלֿטן קאָפ, די רויטע פיבער־פלֿעקן אף די סקולֿעס, די סימאָנים פון בלֿוט אף די בלֿויע לֿיפן. — וואָס וועסטו דאָרט העלֿפן מיט דײַן פוגאַטש?

— איך וועלֿ נעמען אין שלֿאַכט עמעצנס געווער, — האָט קושנאַריאָוו דערווידערט, — איך ווילֿ זיך ניט שיידן מיט מײַנע כאַווײרים.

בייס לֿיאָניע האָט, בײַטנדיק דעם דיסק פון אווטאָמאַט הינטער א קופּע אײַזנברוך, דערזען לֿיגן לֿעבן דעם בלֿעכענעם, גאָפרירטן ווענטלֿ פון סקלֿאַד, אף די שטיינער צווישן שיטערן גראָז, קושנאַריאָוון, וועלֿכער האָט, אָן אײַנגעהויקערטער, געשאָסן פון דזשוטאָווסקיס ביקס, — לֿיאָניע האָט זי דערקענט, דאָס האַלֿץ פון דער קאָלֿבע איז געווען געלֿ, די פאַרב איז שוין לֿאַנג אַראָפ, דער רימען פון רויער פעלֿ צונויפגעדרייט, — האָט ער א טראַכט געטאָן: „אף דער מילֿכאָמע גייט דער טויט צו גאָר מיט אָן אַנדער מאָס...“

איבערן דניעפּער האָט מען זיך אריבערגעשיפט באַנאַכט. פון אַלֿץ, וואָס איז דאַן פאָרגעקומען, האָט זיך פאַרגעדענקט, אז קושנאַריאָוו האָט, לֿיגנדיק אף די בערווענעס, געשעפּט מיט די דלֿאָניעס וואַסער און געשווענקט דאָס מוילֿ — ער האָט ווידער געשפּיגן מיט בלֿוט.

און נאָך איין דערמאָנונג: א פויערשע כאַטע עק דאַרניצע. נאַכט. די פויערטע באַם טויער האָט זיך א ביסלֿ געקווענקלֿט, ווען די צוויי, לֿיאָניע און קושנאַריאָוו, האָבן געבעטן לֿאָזן זיי איבערנעכטיקן. „בא מיר איז שוין דאָרט א פולֿע שטוב“. דאָך האָט זי זיי ארײַנגעלֿאָזט. אין שטוב איז טאַקע געווען פולֿ, באַם טיש, אף וועלֿכן ס׳האָט געטשאַדעט א קעראָסין־לֿעמפּלֿ, זײַנען געזעסן ציווילֿ־געקלֿיידטע, פאַרוואַקסענע, אזעלֿכע, וואָס זײַנען אָדער ניט געווען קיין סאָלֿדאַטן, אָדער שוין אופגעהערט צו זײַן סאָלֿדאַטן, און מילֿיטערישע, אייניקע — אף האַלֿב איבערגעטאָן אין ציווילֿן. מע האָט עפּעס געטרונקען, געגעסן, גערייכערט, קימאַט ניט הערנדיק איינער דעם אַנדערן. שיקערלֿעך־אופגערעגט גערעדט.

די באַלֿעבאָסטע האָט ארײַנגעפירט לֿיאָניען און קושנאַריאָוון אין א צווייטן צימער, לֿאַכלֿוטן

אָן מעבל. אפן דיל איז געווען אויסגעבעט שטרוי, אף וועלכער עס האָבן געכראָפּעט עטלעכע מענטשן.

ליאָניע האָט זיך אראָפּגעלאָזט אין א ווינקל, ווײַטער פון פענצטער. קושנאריאָוו האָט פאָר־געלייגט:

— לאָז מיך צו דער וואנט, איך וועל זיך אויסקערעווען צו דיר מיט דער פּלייצע.

אין פאָדערשטן צימער האָט מען שטארק געטומלט. און כאָטש די שטימען האָבן שוין אין א מינוט ארום זיך געגומען צונויפגיסן אין א דורכויסיקן זשום, איז צו ליאָניען, וואָס האָט שוין געהאלטן בא אנשלאָפן ווערן, דערגאנגען, אז אייניקע רעדן דאָרט לאָשנהאָרע וועגן דעם, וואָס איז נאָך ערשט־אָ געווען היילק, פאר וואָס מע האָט דאָס לעבן ניט געשוינט, און אנדערע, ווי־דער, טײַנען היציק, פאראקשנט, אז דאָס, וואָס איז געווען, וועט זײַן. איינער האָט איבערגעשריגן אלעמען בייז מיט א געדיכטן באס, אז דאָס גייט ער פון טפּיסע, יאָ, פון טפּיסע, און גייט אהיים — ער האָט פאר די דײַטשן קיין מוירע ניט — קיין ווינניצע.

קושנאריאָוו האָט זיך אופגעהויבן אף אן עלנבויגן, אויסגעקערעוועט זיך צו ליאָניען, א טאָרע געטאָן אים אין זײַט:

— הערסט? ווילסט דאָך מיסטאמע ויסן, וויאזוי מע האָט מיך באפרײַט?

ליאָניע האָט גאָרנישט ניט געוואָלט ויסן, ער האָט געוואָלט איינס — שלאָפן. אָבער קושנא־ריאָוו האָט געשעפּטשעט נאָענט בא זײַן אויער. אין ברוסט בא קושנאריאָוון האָט אזוי געכאָרכלט און געפײַפט, אז בלויז פון מיטלײַד האָט ליאָניע זיך געצווונגען אף א ווײַלע ניט אײַנזינקען אין שלאָף.

— ווען דאָס רעדל האָט מיט אָנדערהאלבן יאָר צוריק זיך א ביסל א דריי געטאָן, מע האָט יענעם פּראָפעסאָר און נאָך עטלעכע, וואָס איך האָב זיי געהאָלפן, ארויסגעלאָזט, האָט מען מיך אויך פארן טערמין...

אין קאָפּ בא ליאָניען איז ווידער אופגעשווומען: „דער טאטע... צײַטן בײַטן זיך... ווינטמילן“... נאָר טראכטן וועגן דעם איצט איז געווען, ווי זיצן דאָרט, באם טיש, ווו אלץ ווערט איבערגע־טעשלט. צוגעשלאָסן די אויגן, האָט ער געלאָזט, דער שלאָף זאָל אים ווי אף שווארצן וואסער א טראָג טאָן.

קושנאריאָוו האָט נאָך איין מאָל אים א טאָרע געטאָן אין זײַט, א טשמאָקע געגעבן מיט די פולע ליפּן, אף וועלכע פארזאָטן בלוט איז אָנגעפּאפּט געווען:

— פּטע, פּטע, פּטע, ווען מע זאָל אזויפיל געטרײַע מענטשן ניט געווען אומברענגען אומזיסט און אומנישט, דער־אָ ווינניצער, מיין איך, וואָלט גראָד געמעגט זיצן, נאָר ווען מע זאָל אזויפיל, פּטע, פּטע... וואָלט אלץ איצט גאָר אנדערש אויסגעזען...

אין ליאָניעס פארנעפּלטן מויעך איז שטעקן געבליבן: „וואָלט אלץ איצט גאָר אנדערש אויס־געזען“. און ער האָט אין שלאָף ווידער אָנגעהויבן איבערלעבן דאָס, וואָס ער האָט פארן מעסלעס איבערגעלעבט.

2

די באלעבאָסטע האָט געטאָרעט ליאָניען פּונקט אזוי, ווי נעכטן קושנאריאָוו:

— היי, סאָלדאט, שלאָפסט?..

קושנאריאָוו איז שוין געזעסן אף דער שטרוי און מיט ביידע הענט געריבן זיך די אויגן. ליאָניע האָט זיך אויך אופגעזעצט.

— עפּשער דארפט איר אוועקגיין? — האָט די פוירטע, ניט קיין יונגע, מיט אן אויסגע־דארט, פארדײַגעט פּאָנעם, געפרעגט, און די אויגן אירע, ארום וועלכע ס'איז געלעגן א בלויקײַט, וואָס קומט פון שווערע זאָרגן, פארהאָרעוועטקײַט און ניט דערשלאָפן, האָבן געקוקט מיט מיט־געפיל און גלײַכצײַטיק שטרענג. — אייניקע אײַערע זײַנען אוועק, אנדערע ווארטן עפּעס אין הויף. די דײַטשן, זאָגט מען, זײַנען שוין ניט ווײַט.

— ניט ווײַט? — האָט ליאָניע זיך א כאַפּ געטאָן. — זיי זײַנען אריבער דעם דניעפּער?

— עפּשער דעם דניעפּער אויך, ווער ווייסט. זיי קריכן, ווי די טאראקאנעס פון אלע זײַטן. מע זאָגט, זיי קומען אָן פון בראָווארי.

ליאָניע האָט זיך אופגעהויבן, אָפּגעטרייסלט די שטרוי. די קויכעס האָבן זיך נאָך ניט אומ־געקערט, דער קערפּער איז געווען ווי צעבראָכן אף פיל שטיקער, וואָס עמעצער האָט זיי פאר דער נאכט ניט גאָר געלונגען צונויפגעקלעפּט. מיט טרויער און פארצווייפלונג האָט ער א טראכט געטאָן, אז מע דארף באלד נעמען גיין, גיין זייער לאנג און זייער פיל. קיין שרעק האָט ער גראָד ניט געפילט דערבײַ, געגלייבט, אז עס וועט זיך אים אײַנגעבן אויסמײַדן די דײַטשן און ניט זען זיי נאָענט. דער דאָזיקער געפיל, די דאָזיקע זיכערקײַט איז געקומען פון דעם, וואָס ער האָט שוין אזויפיל מאָל געזען די דײַטשן, און אלע מאָל — ווײַט, איבערן ראנד פון דער בראָנירטער

פֿלאַטפֿאָרמע, דורכן שפּאַלט אינעם שוצדעכל פֿונעם קוילנוואַרפֿער, אויף דער מושקע פֿון זײַן אויטאָמאַט.

— שוין גייען מיר! — האָט ער געזאָגט, און צו קושנאַריאָוון: — געגאַנגען?

— איבערטאָן וועט איר זיך? — האָט די פֿויערטע געפֿרעגט, טאַפּנדיק מיט די פֿינגער דאָס דינע בײַטשעלע רויטע קאָרעלן. — אייניקע טוען זיך איבער. — איר בליק האָט פֿון אונטן־אַרויף זיך אַ גליטש געטאָן איבער ליאָניען, אָנגעהויבן פֿון די גוטע קירזאָווע שטיוול, נאָר דאָס פּלעמל, וואָס האָט זיך געהאַט באַוויזן אין אירע מידע אויגן, איז באַלד אויסגעלאָשן געוואָרן, און זי האָט אַפֿילע מיט פֿאַרדראָס אַ באַוועג געטאָן מיט די ברעמען. — ווי איר ווילט, פֿאַרשטייט זיך. עפּעס וואָס האָב איך צוגעגרייט, נאָר עס זײַנען שוין טאַקע געבליבן סאַמע שמאַטעס.

— ניין, מירן זיך ניט איבערטאָן, איך — ניט! — האָט ליאָניע היציק געזאָגט.

— ווי אײַך איז בעסער, גייט בעשאָלעם... נאַט אײַך, כעוורע, אַפּן וועג עטלעכע קאַרטאָפֿל, זיי זײַנען נאָך וואַרעמע, — די פֿויערטע האָט אַ זוך געטאָן אין דער פּאָלע פֿון איר אונטערגעשטעקטן קליידל.

— ביכלאַל איז מיר געפֿעלן, וואָס דו ווילסט ניט ענדערן דעם אויסערלעכן אויסזען, — האָט קושנאַריאָוו געזאָגט, ווען זיי זײַנען שוין געגאַנגען איבערן שטעגעלע, פֿון יענער זײַט גערטענער, צום וועלדל (די פֿויערטע האָט דערקלערט, אַז דורך דאָרט קאָן מען גיכער אַרויסקומען צום וואַגאָנבוי־זאַוואָד און פֿאַרקערעווען אויף באָרטניטשי — דער ערשטער סטאַנציע פֿון כאַרקאָווער ריכטונג), — ביכלאַל איז עס מיר געפֿעלן, אָבער... — קושנאַריאָוו האָט געקוקט אויף ליאָניען מיט די בלויע, זייער קלאָרע אויגן, — צי דען קלײַבסטו זיך טאַקע גיין אָט אַזוי־אָ צוויי הונדערט פֿופֿציק קילאָמעטער צי אַפֿילע מער איבערן דײַטשישן הינטערלאַנד? סײַדן די פּילאָטקע איז בא דיר אַזאַ, אַ פֿאַרקישעפּטע, וואָס אַז דו טראָגסט זי, זעט מען דיך ניט...

שפּעטער אַ ביסל — נאָך איין פֿראַגע, און ווידער איז זי געוועזן ווי אַ מעסער אין האַרצן:

— האָסט מיסטאַמע בא זיך אַ קאָמיוגישן בילעט?

— און אויב יאָ, איז וואָס?

— איך בין שוין אָן אומפּאַרטייִשער באַביק. פֿאַרמעל, אַזוי צו זאָגן. נאָר דיר וואָלט איך געייצעט, ווי איינער פֿון די עלטסטע קאָמיוגיסטן, — באַהאַלט אים דאָ ערגעץ, דעם בילעט, אין אַזאַ אָרט, זאָלסט אים שטענדיק קאָנען געפֿינען. ווען מע גייט אין אויסשפּירונג, צום סוינע אין הינטערלאַנד, לאָזט מען די דאָקומענטן באַם קאָמאַנדיר אין סייף. און אַז דאָ איז ניטאָ ניט קיין קאָמאַנדיר, ניט קיין סייף?..

ער האָט זיך שטיל צעלאַכט, און דאָס האָט ענדגילטיק אַרויסגעבראַכט ליאָניען פֿון די קיילים.

— איך ווייס ניט, וואָס איז דער געלעכטער. מאַלע וואָס מע קאָן אייצענען...

קושנאַריאָוו האָט אַ האָרבע געטאָן די אַזוי אויך סוטולעוואַטע פּלייצע און געזאָגט, ווי פֿאַרענטפֿערנדיק זיך:

— אייניקע, גאָר היציקע, האַלטן, אַז דער מענטש איז אַ מענטש בלויז, ווען ער קומט פֿון אַרומרינגלונג מיט דאָקומענטן. פּונקט ווי די פּאַשיסטן, ווען זיי שיקן צו אונדז עמעצן אונטער, קאָנען אים מיט קיין דאָקומענטן ניט באַוואָרענען... אָט האָסטו דאָך נעכטן אַליין געזען — טאַבאַגאָז...

ליאָניע האָט זיך מיטאַמאָל געכאַפּט, אַז ער קוקט די גאַנצע צײַט אויף קושנאַריאָוון אַ ביסל מיט גרינגשעצונג, און פֿאַרשטאַנען מיט פֿאַרדראָס, אַז טראָץ זײַן ווילן און טראָץ דעם גוטן געפֿיל, וואָס האָט שוין ניט איין מאָל זיך דערוועקט אין אים צו דעם דאָזיקן מענטשן, האָבן אויף אים דאָך געווירקט ראַקושעס ווערטער. קושנאַריאָוו האָט דאָס, ווײַזט אויס, אויך דערפֿילט און איז אַנשוויגן געוואָרן. ליאָניע האָט באַשלאָסן, אַז ער וועט אים מער קיינמאָל ניט אָפּענטפֿערן שאַרף. און קעדיי אײַנגאַנצן מאַכן שאָלעם, האָט ער געזאָגט דאָס, וואָס האָט, לויט זײַן מיינונג, באַטײַט — שליסן פֿרײַנטשאַפֿט.

— מיר דאַרפֿן זוכן עפּעס אַ מיליטערישן טייל און צושטיין צו אים, ווי נעכטן, אויף יענער זײַט דניעפּער. עס וואָלטן דען אַריבער אַזויפֿיל מענטשן, ווען קיינער פֿירט ניט אָן, ווען דער פּאָדפּאָלקאָווניק און אַנדערע אָרגאַניזירן ניט קיין שום? און ווען ער זאָל געווען בלײַבן לעבן, יענער פּאָדפּאָלקאָווניק...

נאָר קושנאַריאָוו האָט אָדער טאַקע זיך באַליידיקט, אָדער געטראַכט וועגן עפּעס זײַנס — ער האָט גאָרנישט ניט געענטפֿערט.

מע האָט געשפּאַנט איבער די זאַמדיקע הרודעס פֿון אַ גרויס פּאַמידאָרן־פֿעלד, פֿון וועלכן די געדערטעניש איז אַראָפּגענומען געוואָרן. פֿון ערגעץ ווײַט — מיט אַ דורכויסיקן פֿאַרהוילענעם הילך, און פֿון ערגעץ נאָענט — מיט אַ בוילעטן קורצן טראַסק האָט זיך דערטראָגן אַ שיסערײַ.

ליאַניע האָט געפֿונען עטלעכע פּאָמידאָרן און צוויי — די גרעסערע, די רויטערע — אָפּ־געגעבן קושנאַריאָוון. יענער האָט פֿליַיסיק אָראַפּגעבלאָזן פֿון זיי דעם זאמד, אַרויסגענומען פֿון דער זיַיטיקער קעשענע פֿון זיַין פֿרענטש אַ קאַרטאָפֿליע און, ניט אָפּשטעלנדיק זיך, גענומען עסן. האָט ליאַניע געטאָן דאָס זעלבע.

ערשט ווען מע האָט געענדיקט עסן, איז קושנאַריאָוו אַוועק באַנאַנד מיט ליאַניען און אָנגע־הויבן פֿון דעם, אַף וואָס ער האָט איבערגעריסן די רייד, — פֿון טאַנאַגאָזן:

— ווער קאָן וויסן — ער לעבט, דער לאַנדסמאַן דיַינער, צי ער איז טויט? עפּשער איז ניט גוט צו רעדן שלעכטס וועגן אַ טויטן, נאָר עס קאָן זיך מאַכן, אַז ער לעבט באַ די דיַיטשן, ער איז אַזאַ...

ליאַניע האָט זיך אָנגעשפּיצט, ער האָט אַף זיַין אויפֿן געוווּסט, אַוועלכער טאַנאַגאָז איז, און פּאַרזיכטיק, פֿון אַ זיַיט, אַ קוק געטאָן אַף קושנאַריאָוון. יענער האָט געכאַפּט זיַין בליק — ניט קיין פֿרעגעוודיקן, אַ מאָנענדיקן, און דערקלערט:

— ער איז שוין צופֿיל פֿון דער הויט געקראָכן. פֿאַרשטייסט? געווען פֿון די סאַמע אומדער־באַרעמדיקע, האַנאָע געהאַט פֿון דעם אַלעמען... אַזאַ קאָן, וואָס דו ווילסט. איך געדענק, ער איז איינמאָל אַריַינגעקומען צו מיר אין צימער — ער איז דעמאָלט געווען אַן אויספֿאָרשער פֿון באַזונדערס וויכטיקע איניאַנים, ערשט דערנאָך האָט מען אים די פֿליגל אונטערגעהאַקט, איבער עפּעס אַן אַנאָנימקע, וואָס איז אָנגעקומען וועגן אים, און ער איז אַוועקגעפֿאָרן, דאַכט זיך, טאַקע אין אַרמיי. יאָ, איז ער צו מיר אַריַינגעקומען, ווען ער איז נאָך געווען אַ גרויסער קנאַקער, און גענומען זיך באַרימען: „זאַטאָנסקין האָט מען מיר געגעבן". און לאַכט שטיל אַזוי, צופֿרידן, בלויז די אַקסלען טרייסלען זיך באַ אים, און די הענט האַלט ער צונויפֿגעקלאַמערט מיט די פֿינגער באַ דער ברוסט — ער האָט אַזאַ טעווע. זאַטאָנסקי... און עס זאָל אים כאָטש אַ טראָפּעלע וויי טאָן, טאַנאַגאָזן, וואָס — זאַטאָנסקי! איז דער מענטש געוואָרן דאָס, וואָס מע מיינט, דאַרף עס וויי טאָן, וויַיל וויאַזוי, פֿאַרוואָס? און אויב ניט? גיכער פֿון אַלץ ניט. דאַרף דאָך דאָס אַוודע וויי טאָן. איז אָט גלייב איך, אַז אַזאַ, ווי טאַנאַגאָז... עך, כע!

מע איז צוגעקומען צו אַ סאָסנע־וועלדל — אַ שטילס, וויַיל די פֿייגל האָבן עס שוין, וויַיזט אויס, פֿאַרלאָזט, ווו־ניט־ווו אַ דורכגעשפּינטס מיט זילבערנע האַרבסט־פּעדעם. קושנאַריאָוו האָט זיך אָפּגעשטעלט, צוגעלייגט ביידע דלאָניעס צו דער ברוסט, שווער און אָפּט גענומען אָטעמען.

— פֿו, — האָט ער מיט אַ קרעכץ אַרויסגעבראַכט, — ווי נאָר אַ ניַיער רייעך, דאַרף איך זיך צו אים צוגעווינען — עס קוועטשט, ווי ניַיע שיך...

פּלוצעם האָט ער זיך אָנגעכאַפּט מיט אַ האַנט פֿאַרן שטאַם פֿון אַ יונגער סאָסנע, פּונקט ער זאָל שיר ניט האָבן געפֿאַלן, באַשיצט דעם שטערן, אַ צוגעבויגענעם צו דער צעטראַסקעטער קאָ־רע, מיט דער צווייטער האַנט, און זיך פֿאַרגאַנגען אין אַ לאַנגן הוסט. די סאָסנע האָט אָן אויפֿהער געציטערט, ביזן שפּיץ.

ערשט אין עטלעכע מינוט אַרום האָט קושנאַריאָוו אויסגעקערעוועט צו ליאַניען זיַין בלאָוו געוואָרן געזיכט, אַ שמייכל געטאָן מיד און שולדיק:

— אויסגעהוסט זיך, ווי אין די פֿרידלעכע ציַיטן, נו, נו... מיר גייען דאָ ביכלאַל אום מיט דיר, ליאַנקע, עפּעס ווי אַף אַ שפּאַציר... איז הער מיט קאָפּ. ביז מע קאָן נאָך רעדן. נעכטן האָב איך געזאָגט: „וואַשן און וואַשן". מיין אָבער ניט, אַז מאַכמעס דעם בין איך אַוועק אין גאַלאָסיי־עווער וואַלד און אַז מאַכמעס דעם טראָג איך איצט דעם נאַגאַן אין קאָבורע און דזשוטאָוווסקיס ביקס אַפֿן אַקסל. ווייסט, וואָס פֿאַר אַ סאָד איך וועל דיר אויסזאָגן: איך קליַיב זיך ניט זוכן צוזאַ־מען מיט דיר עפּעס אַ בלאָנקענדיקן טייל, אַריבערגיין דעם פֿראָנט. וואָס וועל איך אַהין אַוועק־טראָגן, אַף יענער זיַיט — מיַין טובערקוליאָז? דו דאַרפֿסט גיין, און איך וועל שוין דאָ טאָן דאָס, וואָס איך וועל קאָנען. נאָר ניט צוליב דעם, איך זאָל אויסזען שענער באַ זיך און באַ יענעם אין די אויגן. ניין. מיליאָנען אַנדערע דאַרפֿן פֿון גאַרנישט ריינוואַשן זיך און טוען זייער זאַך פּראָסט, ערלעך. וועל איך אויך אַזוי — דער בירגער יאַנקאָ קושנאַריאָוו... און עס מעג אַפֿילע קיינער ניט וויסן, ווו מיַין געביין איז אַהינגעקומען.

3

דאָס וועלדל האָט זיך געענדיקט. מע איז אַרויס אַף אַ שליאַך, וועלכער האָט זיך גע־צויגן דורך אַ לאָנקע, וואָס איז געווען פֿאַרוואַקסן מיט אָסינע־ און נוס־קוסטעס. פֿון יענער זיַיט לאָנקע האָבן זיך געזען איינשטאָקיקע שטיבלעך, צוויי־ און דריַישטאָקיקע מויערן, קאָרפּוסן פֿון אַ זאַוואָד, עס האָט דאָרט אויך געסטאַרטשעט אַ וויַיסער פֿיַיערלעשער־טורעם מיט אַ גאַלעריי פֿון אויבן.

פּלוצעם, באַם וועג־אויסבייג — אַ פּראַכטמאַשין מיט אַ צעקלאַפּטן קוזאָוו. די פֿאָדערשטע רעדער זיַינען פֿאַרפֿאָרן אין קיוועט. שוואַרצע, וויַיסע, גרינע פֿלעקן אַפֿן ברוק — האַרוגים... מע

איז צוגעגאַנגען נעענטער און דערזען: פּרויען, אייניקע אין כאַקי, אייניקע ציוויל געקליידט, עט־לעכע קינדער, א דיקער מאַנצבל מיט א געגאָלטן קאָפּ, מיט א פּראַטעז — די שטאָלענע פּלאַסטינעס גלאַנצן פון אונטער דער פאַרקאַטשעטער הויז. אין קוזאָוו — דער הינטערשטער באָרט איז צע־פּראַלט — קיד־געשיר: פאַרייכערטע קעסלען, צעשאָטענע טעלער, לעפל. ניט אַנדערש — די קיך פון עפּעס א שטאַב.

— פונדערלופטן? — האָט ליאַניע ארויסגעזאָגט א האַשאַרע.

— גאָר פונדערלופטן! זעסט דאָך, די קוילן האָבן דעם קוזאָוו דורכגעלעכערט פּערפּענדיקו־ליאַר. דאָס האָט א קוילנוואַרפער געשאָסן פון דער ערד.

— זײַנען, הייסט עס, די דײַטשן דאָ דורכגעגאַנגען?

— ווער זשע? דורכגעגאַנגען צי דורכגעפאָרן...

קושנאַריאָוו האָט אופגעהויבן דעם קאַפּאָט און א טאַפּ געטאָן דעם מאָטאָר.

— יאָ, — האָט ער געזאָגט, — נאָך וואַרעם. א מינוט צען צוריק, ניט מער.

דער שאָפער איז געלעגן אין גראָז אַף יענער זײַט פון דער מאַשין, נאַזנדיק, די הענט פאַנאַנ־דערגעוואָרפן. א מאַנצבל פון מיטעלע יאָרן. אין דער אייבערשטער קעשענע פון זײַן פאַרנאַפּטיקטן רעקל האָבן, ווי אויטאָמאַטישע פּענעס, געשטעקט אָנצינדערס פאַר גראַנאַטעס. קושנאַריאָוו האָט זיך אָנגעבויגן, פאַרזיכטיק ארויסגעשלעפּט זיי.

— אהא, — האָט ער געזאָגט, — אויב אַזוי, דאַרפן זײַן גראַנאַטעס אויך.

ער איז אוועק צו דער קאַבינע.

ליאַניע האָט דערווײַל זיך אומגעקערט צו די הארוגים אַפן וועג, יעדן איינעם האָט ער באַ־קוקט, א טאָרע געטאָן פאַרזיכטיק מיט דער רער פון אויטאָמאַט. א יינגעלע פון א יאָר פינף, בא וועלכן די רויטקײַט האָט זיך ניט אָפּגעטאָן פון פּאָנעם, האָט קוים א פינטל געגעבן מיט די וויִעס, ווען א גרויסע פליג האָט גענומען פויזען איבער זײַנע צוגעמאַכטע אויגן. ליאַניע האָט זיך אָנגע־בויגן, באַקוקט דאָס יינגעלע, געפונען בא אים א וווּנד אַף דער זײַט — דאָס בלויע וואָלענע סוויִ־טערל איז דאָרט עטוואָס פאַרבלוטיקט געוועזן. איבערבינדן איז אָבער ניט געווען מיט וואָס, און מע האָט ביכלאַל געדאַרפט וואָס גיכער אוועק פונדאַנען, פון וועג. האָט ער א רוף געטאָן קושנאַריאָוון און, ווען יענער האָט זיך באַוויזן הינטער דער מאַשין, אופגעהויבן דאָס קינד אַף די הענט.

קושנאַריאָוו האָט באַקוקט דאָס יינגעלע פון איין זײַט, פון דער צווייטער און געזאָגט:

— גיב, איך וועל דאָס יאַטל אָפּטראָגן אָט אַהין, צו די הײַזער, און דו גיי דיר.

— נו, נו, הערט אוף!

— ניין, דאָ געזעגענען מיר זיך, — האָט קושנאַריאָוו געזאָגט פעסט, — ווען דו ווילסט מיך פּאָלגן, וואָלסטו עפּעס־וואָס אראָפּגענומען פונעם שאָפער און פון יענעם מיטן פּראָטעז און איבער־געטאָן זיך. נאָר איך פאַרשטיי, אַז דו וועסט דאָס ניט טאָן. מע דאַרף זיך צוגעוווינען, ברודער־לעבן. וואָלסט אויך געמעגט א זויך טאָן אין די פּעק — עמעצער וועט געוויס זוכן... ניין? איז גיב אַהער דאָס יאַטל און ווער נעלעם!

נאָר ליאַניע איז ניט אוועקגעגאַנגען. ער האָט אויסגענומען בא קושנאַריאָוון, אַז ער העלפט אים צוטראָגן דאָס יינגעלע ביז די ערשטע הײַזער, און דאָרט צעשיידט מען זיך. אַף דער פראַגע, וואָס ער, קושנאַריאָוו, וועט ווײַטער טאָן, האָט יענער געענטפערט מיט א שמייכל — א מאָדנע שמייכל, אָן אָפּגעשיידט־טרויעריקן צי א ביטערלעך־קלוגן און קוידעמקאָל — א שטאָלצן.

— זעסט, — האָט ער געזאָגט, -- די ביקס האָב איך שוין ניט, דער נאַגאַן איז פאַרשטעקט אין בוזעם. איך נעם אויך אין אכט די געשאַפענע לאַגע.

קעדיי עס זאָל ליאַניען גרינגער זײַן טראָגן דאָס קינד, האָט קושנאַריאָוו גענומען בא אים דעם אויטאָמאַט פון אַקסל. מע איז דורך די קוסטעס ארויס צו א הויף, אַן ארומגערינגלטן מיט צע־בראָכענע זשערדיעס. פון יענער זײַט זײַנען געוואַקסן עטלעכע אַלטע בערעזעס, און סאַמע לעבן די פענצטער פון דער שטוב — יונגע פרוכט־ביימער. ווי נאָר אָבער מע איז ארײַן אין הויף, האָט די טיר פונעם שמאָלן, געדעקטן גאַנעקל זיך צעפּראַלט און אַף די טרעפּ איז געבליבן שטיין ניט קיין הויכער, דאַרער מאַנצבל מיט שיטערע סיווע האָר, מיט אַן אויסגעצויגן דערשראָקן פּאָנעם.

— ניין, ניין! גייט ניט אהער! — האָט ער גענומען מאַכן מיט די הענט. — איר וועט אונדז אומברענגען, מע וועט די שטוב פאַרברענען!

ליאַניע, וועמען דער שווייס האָט פאַרגאָסן די אויגן, האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט. צוגעגאַנגען נעענטער צום גאַנעק, האָט ער געזאָגט:

— נעמט, באַטיע, דאָס קינד. מיר וועלן אוועקגיין.

— ניין, ווער וועט דאָס נעמען! גייט צו אַנדערע...

— אָך, היטסט די פעל? ציטערסט?! — האָט קושנאַריאָוו מיט צונויפגעדריקטע פויסטן זיך א ריס געטאָן צו די טרעפּלעך.

ליאָניע האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג:

— לאָמיר אוועקגיין!

נאָר אין דער זעלבער ווײַלע האָט הינטער דעם באַלעבאָס' פּלייצעס זיך באַוויזן אַ יונג מיידל פון אַ יאָר זעכצן־זיבעצן, מיט בלאָנדע, גלײַכע האָר, מיט אַן איידל לענגלעך פּאָנעם. זי האָט געהאַט אַ פּאַריסן נעזל, גרויסע, נאָך גאָר קינדערשע אויגן, אַ קליין, שאַרף געצייכנט מויל, אַ דינעם האַלדז, שמאָלע פּלייצעס. דורכגערוקט זיך מיט אַ זײַט אין דער טיר, פאַרבײַ דעם פּאָטער, האָט זי אים אָפּגעשטופּט מיט אַן אַקסל און געזאָגט:

— פּע, ווי שעמסטו זיך ניט, טאַטע, זעסט דאָך... טראָגט אַרײַן דאָס קינד!

ליאָניע איז אַרויף אויף די טרעפּלעך, דער באַלעבאָס איז אָפּגעטראָטן, דאָס מיידל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ טרעפּל און אונטערגעכאַפּט מיט ביידע הענט דעם יינגעלעס אַראָפּהענגענדיקע פּיסלעך. ליאָניע האָט מיט דער פּלייצע געעפנט די טיר פון קיך. אַן עלטערע פרוי איז געשטאַנען באַם פּענצטער, אַ פאַרשטעלטס מיט וואַזאָנעס, און געבראָכן זיך די הענט. באַלד אָבער האָט זי זיך אַ וואָרף געגעבן עפענען די פאַרגלאָזטע טיר פון אַ גרויסן צימער און אַ רוף געטאָן:

— אַהער, אַהער!

ליאָניע האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס יינגעלע אויף אַ דיוואַן, וועלכן די פרוי האָט אַפּגיך פאַרשפּרייט מיט אַ לײַלעך. דאָס מיידל האָט אונטערגערוקט דעם קינד אַ זײַדן קישעלע אונטערן קאָפּ, אויסגעטאָן דעם די סאַנדאַלן. דאָס פּיצל האָט אַ קרעכץ געטאָן, קורץ איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און צעוויינט זיך פון פאַרטראָגנקײַט, ווי פון שלאָף.

— איך וועל גיין, — האָט ליאָניע געזאָגט, אַרומווישנדיק מיט דער דלאָניע דאָס פּאָנעם.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן מיידל. אַ צערודערטע, אַ פאַרלוירענע, האָט זי ניט געוווּסט מיט וועמען פריִער זיך פאַרנעמען — מיט אים צי מיטן קינד. אירע גרויסע, בלויע אויגן זײַנען, פולע מיט זאָרג און צאַר, איבערגעלאָפן פון איינעם צום צווייטן. אָט אַזאַ האָט ער זי פאַרגעדענקט — אַ דאַרינקע, אַ שלאַנקע, אַ צאַפּלדיקע, מיט גלײַכע בלאָנדע האָר, וואָס הענגען אַראָפּ אויף די באַקן, אויף די אויערן, ביזן דינעם האַלדז, אויף וועלכן עס פּולסירט קוים אַן אָדערל לעבן שלאָסביין.

— גיב אַ טרונק וואַסער, — האָט ער געבעטן.

דאָס מיידל האָט אים באַגלייט אין קיך. לעבן קינד איז געבליבן די עלטערע פרוי, מיסטאָמע — איר מוטער.

האַלטנדיק די פולע קוואָרט אין האַנט, האָט ליאָניע געפרעגט:

— די דײַטשן זײַנען שוין דאָ?

— ערגעץ זײַנען זיי דאָרט ניט ווײַט, לעבן וואַלד, דורכגעגאַנגען, נאָר...

זי האָט ניט באַוויזן ענדיקן. אין צוויי ערטער האָבן אַ פּלאַץ געטאָן די שויבן — אויף זיי זײַנען געבליבן קײַלעכדיקע לעכעלעך מיט שפּאַלטן, וואָס לויפן זיך פונאַנדער אין אַלע זײַטן. ליאָניע האָט זיך אַ ריס געטאָן צום אַרויסגאַנג.

— מע דאַרף ניט, מע דאַרף ניט! — האָט דאָס מיידל אים אָנגעכאַפּט פאַר אַ האַנט.

איר טאַטע איז אָנגעקומען פון גאַנעקל מיט אַ געשריי:

— לאַריסקע, וואָס האַלטסטו אים?! דײַטשן!

דאָס מיידל האָט אַראָפּגעכאַפּט אַ רעגנמאַנטל, וואָס איז געהאַנגען באַ דער קיך־טיר, און אַרופגעוואָרפן אים ליאָניען אויף די אַקסל.

— לויפט!.. — האָט זי אַרויסגעאָטעמט.

קושנאַריאָוו איז אין הויף ניט געווען.

לאַריסקעס טאַטע האָט אַרויסגערוקט דעם קאָפּ פון דער דרויסן־טיר און נאָכגעשריגן:

— אָט אַהין, אָט אַהין איז ער אוועקגעלאָפן, אײַערער, צו דער שול!

ער האָט באַוויזן מיט דער האַנט אויף אַ גרויער, דרײַשטאָקיקער געבײַדע, ווײַטער מיט עטלעכע הײַזער, אויף דער זעלבער זײַט גאַס.

ליאָניע איז שוין דערלאָפן צו די קוסטעס. בייס ער האָט זיך אומגעקוקט, האָט ער געזען, ווּהין עס טײַט די האַנט, נאָר געמוזט איבערוואַרטן: דײַטשן זײַנען אין ניט קיין שטרענגער קאָלאָנע געגאַנגען איבער דער גאַס, די מונדירן — צעכראַסטעט, די אַרבל — פאַרקאַטשעט, ווער עס האַלט דאָס געווער אין האַנט, ווער — אויף די אַקסל. וועלאָסיפּעדיסטן האָבן איבערגעיאָגט די פוסגייער, געשריִען, געלאַכט. צום וואַלד האָט ער זיך אויך ניט געקאָנט לאָזן — איבערן וועג, וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם וואַלד פון דער לאָנקע, זײַנען געפאָרן דײַטשישע אויטאָמאַשינעס.

די קוסטעס האָבן ניט שלעכט מאַסקירט, דערפאַר האָט ליאָניע זיך גענומען דורכקלײַבן נעענטער צו דער שול. ער האָט ניט געוואָלט טראַכטן, אַז דאָס האָט מען עפּשער נאָכגעשאָסן קושנאַריאָוון און אַז עס ציט אים אַהין דער פאַרלאַנג איבערצײַגן זיך, צי יענער ליגט דאָרט

ניט קיין דערהארגעטער. פּאָשעט, עס וואָלט גוט זײַן, ווען קושנאַריאָוו קערט אים אום זײַן אווטאָמאט.

מיטאמאָל, ווען ליאָניע איז שוין געווען אנטקעגן דער שול, האָט ער ווידער דערהערט א שיסערײַ. מע האָט געשאָסן ערגעץ דערנעבן, פון יענער זײַט שול, אף דער גאַס. דאָרט האָבן זיך געזען די קאָרפּוסן פון א זאוואָד. נעענטער, צווישן דער שול און דעם זאוואָד, האָט זיך געהויבן דער ווײַסער קײַלעכדיקער פײַערלעשער־טורעם מיט דער גאַלעריע, וואָס גאַרטלט אים ארום. א געשריי האָט זיך געהערט פון דאָרט, פון ארום טורעם, אָן אוליוליוקען, ווי מע זאָל עמעצן פארפאַלגן. און באַלד האָט ליאָניע דערזען: עמעצער האָט זיך באוויזן אף דער גאַלעריע, צוגע־שפּארט זיך, ווי אין אָנמאכט, צו דער וואַנט בא דער שמאָלער טיר, געשטאַנען אזוי עטלעכע רעגעס, א פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן פּאָנעם, ווי ער זאָל אָפּווישן דאָס מויל. קושנאַריאָוו! זײַן זשעסט! זײַן אונטערגעגארטלטער פרענטש, זײַן גרויער, צעקודלטער קאָפּ!..

דאָרט, אפן טורעם, האָט קושנאַריאָוו מיט איין האַנט, מיט דער לינקער, זיך אָנגעכאַפּט פאר דער פּאָרענטשע פון דער גאַלעריע און מיט דער צווייטער אײַליק, איינס נאָך איינס, א שלײַדער געטאָן עפּעס. ווען עס האָבן אונטן, אף דער ערד, זיך דערהערט אופרײַסן, איז ער שוין געווען פון יענער זײַט טורעם, און ווידער האָט זיך דערטראָגן אַן אופרײַס, דערנאָך — דאָס שטעפּן פון מאשין־געווער. און אָט האָט ער זיך נאָכאמאָל באוויזן. האַלטנדיק זיך מיט ביידע הענט פאר דער פּאָרענטשע, האָט ער זיך איבערגעבויגן, ווי ער זאָל וועלן זען, וואָס אונטן טוט זיך, און אזוי, אָנגעשפּארט מיט דער ברוסט אף דער פּאָרענטשע, געבליבן הענגען אומבאַוועגלעך.

4

אין דער זעלבער צײַט זײַנען אף קרעשטשאַטיק ארופגעפאָרן צו פיר אין א ריי דײַ־טשישע וועלאָסיפּעדיסטן. די דאָזיקע זײַנען ניט געווען פארשטויבט און באוואַקסן. זיי האָבן פון סאמע קאיאָר לעבן גאָלאָסייעווער וואַלד און אין די גרינע הויפן פון דימייעווקע געשאָבן זיך די בערד, געוואַשן זיך בא וואַסער־קאָלאָנקעס, געבערשטלט די שיך. גאָר שטרענג האָט זיי באטראַכט דער קאָמאַנדיר פון דער דיוויזיע, אין וועמעס רעשוס זיי זײַנען געווען, — העגעריך פאָן גלייעוויץ. גערוקט האָט מען זיך פון דימייעווקע זייער געהיט און זייער לאַנגזאַם. כאָטש אין די באַריקאַדעס און קעגנטאַנק־פארצוימונגען, וואָס האָבן זיך געטראָפן יעדע עטלעכע קוואַרטאַלן, האָט די אויסשפּירונג שוין געמאַכט דורכגענג, האָט מען אַלץ נאָך מוירע געהאַט פאר די דאָזיקע שווײַגנדיקע באַריקאַדעס און פארצוימונגען, מוירע גע־האַט פאר יעדן מויער, פאר יעדן קיאָסק אפן טראָטואַר. בלויז דעמלט, ווען די וועלאָסיפּעדיסטן אין קאַסקעס האָבן געמיטן איינעם־צוויי קוואַרטאַלן, איז די דאָזיקע קורצע דיסטאַנץ שנעל דורכ־געפאָרן אָן אָפענע מאשין אונטער אַן עסקאָרט פון עטלעכע מאָטאָציקליסטן. אין דער מאשין זײַנען, כוצן שאָפער, געזעסן צווייען — דער אָבערסט פאָן גלייעוויץ און דער גענעראַל־מאיאָר עבערגאַרדט, דער קאָמענדאַנט פון דער שטאָט, אין וועלכער מע איז ארײַנגעטראָטן, א געלער, פּונקט ווי פאָן גלייעוויץ, און פּונקט אזא דאַרער און אונטערגעצויגענער. איין אַקסל, דער לינקער, איז באַם גענעראַל די גאַנצע צײַט געווען א ביסל ניט נאַטירלעך אונטערגעהויבן, נאָר אין דער מאשין האָט מען דאָס קוים געקאָנט באמערקן.

און אָט איז ער, קרעשטשאַטיק. די ברייטע און שיינע הויפּט־גאַס ליגט אין א טאָל און די שטאָט קוקט אראָפּ אף איר פון ביידע זײַטן, פון בערג, מיט געדראַנג פון פענצטער, דעכער, טורעמס, סעדער. די סענטיאַבערדיקע זון וואַרעמט ניט הייס — ווײַסע, דינע וואָלקנדלעך באַ־שפּינען זי, ווי מיט האַרבסטיקע פעדעם. א געל בלעטל איז געקומען צו פליִען פון דער שלאַנקער טאָפּאָל־אַליי, וואָס הייבט זיך אָן באַם ראָג, און שווינדלט אינדערלופטן, ווי א פאַלנדיקע גאָל־דענע מאַטבייע. שטיל. נאָר דורך די צוגעמאַכטע פענצטער און פארגלאָזטע באַלקאָן־טירן, דורך די גאַנצע טאַפּליעס, באַקלעפּטע מיט פּאַסן פּאַפּיר, דורך די אויסגעזעצטע שויבן קוקט דראָענ־דיק די פינצטערניש פון צימערן, ווי די אומבאַוווסטקײַט אַליין, און אויב עס פאַלן ווו־ניט־ווו אף א גלאָז זון־שטראַלן, איז עס אויך, ווי די בלענדיקע שײַן זאָל פארגיסן דעם סוינעס אויגן, — מע קאָן ניט זאָגן, וואָס זיי דריקן אויס, נאָר מע ווייסט, אז סינע.

די מאשין איז ארײַנגעפאָרן אינעם אינטערוואַל צווישן צוויי קאָלאָנעס וועלאָסיפּעדיסטן און שטיין געבליבן. די פאָדערשטע קאָלאָנע איז אוועק ווײַטער, און די סאָלדאַטן פון דער הינ־טערשטער האָבן אראָפּגעשטעלט פון די פעדאַלן אפן ברוק איין פוס און גענומען די אווטאָמאַטן אין די הענט. אף די טראָטואַרן זײַנען געשטאַנען מענטשן. ביז דעם האָט די שטאָט אויסגעזען פּוסט, און דאָ — מענטשן. ניט קיין סאַך. מע שווײַגט, מע קוקט.

עמעצער מיט א פריש־פארבאַנדאַזשירטן קאָפּ, אין א גרויען ציווילן אָנצוג, וואָס איז אף אים געווען שמאָלבלעך, האָט, שטאַרק צוהינקענדיק, אָנגעשפּארט אף א שטעקל, געמאַכט א טראָט פון טראָטואַר אפן וועג. צו אים איז אף א מאָטאָציקל צוגעפאָרן א געסטאַפּאָוועץ אין א

שוואַרצער אוניפֿאָרם — א קרעפּטיקער, א הויכער, נאָר מיט אַן אַסימעטריש־קלײנעם קאָפּ און מיט זײער א שמאָל פּאָנעם. מע האָט געשמועסט א מינוט, און באַלד זײַנען אַפֿן אַספֿאַלט אַראָפּ עטלעכע מענטשן און מיט אײַליקע טריט, אַרומקוקנדיק זיך אין די זײַטן, געלאָזט זיך צו דער אָפֿענער מאַשין.

דאָס ברױט און זאַלץ, וואָס אײנער, א פֿליכעוואַטער, מיט א קײַלעכדיק אַנדרויגעניס־פּאָנעם און גרויע, אַרויסשפּאַרנדיקע אויגן, האָט אַף א טאַץ, א באַדעקטע מיט אַן אויסגענייטן האַנטעך, אויסגעשטרעקט דעם גענעראַל עבערגאַרדט, האָט גענומען פֿאַן גלײַעוויץ; באַם גענעראַל איז אָנשטאָט אײַן האַנט געווען א פּראָטעז.

אין פֿינף טעג אַרום וועט דער דאָזיקער פּראָטעז ראַטעווען עבערגאַרדטן דאָס לעבן. דער קאָמענדאַנט וועט אים אַפֿילע אײַנשליסן אין זײַן קאָלעקציע אַמולעטן, וועלכע ער האָט א כאַלאַס צו זאַמלען. אָבער וויפֿל לעבעדיקע הענט וועלן דאָ אין שטאָט טראָגן טויט די אָקופּאַנטן, הענט, וואָס האָבן אויך איצט, אין די קעשענעס באַ אײניקע פֿון די, וועלכע זײַנען געקומען אַף קרעשטשאַטיק, צונויפֿגעדריקט געווער אָדער וואָס וועלן ערשט דעראָבערן געווער און ניט קײן ציטער טאָן אין אַן אַנטשײדענער מינוט, פּונקט ווי עס האָט ניט קײן ציטער געטאָן ערשט־אָ, אין דאַרניצע, יאַנקאָ קאָשנאַריאָווס שוואַכע, ביינערדיקע האַנט.

5

ליאָניע איז, א דערשיטערטער פֿון קאָשנאַריאָווס טויט, נאָך עטלעכע מינוט פֿאַרבליבן אין די קוסטעס, ווו ער האָט זיך געהאַט פֿאַרטײַעט. אַף דער גאַס, באַזונדערס אַרום דעם טורעם, האָט זיך שטאַרק געטומלט, פֿון דאָרט האָט זיך דערטראָגן א שיסערײַ, געשרײען.

נאָר אָט האָט ער זיך גענומען אין די הענט, און כאָטש איבערן וועג, וועלכן ער האָט געמוזט איבערשנײַדן, קעדיי אַרײַן אין וואַלד, זײַנען אַלץ נאָך געפֿאָרן אויטאָמאַשינעס, האָט ער באַשלאָסן, אַז בעסער וועט זײַן ערגעץ דאָרט, נעענטער צום וועג, דערוואַרטן זיך אַף א פּאַוזע אין דער באַוועגונג. פֿונדאַנען האָט מען געדאַרפֿט אַוועק וואָס ווײַטער. ווי נאָר אָבער ער האָט זיך גענומען גאַנוועגען דורך די קוסטעס, זײַנען פֿון יִישעוו אַרויסגעפֿאָרן אַפֿן וועג דײַטשישע וועלאָסיפּעדיסטן. באַלד זײַנען זײ אַראָפּ פֿון די מאַשינעס, געלאָזט זײ באַם וועג און אין א שיטערער קײט, האַלטנדיק גרײט דאָס געווער, אַוועקגעשפּאַנט דורך דער לאָנקע צום יִישעוו. די אײנציקע מעגלעכקײַט צו ראַטעווען זיך, וואָס ליאָניע האָט איצט געהאַט, איז געווען — פּרוּוון באַהאַלטן זיך אין שול־הויף. און כאָטש דאָרט האָט אַף אים אויך געקאָנט וואַרטן א פּאַסטקע, איז אָבער דאָ די געפֿאַר געווען אַן אומפֿאַרמײַדלעכע.

מיטן גרויען אָפּגעריבענעם רעגנמאַנטל אַף די אַקסל האָט ער, דורך אונטערגעשוירענע אַקאַציע־קוסטעס, באַדעקטע מיט שפּינוועבס, אין וועלכן עס האָבן זיך פֿאַרפּלאָנטערט געלע בלעטלעך, און ווײַטער דורך שיטערע מאַלינע־קוסטעס דערקליבן זיך צו דער הינטערטיר פֿון שול, ווו עס איז געשטאַנען א פֿאַס מיט קאַלך און עס האָבן זיך געוואַלגערט ברעטער, ציגל. „עפּשער דאָ זיך באַהאַלטן?“ — איז אים דורכגעלאָפֿן א געדאַנק. נאָר ס'האָט אים געטריבן אינווייניק, אין געבײַדע. ס'איז שרעקלעך געווען צו בלײַבן אין דרויסן, ווו די זון שײַנט אַזוי העל, און ס'איז טאַקע קײן באַהעלטעניש דאָ ניט געווען אויך.

די פּאָדקעווס פֿון זײַנע שטיוול האָבן הילכיק געקלאַפּט איבערן קאָרידאָר. אײן פּאָדקעווע איז גאָר אָפּגעשטאַנען און האָט געקלונגען. „אָפּרײַסן?“ — נאָר ס'איז קײן צײַט ניט געווען. ער האָט געזוכט, ווו גייט מען דאָ אַרויף אַפֿן בוידעם. כאָטש וואָס איז דער בוידעם — אַן אָרט, ווו מע וועט ניט זוכן? געוויינלעך זוכט מען גראָד דאָרט — אַפֿן בוידעם און אין קעלער. אָבער ווען ער האָט לעבן די טרעפּ, וואָס האָבן געפֿירט אין קעלער, דערזען אַן עלטערן מאַנצבל אין א געלצעכראַסטעטע העמדל, מיט דערשראָקענע אויגן, און יענער, א דערפֿרײטער, זעט אויס, וואָס ס'איז ניט קײן דײַטש, האָט אים א רוף געטאָן און באַוויזן מיט דער האַנט אין קעלער, — א רוף געטאָן ניט אַנדערש, ווי בלויז צוליב דעם, ער זאָל ניט אומשמײַען איבערן קאָרידאָר, ניט קלאַפּן מיט די שטיוואַלעס, — איז ער אַראָפּ אַהין, אין שאָטן פֿון די טרעפּ.

דער קעלער איז מיסטאָמע געווען א באָמבע־באַהעלטעניש. ליאָניע האָט גיכער דערפֿילט, ווי דערזען, אַז דאָ איז פֿול מיט מענטשן. מע האָט געשוויגן, נאָר אָט דאָס אײמעדיקע שווײַגן אַלײן האָט גערעדט. און באַלד האָט זיך טאַקע דערהערט א שעפּטשען:

— דאַכט זיך, א מיליטערישער?

— יאָ, א סאָלדאַט.

און העכער:

— נאָך אײנער... אוי, דאָס קאָן זײַן אונדזער אַלעמענס סאָף.

און עמעצער אויפֿגעבראַכט:

— הערט שוין אוף, ײַך דראָעט ניט דאָס, וואָס אים!
ליאָניע האָט ניט פארשטאַנען: „דאָס רעדט מען וועגן מיר?“
ניט קיין פעסטע האַנט האָט אים א שלעפּ געטאָן פארן ארבל.

— קום אהער, שטיי ניט בא דער טיר! — האָט באם סאמע אויער זיך דערהערט דאָס קאָל פון אן אלטער פרוי. — דאָרט אין ווינקל זײַנען דאָ עטלעכע מיליטערישע. זיי טוען זיך איבער. פאר דיר וועט זיך אויך עפּעס געפינען. — און באפעלעריש צו עמעצן אין דער טיף פון קעלער: — ווײַבער, געפינט נאָר עפּעס נאָך פאר איין סאָקאָליק אונדזערן!

„סאָקאָליק“ — אין דעם וואָרט איז געווען אי צארטקײַט, אי ווייטעק, אי שפּאָט. ליאָניע האָט ניט געוווּסט, וועלכע פון די דאָזיקע אינטאָנאַציעס אנטשפּרעכט דעם עמעסן געפיל אירן, ווײַזט אויס, אלץ דאָס צוזאמען.

שפּאַנענדיק איבער עמעצנס פיס, רײַבנדיק זיך מיט די כאָליעוועס און מיט די קני אין עמעצנס פּלייצעס, אין פּעק, הערנדיק א שטיל געזאַנג, מיט וועלכן מע וויגט אײַן א קינד, און דאָס כליפּען פון אן עלטער קינד, און עמעצנס כראָמטשען, האָט ליאָניע זיך דורכגעקליבן אלץ ווײַטער, און הענט, אויסגעשטרעקטע אין דער פינצטער, האָבן אים באגלייט. ענדלעך איז ער שטיין געבליבן. עמעצער האָט אים דערלאַנגט א מאלבעש, דאכט זיך, א רעקל.

א פרוי, א יונגע, ווײַזט אויס, האָט זיך א שטעל געטאָן לעבן אים, אקסל צו אקסל.

— אנו, — האָט זי געזאָגט, — ביסט א הויכער? ניט זייער? מײַן טימקאָס הויזן וועלן דיר עפּשער זײַן גוט. באלד וועל איך א זוך טאָן אין זאק.

נאָר זי האָט ניט באוויזן אָפּזוכן די הויזן; אף די טרעפּ האָבן זיך דערהערט טריט, געשרייען, א זידלערײַ. די טיר אין קעלער האָט זיך צעעפנט, א שארפער סנאָפּ שײַן פון אן עלעקטריש לאמטערנדל האָט באלויכטן איין ווינקל, א צווייטן, ארויסגעכאַפּט פון דער פינצטער אײַנגעהויקערטע מענטשן, צוגעדריקטע איינער צום אנדערן, מיט קליינע קינדער אף די הענט, מיט פּעק און רענצלעך.

— ראַוס! אלע ראַוס! — האָט זיך צעריטשעט דער, וואָס האָט געהאלטן דאָס לאמטערנדל. ס'האָט זיך פארגעדענקט דער קאָלנער פון זײַן מונדיר מיט עפּעס אָנגעגנייטס אף אים, שמאָלע פּאָגאָנעס, די קין, אונטער וועלכער ס'איז אראָפּגעהאנגען דאָס רימענדל פון דער קאסקע, דאָס שרײַענדיקע מויל, די נאָז מיט צעשפּרייטע לעפלעך, די ברעמען, דער געבויגענער ראַנד פון דער קאסקע סאמע באם אקסל, און ווײַטער — נאָך אזעלכע אין קאסקעס... דײַטשן!

6

עס איז געשען דאָס, וואָס ליאָניע האָט אפילע אין געדאנק ניט דערלאָזט, אז עס קאָן מיט אים זײַן אזוינס. נאָר אָט איז געשען — ער איז ארײַנגעפאלן צו די דײַטשן אין די הענט, — און ער האָט לאכלוטן ניט געוווּסט, וואָס הייבט מען אָן צו טאָן. צוזאמען מיט די אלע, וואָס זײַנען געווען אין קעלער און ביכלאל אין שול, האָט מען אים אוועקגעטריבן אפן פּלאַץ פארן זאַוואָד־טויער. דאָ זײַנען שוין געווען פיל מענטשן, און מע האָט נאָך געהאלטן אין איין אָנקומען פון אלע זײַטן אונטער קאָנוואָי פון דײַטשישע סאָלדאטן. איבערן פּלאַץ האָט זיך געוויגט א געשריי, א געיאָמער. די דײַטשן האָבן געשלאָגן, ווען עס האָט זיך געמאכט און מיט וואָס עס האָט זיך געמאכט — מיט די הענטלעך פון אווטאָמאטן, מיט שטעקנס, מיט די פיס, מיט וועלאָסיפּעד־קייטן. אָפּט האָט זיך געהערט א שיסערײַ, דאָ און דאָרט זײַנען געלעגן טויטע. קינדער, וואָס זײַנען בא פיל מענטשן געווען אף די הענט, האָבן זיך געוואָרפן פאר שרעק אָדער שטארק ארומגעכאַפּט די עלטערן פאר די העלדזער, באהאלטן די פּענעמלעך אין דער מאמעס שאל, אינעם טאַטנס אופגעשטעלטן קאָלנער, אנדערע פּיצלעך האָבן זיך גאָר אראָפּגעלאָזט אף דער ערד און דאָרט, אינעם געדראַנג פון פיס, געזעסן שטילערהייט.

פאר ליאָניעס אויגן זײַנען אופגעקומען שוידערלעכע בילדער פון פאר טויזנט, צוויי טויזנט יאָר צוריק, וועגן וועלכע ער האָט געוווּסט פון געשיכטע: א ווילדער סוינע רײַסט זיך ארײַן אין א שטאָט. ס'האָט זיך געדאכט — אויס, מער וועט אזוינס ניט זײַן, ניט קיין ווילדקײַטן, ניט קיין קנעכט. עס גרייט זיך א מילכאָמע, נאָר וועלכע זי זאָל ניט זײַן, וועט זי זײַן אן אנדערע. טאקע עראָפּלאַנען, טאקע טאַנקען, עפּשער אפילע גאַזן, פון דעם אלעם האָט געשווידערט, נאָר מע איז צו דעם פונדעסטוועגן גרייט געווען. אָבער אזוינס? שוין צו ווײַט איז פון יענע פינצטערע צײַטן אוועקגעגאַנגען דער מענטש, עפּשער איז אפילע זײַן לײַב צארטער געוואָרן. ערשט אלץ איז ווי אמאָל, און עפּשער ערגער ווי אמאָל. כאָטש מיסטאמע איז די, וואָס זײַנען מיט טויזנטער יאָר צוריק אָט אזוי צונויפגעטריבן געוואָרן אף א פּלאַץ, אן ארומגערינגלטן פון סאָנים, געווען ניט מער און ניט ווייניקער ביטער, ווי די, וואָס שטייען דאָ איצט.

אָט די געדאנקען האָבן א ביסעלע ווי דערווײַטערט פון ליאָניען דאָס, וואָס עס איז גראָד דאָ פארגעקומען. און עפּשער האָט ער אפילע בעקיוון געוועקט אין זיך די דאָזיקע געדאנקען

און בילדער, קעדײַ ניט טראַכטן וועגן דעם, וואָס עס דערוואַרט אים, און וועגן דעם, אַז ער מוז עפּעס צוקלערן, עפּעס טאָן?

אויבן, אַף דעם ווײַסן טורעם, צו וועלכן ס'איז פונדאַנען געווען גאָר נאָענט, האָט אַלץ געזען זיך קושנאַריאָווס קערפּער, אַן אריבערגעבויגענער איבער דער פּאַרענטשע, מיט אַראָפּהענגענ־דיקע הענט. ליאָניע האָט זיך באַמיט ניט קוקן אַהין, נאָר אין די אויערן האָבן אים געקלונגען די ווערטער: „דו האָסט מיסטאָמע באַ זיך אַ קאָמיוגישן בילעט?“ די פּילאָטקע האָט ער ערגעץ גראָד פאַרלוירן, אָבער אַלדאָס איבעריקע... „איך בין אַ נאַריש ייִנגל, אַן אײַנגעשפּאַרטס און ניט קיין דערפאַרנס, — האָט ער בייז געטראַכט וועגן זיך, — דאָרט, אַפן פּאַנצערצוג, האָב איך גע־טאָן דאָס, וואָס אַלע, וואָס מע האָט באַפוילן, האָט זיך טאַקע באַקומען ניט שלעכט. און ווײַטער וואָס?“ ס'איז אים געווען אַ ווייטעק צו אַנערקענען, און ס'איז אפילע געווען ניט אײַנגאַנצן אַזוי דאָס, וואָס ער האָט אַנערקענט, אָבער ער האָט געטראַכט: „בלויז איבער דעם, וואָס איך האָב אַזויפיל געטרוימט וועגן דער אוניפאָרם, וועגן געווער, וועגן זײַן אַ סאָלדאַט, בלויז איבער דעם האָב איך נעכטן און הײַנט ניט געוואָלט זיך איבערטאָן“.

— ער האָט דאָ אַוועקגעלייגט דרײַ זייערע, און פינף האָט מען צוגענומען פאַרוואונדעטע, שרעקלעך צו טראַכטן, וואָס עס קאָן זײַן דערפאַר...

— האָט דאָך דאָס אַ מיליטערישער געטאָן, אַ מיליטערישער! מילכאָמע איז מילכאָמע.

— אָט וועט איר זיי טאַקע דערקלערן...

— עס וועט זיך דאָ שוין פאַרגיסן בלוט.

— שווײַגט בעסער, איך בעט אײַך!

אַ פּאַנפעדיקע שטים, מיט אַ שאַטנדל פון פאַרלײַכטערונג און אפילע פרייד:

— איך האָב דאָך געזאָגט — זיי וועלן זוכן קאָמוניסטן און ייִדן. אָט האָט איר!

די דײַטשן האָבן טאַקע גענומען שמײַען אינעם אוילעם, געכאַפּט האָט מען אָדער מיליטער־ריש געקליידטע, אָדער אַזעלכע, וואָס זײַנען ענלעך געווען אַף אָפּיצערן צי סאָלדאַטן, כאָטש מע האָט געטראָגן ציווילע קליידער.

— פריש! פריש! זאָלדאַט! — האָבן פון אַלע זײַטן זיך געהערט דײַטשישע אויסרופן. דאָס האָט באַטײַט, אַז דער, וועמען מע שלעפּט, איז קורץ געשוירן, און ווידער: — אָפּיציר! — און גאָר זעלטן: — יודע! פאַרפלוכטער יודע!

אַ נידעריטשקער דײַטש מיט שוואַרציקע קוואַדראַטע וואָנצעלעך און מיט אַ פּאַרשוויצט טשוביקל, וואָס איז געפאַלן פון אונטער דער קאַסקע, האָט זיך פאַרמאָסטן מיטן אויטאָמאַט אַף ליאָניען. אַ מאָדנע גלײַכגילטיקער, קוים הייבנדיק די פיס, וואָס זײַנען געווען ווי הילצערנע, איז ליאָניע אַוועק אַהין, וווּהין דער דײַטש האָט געטריבן, טיטשענדיק מיט דער רער פון אויטאָמאַט אין נאַקן. ליאָניע האָט יעדער רעגע געוואַרט אַף אַ קויל, נאָר דער דײַטש האָט אים צוגעפירט צו ניט קיין גרויסער קאָלאָנע קריגסגעפאַנגענע, וואָס זײַנען געשטאַנען צו צווייִ אין אַ ריי, און געהייסן פאַרנעמען אַן אָרט. די קאָלאָנע איז געשטאַנען באַ אַ זײַט פון וועג, וואָס האָט זיך אָנ־געהויבן נאָכן פּלאַץ, און פאַראַלעל צו איר פון יענער זײַט וועג, אַ צען שפּאַן ווײַטער, האָט מען אויסגעשטעלט אַ צווייטע קאָלאָנע, אַ פיל גרעסערע, צו זעקס אין אַ ריי. דאָרט זײַנען געווען סטאַם ציווילע מאַנצבלען, דעריקערשט אַלטע לײַט און ייִנגלעך, אייניקע צו דרײַצן־פערצן יאָר.

פּלוצעם האָט ליאָניע גלײַך אַנטקעגן זיך, אין יענער צווייטער קאָלאָנע, דערזען טיכאָן וואָ־סיליעוויטשן און עדיקן. טיכאָן וואַסיליעוויטש — באַם ברעג, און עדיק — דער צווייטער פון ברעג. זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר די הענט. דאָס ייִנגל, אין אַ בלויער קאָווביאָיקע, איז געשטאַנען אַ פאַרלוירענער, אַ צעפּאַליעטער, געקוקט פאַר זיך מיט ניט געוויינלעכער זאָרג און אַנגסט; דער אַלטער האָט צוגעשמידט געקוקט אַף ליאָניען, געקוקט אַף אים אַוודע, פון זינט דער דײַטש האָט אים אַהער געבראַכט צו פירן.

דער ערשטער געפיל ליאָניעס איז געווען — בושע. ער איז אין געפאַנגענשאַפט, און טיכאָן וואַסיליעוויטש זעט! נאָר טיכאָן וואַסיליעוויטש, אַ פאַרשטיינערטער, האָט אפילע מיטן קאָפּ ניט קיין שאָקל געטאָן צו אים, בלויז פון די אויגן, טונקעלע, טיפע, האָט ווי אַליין דער צאַר געטריפט. באַ ליאָניען האָט אַלץ אַ ציטער געטאָן אינווייניק — עפּעס ווייסט ער, דער אַלטער קאַלינקאַ, עפּעס האָט ער מוירע צו זאָגן אים אפילע מיטן בליק. און דאָס, וואָס ער ווײַזט עדיקן ניט אָן אַף אים, איז אויך מאַכמעס דעם...

איבערקוקנדיק זיך שטום אַזוי מיט טיכאָן וואַסיליעוויטשן, האָט ליאָניע ניט באַמערקט, ווי אין דער שפּיץ פון דער קאָלאָנע קריגסגעפאַנגענע האָט זיך באַוויזן ניט קיין הויכער מענטש מיט בלאַסע, אײַנגעפאַלענע באַקן, בלויע, לײַדנדיקע אויגן, אין אַ צעשפּליעטן פּידזשאַק פון טשע־סוטשאַ, מיט אַ פידל און אַ סמיטשעק אין די הענט. דער ווינט האָט אופגעהויבן און צעבלאָזן

די פּאַסמע לאַנגע, שוואַרצע, געקרײַזלטע האָר, וואָס האָט, א פּאַרקעמטע אַף א זײַט, צוגעדעקט זײַן פליך. דער פּוטליאַר פונעם פידל איז אָן אָפענער געלעגן בא זײַנע פיס. צי דער מענטש איז אַליין אַרויס צו דער קאָלאָנע, צי דאָס האָבן די דײַטשן אים אַהער געבראַכט, נאָר ער האָט זיך געגרייט שפּילן. און אָט האָבן ציטעריק, טרויעריק זיך א גאָס געטאָן איידעלע, צאַרטע קלאַנגען...

— גערשוני — דאָס ערשטע פידל פון אָפּערע־טעאַטער, — האָט עמעצער, וואָס איז געשטאַנען לעבן ליאָניען, געזאָגט ניט הויך, נאָר זייער דײַטלעך אַף רוסיש, מיטן וואָלגער „אָ".

א קאָסע געטאָן די אויגן, האָט ליאָניע דערזען א מענטשן אין ציווילן מיט א סאַך זילבער אין די גלאַטע רוסיאַווע האָר, מיט אַן אויסגעשפּראָכן אינטעליגענט איידל פּאָנעם. צי לויט דער באַוועגלעכקײַט פון דעם דאָזיקן פּאָנעם, צי לויט דעם, וואָס די הויט איז אַזוי ווי אויסגעווייקט געוועזן פון גרים, איז ניט שווער צו דערקענען אַן אַרטיסט. אויסדריקלעכע קלוגע אויגן, א ברייטע פּאַריסענע נאָז, אָנגעשוואָלענע, צעקלאַפּטע ליפּן. ליאָניע האָט געפּרוווט אָנשטרענגען דעם זיקאָרן: „איך האָב אים, דאַכט זיך, ערגעץ געזען, עפּשער אין א פילם. מיסטאָמע האָט מען אים איבער די האָר, וואָס פאַלן זיך פאַנאַנדער פון שרונט אַף צוויי פליגל, אָנגענומען פאַר אַן אָפיצער".

דאָס פידל האָט געשפּילט, און דער שאָכן ליאָניעס האָט ווידער געזאָגט:

— אַליין רופט ער אַף זיך דעם טויט, גערשוני. מיטן פידל אין די הענט. מאָלאָדיעץ! באַלד וועלן זיי אים...

און פלוצעם, באַגעגנט זיך מיט ליאָניעס קאָסן בליק, האָט דער מענטש מיט די צעשפּאָלטענע ליפּן צוגעגעבן:

— עס שטייט געשריבן: אַף די טײַכן פון באָוול... אַף די טײַכן פון באָוול, אַף פרעמדער ערד, האָבן זיי שפּילן פאַרן סוינע ניט געוואָלט און אויפגעהאַנגען די האַרפּעס אַף די צווײַגן פון ווערבעס... און ער איז בא זיך אַף דער ערד, גערשוני...

עטלעכע דײַטשן זײַנען זיך צונויפגעקומען אין א קופּקעלע (זיי האָבן פאַרשטעלט פון ליאָניען טיכאָן וואַסיליעוויטשן און עדיקן), געהערט דאָס פידל, אייניקע האָבן אַפילע, באַווירקט פון דער מוזיק, אָנגעבויגן א ביסל אין א זײַט די קעפּ אין די קאַסקעס; עס האָט געהערט, א פאַרגלייווערטער, דער האַמוין אַפן פּלאַץ, עס האָבן געהערט ביידע קאָלאָנעס... נאָר אָט איז א דײַטשישער אָפיצער, א יונגינקער, א דינער, א שלאַנקער, מיט ראָזע באַקן, צוגעגאַנגען צום פידלער און אָפּגעשליידערט מיטן שטיוול דעם פּוטליאַר. גערשוני האָט ניט אויפגעהערט שפּילן. האָט דער אָפיצער א לאַך געטאָן, אָנגענומען אים זייער ליײַכט מיט ביידע הענט פאַר די אַקסל, אויסגעקערעוועט אים מיט איין זײַט צו דער קאָלאָנע קריגסגעפאַנגענע, און בלויז מיט א זשעסט, ווי ער זאָל ניט וועלן שטערן דעם פידלער, באַפוילן, מע זאָל גיין. עס האָט זיך דערהערט דער ניט ריטמישער רויש פון טריט. דער פידלער אָבער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט, כאָטש דער אָפיצער האָט אים אונטערגעשטופּט אין פּלייצע. אויפגעהויבן דעם סמיק, האָט גערשוני א קוק געטאָן אַרום זיך און געפאַלן אַפן שליאַך מיטן פידל אין האַנט. דער אָפיצער האָט א ריר געטאָן מיטן נאָסעק דעם פידלערס נאַקעטן שאַרבן און באַפוילן א סאָלדאַט:

— פײַער!

די קלענערע קאָלאָנע, אין וועלכער ליאָניע איז געוועזן, — זי האָט געציילט א מענטשן זעכציק, — האָט שוין דורכגעשפּאַנט לענגויס דעם ציגלנעם פּלויט פון זאַוואָד, געמיטן דעם טורעם און אָפּגעשטעלט זיך בא די עקסטע שטיבלעך פון דער גאַס, וואָס זײַנען געשטאַנען בלויז פון איין זײַט וועג. אַף דער צווייטער זײַט איז געוועזן די לאָנקע, וווּ־ניט־וווּ א פאַרוואַקסענע מיט קוסטעס, און נאָך איר — דער וואַלד. דאָ איז מען שטיין געבליבן, און דער יונגינקער אָפיצער האָט באַפוילן צוויי קאָנוואָירן:

— מאַרש! שאופלען ברינגען!

ליאָניע האָט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס באַטײַט, — ער האָט געלערנט דײַטש אין שול און אין טעכניקום, — נאָר איצט האָט פיבערדיק גענומען פּיקן אין מויעך: „שאופלען... און עפּשער איז עס פאָרט ניט דאָס, ניט דאָס, וואָס איך מיין?" ער האָט געוווּסט, אַז ער טראַכט בעקיוון אַזוי, ווײַל דאָס איז די איינציקע טרייסט און דאָס איינציקע, וואָס קאָן אים העלפן רויִק (ניט רויִק, נאָר פאַרבלענדזט, טעמפּ) וואַרטן אַף דעם אומפאַרמײַדלעכן. עמעצער א צווייטער האָט אָבער אַרויסגעבראַכט דאָס וואָרט „לאָפּעטעס", מע האָט עס גענומען איבערגעבן פון ריי צו ריי. אַן אומרו האָט אַרומגעכאַפּט די מענטשן.

עטלעכע פרויען, וועמעס אייגענע עס זײַנען געוועזן אין דער קאָלאָנע, זײַנען איר נאָכגעגאַנגען מיט א געוויין. די דײַטשן האָבן געהאַלטן אין איין טרײַבן די פרויען, געשאָסן אינדערלופטן,

קעדיי אָנשרעקן זיי, נאָר איצט, ווען מע האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָבן יענע ווידער זיך דערנעענטערט; איינע, אַן עלטערע, האָט אפילע ארויסגעשלעפּט פאר דער האנט א באָכער, איר זון מיסטאמע, נאָר א סאָלדאט האָט זי אָפּגעשטויסן און ארײַנגעיאָגט דעם יונג צוריק אין דער קאָלאָנע.

„ווילדקײַט... איין קייט איז דאָס“, — האָט ליאָניע אין געדאנק זיך ווידער אומגעקערט צו דעם, וועגן וואָס ער האָט פריִער, אפן פלאַץ, געטראכט. און מיטאמאָל האָט אופגעטויכט: „באָוול... וואָס איז געווען אף די טײַכן פון באָוול? דער־אָ, מיט די צעקלאפּטע ליפּן, האָט געמיינט, אז איך ווייס“. ליאָניען איז אומאָנגענעם געווען, לעמײַ ער ווייסט ניט, נאָר געמאטערט האָט א צווייטע זאך, און דאָס איז, ווײַזט אויס, געווען דער איקער: „עס שטייט געשריבן... אזוי זאָגט מען געוויינלעך וועגן דער ביבל. אזוי פלעגט אויך די באָבע זאָגן, דערציילנדיק מײַסעס פון דער ביבל. עפּשער האָט זי וועגן יענע טײַכן אויך דערציילט, און כ'האָב פארגעסן? נאָר פארוואָס האָט דער מענטש באשטימט, אז איך קאָן דאָס וויסן? צי דען, ווײַל עס האָט עפּעס א שײַכעס צו ייִדן און ער האָט דערקענט, ווער איך בין?“ נאָר באלד האָט ער געפּויעלט בא זיך: „נו, איז וואָס, וואָס האָט דאָס שוין איצט פאר א ווערט?“ ס'האָט אים ביכלאַל פארדראָסן, וואָס ער טראכט גאָר איצט וועגן אזוינס: באָוול, מע קאָן יאָ, צי מע קאָן ניט דערקענען, ווער ער איז, ליאָניע... עס וואָלט גאָר איצט ריכטיקער געווען צו טראכטן וועגן נאטאשען, וועגן דעם טאטן, וועגן דער מומע אָלגע — געזעגענען זיך מיט זיי אין געדאנק. די באָבע? וועגן איר איז שוין גיכער פון אלץ ניטאָ וואָס צו טראכטן. עס קער שוין וואקסן אף איר גרוב אזא־אָ גרעזעלע, א ווילד האָבערל, ווי אָט דאָס באם וועג, לעבן סטויפּיקל... און ער האָט געטראכט וועגן דעם גרעזעלע, ווי שיין, ווי בייגעוודיק, צאפּלדיק דאָס איז, וועגן דעם האָבערל, וואָס פּאָכט גרינג מיטן פּוסטן זאנגעלע — דער ווינט האָט שוין צעזייט די זוימען זײַנע. און פארשטאנען האָט ליאָניע, אז דאָס אלץ איז אים באזונדערס טײַער, טײַערער עפּשער ווי די דערמאָנונגען, ווײַל דאָס האָט אים איצט מער צוגעבונדן צום לעבן, ווי יענץ, וואָס איז אייגן, נאָר ווײַט, ניט צו באגרײַפן, ווי ווײַט דאָס איז, ווי דער הימל פון דער ערד.

אָט האָבן שוין די צוויי קאָנוואָיִרן זיך אומגעקערט מיט לאָפּעטעס. פיר געוויינלעכע לאָפּעטעס, מיט וועלכע מע גראָבט גערטענער, און איינע א ברייטע, אן אויסגעבויגענע, אף שיטן ערד. נאָר מע איז אלץ געשטאנען אף אן אָרט. דער אָפיצער און די קאָנוואָיִרן האָבן געקוקט אפן וועג. פון דאָרט זײַנען אָנגעקומען צוויי דײַטשישע סאָלדאטן, וואָס האָבן געטראָגן עמעצן אף א קאָלדרע צי אף א פלאשטש־פּאלאטקע. אויך א דײַטש, א בלאסער, מיט א וויטעקדיק־צעקרימט פּאָנעם. די הענט האָט ער צונויפגעפלאָכטן אפן נאקן אָנשטאָט א צוקאָפּנס, די באָרוועסע פיס, בלויע, אָנגעשוואָלענע, געהאלטן אין איין אונטערציִען און אויסגלײַכן, די שטיוול זײַנען געלעגן דאָ טאקע, אף דער פלאשטש־פּאלאטקע.

די סאָלדאטן, וועלכע האָבן געטראָגן דעם, וואָס מיט די קראנקע פיס, זײַנען היפּש מיד געווען. אראָפּגעלאָזט אים צוזאמען מיט דער פלאשטש־פּאלאטקע אפן ברוק, האָבן זיי גענומען ארומווישן דעם שוויס פון די פּענעמער.

פון דעם, וואָס איינער פון די אָנגעקומענע האָט דערקלערט דעם אָפיצער, האָט ליאָניע פארשטאנען, אז דאָס זײַנען טעלעפאָניסטן. זיי האָבן געצויגן א דראָט דורכן וואלד, און איינער פון זיי איז אראָפּגעפאלן פון א בוים.

אויסגעהערט די דערקלערונג און אויסגעזידלט זיך, האָט דער אָפיצער א טײַטל געטאָן אף ליאָניען און אף נאָך איינעם, מיט וואָנצעס, וועלכער איז געשטאנען אין דער פאָדערשטער ריי:

— טראָגט, שווײַנען!

די קאָלאָנע האָט א ציטער געטאָן: די דאָזיקע צוויי האָט דערווײַל אָפּגעגליקט.

7 טראָגן איז אויסגעקומען ניט ווײַט. מע איז נאָך ניט דערגאנגען צום פלאַץ פארן זאוואָד־טויער, וואָס איז שוין געווען פּוסט, ווי ס'איז אָנגעפאָרן א סאניטאר־מאשין און ארופגענומען דעם דײַטש מיט די צעשעדיקטע פיס.

די צוויי סאָלדאטן די טעלעפאָניסטן האָבן קענטיק זיך פארטראכט, וואָס טאָן מיט ליאָניען און מיט דעם צווייטן, א שטאלטנעם, קרעפּטיק־פּולבלעכן, באיאָרטן מענטשן, מיט שווארצע, אראָפּהענגענדיקע וואָנצעס, אין וועלכע עס ווארפן זיך דורך גראָווע האָר, אין אן אָפּגעטראָגענער אוניפאָרם פון גאבארדין. ליאָניע האָט געזען, אז דאָס איז א פּאָלקאָווניק, אן ארטילעריסט — אין די אָפּגעבליאקעוועטע פּעטליצעס זײַנען געבליבן אלע שפּאלעס, צו פיר אין יעדערער. דעם דײַטשישן אָפיצער האָט געוויס פארשאפט מער האנאָע באפוילן א סאָוועטישן פּאָלקאָווניק טראָגן דעם טעלעפאָניסט, ווי שיסן אים. אָבער פאר די צוויי טעלעפאָניסטן, וועלכע האָבן, מעגלעך, אפילע ניט געוווסט וועגן דעם, אז ס'איז א פּאָלקאָווניק, האָט ער געהאט די זעלבע ווערט, ווי א

באַליביקער געפאַנגענער, אויב מע האָט אים זיי געגעבן פאַר א טרעגער. דעם פּאָלקאָווניק, ווידער, אַזאַ, לויט ווי ליאָניע האָט פאַרשטאַנען, וואָס איז געווינט אָן וואַקלעניש לייזן פרעמדע גוירהלעס, איז ניט אָנגעגאַנגען, וואָס עס וועט מיט אים זעלבסט באַלד פּאָרקומען, — עפּעס אומגעהייער גרעסערס און שווערערס, ווי זײַן אייגענער גורל, דער גאַנצער בראָך, דער אומגליק, וואָס האָט דאָ געטראָפן, האָט זיך געלייגט אויף זײַנע פּלייצעס, וועלכע ער האָט עטוואָס אײַנגעבויגן. ער איז געשטאַנען א כמורנער, א גלײַכגילטיקער בא א זײַט פון וועג און געוואַרט. ליאָניע האָט אָבער ניט געקאָנט פּויעלן בא זיך שטיין אַזוי־אָ און וואַרטן, וואָס עס וועט פּאַסירן. נאָך דעם, ווי ער איז אַרויס פון דער קאָלאָנע פאַרוואָרטיילטע, האָט זיך אין אים דערוועקט א גוואַלדיקער ווילן צו לעבן.

די דײַטשן האָבן פאַרייכערט און אין פאַרלעגנהײַט געקוקט אַהין, פונוואַנען מע איז געקומען. מע וואָלט מיסטאַמע געדאַרפט אומקערן די געפאַנגענע אין דער קאָלאָנע, נאָר גיין צוריק האָט זיך ניט געוואָלט און אומפירן זיך מיט זיי איז אויך קיין כיישעק ניט געווען. פּאַשעט אָפּפּאַרטיקן זיך — צופירן צו א פּלויט און לאָזן אין גאַנג דאָס געווער? אַזוינס האָט פאַרגעלייגט מיטן בליק דער ייִנגערער, מיט שראַמען אויפן האַלדז, וואָס בלײַבן געוויינלעך נאָך אַן אָפּעראַציע אין דער קינדהײַט בייס א נאָכווייעניש פון סקאַרלאַטין; נאָר דער צווייטער, מיט א פּראָסטלעך פּאָנעם און גרויסע רויטע הענט, האָט א צוק געטאָן מיט די אַקסל און אָפּגעקערט זיך: ער האָט ניט אײַנגעשטימט. און דאָ האָט אַלץ זיך געלייזט אָן און פאַר זיך: הייבנדיק א שטויב, איז א קאָלאָנע קריגסגעפאַנגענע און ציווילע געגאַנגען דורך דער פּאַראַלעלער ניט ברוקירטער גאַס. ליאָניע האָט אָנגעוויזן מיטן פינגער אויף דער קאָלאָנע, דערנאָך אויף זיך און אויפן פּאָלקאָווניק:

— דאַרף מאַן הין?..[1]

— וועק! — האָט א מאַך געטאָן מיט די שווערע, רויטע הענט דער עלטערער דײַטש. דאָס האָט געהייסן — לויפּט.

ליאָניע האָט פאַרשטאַנען: לויפן טויג ניט. ער האָט פּאַשעט זיך אַוועקגעלאָזט מיט אײַליקע טריט צו דער קאָלאָנע. אומגעקוקט זיך אין א האַלבער מינוט אַרום, האָט ער דערזען: דער פּאָלקאָווניק גייט אים נאָך, צופּאַלנדיק א ביסל אויף איין פוס, ביידע דײַטשן קוקן פון שליאַך, זיי זאָלן אין ערגעץ ניט פאַרקערעווען, און מאַכן צייכנס צו א קאָנוואָיִר, וועלכער האָט זיך אָפּגעשטעלט און קוקט אין געסל, אַז ער זאָל צונעמען די, וואָס ווערן אים געשיקט.

די קאָלאָנע, אין וועלכער ליאָניע האָט געזוכט א רעטונג, איז געגאַנגען אויף מײַרעוו. וווּהין מע טרײַבט, האָט קיינער ניט געוווּסט. אויף מײַרעוו, האָט אַפילע געקאָנט געשען, אַז צוריק קיין קיִעוו. בא ליאָניען האָט דאָס האַרץ גענאָגט פון אַזאַ האַשאָרע: ווידער אַריבערקלײַבן זיך איבערן דניעפּער וועט זײַן שווער. ער האָט פּעסט באַשטימט בא דער ערשטער געלעגנהײַט — לויפן, ניט דערלאָזט דעם געדאַנק, אַז ער וועט דאָ בלײַבן, אויף דער ערד, וווּהין די פאַשיסטן זײַנען געקומען, און כאָטש פּאָרויס, אויפן וועג צום פראָנט, זײַנען געווען פיל אַנדערע טײַכן, איז דער דניעפּער פּאָרט דער ברייטסטער.

אַרויסגעקומען איז מען טאַקע צום דניעפּער. און געווען זײַנען אַהער, אויף די גראָזיקע און זאַמדיקע פּליינען, צווישן קליינע, אויף האַלב אויסגעטריקנטע אָזערקעס, וווּ־ניט־וווּ אַרומגערינגלטע מיט ווערבעס, צונויפגעטריבן טויזנטער געפאַנגענע. אייניקע האָבן אונטער דער וואַך פון דײַטשן אַרײַנגעקלאַפּט אין דער ערד געטעסעטע דרענגלעך, אַרומגעצויגן זיי מיט שטעכדראָט — אַליין פאַר זיך געגרייט א צוים. דאָ האָט מען שוין עפּעס געוווּסט: ווי נאָר עס וועט זײַן פּאַרטיק א בריק איבערן דניעפּער (מע האָט אַפילע געזען פּונווײַטנס, ווי מע בויט זי אויף פּאָנטאָנען), וועט מען אַלעמען פירן קיין קיִעוו.

די ערשטע נאַכט ליאָניעס אין געפאַנגענשאַפט איז ניט געווען קיין שלאָפלאָזע — ער האָט זיך אײַנגעמאָסטעט אונטער א ווערבע צווישן פרעמדע מענטשן און פאַרגעסן זיך כאָטש אין אַן אומרויִקן, שווערן, הונגעריקן שלאָף, נאָר דאָך — א שלאָף. הערנדיק די קרעכצן אַרום, דאָס שנאָרכען, די זידלערײַען אויף רוסיש און אויף דײַטש, די שיסערײַ, וואָס האָט פון מאָל צו מאָל זיך אויפגעהויבן, פאַרנעמענדיק דורך די צונויפגעשלאָסענע וויִעס די שײַן פון אויפלויכטנדיקע ראַקעטעס, האָט ער פאַרגעזעצט שלאָפן, — עפּעס א קויעך, עפּשער דער אונטערבאַוווּסטזײַן, האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז ער מוז רוען, ביז עס איז דאָ אַזאַ מעגלעכקײַט. דאָס איז געווען דער זעלבער קויעך, וואָס צווינגט א סאָלדאַט אונטערן שטאַרקסטן פײַער אַרומגראָבן זיך און הייבט אים אויף, ווען עס קומט די רעגע א ריס טאָן זיך פּאָרויס...

---

[1] — מע מעג גיין אַהין?

8

סיי דעם ערשטן טאָג פון זייַן געפאַנגענשאַפט, סיי דעם צווייטן האָט ליאָניע געהאַלטן אין איין זוכן צווישן די מענגעס מענטשן באַם ברעג פון דניעפּער טיכאָן וואַסיליעוויטשן און עדיקן. ער איז געווען זיכער, אַז זיי מוזן דאָ ערגעץ זייַן. נאָר געפונען האָט ער זיי ערשט אויפן דריטן טאָג, ווען מע האָט די געפאַנגענע אַריבערגעפירט אויפן רעכטן ברעג טייַך.

קיין לאַגערן זייַנען נאָך אויך דאָ ניט גרייט געווען, האָט מען גאַנצע קאָלאָנעס פאַרקערעוועט וווהין עס האָט זיך געמאַכט — אין שול־הויפן, אין קינאָ־טעאַטערס, אין שפּייַכלערס, דערבייַ טאַקע לעבן פּראָם אָדער ווייַטער אַ ביסל, אויף די גרינע, באַרגיקע געשלענגלטע גאַסן פון טעליטשקע און פּעטשערסק, — אין שטאָט אַרייַן האָט מען די געפאַנגענע נאָך זיך ניט געייַלט פירן. שפּעטער איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָרט, וווהין מע האָט פאַרשפּאַרט „אויף דערווייַל", האָט געדאַרפט פאָרקומען די ערשטע סאָרטירונג.

ליאָניע האָט זיך אופגעהאַלטן אויפן היפּאָדראָם, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ הויכן, דורכויסיקן פּלויט, און גראָד דאָ, וווּ ער האָט שוין אַפילו ניט געפרוווט זוכן, האָט ער באַגעגנט דעם אַלטן קאַלינקאַ און עדיקן.

אָנגעשטויסן האָט ער זיך צוערשט אויפן ייִנגל. דאָס פעלד פון היפּאָדראָם איז אַ גרויס, מענטשן איז דאָ געווען קאָפּ אויף קאָפּ, און ליאָניע, ווייַל ער האָט שוין דעם דריטן טאָג, זינט די פּויערטע האָט אים און קושנאַריאָוון מיטגעגעבן די עטלעכע קאַרטאָפל און זינט ער האָט געפונען די איבערגעצייַטיקטע פּאָמידאָרן, מער גאָרנישט ניט געגעסן, האָט קיין קויעך און קיין פאַרלאַנג ניט געהאַט איבעריקס זיך אַרומשלעפּן. ער האָט בלויז דערקליבן זיך נענטער צום פּלויט, פאַרשטאַנענדיק, אַז דאָ קאָן אים אָנקומען עפּעס־וואָס פון שפּייַז — אויף יענער זייַט פּאַרקן האָבן זיך געזאַמלט פיל אייַנוווינער פון שטאָט. מע האָט געהאָפט געפינען דאָ אייגענע און פרייַנט. און ווען די וואַך האָט ניט געזען, האָט מען אַריבערגעוואָרפן אין לאַגער וואָס ווער עס האָט געקאָנט. אינגיכן האָט ליאָניע שוין געהאַט זייַן אייגנס אַ צעקוועטשטע אוגערקע, צוויי מערן און אַ געקאָכט הינער־פּיסל. קעדיי רויִק אויפעסן דעם דאָזיקן מאָלצייַט, האָט ער זיך אַרויסגעריסן פון דער געדיכטעניש, אַוועק צום מיטן פון פעלד און דאָרט, באַ אַ סטויפּיקל פונעם צעבראָכענעם באַריער, דערזען זיצן אויף דער ערד עדיקן. דאָס ייִנגל האָט עפּעס געקריצט מיט אַ שטיקל גלאָז אויפן בלויגעפאַרבטן סטויפּיקל.

ליאָניע איז געבליבן שטיין הינטער עדיקן. דאָס ייִנגל האָט געמויעכט איבער אַ געאָמעטרישער פיגור, אַרומגעשריבן זי פון אַלע זייַטן מיט קוים מערקבאַרע ציפערן און לאַטייַנישע בוכשטאַבן, און בלויז ווען ליאָניע האָט זיך אַ דריי געטאָן, קעדיי דורכלאָזן צווייען אויף קוליעס, וואָס זייַנען פאַרבייַגעגאַנגען, און דער שאָטן זייַערער איז געפאַלן אויפן סטויפּיקל, האָט עדיק אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ. ער האָט דערזען ליאָניען, נאָר ס'איז עפּעס ניט גלייַך דערגאַנגען צו זייַן באַוווסטזייַן דאָס רעאַלע — דער האָוועדיקער לאַגער און ליאָניע אויף זייַן פּאָן. ער האָט אַפילו אויף אַ ווייַלע געהאַט ווידער אָפּגעקערט דעם קאָפּ צום סטויפּיקל, פון וועלכן דער שאָטן האָט זיך אָפּגערוקט, נאָר באַלד פאַרשטאַנען, ווער עס שטייט פאַר אים, און אַ שמייכל געטאָן פאַרקלערט און פרייַנטלעך, ווי ער פלעגט שמייכלען דאָרטן, אויף אַנדרייעווסקי ספּוסק, ווען ליאָניע פלעגט אַרייַנקומען אין שטוב, און ערשט נאָך אין אַ ווייַלע אַרום האָט דער שמייכל באַקומען אַן אויסדרוק פון טרויעריקער אָפּהענטיקייַט.

— האַ! — האָט עדיק געזאָגט. — דאָס זייַט איר? איר זייַט אויך דאָ? טיכאָן וואַסיליעוויטש האָט מיך דאָ געלאָזט. ער וועט באַלד קומען. זיצט... — און ווידער שוין באַשעפטיקט, מיט קוים פאַרבאָרגענער אָנציקונג. — זעט נאָר, וואָס עס באַקומט זיך, זעט! אויב אַרום אַ רעגולערן קרייַז אָנצייכענען אַ באַליביקן פירעק, ניט קיין רעגולערן, אָבער אַזוי, אַז זייַנע זייַטן זאָלן זיך צורירן צו די קאָנטורן פון קרייַז, דערנאָך פינקטלעך צעטיילן יעדער ווינקל פונעם פירעק אויף דרייַ אַלצייַנע ווינקלען און דורכפירן פון זיי ליניעס אין קרייַז אַרייַן, האָבן אייניקע פון די דאָזיקע ליניעס זיך איבער אַזוי, אַז זיי בילדן דאָרט אַ רעגולערן פירעק. איר זעט? דאָ איז אָנגעצייכנט ניט גאָר פינקטלעך, נאָר דערווייַזן קאָן מען עס, דוכט זיך. און מיט אַ פינפעק באַקומט זיך אויך אַזוי — דאָס וועל איך שפּעטער טאָן. און אַן אַנדער פילווינקלדיקע פיגור, אַ סוואָרע, אויך אַזוי. דאָס איז קעדייַ דורכקאָנטראָלירן.

ליאָניע האָט ניט באַנומען, אין וואָס עס באַשטייט די וויכטיקייַט פון עדיקס באַהויפּטונג, נאָר קוקנדיק אויפן ייִנגל מיטן פאַרפרעסטן שטיקל גלאָז צווישן די פינגער און אויף דער קוים אָנגעמערקטער געאָמעטרישער פיגור אויפן סטויפּיקל, האָט ער מיטאַמאָל דערפילט, אַז עפּעס אַ טרייסטנדיקן געדאַנק וועקט עס יאָ אין אים, און כאָטש ער האָט איצט בעשום־אויפן ניט געקאָנט אויסדריקן, אין וואָס די טרייסט באַשטייט, האָט זיך דאָך געוואָלט אונטערגעבן דעם דאָזיקן געפיל. עפּשער זייַנען דאָס גוירעם געווען עדיקס רייַנע, טרוימעריש־פאַר־

גלײבטע קאַרע אויגן, די קלאָרקײַט פֿון זײַן יוגנטלעך־לענגלעך פּאָנעם, אַן אויסגעצערטס, מיט דיקע, פֿאַרשמאַכטע ליפּן, מיט אַ בוילעטן קנאָפּ אויפֿן דאַר געוואָרענעם האַלדז.

— ביסט הונגעריק, עדיק? — האָט ליאָניע געפֿרעגט.

דאָס ייִנגל האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן ליכטיק־קאַשטאַנעוון שטאַרק קוטשעראַווון קאָפּ אויף יאָ:

— אַ ביסל.

— אָט זע, וואָס איך האָב, — ליאָניע האָט באַוויזן איין האַנט און די צווייטע.

— גוט, גוט, — אַ הונגעריק פֿלעמעלע האָט אַ פֿינקל געטאָן אינעם ייִנגלס אויגן, — לאָמיר צוװאַרטן אויף טיכאָן וואַסיליעוויטשן, ער מוז באַלד קומען.

ער האָט ווידער גענומען קריצן מיטן גלאָז אויפֿן סטויפּיקל, רעדנדיק דערבײַ:

— אַז קיין ביכער האָב איך דאָ ניט, — אַ דײַטש האָט זיי אין דאַרניצע צוגענומען בײַ מיר, כאָטש וואָס טויג אים גורסאַ אויף רוסיש און גאַלואַ — אויך אויף רוסיש, נאָך גוט, וואָס איך האָב מער ניט מיטגענומען אין וועג אַרײַן, — טראַכט איך מיר דאָ דורך אייניקע אידייען...

קעדיי ניט באַטריבן עדיקן, ניט אַרויספֿירן אים פֿונעם צושטאַנד, אין וועלכן ער איז אויף זײַן אויפֿן גליקלעך געווען, האָט ליאָניע אים וועגן גאָרנישט ניט פֿאַנאַנדערגעפֿרעגט. ערשט ווען טיכאָן וואַסיליעוויטש איז געקומען, האָט ליאָניע זיך דערוווּסט, וויִאַזוי דער אַלטער מיטן ייִנגל האָבן אָנגעשפּאַרט אין דאַרניצע. איצט האָט טיכאָן וואַסיליעוויטש שאָענלאַנג געטשאַטעוועט בײַם טויער, טאָמער וועט אים אָפּגילטן און ער וועט דערזען אויף יענער זײַט עפּעס אַ באַקאַנטן, וואָס זאָל איבערגעבן דאָקיע סטאַסאָוונען, אַז זיי זײַנען דאָ פֿאַרשפּאַרט, און אַז זי זאָל פּרוּוון זיך מישטאַדל זײַן פֿאַר זיי — עס זײַנען שוין פֿאַראַן פֿאַלן, ווען מע האָט אַרויסגעלאָזט עמעצן פֿון די, פֿאַר וועלכע מע האָט געבעטן.

געקלאָגט האָט זיך דער אַלטער אויף גאָרנישט, זעט אויס, קעדיי ניט באַצאָרענען עדיקן; פֿון דעם, וואָס ליאָניע האָט פֿאַרמאָגט, — קיין ברעקעלע אַפֿילע פֿאַר זיך ניט גענומען. דאָרט, בײַם טויער, האָט אים קלוימערשט עמעצער מעכאַבעד געווען מיט עטלעכע ביסן פֿון אַ קוקורוזע־היפּטל, אַ שאָד נאָר, וואָס ס'איז ניט באַקוועם געווען אָפּברעכן אַ שטיקל און ברענגען אַהער. ליאָניע האָט געזען, אַז ס'איז אַן אויסגעטראַכטע מײַסע, נאָר מער ניט באַשטאַנען, אַז דער אַלטער זאָל כאָטש עפּעס פֿאַרזוכן. אַ פֿאַרפֿינצטערטער, אַ פֿאַרשוואַרצטער, האָט טיכאָן וואַסיליעוויטש זיך אָפּגעקערעוועט, ביז עדיק און ליאָניע האָבן געגעסן, און גערויערט האָט דאָס ביכלאַל אַ פּאָר מינוט. דערנאָך האָט טיכאָן וואַסיליעוויטש נאָך באַוויזן צו דערציילן, אַז ער האָט מיט אַ וואָך צוריק באַקומען פֿאַר ליאָניען אַ בריוו פֿון טאַטן, דער בריוו ליגט אין דער היים אויפֿן בופֿעט, אויף דער אייבערשטער טומבע. אָט דאָס האָט ער נאָך באַוויזן צו זאָגן, און ס'האָט אין לאַגער זיך אָנגעהויבן אַ מעהומע...

וואָס האָט מען דאָ געקאָנט טאָן בײַס אַ מעהומע? אַריבערגיין פֿון אָרט אויף אָרט, פּרוּוון פֿאַרוקן זיך וואָס טיפֿער אין האַמוין. מע האָט נאָך ניט געוווּסט, וועמען עס זוכן די עסעסאָווצעס און די פּאָליצײַען אין שוואַרצן, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט פֿון דער געדעקטער טריבונע און פֿאַנאַנדערגעגאַנגען זיך אין פֿאַרשיידענע זײַטן פֿון היפּאָדראָם. מע האָט בלויז געזען, אַז טייקעף האָט מען גענומען שלעפּן מענטשן צום טויער. אייניקע פֿון די, וואָס מע האָט געשלעפּט, האָבן געפּרוּווט עפּעס דערווײַזן, זײַנען אַוועק אין גאַנג קולעקעס, שטעקנס, הענטלעך פֿון פֿאַראַבעלומס. דער אוילעם האָט אַלץ מער זיך צונויפֿגעדריקט צום מיטן פֿון היפּאָדראָם, און טיכאָן וואַסיליעוויטש, ליאָניע און עדיק, וואָס זײַנען ניט טייקעף אַוועק פֿונעם סטויפּיקל (עדיק האָט עטלעכע מאָל זיך געבעטן: „באַלד, באַלד“), זײַנען געבליבן אין סאַמע פּראָנט פֿון דער צונויפֿגעדריקטער מאַסע מענטשן.

ס'האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מע זוכט ייִדן. טיכאָן וואַסיליעוויטש האָט גענומען בורטשען אויף עדיקן:

— שטענדיק — „באַלד, באַלד“... אָט האָסטו!..

ער האָט געפּרוּווט פֿאַרוקן עדיקן אַ ביסל ווײַטער, נאָר די מענטשן זײַנען געשטאַנען, ווי אַ וואַנט, און עדיק איז געווען ניט פֿון די, וואָס קאָנען זיך אַרויסהעלפֿן מיט די עלנבויגנס. איין אויסוועג איז געבליבן בײַם אַלטן — פֿאַרשטעלן דאָס ייִנגל מיט זיך. נאָר וואָס האָט דאָס געהאַט פֿאַר אַ ווערט — יענער איז געווען העכער קימאַט מיט אַ קאָפּ.

ליאָניע האָט ניט פֿאַרשטאַנען: וואָס באַאומרויִקט זיך אַזוי קאַלינקאַ פֿאַר עדיקן? פֿונדעסטוועגן האָט ער געוואָרפֿן אַן אויפֿמערקזאַמערן בליק אויפֿן ייִנגל, און אַ כשאַד האָט זיך מיטאַמאָל פֿאַרגאַנוועט אין האַרצן: „ווער ווייסט, עפּשער אַ ייִדישער טאַטע צי אַ ייִדישע מאַמע? ס'איז עפּעס קיינמאָל צו רייד ניט געקומען וועגן דעם. און עפּשער איז די ערגערניש גאָר איבער מיר, ווײַל איך בין געבליבן שטעקן פֿון פֿאָרנט?“ טיכאָן וואַסיליעוויטש האָט, עמעס, עטלעכע מאָל פֿון דער

זײַט א קוק געטאָן אף לֿיאָניען, נאָר געווען זײַנען די דאָזיקע בלֿיקן בארויִקנדיקע: „מיט דיר האלט גראָד נישקאָשע“. ער האָט בלֿויז א טאָרע געגעבן לֿיאָניען פאר דער האנט, וואָס איז געווען פארוקט אין קעשענע פון די גאליפע, און א שעפטשע געטאָן:

— עפשער האָסטו בא זיך עפּעס אזוינס... גיב אהער, איך וועלֿ באהאלטן. — און העכער, ווי צו זיך אליין: — אינדערפרי האָט מען שוין געזוכט קאָמוניסטן, קאָמיסארן... עס איז עפּעס אף די מענטשן אָנגעשריבן צי וואָס?

טיכאָן וואסילֿיעוויטשעס דלֿאָניע האָט וואָרטנדיק זיך פארהאלטן בא לֿיאָניעס קעשענע, און לֿיאָניע האָט ארויסגעאָטעמט אין דער גרויער, צוגעפּלֿעטשטער קעפּקע דעם אלטנס:

— אלֿץ אין אָרדענונג.

לֿיאָניע האָט טאקע באוויזן באהאלטן דעם קאָמיוגישן בילֿעט — דאָס איינציקע, וואָס ער האָט באשטימט פארהיטן. נאָך אפן לֿינקן ברעג פון דניעפּער האָט ער פארוקט דאָס ביכעלֿע אין דעם אָפּגעטרענטן אונטערשלאק פון שטיוולֿ, און קעדיי עס זאָלֿ זיך אף די שטיוולֿ קיין באלן ניט געפינען — צעשניטן די כאָלֿיעוועס אין עטלֿעכע ערטער.

— אוי, גאָט מײַנער! — האָט טיכאָן וואסילֿיעוויטש געשעפּטשעט, קוקנדיק אף די צוויי עסעסאָווצעס און דעם פּאָלֿיצײַ, וואָס האָבן זיך דערנענטערט אהער. — קינדער גייען זיי אויך אָן, גאָט מײַנער...

א צווייטער פּאָלֿיצײַ האָט מיט א שטעקן געטריבן צום טויער א באָכער פון א יאָר צוואנ־ציק און א קלֿיין יִנגלֿ עפשער פון צען יאָר; דער באָכער האָט, ארויסשטעלֿנדיק די האנט, באמיט זיך באשיצן דאָס יִנגלֿ פון קלֿעפּ.

לֿיאָניע האָט געהערט פון אלֿע זײַטן: „זשיד, זשידי!“ אָט דאָס וואָרט פלֿעגט ער אמאָלֿ זען אָן אָנגעשריבנס אײַלֿיק, גנייוויש מיט קרײַד אָדער קוילֿ אף די ווענטלֿעך פון קלֿאָזעטן באנאנד מיט אנדערע זידלֿווערטער און קרעטינישע געמעלֿן. איצט האָט מען מיט אָט דעם וואָרט באצייכנט מענטשן, וואָס זײַנען געווען אזעלֿכע, ווי אלֿע, נאָר האָבן געהאט דעם אומגלֿיק ענלֿעך צו זײַן אף זייערע ווײַטע אָוועס, פונקט אזעלֿכע אומשולֿדיקע, ווי זיי, ענלֿעך צו זײַן ניט מער און ניט ווײ־ניקער, ווי עס זײַנען ענלֿעך געווען אף זייערע מאמעס און זיידעס אלֿע אנדערע, וואָס זײַנען דאָ געשטאנען צונויפגעדריקט אפן פעלֿד, און אזוי ווי די, וואָס האָבן בלֿוטדאָרשטיק געזוכט, וועמען צו טאדלֿען מיטן דאָזיקן וואָרט... ער האָט גאָר ניט געטראכט קיינמאָלֿ, ווער ער איז, ס'האָט אי בא אים, אי בא די כאווירים, בא באקאנטע קיין ווערט ניט געהאט. איצט האָט מען עס אים דערמאָנט, ווי א פגימע. „זשיד“ — אין לֿיאָניעס פאָרשטעלֿונג האָט דורכגעבלֿיצט דעם טאטנס פּאָנעם מיטן שראם אף דער קין, א באקומענעם אין שלאכט, די פעסטע, ברייטע פּלֿייצעס דעם טאטנס, זײַן שטאָלֿצער און רויִקער שטעלֿ — פון די יונגע יאָרן אָן א סאָלדאט, און ווען ניט קיין סאָלדאט, איז א בויער, און ווידער א סאָלדאט. ער האָט זיך פאָרגעשטעלֿט דעם פּעטער מיכלֿ, א מענטש, וואָס האָט א גאנץ לֿעבן געוווסט בלֿויז האָרעווען, דערמאָנט זיך די באָבע שיפרע מיט אירע מײַסעס, מיט איר אָרנטלֿעכקײַט און אפילֿע פרומקײַט, מיטן אומבאדינגטן ארײַנרופן אָן אָרעמאן, ווער ער זאָלֿ ניט זײַן, אבי ער האָט נאָר אָנגעקלֿאפּט אין טיר, און אָנהאָדעווען אים. און ער אליין, לֿיאָניע, א יִנגלֿ ווי אלֿע יִנגלֿעך, און אָט דער־אָ עדיק, אויב ער האָט טאקע עפּעס א שײַכעס צו יִדן, — דער בעסטער קאָרעוו זײַנער איז גאָר עוואָריסט גאלוא, דער יונג־פּאָר־שניטענער פראנצויזישער מאטעמאטיקער, און אבעלֿ — דער נאָרוועגישער, און רימאן — דער דײַטשישער, און לֿאָבאטשעווסקי, און דער קימאט מיטישער עווקלֿיד, — ער רעדט דאָך נאָר וועגן זיי...

און ווער איז עס דער, וואָס זוכט יִדן? שורקע? דאָס איז ער דער פּאָלֿיצײַ — שורקע, דעם אָנפּיסיקן האָפּקאלֿאָס זינדלֿ, אָנופרי האָפּקאלֿאָס, וואָס פלֿעגט קעסיידער אומפּאָרן אף א נידעריק ווּעגעלֿע איבערן סענאַי באזאר, אָנשפּארנדיק זיך מיט די הענט אין ברוק, און פארטרינקען די מאטבייעס, וואָס גוטע מענטשן פלֿעגן אים ארײַנוואַרפן אין היטלֿ. לֿיאָניע פלֿעגט די ערשטע צײַט אויך עפּעס ארײַנוואַרפן אין יענעמס היטלֿ, ביז ער האָט זיך דערוווסט, אז האָפּקאלֿאָ איז ניט פון דער מילֿכאָמע געקומען אזא — ער האָט א שיקערער פארלֿוירן די פיס. פונעם קעלֿער, ווו די האָפּקאלֿאָס וווינען, — ער געפינט זיך לֿעבן לֿיאָניעס צוזאמענוווינונג, — פון די פענצטער באם סאמע טראָטואר האָבן יעדן אפדערנאכט זיך געטראָגן שיקערע קוילֿעס און לֿידער. די מאַ־מע שורקעס, א קלֿיינינקע, אָן אויסגעדייווערטע, פלֿעגט גאנץ אָפּט אומלֿויפן איבער דער גאס און זוכן א מילֿיציִאָנער — דער מאן שלֿאָגט זיך מיט עמעצן אָדער ער האָט זי אָנגענעריקט. איז שורקע, וועלֿכן מע האָט שוין געפּאקט אין צוזאמענוווינונג בא א גנייווע, איצט דער פּאָלֿיצײַ און שרײַט „זשיד“... אזוינס האָט מען טאקע פון אים געקאָנט דערוואַרטן. א ניוזיקלֿ, דאר ווי די מאמע, מיט אָן אראָפּהענגענדיקער סלֿינעדיקער לֿיפּ, ווי באם טאטן, און גרויסע מאָפּסיש־קאלֿטע אויגן, אויך דעם טאטנס, — אזא איז ער, שורקע. און אָט שטייט מען שוין פּאָנעם־עלֿ־

פּאָנעם, ליאָניע און שורקע, און לעבן זיי — די צוויי עסעסאָווצעס, וואָקסיקע, מיט זיך לאַנגווײַליקע געזיכטער.

שורקע האָט זיך געמאַכט, אַז ער האָט ליאָניען ניט דערקענט; און עפשער טאַקע ניט דערקענט אים. נו, יאָ, ער איז דען איינער געווען אין צוזאַמענווינונג, ליאָניע? פינף הונדערט קינפּטיקע געאָלאָגן זײַנען דאָרט געווען, ניט ווייניקער. און שורקע איז אָף דער גאַס געווען איינער. איצט האָט ער, קנייטשנדיק דאָס נידעריקע שטערנדל, מיט נישטערנדיקע אויגן אײַנגעקוקט זיך אין די אָנגעשטרענגטע פּנעמער פון די צונויפגעדריקטע מענטשן, באַמיִענדיק זיך זען וואָס ווײַטער, און מיטאמאָל, איבער טיכאָן וואַסיליעוויטשעס אַקסל, אָנגעוויזן מיטן פינגער אָף עדיקן:

— אָט דער... קום אַרויס, זשיד!

— ניין, ניין! — האָט טיכאָן וואַסיליעוויטש, אַ צאַפּלענדיקער, גענומען מאַכן מיט די הענט, וועלכע ער האָט אופגעהויבן צו באַשיצן עדיקן. — ניט עמעס! דאָס איז מײַן אייניקל... אַ קריסט איז ער!

— מיר וועסטו דערציילן! — שורקע האָט לאַכנדיק אָפּגעטוליעט די אָפּהענגענדיקע ליפּ, ביז די דעסנעס, ווו עטלעכע ציין האָבן געפעלט. — אַ זשידאָק איז דאָס, אַן אויסגעגאָסענער!

— ניין! האָסט אַ טאָעס! — דער אַלטער האָט זיך גענומען ציילעמען.

— מיר וועלן באַלד אַ קוק טאָן. אַנו, קום אַרויס! — שורקע האָט אויסגעצויגן די האַנט, געוואָלט אָנכאַפּן דעם בלאַס געוואָרענעם, צעטומלטן עדיקן פאַרן קאָלנער פון דער קאָובאָיקע.

אין מעשעך פון דער מינוט, וואָס דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען, האָט ליאָניע שוין איבערגעלעבט אי שרעק — טאָמער טוט שורקע, וואָס איז בא די עסעסאָווצעס דער מיוון, אַ ווײַז אָן אויך אָף אים, אי פאַרלײַכטערונג — „איך בין ניט ענלעך“, אי אַ שאַרפן, אַנטשיידענעם פאַרלאַנג אַ זעץ טאָן שורקען מיטן פוס, און זאָל אַ סאָף נעמען צו אַלץ. נאָר פּלוצעם האָבן אים ווידער אַרומגערינגלט דער טאַטע, דער פעטער מיכל, די באָבע, די מאַמע, אַזאַ, ווי ער האָט זי אַלעמאָל געזען אָף דער פאָטאָגראַפיע, און ער האָט דײַטלעך און מיט ביטל זיך אָנגערופן צו שורקען:

— טשעפּע זיך אָפּ פונעם יִינגל! פאַרשטייסט אַ סאַך! ער איז ניט קיין ייִד... און איך בין יאָ אַ ייִד, נאָר אָף מיר זעסטו ניט!

— אַ, אַך! — שורקע האָט זיך אַזש פאַרכלינעט פון אומדערוואַרטקײַט, אין זײַן שטים האָט זיך דערהערט אַ כריפּען. — אוך, דו, געלער! די מילץ האָט אין דיר אַ רעד געטאָן! — ער האָט אָנגעכאַפּט ליאָניען פאַר דער גימנאַסטיאָרקע באַם סאַמע האַלדז, אַרויסגעשלעפּט אים פונעם אוילעם, און די עסעסאָווצעס, וואָס זײַנען געוואָרן אופגעלעבטער, אַ פאַרסאָפּעטער דערקלערט:

— אײַן יודע!

טיכאָן וואַסיליעוויטש האָט פאַרשטעלט מיט די הענט דאָס פּאָנעם.

(פ אָ ר ז ע צ ו נ ג   ק ו מ ט)

כאַים ביידער

די באנק

— צוליב וועמען שטייט אין סקווער די באנק?
קינדער פרעגט מען,
טראכטן זיי ניט לאנג:
— ווען מיר שפּילן, אונטער איר איז דאָרט
זיך באהאלטן ס׳סאמע בעסטע אָרט!..
— צוליב וועמען שטייט אין סקווער די באנק?
יונגע פרעגט מען,
טראכטן זיי ניט לאנג:
— גוט אַף איר איז, ווען עס קומט די נאכט,
זיצן מיט דײַן ליבע הארץ צו הארץ!..
— צוליב וועמען שטייט אין סקווער די באנק?
אַלטע פרעגט מען,
טראכטן זיי ניט לאנג:
— אַלעמאָל דו זעצסט זיך דאָ אוועק
אָפּכאַפּן דעם אָטעם אַפן וועג...

א שלאָס

געזען אין מוזיי כ׳האָב א פודיקן שלאָס,
געקאָוועט אין אוראַלטע צײַטן.
אַן איינזאמער ליגט ער איצט אונטער א גלאָז —
א גרוס פון יאָרהונדערטער ווײַטע.

א כוידעש, צי עפּשער א יאָר, אים געשמידט
מע האָט מיט היסלײַוועס און סייכל, —
ווער ווייסט, וועמעס רײַכטימער האָט ער געהיט,
ס׳זאָל קיינער צו זיי ניט דערגרייכן.

וואָס שווערער דער שלאָס און וואָס גרעסער
דער שלאָס —
די העכסטע געהאט האָט ער פּרײַז,
פון יוישער געווען עס איז א באלעבאָס
דאָס שטומע געקאָוועטע אײַזן...

אָ, מיטצײַטלער מײַנע, איך זינג אײַך א לויב
אַף ברייטן אַף אַלע און לענגען.
אין ווירדע און ערלעכקײַט אײַערע כ׳גלויב,
כאָטש שלעסער אַף טירן נאָך הענגען.

כ׳ווייס: קיינער וועט קיינמאָל ניט בענקען נאָך זיי,
ווען בלײַבן פון זיי וועט קיין סימען,
ווען בלויז צווישן אַלטווארג מע וועט אין מוזיי
נאָר קאָנען אמאָל זיי געפינען...

מישע מאָגילעוויטש

אלע זיבן הייבן

פרילינג

אין וועלט פון זוניקן גאנײדן,
ווו ס'שווימט דער טאָג פון הימל־בלוי,
ווו דער באגין קושט אויס די קווייטן
מיט ליפּעלעך פון פרישן טוי,
און ס'ווערט באלויכטן דײַן נעשאָמע
מיט הייליקער, מיט קלאָרער שײַן,
און יונגע צאפּלדיקע שטראָמען —
זיי פליסן אין דײַן הארץ ארײַן,
עס מישן אויס זיך צען געפילן
אין ליכטיקן, אין איין געמיש, —
דער פרילינג הייבט אין הארץ אָן
שפּילן
און אלע ליידן מאכט צוניש.

• • •

קוק, ווי בלעטער שלאָפן אף די ביימער,
ריר ניט אָן די שטילקײַט, ווען זי גרינט,
זאָל די נאכט מיט קרוינען אונדז באשײַנען,
מיט א פרײַער לײַכטקײַט ביז באגין.
קיינער וועט די שטילקײַט ניט דערשרעקן,
זײַ זשע רויִק און לעם מיר שלאָף אײַן.
כ'וועל דיך מיט דעם הימל־בלוי פארדעקן,
וואָס איז אויסגעשפּינט פון שטערן־שײַן.
זאָלן זיך דיר כאָלעמען כאלוימעס,
ווי די הייסע יוגנט קומט אפּסנײַ.
שלאָפנדיק, די הויכע ביימער־קרוינען
קושן זיך אין הימל פראנק־און־פרײַ.

די מוטער פון ווארשעווער געטאָ

...און ווען געפאלן איז דער לעצטער זעלנער
אין הייסער שלאכט פון גרויסן געטאָ־געגעם,
ווען ס'איז די ערד ארום געוואָרן קלענער, —
נאָך שטארקער האָט באם הארץ גענומען
קלעמען;

איז זי ארויס דעם ווילדן פײַנט אנטקעגן,
אנטקעגן נאכט פון כוישעכדיקע גרוילן.
זי האָט זיך מיט די טויטע זין געזעגנט
און מיט דעם שווארצן הימל איבער פּוילן.

זי איז געגאן אהין, ווו די לעוואָנע
האָט בלייך צום פײַנט דעם לעצטן וועג
באלויכטן,
זי האָט מיט גאל א שפּײַ געטאָן אין פּאָנעם
דעם קאט, וואָס האָט געצילט אין ברוסט
אנטבלויזטער.

און ס'האָבן זיך פארנייגט די גרינע קליאָנען
צום קערפּער פון דער הארציק־גוטער מוטער.
אין בלאָטע א פארבלוטיקטע לעוואָנע
געטאָפּטשעט האָט מיט שטיוול דער
ניטגוטער.

דער שפּארבער

גאדלעסדיק שוועבט אינעם הימל דער
שפּארבער,
די טיפקײַט ארום, אזא ליכטיקע, בלויט.
ער טראָגט אין די נעגל, גאזלאָנישע, שארפע,
אין שטעכיקן שנאָבל דעם פּאכעד און טויט.

עס זוכן די אויגן מיט ווילדער רעציכע,
זיי לעכצן נאָך הייסן, נאָך זודיקן בלוט.

זיי ווילן געפינען דעם קאָרבן וואָס גיכער —
מיט נעגל צערײַסן א פויגלשע ברוסט.

א שאָס. און דער שפּארבער פארגייט אין
א ציטער,
און מאכטלאָז ער פאלט צו דער ערד, ווי
א שטיין.
ער וועט זיך שוין קיינמאָל ניט אופהייבן
ווידער
און קיינעם ער וועט שוין ניט לאָקערן מיין.

צום שפּארבער צום טויטן איך בין
צוגעגאנגען,
ארום האָבן זוניקע מאָנען געבליט.
געדאכט האָט: זײַן שנאָבל געוואָלט האָט
דערלאנגען
און טרינקען פון הארצן דאָס אייגענע בלוט...

צוויי זונען

עס גייט דער טאָג, ווי פון א לייטער,
די בלויקײַט טונקלער, טונקלער ווערט,
מיט לאנגזאם־שטילע טריט פארגייט ער,
באלד קומט דער אָוונט אַף דער ערד!
און קלינגעווודיק עס גיט א ציטער
א בלעטל און ווערט ווידער שטיל.
די זון, א כיינעוודיקע, מידע,
האָט, ווי א קינד, זיך אָנגעשפּילט
מיט אלע פרײַע זיבן הייכן,
מיט זיסע פּיירעס פונעם סאַד,
אַף אלץ געבליבן איז איר צייכן —
אַף יעדער זעמדעלע אין שטאָט.
דער זייגער האָט שוין צען געשלאָגן —
נאָר קומען וועסטו סײַוויסײַ.
א צווייטע זון מיר ברענגט צו טראָגן
דער אָוונט, גייענדיק פארבײַ.
א זון, וואָס צינדט מײַן הארץ מיט ליבע,
איר שטראַל איז ווארעם און איז צארט,
איך שלינג אים פון צוויי פּײַכטע ליפּן,
און זיס צעגייט ער אין מײַן הארץ.

●

אלעקסיי קולאַקאָווסקי

אין צוועלפטן וואַגאָן

אַלע פּאַסאַזשירן האָבן שוין פאַרנומען זייערע ערטער, און ביסלעכווײַז האָט זיך אין וואַגאָן אײַנגעשטעלט די געוויינלעכע אָרדענונג. דאָס מיידל — די וואַגאָן־באַדינערן — האָט אוועקגעלייגט אַף איר גערעגער דאָס געלע אײַזנבאַן־פענדל און אָנגעהויבן צונויפקלײַבן בײַ די פּאַסאַזשירן די פּלאַצקאַרטנע בילעטן.

באַזונדערס זאָרגפעליק האָט זיך נאָך פאָרגעזעצט אײַנצומאָסטיען בײַ זיך אין קופּע אַ באַיאָרט פאָרפאָלק, וואָס האָט זיך ניט ווילנדיק אויסגעטיילט פון אַלע פּאַסאַזשירן. זיי האָבן געשלעפט מיט זיך פיר מאַמעשע ריזיקע טשעמאָדאַנעס און אַ גרויסן געזונטן בולדאָג מיט אַ קורץ צאַפּלדיק עקעלע. אין דער שכײַנעסדיקער אָפענער קופּע איז אַפן העגער געהאַנגען אַ לאַנגער מיליטערישער רעגנמאַנטל. לעבן דער טיר איז געשטאַנען דער באַלעבאָס פון רעגנמאַנטל — אַ שלאַנקער לייטענאַנט — און פאַרקעמט זײַנע געדיכטע בלאָנדע האָר. אַפן אונטערשטן געלעגער איז צווישן קלומקעס געלעגן אַ מיידעלע נאָך אין יענעם עלטער, ווען די ראָזלעך־מילדע ווייכע פּיאַטקעלעך דערגרייכן לײַכט צו דעם מויל. אין די קלומקעס האָט עפּעס וואָס געזוכט און איבערגעלייגט איר מוטער — נאָך גאָר אַ יונגע פרוי. אירע גלאַט פאַרקעמטע האָר, פאַרפלאָכטענע פון הינטן אין צוויי דיקע צעפּ, האָבן דערמאָנט די העל־ריינע פאַרב פון רײַפן לײַן.

דער לייטענאַנט האָט געהערט דעם נערוועזן געשפּרעך פון דעם אַלטן פאָרפאָלק און ניט ווילנדיק אַ שמייכל געטאָן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אין אָט דער קופּע דאַרף איצט זײַן גאַנץ פרייליך, און איז אַהין אַרײַן.

דער בולדאָג האָט זיך היימיש צעלייגט אַפן אונטערשטן געלעגער און אָנגעקוקט דעם לייטענאַנט מיט אַזעלכע רויִקע, צוטרויִלעכע אויגן, אַז בײַ אים איז טײַקעף פאַרשוווּנדן דאָס פריקרע געפיל צום הונט. אים האָט געשטיקט אַ געלעכטער, קוקנדיק אַף די צוויי אַלטע לײַט. איבערשלאָגנדיק איינער דעם צווייטן, האָבן זיי דערקלערט זייער שאָכן — אַגעוו, אויך אַ לייטענאַנט, — אַז דער הונט האָט דאָס פולע רעכט פאָרן אין קופּע, ווײַל זיי האָבן געקויפט פאַר אים אַ בילעט.

דער אַרײַנגעקומענער לייטענאַנט האָט אַ רוף געטאָן די וואַגאָן־באַדינערן. זי האָט גלײַכגילטיק אָנגעקוקט דעם הונט און איז שווײַגנדיק אַרויס פון קופּע.

— נו, איז ווי האַלט איר? — האָבן בײדע לייטענאַנטן זי געפרעגט.

— ער האָט רעכט, — האָט זי שטיל געענטפערט.

— דער בולדאָג, הייסט עס, איז אויך אַ פּאַסאַזשיר?

זי האָט גלײַכגילטיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

דער פּאַסאַזשיר מיטן קורצן עקעלע, ווי ער וואָלט פאַרשטאַנען, אַז די דיסקוסיע אַרום אים איז פאַרענדיקט, האָט ברייט און געשמאַק אַ גענעץ געטאָן און גוטמוטיק אַרויסגעשטעקט די צונג.

— ער איז דאָך אַזאַ ווילער, אַ שטילינקער, — האָט זיך אָפּגערופן מיט אַ זינגענדיק שטימעלע זײַן באַלעבאָסטע און, אויסציִענדיק איר ביז דעם אַקסל אַנטבלויזטע האַנט, אַ באַצירטע מיט עטלעכע בונטקאָלירטע בראַסלעטן, גענומען מוטערלעך לאַשטשען דעם הונטס עקעלע. — אונדזער „טיולפּאַן" טשעפּעט קיינעם ניט, ער בילט אַפילו ניט...

— איז ער עפּשער גאָר קיין הונט ניט? — האָט שמייכלענדיק געפרעגט דער לייטענאַנט פון דער שכײַנעסדיקער קופּע.

— פאַרשטייט זיך, אַ הונט, — האָט די פרוי געענטפערט, — אָבער קריגן אַזאַ הונט באַדאַרף מען אויספּאָרן אַ וועלט. ווען ער איז נאָך געווען אַ יונג ציגעלע, האָבן מיר פאַר אים באַצאָלט פינף הונדערט רובל...

— זאָגט אײַך וואָס איר ווילט, נאָר איך וויל מיט אים ניט פאָרן אין איין קופּע, — האָט מיט רוגזע געזאָגט דער שאָכן און אופגעהויבן זיך פון אָרט.

— ווייסט איר וואָס? — האָט זיך צו אים געווענדט דער צווייטער לייטענאַנט. — בײַ אונדז אין קופּע איז דאָ אַ פרײַ אָרט, גייט אַריבער צו אונדז.

די וואָגן־באַדינערן האָטווידעראַמאָל שוויַיגנדיק דערלויבט.

ווען מע האָט איבערגעטראָגן די זאַכן, האָבן זיך בײדע לײטענאַנטן באַקאַנט.

— מיך רופֿט מען וואָלאָדיע, — האָט געזאָגט דער, וואָס האָט צו זיך פֿאַרבעטן דעם שאָכן.

— יערמאָלאָוו, — האָט יענער קורץ געענטפֿערט.

— אַהאַ! אַ באַוווּסטע, בעקאַוועדיקע פֿאַמיליע... ניט אזא, ווי מײַנע, — מאַך, וואָלאָדיע מאַך. דאַכט זיך, אַמאָל איז בא אונדז געווען אַ בארימטער אַדמיראַל מיט אזא פֿאַמיליע.

— ניט קיין אַדמיראַל, נאָר אַ גענעראַל.

— זאָג איך דאָך: געווען אזא. און דאָס איז, ווי מע זאָגט, מײַן לעבנס־באַגלײטערן, — האָט וואָלאָדיע פֿאַרגעשטעלט זײַן יונגע פֿרוי, — מע רופֿט זי זינאַ, און דאָס איז אונדזער טעכטערל.

יערמאָלאָוו האָט זיך צוגעזעצט, זיך אָנגעבויגן צום קינד און דעם אויסגעשטרעקט די האַנט:

— איז לאָמיר זיך באַקענען, קראַסאַוויצע!

דאָס קינד האָט ליבלעך געשמייכלט און אופֿגעעפֿנט דאָס אָנצײַנערדיקע מײַלכל, ווי עס וואָלט אויך וועלן אַ שפּאַס טאָן מיטן אומבאַקאַנטן פֿעטער.

— נו, ווי רופֿט מען דיך? זאָג זשע...

דאָס קינד האָט פֿרײלעך געפּאַכעט מיט די דאַרינקע הענטעלעך, אָנגעבויגן דאָס קעפּל צו דער מוטער.

— נו, זאָג, ווי רופֿט מען דיך? — האָט צום קינד געשמייכלט די מאַמע. — זאָג, מיר קענען נאָך ניט ריידן. מע רופֿט אונדז ליודאָטשקע. מיר זײַנען אַלט ערשט נײַן כאָדאָשים...

— נו, איצט ווייסן מיר שוין, ווי מע רופֿט דיך. הייסט עס, אַז מיר האָבן זיך באַקענט. נו, און דאָס געפֿעלט דיר? — יערמאָלאָוו האָט אַרויסגענומען פֿון זײַן פּעקל אַ צוקערקע. — זעסט, וואָס דאָ איז אָנגעמאָלט? אַ בער.

די מוטער האָט גענומען דאָס קינד אַף די הענט און, צוטוליענדיק עס צו זיך, שטיל געוויגט. איר אָפּן גוטמוטיק פּאָנעם האָט אַ שײַן געטאָן, נאָר באַלד זיך געענדערט, ווי אַ שאָטן וואָלט אַף דעם געפֿאַלן. קאָן זײַן, אַז די פֿרוי האָט געוואָלט אופֿמערקזאַם אָנקוקן יערמאָלאָוון, זאָגן אים אַ גוט וואָרט. זי האָט אָבער געשוויגן.

— איר שפּילט אין קאָרטן? — האָט אים געפֿרעגט וואָלאָדיע.

— ניין, — האָט געענטפֿערט יערמאָלאָוו. — געוועזן אַ צײַט, ווען איך פֿלעג זיך יאָ אַ ביסל נאַריש מאַכן. נו, און איצט שפּיל איך ניט. קימאַט אַלץ פֿאַרגעסן...

— ניט שרעקלעך, מיר וועלן זיך גיך אויסלערנען, — האָט אים אָנגעהויבן אײַנריידן וואָלאָדיע. — מע דאַרף נאָר מאַכן אײן קאָן, און ס׳וועט גײן ווי אַף פּוטער.

— ניין, ניין! — איז באַשטאַנען יערמאָלאָוו. — כ׳האָב ניט ליב קיין קאָרטן.

— אַ שאָד, — האָט מיט אַ געמאַכטן שמייכל געענטפֿערט וואָלאָדיע. — כ׳וועל גיין פּרוּוון געפֿינען פּאַרטניאָרן, איך האָב אַ טעשל קאָרטן.

ער איז אַרײַן אין דער אָפֿענער שכײנעסדיקער קופּע. די פֿרוי מיט די קאָלירטע בראַסלעטן האָט געהאַדעוועט דעם הונט פֿון אַן אַליומיני־שיסל. איר באַגלײטער האָט עפּעס געשמאַק אויסגעלעקט פֿון אַ גלעזערן טעצל.

— אַנטשולדיקט, — האָט זיך צו זיי געווענדט וואָלאָדיע. — איר שפּילט אין קאָרטן?

די פֿרוי האָט אים זייער צופֿרידן געענטפֿערט:

— אַ פֿראַגע! ווער שפּילט עס ניט אין וועג אין קאָרטן? בא אונדז ליגט ערגעץ אַ פֿריש טעשל. ניט בא דיר, דימאַ?

— בא מיר איז דאָס אַלטע טעשל, — האָט יענער געענטפֿערט, ארומלעקנדיק זײַנע פֿול־בלעכע ליפּן.

— נו, איז מאַכן מיר אַ קערטל! — האָט צופֿרידן געזאָגט וואָלאָדיע.

— וואָדען! פֿאַרשטייט זיך! — האָט זי אים געענטפֿערט. — נאָר עס פֿעלט אַ פֿערטער אַף אַ „רעמסל“.

— און אָט דער? — האָט וואָלאָדיע באַוויזן אַפֿן הונט און זיך צעלאַכט פֿון זײַן אומגעריכ־טער, פֿאַר זיך אַליין, כאָכמע.

וואָלאָדיעס יונגע פֿרוי האָט זיך געשפּילט מיטן קינד. דערהערנדיק פֿון שכײנעסדיקן קופּע דעם מאַנס געלעכטער, האָט זי אים הויך אַ רוף געטאָן:

— וואָלאָדיע! אײן מינוט! האַלט צו דאָס קינד... כ׳וועל איר אויסבעטן.

— האָב צײַט! — האָט זיך דערטראָגן צו איר זײַן שטים.

וואַרטנדיק אַף אים, האָט זי אומצופֿרידן געקוקט אין פֿענצטער.

— גיט אהער דאָס קינד, איך וועל עס האַלטן, — האָט געזאָגט יערמאָלאָוו.

— אוי, וואָס רעדט איר... אַ דאַנק, — האָט זי געענטפֿערט. — ער וועט באַלד אַרײַן. ער האָט

זייער ליב שפּילן אין קאָרטן. אין דער היים שפּילט ער קימאַט אַלע אָוונט. גייט ער נאָר אַוועק צו זײַנע פּאַרטניאָרן, ווערט ער דאָרט פֿאַרפֿאַלן. מיר מיט ליודאַטשקען שלאָפֿן זיך שוין גוט אויס, ביז ער קומט.

ניין. וואַלאַדיע איז ניט אַרײַן. זינע האָט ווי־ניט־איז צוגעגרייט דעם קינדס געלעגער. קעדיי איר ניט שטערן, איז יערמאָלאַוו אַרויס אין שמאָלן וואַגאָן־קאָרידאָר. הינטערן פֿענצטער איז גיך געשווומען אין דער גרויער ווײַטקייט דער אומעטיק־האַרבסטיקער וואַלד. פֿון צײַט־צו־צײַט האָט די האַרבסטיקע גרויקייט אַ שײַן געטאָן מיט אומקלאָרע בלויליכע פּאַסן. פֿון דער שכייניסדיקער קופּע האָט זיך דערטראָגן דער שאַרך פֿון קאָרטן, פֿריילעכע שטימען און אָן אָפּט פּײַפֿן. יערמאָלאַוו הערט, ווי די באַלעבאָסטע פֿון הונט טײַנעט:

— ווער ווייסט, וואָס פֿאַר אַ וועטער וועט איצט זײַן אין קרים... פֿריִלינג איז אין צכאַלטובע געווען אַ גוטער וועטער. פּאַשעט אַ כּיעס. נו, און זומער אין סוכומי איז געווען פּרעכטיק. דימאַ, וואָס שלאָפֿסטו? דעק דעם מיילעך! יאָ, אין סאָטשי איז ווינטער אונדז אויך ניט שלעכט געווען... אַ גוטער ווינטער איז גראָד געשטאַנען.

דער וואַלד הינטערן פֿענצטער איז שוין פֿאַרשווונדן. איינגיכן האָבן זיך אָנגעהויבן באַווײַזן הײַזער, פֿאַרשיידענע געבײַדעס, אַ געדיכטע נעץ אײַזנבאַן־ליניעס, און דער צוג האָט אָנגעהויבן גיין אַלץ לאַנגזאַמער און זיך אָפּגעשטעלט. אויף דער סטאַנציע האָט וואָלאָדיע געכאַפּט אַ קוק צו זיך אין קופּע. דאָס קינד איז געשלאָפֿן. די יונגע מוטער, אַרומנעמענדיק דאָס מיידעלע, האָט אויך, ווי עס זעט אויס, געדרעמלט.

— איין אַרבעט, נאָר מע שלאָפֿט, — האָט אומצופֿרידן געזאָגט צו יערמאָלאַוון וואָלאָדיע. — אַ גאַנצע נאַכט האָט מען זיך געקליבן אין וועג. פּאַשעט ניט אויסצוהאַלטן פֿון די ווײַבער. גלײַכער וואָלט געווען, ווען זיי בלײַבן אין דער היים.

— וווּהין פֿאָרט איר? — האָט געפֿרעגט יערמאָלאַוו.

— מיר פֿאָרן צו מײַנע עלטערן. באַ מיר איז איצט אורלויב.

אויפֿן פּעראָן האָט זיך באַוויזן טיולפּאַן מיט זײַן באַלעבאָסטע. פֿון הינטן האָט זיך געשלעפּט דימע. די פֿרוי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן וואַרעמען כאַלאַט. דימע האָט אויף דער פּיזשאַמע אָנגעוואָרפֿן אַ מאַנטל. דער הונט האָט פֿאַריסן זײַן טעמפּע מאָרדע און, ווי ער וואָלט דערשמעקט עפּעס מיט זײַן פּלאַטשיקן שנוק, זיך אײַלנדיק באַוועגט פֿאָרויס. ניט ווילנדיק האָבן אים אַלע געמאַכט אַ וועג. זײַנע באַלעבאַטים איז דאָס, קענטיק, געווען געפֿעלן. די פֿרוי, ניט לייגנדיק אויף קיינעם קיין אַכט, האָט גרויסהאַלטעריש געגרעדט צום הונט, ווי ער וואָלט ווירקלעך פֿאַרשטאַנען, וועגן וואָס זי פּלוידערט צו אים. דימע האָט אָנגעבלאָזן זײַנע ליפּן און עפּעס אונטערגעפּײַפֿט.

יערמאָלאַוו און די איבעריקע פּאַסאַזשירן האָבן שמייכלענדיק געקוקט אויף דעם טשיקאַווע פֿאַרפֿאַלק מיטן הונט. יערמאָלאַוו האָט באַמערקט דאָס, וועגן וואָס עס איז ניט געווען באַקוועם אַרויסזאָגן אויף אַ קאָל: אין דימעס קײַלעכדיק־טעמפּ פּאָנעם זײַנען בעעמעס געווען אייניקע שטריכן, וואָס האָבן אים ענלעך געמאַכט צום בולדאָג.

— אַ גלענצנדיקער הונט! — האָט זיך אָפּגערופֿן וואָלאָדיע. — אַ שאָד, וואָס ליודאַטשקע שלאָפֿט. איך וואָלט איר באַוויזן דעם הונט.

די טיר פֿון קופּע, וווּ זינע איז געשלאָפֿן מיטן קינד, איז געווען אָפֿן. אין שמאָלן קאָרידאָר איז געווען טומלדיק פֿון די אַרומשמײַענדיקע פּאַסאַזשירן. יערמאָלאַוו האָט שטיל פֿאַרמאַכט די טיר און געזאָגט וואָלאָדיען, קוקנדיק אין פֿענצטער:

— זיי זײַנען באַ אײַך שטילע, רויִקע...

— ווער?

— אײַער פֿרוי און דאָס קינד.

— אַך, וועגן זיי רעדט איר! — האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו דער פֿאַרמאַכטער טיר. — פֿאַרשטייט זיך, רויִקע. וואָדען? פֿאַרוואָס זאָלן זיי ניט זײַן רויִק? עס פֿעלט זיי עפּעס? אָבער דעם עמעס געזאָגט, האָב איך ניט מיט וואָס זיך באַרימען. מײַן קאָפּ דאַרף וועגן אַלץ ווייז טאָן.

— איר זײַט שוין לאַנג צוזאַמען?

— ניין. זי האָט געענדיקט אַ צעניאָריקע שול, און איך — ניט לאַנג צוריק אַ מיליטערישע. מיר האָבן זיך ביידע צופֿעליק באַגעגנט... אָפֿן וואָקזאַל. איר האָט ניט קיין פֿרוי?

— ניין.

— מאָלאַדיעץ! אָט דאָס געפֿעלט מיר.

יערמאָלאַוו האָט אים פֿאַרכידעשט אָנגעקוקט.

— וואָס קוקט איר אַזוי? איך כאַזער איבער: מאָלאַדיעץ! איך בין אײַך מעקאַנע. נאָר באַלוואָנעס אײַלן זיך כאַסענע האָבן.

דער גלאָק האָט הילכיק צו וויסן געגעבן, אַז אָט־אָט רירט זיך דער צוג. די פּאַסאַזשירן האָבן אײַלנדיק פאַרלאָזט דעם פּעראָן. מיט פריילעכן נײַגער האָט יערמאָלאַוו געקוקט, ווי דימע, אָן אָנגעלאָדענער מיט געפּרעגלטע הינדלעך, עפּל, פלעשער ביר און לימאָנאַד, אײַלט נאָך זײַן פרוי מיטן הונט. קרעכצנדיק און טאַפּענדיק האָבן זיי זיך אופגעהויבן אַף די וואַגאָן־טרעפלעך. וואָלאַדיע איז ארײַן צו זיי אין קופּע, און די קאָרטן־שפּיל האָט זיך ווידער אָנגעהויבן.

דער קורצער געשפּרעך מיט וואָלאַדיען האָט ארויסגערופן בא יערמאָלאַוון א מאָדנעם געפיל. א מענטש, וואָס רעדט צו דיר אַזוי אומיטלבאַר, אַזוי אופריכטיק, האָט, דאַכט זיך, פאַרדינט, מע זאָל אים אַכטן. אָבער פון דער אַנדערער זײַט, איז אַזאַ מין לײַכטזיניקע אופריכטיקײַט פּאַשעט פריקרע, אַפילע אָפּשטויסנדיק.

פון דער שכיינעסדיקער קופּע האָט זיך דערטראָגן וואָלאַדיעס פײַפן. יערמאָלאַוו קוקט אין פענצטער, און אים דאַכט זיך, אַז וואָלאַדיע — דער הויכער שיינער מאַנצבל מיט יונגע פריילעכע אויגן — שטייט נאָך אַלץ לעם אים און האַלט אין איין דערציילן וועגן זײַן פרוי, האַגאַם קיינער בעט אים ניט. און אָט ווערט שוין פּאַשעט ניט אָנגענעם דאָס אַלץ צו הערן, נאָר וואָלאַדיע שטעלט זיך ניט אָפּ און רעדט... זינע שלאָפט בייסמײַסע און ווייסט פון גאָרניט. קאָן זײַן, איר כאָלעמט זיך יענע ערשטע באַגעגעניש אַפּן וואָקזאַל, די ליכטיקע צײַט פון איר ערשטער אופּריכטיקער ליבע.

און עפּשער שלאָפט זי ניט?

יערמאָלאַוו האָט עטוואָס אופגעעפנט די קופּע־טיר. ווירקלעך — זי שלאָפט ניט.

— קומט ארײַן, קומט ארײַן! — האָט אים זינע געבעטן. — וואָס שטייט איר די גאַנצע צײַט אין קאָרידאָר?

ער איז ארײַן אין קופּע און זיך צוגעזעצט צום טישל. ער האָט זיך אַפילע געפילט עטוואָס פאַרלאָרן, ווי א מענטש, וואָס האָט זיך צו גיך און אומדערוואַרט דערוווּסט פרעמדע אינטימע זאַכן. מעגלעך, אַז זינע איז ניט געשלאָפן און האָט אַלץ געהערט. עמעס, זײַנע פראַגעס זײַנען געווען זייער אײַנגעהאַלטענע, נאָר וואָלאַדיעס ענטפערס זײַנען געווען פּאַשעט פרעכע.

— פאַרוואָס רוט איר זיך ניט אָפּ? — האָט ניט דרייסט א פרעג געטאָן יערמאָלאַוו. — שלאָפט, ביזוואַנען דאָס קינד דרעמלט.

— איך בין שוין א ביסל געשלאָפן, — האָט זינע גוטמוטיק געענטפערט, קוקנדיק אין פענצטער.

— אָט ערשט איז געווען א סטאַנציע. דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט. איר האָט ניט געהערט?

יערמאָלאַוו האָט באַמערקט, אַז איר פּאָנעם האָט זיך געענדערט, ווען זי האָט געפרווּוט אַף אים א קוק טאָן.

— ניין, כ׳האָב ניט געהערט, — האָט זי שטיל געענטפערט און ווידער זיך פאַרקוקט אין פענצטער.

„קלאָר: זי האָט אַלץ געהערט, זי איז ניט געשלאָפן“, — האָט געטראַכט יערמאָלאַוו, און אים איז שוין שווער געווען פאַרזעצן דעם שמועס. ביידע האָבן א צײַט געשוויגן.

— איר לעבט אין מינסק?

— יאָ, — האָט געענטפערט יערמאָלאַוו.

— און מיר לעבן ווײַטלעך פון אונדזער הויפּטשטאָט. עס טרעפט אַמאָל, אַז אַפּן הארצן ווערט אומעטיקלעך, עס ציט אַהיים. עפּשער ווייסט איר צופעליק, צי שילאָוויטשעס כאָר איז אין שטאָט, צי אַף גאַסטראָלן?

— מאַקאַר איוואַנאָוויטש איז אין מינסק, — האָט געענטפערט יערמאָלאַוו. — אײַך געפעלט זײַן כאָר?

זינע האָט אָפּגעקערט די אויגן צום פענצטער און שווער אָפּגעעטעמט.

— איך האָב געזונגען בא אים אין כאָר, — האָט זי שטיל געזאָגט.

יערמאָלאַוו האָט זיך פאַרוווּנדערט. ער האָט אַליין ניט געפילט, ווי זײַנע אויגן קוקן אַף איר אָנגעשטרענגט און ווילן זיך באַגעגענען מיט איר בליק, קעדיי אָן ווערטער עפּעס וואָס זאָגן איר. זינע האָט עס גרײַלעך דערפילט און זיך עטוואָס פאַרלאָרן. „וואָס איז, אייגנטלעך, דער וווּנדער? — האָט זי געטראַכט. — בין איך שוין אינגאַנצן ניט ענלעך אַף קיין זינגערן, אָדער זינגען אין א כאָר איז שוין אַזאַ שווערע קאָמפּליצירטע מעלאָכע, וואָס איז ניט צוטריטלעך?“ זי האָט אָבער אויך געפילט און פאַרשטאַנען, אַז זײַן פאַרכידעשטער בליק איז פול מיט צוטרוי, אַז דער מענטש איז בעלי־סאָפּעק א ווילער, א האַרציקער. ניין, זי האָט אין זײַנע אויגן ניט באַמערקט יענע גיפטיקע איראָניע, יענץ לעצאָניש פײַערל, וואָס זי פלעגט זען בא וואָלאַדיען, ווען זיי פלעגן ריידן וועגן כאָר, וועגן איר שטים.

יאָ, עס איז געווען קענטיק, עס האָט זיך געפילט, אַז מיט אָט דעם מענטשן קאָן מען ריידן וועגן מוזיק, וועגן קונסט. מע דאַרף ניט מוירע האָבן, אַז ער וועט פון דיר אָפּלאַכן אָדער קוקן אויף דיר מיט אײַז־קאַלטע אויגן.

— מער פון צוויי יאָר האָב איך געזונגען אין דעם כאָר. — אין זינעס אויגן האָט שטיל אופגעשײַנט אַ באַקאַשע אויסהערן זי. — כ'האָב זיך אײַנצײַטיק געלערנט אין אַן אָוונטשול. אין אייניקע לידער בין איך ארויסגעטראָטן אַלס סאָליסטן. ווען מאַקאַר איוואַנאָוויטש האָט זיך דער־וווּסט, אַז איך קלײַב זיך פאַרלאָזן דעם כאָר, האָט ער מיך אַרויסגערופן צו זיך, זייער געבעטן, אײַנגערעדט, איך זאָל בלײַבן נאָך אויף עטלעכע כאָדאָשים, ביז ער וועט צוגרייטן עמעצן אויף מײַן אָרט. כ'האָב אים ניט געפאָלגט, און עס איז מיר איצט אַ בזיאָיען זיך באַגעגענען מיט אים, קוקן אים אין די אויגן...

— פאַרוואָס האָט איר אים ניט געפאָלגט? — האָט געפרעגט יערמאָלאַוו. — זײַט מויכל, וואָס איך בין נײַגעריק. עפּשער איז פון מײַן זײַט ניט גאָר באַשיידן אַרײַנמישן זיך אין פרעמדע איניאָנים.

— פאַרוואָס? ס'מאַכט ניט אויס. אײַער פראַגע איז נאַטירלעך. אָפט שטעל איך זיך אַליין די זעלבע פראַגע. איך האָב פאַרלאָזן דעם כאָר, ווײַל... נו, ווי זאָל איך אײַך זאָגן? מיר האָבן זיך באַגעגנט מיט וואָלאָדיען, ער דינט ניט אין מינסק. איך האָב ניט געקענט ניט פאָרן מיט אים.

— אויב איר האָט אַ שטים, — האָט געוואָלט פאַרזעצן יערמאָלאַוו, נאָר דאָס קינד האָט זיך אופגעכאַפּט און אָנגעהויבן פאַכן מיט די הענטלעך.

— געהאַט אַ שטים, — האָט זי טרויעריק געענטפערט. — אַזוי האָבן מענטשן געזאָגט. איך אַליין האָב דאָס, פאַרשטייט זיך, אויך געפילט, באַזונדערס דעמלט, ווען איך פלעג זינגען סאָלאָ. נו, און איצט איז שוין ניט דאָס, וואָס געווען.

— איך בין זיכער, — האָט יערמאָלאַוו געוואָלט זי דערמונטערן, — אַז אויך דאָרט, ווו אײַער מאַן דינט, זײַנען פאַראַן כאָר־קרײַזן, זעלבסטעטיקײַט. איך מיין, אַז איר וואָלט אויך דאָרט גע־קענט אפילע אַליין ארויסטרעטן אויף קאָנצערטן.

— איין מאָל בין איך ארויסגעטראָטן, — האָט געענטפערט זינע, באַרויִקנדיק דאָס קינד, — נאָר וואָלאָדיע האָט מיך נאָכדעם עטלעכע טעג געיאָדעט, ער האָט פײַנט מוזיק און האָט ניט ליב צו זינגען. אַ מאָדנער מענטש, — זינע האָט זיך ניט ווילנדיק צעלאַכט, — ער פײַפט! האָט ליב צו פײַפן — און מער גאָרנישט. ווען איך נעם אַמאָל זינגען, הייבט ער אָן פײַפן אָדער ער שליסט אײַן דעם ראַדיאָ־שאַלטער. אַ מאָדנער מענטש!

ליודאָטשקע האָט ווידער אָנגעהויבן פריילעך פלוידערן.

— אַ פריילעך קינד, — האָט זייער מילד געזאָגט יערמאָלאַוו.

זינע האָט גענומען דאָס קינד אויף די הענט.

— זעלטן ווען זי זאָל וויינען, — האָט אַ צופרידענע געזאָגט זינע, — סײַדן באַנאַכט, אָדער ווען זי וויל זייער עסן.

דאָס קינד האָט אומדערוואַרט אָנגעהויבן וויינען.

זינע האָט זיך צעלאַכט, נאָר גלײַך איז זי טרויעריק געוואָרן. זי האָט געקוקט אויפן קינד מיט אומרויִקע אויגן.

— נו? וואָס, מײַן קלײנינקע? וואָס ווילסטו? ביסט הונגעריק? — עס האָט זיך געפילט, אַז דאָס זאָגט זי מיט אַ קוים באַמערקבאַרער טײַנע צו זיך און נאָך צו עמעצן. — ווילסט מילך? איאָ?

זי האָט אופגעבונדן אַ קלומעק און ארויסגענומען אַ פלעשל מילך. דאָס קינד האָט אויסגע־צויגן די הענטלעך צום פלעשל און אופגעהערט כליפּען.

— איין רעגעלע, אָט וועלן מיר דיר אָנגיסן אין קוביקל. ווו זשע איז נעלעם געוואָרן דײַן קוביקל? אָט וועל איך עס שוין געפינען.

זינע האָט געפונען דאָס פאַרצעלײַענע קוביקל מיטן אָפּגעהאַקטן אויערל, נאָר די מילך איז פון פלעשל קימאַט ניט געפלאָסן.

— צי דען איז די מילך זויער געוואָרן? — האָט זיך זינע גאַנץ ערנסט איבערגעשראָקן. — איך האָב דאָך גוט איבערגעבריט די מילך.

— אין קופּע איז טאַקע גוט הייס, ווײַזט אויס, קאַליע געוואָרן, — האָט מיט באַדויער גע־זאָגט יערמאָלאַוו.

זינע האָט אַ טרייסל געטאָן דאָס פלעשל און, האַלטנדיק דאָס קינד אויף די הענט, האַסטיק ארויס אין קאָרידאָר.

— וואָלאָדיע! וואָלאָדיע, קום ארויס אויף אַ מינוט.

וואָלאָדיע איז ארויס פון קופּע און אומצופרידן זי אָנגעקוקט.

— שאַ! וואָס שרײַסטו?

— די מילך איז זויער געוואָרן, — האָט זי שטיל געזאָגט, קוים אײַנהאַלטנדיק די טרערן. — וואָס טוט מען?

— גיב איר זויערע, — האָט ער הויך און זאָרגלאָז געענטפערט. — אויך מיר אַן אומגליק! זויערמילך איז נאָך בעסער.

— פאַר דיר עפּשער בעסער, אָבער פאַרן קינד?..

— נישקאָשע, נישקאָשע! — און ער איז, ווי ס'וואָלט גאָרנישט ניט געשען, אַרײַן פאַרזעצן די שפּיל.

— באַ אונדז איז פאַראַן מילך, — האָט געזאָגט מיט איר רויִק־זינגענדיק שטימעלע דימעס פרוי, — אַ פולער טערמאָס. — און זי האָט בייסמײַסע אַ קוק געטאָן אַפן קעלעוו, ווי זי וואָלט אים באַוווּסט. — מיר קענען אײַך געבן, אויב... אויב עס איז טאַקע אַזוי נייטיק.

— אַ דאַנק! עס איז גאָר ניט אַזוי נייטיק, — האָט געענטפערט וואָלאָדיע. ער האָט גלײַך פאַרשטאַנען, פאַר וועמען זיי פירן מיט זיך אַ טערמאָס מילך. — אײַער קאָרט, מאַדאַם!

זינע האָט געפּרוּווט אָנהאַדעווען דאָס קינד מיט דער זויערמילך. יערמאָלאַוו, אַן אופגערעג־טער, האָט פּאַשעט ניט געהאַט ווו זיך אהינטאָן. אין מויל איז אים געוואָרן עפּעס מאָדנע פּריקרע, ווי עמעצער וואָלט אים מיט גוואַלד געגאָסן אין מויל אַרײַן אַ ביטער־זויערן געטראַנק.

אַף דער צווייטער סטאַנציע איז יערמאָלאַוו דער ערשטער אַרויס אַפן פּעראָן. די מאַדאַם האָט זיך געקליבן מיטן הונט כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט. וואָלאָדיע איז אַרײַן צו זיך אין קופּע און אָנגעטאָן דאָס היטל.

— קויף עפּעס ליודאַטשקען, — האָט זינע אים געבעטן.

פאַרבײַ די וואַגאָן־פענצטער זײַנען אַרומגעגאַנגען פרויען מיט פולע קאָשעקעס עפּל, געבעקס און פאַרשיידענע אַנדערע עסנוואַרג. ווען די וואַגאָן־בופערן האָבן זיך צעליאַזגעט און דער צוג האָט זיך לאַנגזאַם גענומען רירן, האָט זינע מיטן קינד אַף די הענט אומגעדולדיק גע־קוקט אַף דער קאָרידאָר־טיר. אַלע פּאַסאַזשירן האָבן זיך שוין אומגעקערט פון פּעראָן, די שכניי־נים מיטן הונט זיצן שוין באַ זיך אין קופּע, נאָר וואָלאָדיע איז נאָך אַלץ ניטאָ. יערמאָלאַוו איז אַרײַן אין קופּע.

— איר האָט ניט געזען מײַן מאַן? — האָט אים זינע געפרעגט.

— ניין. נאָר זאָרגט זיך ניט, ער איז אַרײַן אין אַן אַנדער וואַגאָן.

זינע האָט זיך אָבער ניט באַרויִקט. דער צוג יאָגט שוין שנעל, און וואָלאָדיע איז נאָך אַלץ ניטאָ. יערמאָלאַוו האָט באַמערקט, אַז זינע איז עטוואָס בלייך געוואָרן, זי לייגט איבער דאָס קינד פון איין האַנט אַף דער צווייטער און קאָן מאַמעש רויִק ניט אײַנזיצן.

עס איז געוועזן טשיקאַווע צו קוקן אַפן קינד. פאַכענדיק מיט די הענטלעך, האָט עס געקוקט אין אַלע זײַטן, ווי עס וואָלט וועלן עמעצן דערזען. זינע האָט זיך געווענדט צו דער וואַגאָן־באַגלייטערן, וואָס האָט זיך באַוויזן אין קאָרידאָר מיט אַן עמער און אַ בעזעמל:

— וואָס טוט מען? מײַן מאַן איז געבליבן אַף דער סטאַנציע, ניט באַוויזן...

די באַגלייטערן האָט אַ קוק געטאָן אין עמער, ווי זי וואָלט וועלן דאָרטן געפינען דעם ענטפער, און רויִק געזאָגט:

— אײַער מאַן דינט, דאַכט זיך, אין אַרמיי?

— יאָ.

— ער וועט ניט פאַרפאַלן ווערן. ער איז ערגעץ אין צוג.

זינע האָט אויך געוואָלט אַזוי טראַכטן, אָבער דאָס האָט זי ווייניק באַרויִקט. אַ פאַר־צווייפלטע האָט זי אַ קוק געטאָן אַף יערמאָלאַוון. אין איר בליק האָט זיך קענטיק געפילט אַ שווײַגנדיקע באַקאָשע. יערמאָלאַוו האָט זיך האַסטיק אופגעהויבן פון אָרט, אָנגעטאָן דאָס היטל. נאָר פונקט אין דעם מאָמענט האָט זיך דערהערט אין קאָרידאָר אַ באַקאַנטער פײַף. זינע האָט זיך מאַמעש אַ ריס געטאָן פון אָרט און באַגעגנט וואָלאָדיען אַף דער שוועל.

— אוי, ווי דו האָסט אונדז איבערגעשראָקן! — האָט זי געזאָגט, טוליענדיק זיך צו אים מיט גרענעצלאָזער טרײַשאַפט, — וואָס וואָלטן מיר געטאָן אָן דיר? רו זיך אויס, וואָלאָדינקע. האָסט, מיסטאָמע, קוים דעריאָגט דעם צוג?

יערמאָלאַוו האָט זיך בעעמעס פאַרלאָרן, ווען ער האָט דערזען, ווי די יונגע פרוי האָט אַזוי אופריכטיק ליב איר מאַן. אים איז אַפילע שווער געווען פעסטשטעלן, וואָס האָט אים מער פאַר־כידעשט: דאָס געפיל פון קינע צי עקל?

— איך בין אַרײַן אין בופעט, — האָט געענטפערט וואָלאָדיע, קוקנדיק קימאַט די גאַנצע צײַט אַף יערמאָלאַוון. — געמיינט, אַז איך וועל זיך ספּראַווען, לאָזט זיך אויס — אַ לאַנגע ריי, און מיטאַמאָל — דער צוג גייט פאַרבײַ די פענצטער פון בופעט... קוים דעריאָגט דעם לעצטן וואַגאָן.

— האַסטו, פאַרשטייט זיך, עפּעס געקויפט לידאַטשקען? — האָט ניט דרייסט געפרעגט זינע.

— אָט א מאָדנער מענטש! — האָט ער מיט רוגזע געענטפערט. — ווי געקויפט, ווען געקויפט, איך זאָג דאָך, פאַרן קלונג אַרײַנגעלאָפן אין בופעט. — וואַלאַדיע האָט זיך אומגעריכט צעלאַכט און זיך אָנגערופן צו יערמאָלאַוון. — איר פאַרשטייט? דער דאָזיקער טיולפּאַן איז ראַפּטאָם אַראָפּגעשפּרונגען אפן פּעראָן, אַרויסגעריסן זיך פון אירע הענט, און... שיט אים אָן זאַלץ אפן עק, ווי עמעצער וואָלט אים אָנגעשראָקן. דער שעד ווייסט אים, ווען ער האָט דערזען! איך האָב אוואַדע געפּאַטערט צען מינוט, ביז איך האָב אים געפּאַקט.

— נו, און דער באַלעבאָס? — האָט אים אומגעדולדיק איבערגעשלאָגן יערמאָלאַוו. — דער דאָזיקער... ווי הייסט ער? דימאַ.

— ווייסעך וואָס! אויך מיר א בעריע, — האָט זיך וואַלאַדיע צעלאַכט. — טיולפּאַן וויל ניט פאַרן אַף קוראַרט. אים ציט צוריק אהיים. נו, זינאַ, לאָמיר עפּעס איבערכאַפּן. ס׳ווילט זיך קײַען.

— האַלט צו א רעגעלע דאָס קינד, — האָט זי אים האַכנאָעדיק געבעטן. זי האָט אַף אים א קוק געטאָן, ווי זי וואָלט וועלן אָן ווערטער בעטן אים, ער זאָל זי כאָטש דאָס מאָל ניט פאַרשעמען פאַר א פרעמדן מענטש, ער זאָל כאָטש לעפּאָנעם־וועגן אַרויסווײַזן א ביסל העפלעכקײַט און נעמען דאָס קינד אַף די הענט.

— זעץ זי אוועק, — האָט יענער אָפּגעענטפערט טרוקן־באַפעלעריש.

יערמאָלאַוו האָט מיט ווייטעק געקוקט אַף זינען.

ווען זי האָט געגרייט אפן טישל דאָס צובײַסן, האָט דאָס קינד געפונען ערגעץ לעם זיך אַן אָפּגעשיילטן קאַשטאַן און גענומען זיך מיט אים פאַרווײַלן. יערמאָלאַוו, קוקנדיק אפן קינד, האָט מאַמעש געקוואָלן. ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע א קליינע ניקל־ווײַסע קאַלאַקאָטקע און דערלאַנגט דעם קינד.

— אין דער היים האָבן מיר אזעלכע קאַלאַקאָטקעס, — האָט באַמערקט וואַלאַדיע, — זיי וואַלגערן זיך דאָרט.

זינע אָבער האָט זיך עטוואָס פאַרלאָרן. קוקנדיק, ווי דאָס קינד שפּילט זיך א צופרידנס מיט דעם קלינגענדיקן שפּילכל, האָט זי, ווי זי וואָלט אליין אין עפּעס שולדיק געווען, געזאָגט:

— א דאַנק אײַך! דאָס האָט איר אַף דער סטאַנציע, מיסטאָמע, געקויפט? נאָר צו וואָס דאַרפט איר זיך זאָרגן?

דעמלט האָט יערמאָלאַוו אַרויסגעצויגן פון קעשענע א קליינע באַנקע סמעטענע.

— איך מיין, — האָט ער שטיל געזאָגט, — אז דאָס וואָלט גראָד ניט שלעכט געווען פאַרן קינד.

זינע האָט א פאַרלוירענע א קוק געטאָן אַף וואַלאַדיען, ווי זי וואָלט וועלן זאָגן: „ניין, ניין, מע דאַרף ניט...” זי האָט זיך פאַרויטלט און שטיל געזאָגט, אַראָפּלאָזנדיק די אויגן:

— א דאַנק.

וואַלאַדיע, ווי עס וואָלט גאָרניט געשען, האָט מיט אַן אומצופרידענער מינע באַקוקט דאָס צוגעגרייטע צובײַסעכץ, אַרויסגעצויגן פון קעשענע א פלעשל בראַנפן און זיך אָנגערופן צו יערמאָלאַוון:

— נו, מיר זײַנען דאָך מיט אײַך, קאָן מען זאָגן, קאָלעגן. איז לאָמיר נעמען צו קאָפּעלעך. קוים באַוויזן קויפן אין בופעט. זינאַ, נעם אַרויס די גלעזלעך.

— איך טרינק ניט. סײַדן... — יערמאָלאַוו האָט ניט ווילנדיק א קוק געטאָן אַף זינען, — סײַדן ווען־ניט־ווען אין א קאָמפּאַניע.

— זעצט זיך מיט אונדז, — האָט אים פאַרבעטן זינע.

יערמאָלאַוו האָט דערפילט אין איר האַרציקער שטים אַן אומקלאָרע האָפענונג פון א פרוי, וואָס ניט געקוקט אַף איר שלימאַזלדיקער לאַגע, דערוואַרט זי אַף עפּעס וואָס גוטס אין לעבן.

גלײַך נאָך די ערשטע צוויי גלעזלעך איז וואַלאַדיע געוואָרן מונטער און זייער באַריידעוודיק. יעדעס וואָרט — צי ס׳איז יאָ געווען צו דער זאַך צי ניט — פלעגט ער אַרויסזאָגן ניט טראַכטנדיק קיין רעגעלע. איין זאַך איז געווען קלאָר: א שנעפּסל האָט ער ליב, און דאָ איז ער, ווי מע זאָגט, אפן פערד.

— מײַן ווײַבל טרינקט ניט, — האָט ער שוין דאָס וויפלטע מאָל איבערגעכאַזערט, — נעמט ניט אפילע קיין לעק־שמעק. אַן אַקטריסע — און טרינקט ניט! א ווונדער, האַ? ניט אזוי? יאָ, יאָ! זי איז געווען אַן אַקטריסע... גע־ווען! — האָט ער געזאָגט זייער צופרידן. — א דאַנק דיר, גאָט! אויס! פאַטער! איך האָב אזוי געזאָגט: איינס פון דיביידע — אָדער זײַ א ווײַב, אָדער זײַ אַן אַקטריסע. ריכטיק האָב איך געזאָגט, כאַוועד יערמאָלאַוו? אַדמיראַל יערמאָלאַוו!

דער „אדמיראל" האָט אים שפּאָטיש אָנגעקוקט און געוואָלט עפּעס וואָס זאָגן, נאָר זינע האָט אים מיט די אויגן געבעטן ניט פאַרזעצן דעם שמועס. זי אַליין האָט די גאַנצע צײַט געשוויגן. ווײַזט אויס, אַפילו ניט געוואָלט הערן, וואָס ער פּלוידערט. זי איז געווען פאַרנומען מיטן קינד, וואָס האָט מיט גרויס פאַרגעניגן געגעסן די סמעטענע. זי ווייסט שוין גוט: זאָג וואָלאָדיען, איבערהויפּט באַם גלעזל, איין וואָרט, וועט ער דיר זאָגן צוואַנציק. רייד מיט אים מילד — וועט ער ענטפערן גראָב. זי האָט שטיל געבעטן יערמאָלאַוון, ער זאָל אים ניט דערווידערן. נעמט ער א גלעזל, איז גלײַכער מיט אים זיך ניט אַמפּערן. ער וועט זיך אָנריידן און גיין שלאָפן. פאַרטשעפּע זיך מיט אים — וועט ער פון דיר ניט אָפּטרעטן און ריידן א גאַנצע נאַכט.

אויסגעטרונקען קימאַט די גאַנצע פלאַש בראַנפן, האָט ער נאָך פיל מאָל איבערגעכאַזערט: „אדמיראל יערמאָלאַוו — גענעראל יערמאָלאַוו", און ענדלעך ארופגעקראָכן אַף דער אייבערשטער פּאָלקע. און ווי נאָר ער האָט דערפילט צוקאָפּנס די קישן, איז ער גלײַך אײַנגעשלאָפן, אַפילו ניט אַראָפּגענומען די שטיוול. זינע האָט גענומען צוראַמען פון טישל, און קעדיי ניט שטערן איר, איז יערמאָלאַוו ארויס אין קאָרידאָר.

ווען ער איז צוריק אַרײַן אין קופּע, האָט ער גלײַך באַמערקט, אַז די שטיוול שטייען שוין אונטן. „פאַרשטייט זיך, — האָט ער געטראַכט, — זינע האָט אים אַראָפּגעצויגן די שטיוול, שטייענדיק אַפן לייטערל". זי האָט עס טאַקע געטאָן, ווען ער איז אַרויס. אין דעם מאָמענט האָט יערמאָלאַוו באַזונדערס שאַרף דערפילט די בידנע דאָליע פון אָט דער יונגער פרוי, ווײַזט אויס, אַז ניט איין מאָל טוט זי אים אויס די שטיוול...

דאָס קינד איז געווען זייער פאַרטאָן מיט דער נײַער קלינגענדיקער צאַצקע, וואָס האָט עטוואָס פאַרטויבט וואָלאָדיעס הילכיק-געשמאַקן כראָפּ. זינע האָט גוט אויסגעווישט דאָס טישל, געמאַכט אַן אָרדענונג אין אירע קלומקעס. די קאַלאַקאָטקע איז האַסטיק ארויסגעפאַלן פון קינדס הענט.

— נו, וואָס? — האָט זינע געזאָגט צום קינד, קוקנדיק אַף דעם מיט נאַכעס. — שוין דערעסן די נײַע צאַצקע?

זי האָט אופגעהויבן דאָס שפּילכל, און, ווען דאָס קינד האָט עס ווידער גענומען אין די הענט, האָט זינע פאַרגעזעצט:

— געווען בא אונדז אין כאָר... יאָ, זייער אָפט דערמאָן איך זיך וועגן כאָר, — איר שטים האָט זיך געענדערט, די אויגן זײַנען אַף א רעגע פאַרלייכערט געוואָרן, — יאָ, געווען בא אונדז אין כאָר א יונגע מוטער. אויך א סאָליסטן. מײַנע א גוטע כאַווערטע. זי האָט אויך געהאַט א טעכטערל, קימאַט אין ליודאָטשקעס עלטער. מיר פלעגן זיך אָפט אין א פרײַען טאָג פאַרזאַמלען בא איר. אַלע פלעגן עפּעס וואָס ברענגען דעם קינד. עס איז פּאָשעט געווען א כּיִעס צו קוקן אַפן קינד. צו יעדערן וויל זי אַף די הענט און שמייכלט. די מאַמע האָט זיך געפילט גליקלעך. איר מאַן איז געווען א פּאָשעטער מענטש, אַן ארבעטער. ער האָט ניט שלעכט געשפּילט אַף זײַן אקאָרדעאָן. מיר זינגען עפּעס, און ער אַקאָמפּאַנירט. יאָ, ער האָט ליב געהאַט מוזיק. עס איז געווען טשיקאַווע צו קוקן אַפן קינד: זי זיצט א שטיל-שטילינקע און הערט, און הערט...

— איך מיין, — האָט יערמאָלאַוו געזאָגט, — אַז אויך ליודאָטשקע האָט ליב הערן דער מאַמעס געזאַנג. קינדער האָבן ליב געזאַנג.

— איצט זינג איך ניט, — האָט זינע געענטפערט ניט אַן ווייטעק.

— און מיר, — האָט יערמאָלאַוו געשמייכלט צום קינד, — וועלן בעטן דער מאַמען, זי זאָל פונדעסטוועגן עפּעס וואָס אויסזינגען. מיר האָבן אויך ליב געזאַנג. ניט אַזוי, ליודאָטשקע?

— מיר דאַכט אָפּטמאָל, — האָט זי טרויעריק געזאָגט, — אַז כ'האָב שוין די שטים פאַרלאָרן. שטעלט זיך פאַר: מיר כאַלעמט זיך אַמאָל, אַז איך זינג...

דאָס קינד האָט גענומען האַסטיק פּאַכען מיט דער קאַלאַקאָטקע.

גוט אויסגעשלאָפן זיך, איז וואָלאָדיע ווידעראַמאָל אוועק אין דער שכיינעסדיקער קופּע שפּילן אין קאָרטן. יערמאָלאַוו איז קימאַט די גאַנצע צײַט געשטאַנען אין קאָרידאָר, אײַנגעהערט זיך צו די כריפּענדיקע קלאַנגען פון דער ראַדיִאָ.

אין וואַגאָן איז געווען טומלדיק. עס האָבן זיך דערטראָגן הייזעריקע שטימען פון יענע פּאַסאַזשירן, וועלכע האָבן ליב, באַזונדערס אין וועג, נעמען אַן איבעריקע קויסע. יערמאָלאַוו האָט געקוקט אין טונקעלן וואַגאָן-פענצטער, וואָס האָט מוטנע אָפּגעשפּיגלט זײַן געזיכט. אַף זײַן שטערן זײַנען קענטיק געווען די קנייטשן, ניט קיין טיפע, נאָר א סאַך. אים איז געווען גאַנץ קאַלעמוטנע אַפן הארצן. אַף איין רעגעלע האָט אים אויסגעדאַכט, אַז ער דאַרף אַפילו מעקאַנע זײַן וואָלאָדיען: יענער טראַכט מיסטאָמע וועגן גאָרנישט. אים איז מיסטאָמע קיינמאָל ניט שווער

אפן הארצן. אָט דערטראָגן זיך פון קופּע זײַנע פרײלעכע אויסגעשרײען, זײַן פלאפלען און זײַן פײַפן.

יערמאָלאָוו איז ארײַן אין קופּע, זיך אויסגעצויגן אפן געלעגער, צוגעמאכט די אויגן, נאָר ער האָט בעשום־אופן ניט געקאָנט אײַנשלאָפן. דורך דער אָפענער קופּע־טיר פלעגט זיך פון צײַט־צו־צײַט ארײַנרײַסן וואָלאָדיעס שטים און זײַן פריקרע פײַפן. דערהערנדיק עס, פלעגט זינע אופהייבן דעם קאָפּ, ווערן נערוועז און ווידעראמאָל אײַנדעקן דאָס שלאָפנדיקע קינד מיטן לײַלעך. „ווײַזט אויס, — האָט געטראכט יערמאָלאָוו, — זי האָט די גאנצע צײַט ניט צוגעמאכט קיין אויג, געוויס שלאָפט זי שוין ניט די צווייטע נאכט“. ניט ווילנדיק האָט עס אים בעפײַרעש פארדראָסן. אָבער צי נאָר אָט די נעכט זײַנען בא איר געווען שלאָפלאָזע?

ווי נאָר עס האָט א שפּראָץ געטאָן אף טאָג, האָט די וואגאָן־באדינערן לײַכט אָנגעקלאפּט אין קופּע. דאָס האָט זי צו וויסן געגעבן יערמאָלאָוון, אז ער דארף אינגיכן ארױפּשטײַגן. יער־מאָלאָוו האָט זיך גלײַך אופגעכאפּט. ער איז די גאנצע נאכט שלעכט געשלאָפן. דאָס קינד פלעגט זיך אָפּט אופכאפן און וויינען.

אינגיכן איז געקומען וואָלאָדיע. ער האָט אײַנגעשלאָסן די ליכט און פריילעך אויסגעשריִען:

— קיין איין מאָל ניט פארשפּילט! — און גלײַך ארופגעקראָכן אף זײַן געלעגער.

יערמאָלאָווס סטאנציע איז שוין נאָענט געווען. ער האָט שטיל, קעדיי ניט אופוועקן דאָס קינד, צונויפגעלייגט זײַנע זאכן און פארפאקט זײַן טשעמאָדאן. ווען ער האָט זיך שוין געקליבן ארויסגיין, האָט זיך זינע אופגעהויבן פון געלעגער. זי האָט עטוואָס געבראכט אין אָרדענונג אירע האָר און שטיל געפרעגט:

— שוין אײַער סטאנציע?

— כ'האָב אײַך אופגעוועקט! עך, א שאָד! זײַט מויכל. דעם עמעס געזאָגט, האָב איך גרײַ־לעך געוואָלט מיט אײַך זיך געזעגענען, נאָר איר זײַט דאָך ניט לאנג אײַנגעשלאָפן.

— ס'מאכט ניט אויס. דאָס קינד איז עפּעס ניט מיט אלעמען. איך האָב קימאט א גאנצע נאכט זיך געוואָזגעט מיט איר.

— נו, איך דארף שוין גיין. מײַן סטאנציע איז שוין אָט־אָט. זײַט געזונט! קאָן זײַן, מיר וועלן זיך מיט אײַך שוין קיינמאָל ניט טרעפן. און עפּשער... ווער ווייסט. אָבער איר דארפט זינגען, אומבאדינגט! דאָס טאָר ניט פארלאָרן גיין.

— איך ווינטש אײַך געזונט און גליקלעך זיך אומקערן קיין מינסק, — האָט זי אים שטיל, קימאט שעפּטשענדיק, געזאָגט און אויסגעשטרעקט איר ווייכע ווארעמע האנט, — איך בעט אײַך זייער: וועט איר דאָרט באגעגענען מאקאר איוואנאָוויטשן, גיט אים איבער מײַן הארציקן גרוס. מײַן מיידלשע פאמיליע איז ווישנעווסקאיא.

— איך וועל עס אומבאדינגט אויספּילן. זײַט זיכער. אלדאָס בעסטע!

ער איז ארויס אפן טונקעלן פּעראָן און געשטעלט זיך עטוואָס אין א זײַט. ער האָט אָפּגע־ווארט עטלעכע מינוט. אָט איז דאָס פענצטערל פון זײַן קופּע. „עפּשער וועט זיך א שאר טאָן דאָס פאָרהענגל, — האָט יערמאָלאָוו א טראכט געטאָן, — און ער וועט זי דערזען, זאָל זײַן כאָטש אף געציילטע עטלעכע רעגעס... נייִן!“

אינגיכן האָט זיך דערהערט דער שארפער הודאָק פון לאָקאָמאָטיוו. עס האָבן זיך צעליאָז־געט די בופערן, און דער צוג האָט זיך גערירט פון אָרט. אָט איז דורכגעשווומען דאָס באקאנטע פענצטערל פון קופּע. א נאָענטס... אַן אומפארגעסלעכס, ווי דאָס פענצטערל פון דער אייגענער כאטע. אָט פארשווינדט שוין דער נומער פון וואגאָן. נומער צוועלף.

די יונגע פרוי איז צום לעצטן מאָל אופגעשווומען אין געדאנק — א שלאנקע, מיט שיינע אויגן און העל־בלאָנדע האָר, וואָס דערמאָנען די פארב פון רײַפן לײַן. איר שטים — אזא האר־ציקע, א פארטרויערטע.

און ווען יערמאָלאָוו איז ארויס פון קליינעם וואָקזאלכל אפן וועג צום מיליטער־שטעטל, האָט אים נאָר איין געדאנק ניט געלאָזט רוען:

„זי וועט זינגען צי ניט?“

פון ווײַסרוסיש — מ ו י ש ע ט י י ף

יאָסל לערנער

ווילֿבערנער טרוים

לֿעוואָנע־נעכט

די נאַכט אויפֿן דרויסנס אַקסלען,
די לֿעוואָנע אויף זײַן קאָפּ.
די שטערן אין הימלֿ וואַקסן,
ווי בלֿומען אין אַ טאָפּ.

די הײַזער נעמען זיך ציִען
און טאַנצן אין אַ ראָד.
די קוימענעס אַלֿע פליִען
אַרויף צו גאָט.

די נאַכט גייט אַרום אויף די גאַסן,
קוקט און שמייכלט צו מיר.
די נאַכט איז שטילֿ און געלאַסן,
לֿאָז איך זיך גיין מיט איר.

מיר גייען אַרײַן אין גאָרטן,
אין גאָרטן איז טונקלֿ און שפּעט.
די נאַכט נעמט מיר וואַרפֿן קאָרטן,
איך — אירע לֿאָקן גלֿעט.

זי שווײַגט און טוט זיך נישט ווערן,
איך קוש איר שיינעם קאָפּ
און שענק איר אַוועק די שטערן,
וואָס פֿאַלֿן אויף אונדז אַראָפּ.

פֿליט פֿאַרבײַ אַ סאָווע
און פֿאַרטרײַבט די לֿעוואָנע פֿון בוים.
איך גיי אַרום פֿאַרקאָוועט
אין די זילֿבערנע קייטן פֿון טרוים...

אַן אייביק קינד

כ׳וואָלט ווידער וועלֿן זען די וועלט
מיט די אויגן פֿון אַ קינד.
אַ פֿערד אַ גרינס זאָלֿ זײַן דאָס פֿעלֿד,
דער רײַטער אויף אים —
דער ווינט.

אינעם טײַכל, וואָס אונטן אין טאָלֿ,
זאָלֿ אַ פֿאַרקישעפֿטער פּאַלאַץ זײַן.
דאָס וואַסער, פֿון ריינעם קרישטאָלֿ,
זאָלֿ שמעקן
מיט ראָזשינקע־ווײַן.

דער וואַלד זאָלֿ זײַן גרינעם סאָד
אַנטפּלֿעקן פֿאַר מיר און זײַן מיין, —

וואָס ריידן די ביימער מיט גאָט,
ווען דער הימלֿ איז הויך
און ריין.

דער באַרג זאָלֿ זײַן אַ פֿעסטונג,
גלײַך פֿון אַ מײַסע אַרויס.
סע זאָלֿן די בושלען זיך נעסטן
אויפֿן דאַך
פֿון אונדזער הויז.

דער טאַטע זאָלֿ זײַן אַ גרויסער,
די מאַמע — גוט און לֿינד.
אייביק זאָלֿ בלֿויען דער דרויסן
און איך —
אַן אייביק קינד...

נאַכט אין וואַלד

נאַכט אין וואַלד. די ביימער שלֿאָפֿן
שטייענדיקערהייט.
סע שלֿאָפֿט אויך „פּאַן“, און אָפּגעריסן זיך
די שרעק האָט
פֿון דער קייט...

אַ יונגע סאַרנע גאַנוועט זיך מיט שטילֿע טריט.
זי שטעלֿט זיך אָפּ,

שפּיצט שאַרפֿער אָן די אויערן. הייבט העכער
אויף דעם קאָפּ.

אַ טראָט און נאָך אַ טראָט. זי בלֿײַבט אַ רגע
שטיין.
זי זאָלֿ באַווײַזן נאָר זיך דורכשלֿאָגן, כאָטש
ביז אָט יענעם שטיין.

פון אים איז ביז צום טײַכל א דרײַ־פיר גוטע שפרונג.
(פון דאָרשט איז, ווי א קאָרע, טרוקן איר די צונג).
נאָר די סאקאָנע לויערט דאָ פון הינטער יעדן בוים.

די אויערן כאפן אוף א שורך קוים־קוים.
א שפרונג און נאָך א שפרונג. אָט איז שוין באַלד דער שטײן.
נאָר אײַנגעביסן האָבן זיך אין רוקן שארפע צײן.

אף דער גוטער וואָך

אף דער גוטער וואָך, אף דער פולער וואָך —
זאָג, וואָס ווילסטו מער,
זאָג, וואָס דארפסטו נאָך.

ווײַל גענוג וועט זײַן דײַנס א וואָרט,
א זאָג.
און באקומען וועסט אויך די שײַן פון טאָג;

וואָס דײַן אויג נאָר גלוסט,
וואָס דײַן הארץ באגערט,
אַלע זיבן הימלען מיט דער גאנצער ערד.

פונעם ווינט — דעם פלי,
פונעם פראָסט — דעם ברי,
פונעם בוים — דעם וווּקס,
פון דער בלום — איר בלי.

פונעם יאם — די טיף,
פון דער זון — די קרוין.
זאָג אָן אײנציק וואָרט, און באקומסט זײ שוין...

אויב אָבער דו ווילסט בלויז א ביסל רו, —
האָב געדולד, מײַן פרײַנט,
ווארט א ביסל צו.
— — — — — — — — — — — — — — — —
ווארטן ביידע מיר, ווארטן צײַט נאָך צײַט.
ס'איז דאָס ביסל רו
א מעהאלעך ווײַט...

נאָטע לוריע

ליִעס גורל

1

מיט עטלעכע וואָכן צוריק, אין א כמורנעם רעגנדיקן פארנאכט, בין איך געפאָרן פון גרויסן פאָנטאן אין שטאָט ארײַן. איך האָב געאײַלט אין געבורטס־הויז צו מײַן טאָכטער. דער אווטאָבוס איז, ווי שטענדיק בעשאס א רעגן, געווען פול געפאקט. איך בין געזעסן צוגעשפארט צום פענצ־טער און געלייענט דעם בריוו, וועלכן די טאָכטער מײַנע האָט מיר געשיקט. ווען איך האָב גענומען צונויפלייגן די בייגלעך פאפיר, האָב איך באמערקט, אז דער אווטאָבוס, וואָס האָט פאמעלעך זיך געשלעפט אונטער דעם מאראקענדיקן רעגן, איז שוין ניט ווײַט פון יענער גאס, וווּ עס גע־פינט זיך דאָס געבורטס־הויז. דאָס הארץ האָט בא מיר א צאפל געטאָן: באלד, אָט באלד וועל איך זיי זען, זי און דאָס אייניקל... און פונקט דעמלט האָב איך דערהערט אן אָנגענעמע פרויען־שטים:

— אנטשולדיקט... איך מעג זיך צו אײַך ווענדן?

פון אומדערוואַרטקײַט האָב איך זיך פארוווּנדערט אומגעקוקט. לינקס פון מיר איז געזעסן א ליכטיק־בלאָנדע שיינע פרוי פון א יאָר צוויי־דרײַ און פערציק. לויט איר בליק האָב איך פאר־שטאנען, אז דאָס ווענדט זי זיך צו מיר.

— וואָסי דען? — האָב איך א פרעג געטאָן.

— איך האָב אלץ געוואַרט, אז איר זאָלט פארענדיקן לייענען, — האָט זי געלאסן גע־זאָגט, פאריכטנדיק מיט די לענגלעכע פינגער די ווייכע האָר, וואָס זײַנען איר געפאלן אף דעם לײַכטן מאנטל.

איך בין געווען נאָך אינגאנצן פארטראָגן מיט מײַנע פריִערדיקע געדאנקען און ניט אָנגע־הויבן צו פארשטיין, וואָס אָט די פרוי, וועלכע איך האָב ביז איצט אפילע ניט באמערקט, איז אויסן.

— איך וויל אײַך עפּעס פרעגן, — האָט זי ניט דרייסט זיך ווידער אָנגערופן.

— ביטע, — האָב איך געענטפערט.

— אײַער פאמיליע איז... באָלשאקאָוו?

— יאָ...

— אנאטאָליי?.. הייסט עס, האָב איך קיין טאָעס ניט געהאט, — האָט זי געזאָגט, ווי זי וואָלט זיך אליין געוווּנדערט.

— פונוואנען קענט איר מיך? — האָב איך מיט אופגעוואכטן נײַגער א פרעג געטאָן.

זי האָט זיך א קנייטש געטאָן, ווי זי וואָלט זיך געקווענקלט — זאָגן צי ניט.

— איך האָב אמאָל, אָנהייב מילכאָמע, ריזיקירנדיק, קאָן מען זאָגן, מיטן לעבן, ארויסגע־גאנוועט פון א צעבראָכענער וויטרינע אף דעריבאסאָווסקע אײַער פאָטאָגראפיע...

— מײַן פאָטאָגראפיע? צוליב וואָס האָט איר זי באדארפט? — האָב איך פארכידעשט געפרעגט.

— ניט איך, — איר פאָנעם האָט זיך מיטאמאָל געענדערט, געוואָרן טרויעריקלעך, — מײַן כאווערטע, זי האָט מיך געבעטן...

— אײַער כאווערטע? ווער איז זי, ווי הייסט זי? — האָב איך א פרעג געטאָן.

— וואָס פאר א נאפקעמינע איז דאָס, איר געדענקט זי שוין געוויס ניט.

— בא מיר איז א גוטער זיקאָרן. זאָגט, — האָב איך זי געבעטן.

— זי הייסט, — האָט זי פארטויבט, מיט א געפאלענער שטים געזאָגט, — ליִע.

— ליזע ווײַנבערג? — האָב איך אויסגערופן.

— יאָ.

פאַר מיר איז עס געווען אַזוי אומדערוואַרט, אַז איך בין געבליבן ווי געפּלעפט.

— זאָגט מיר, איך בעט אײַך, איצט ווייסט איר עפּעס וועגן איר?

די פרוי האָט אַראָפּגעלאָזט די וויזע און קוים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מיט ליזען איז עפּעס געשען.

— וואָס האָט געטראָפן מיט איר?

די פרוי האָט געשוויגן.

— זאָגט. וואָס שווײַגט איר?

— אַך, פרעגט בעסער ניט, — האָט זי וויטעקלעך פאַרביסן די ליפּן.

— איר מוזט מיר דערציילן, איך בעט אײַך.

— נו, גוט. — זי האָט אַ קוק געטאָן אין פענצטער און מיטאַמאָל אופגעשפרונגען. — איך דאַרף אָט דאָ אַראָפּגיין, מע וואַרט אויף מיר.

— ווען זשע? ווען וועלן מיר זיך זען? — האָב איך זי געפּרוווט פאַרהאַלטן. — מאָרגן קענט איר?

— גוט, זאָל זײַן מאָרגן.

— וווּ?

— זאָל זײַן דאָ, לעבן דעם אויטאָבוס־אָפּשטעל. נו, גוט. מאָרגן אין דער זעלבער צײַט, — האָט זי לײַכט מיר אַ דריק געטאָן די האַנט און פלינק אַרויס פון אויטאָבוס.

2

אין אַ קורצער צײַט אַרום האָט דער אויטאָבוס זיך אָפּגעשטעלט אַנטקעגן דעם גערדיכט־באַגרינטן הויף, וווּ עס האָט זיך געפונען דאָס געבורטס־הויז. איך בין אַרויס און פאַרלוירן געבליבן שטיין. איך האָב געדאַרפט קומען צו־זיך און גענומען פּאַמעלעך שפּאַנען היִן און צוריק איבער דעם גלאַנציק־נאַסן טראָטואַר. לאַנג האָב איך אַזוי זיך אַרומגעדרייט און ענדלעך אַ מידער זיך אויפגעהויבן אויף די טרעפּלעך. די טיר פונעם געבורטס־הויז איז געווען פאַרשפּאַרט. קיין באַזוכער האָט מען שוין ניט אַרײַנגעלאָזט. איך בין אַוועק צוריק און לאַנג געשפּאַנט אונטער דעם מאַראַקענדיקן רעגן. אַהיים בין איך געקומען שפּעט, זיך געלייגט, נאָר ניט געקאָנט אײַנשלאָפן ווערן. „וואָס איז געשען מיט ליזען?" זי איז געשטאַנען, ליזע, פאַר מײַנע אויגן אַזאַ, ווי איך האָב זי געזען דאָס ערשטע מאָל אויפן יוגנטלעכן אָוונט אין לופּטיקן זומער־פּאַרק: אַ שטאָלטנע, אין אַ ווײַס קליידל, אין ווײַסע לײַכטע טופליעס. די שוואַרצע צעפּ פאַרוואָרפן איבער די יונגע בריסט. זי איז געשטאַנען פאַר מיר, ווי דעמלט אויף דער בינע מיט דעם פידל אין האַנט.

נאָך איר אַרויסטרעטונג האָב איך געלייענט מײַנע נײַע לידער. איך האָב, ווײַזט אויס, דאָס מאָל געלייענט בעסער, ווי שטענדיק, דער עולם האָט באַגײַסטערט מיר אַפּלאָדירט.

פון פּאַרק זײַנען מיר שוין אַוועק צוזאַמען, איך מיט ליזען. מיר האָבן שפּאַצירט באַם סאַמע ברעג יאַם. דאָס גרינבלעכע וואַסער איז ערטערווײַז באַלויכטן געווען פון דער פולער לעוואָנע. מיר זײַנען לאַנג געגאַנגען. נאָכדעם האָבן מיר זיך פאַרקליבן אויף אַ פעלדז, אונטער וועלכן עס האָבן שטיל זיך געפּליושקעט די באַנאַכטיקע וועלן. ליזע האָט געבעטן, איך זאָל לייענען נאָך לידער. איך האָב געלייענט, און זי האָט געקוקט אויף מיר אַ גליקלעך־פאַרוווּנדערטע. זי איז געווען נאָך גאָר יונג, און איך האָב ניט געוואַגט זי אָנעמען בײַ דער האַנט. שפּעטער האָט זי דערציילט וועגן זיך, וועגן איר היים. דער טאַטע איז אַ בוכהאַלטער. זייער אַ שטרענגער איז ער. די מאַמע איז אַ גוטע און אַ מילדע. פאַראַן נאָך אַ קלענער שוועסטערל און אַ ברודערל. זי מוז העלפן די עלטערן, טרעט זי דעריבער אַרויס אויף קאָנצערטן.

ס'איז געווען אַ שטילער, וואַרעמער מײַ־אָוונט. ערגעץ אויף די ברעג האָבן געבליט די סעדער. עס האָט געשמעקט מיט ווײַנשל־צוויט. פון יאַם האָט געצויגן מיט לויטערער פרישקײַט, און די לעוואָנע איז אַ שמייכלענדיקע אונדז נאָכגעגאַנגען פוסטריט.

פון דעמלט אָן האָבן מיר זיך אָנגעהויבן באַגעגענען. לעבן פּאַטיאָמקין־לייטער. אויפן ברעגיאַמישן בולוואַר.

אַזוי איז אַדורך דער זומער, דער האַרבסט און דער ווינטער. מיר פלעגן וואַרטן איינס אויפן אַנדערן אונטער רעגנס, אין פראָסטס און זאַווייעס, און דאָס האָט געמאַכט נאָך שענער אונדזערע באַגעגענישן.

איינמאָל האָב איך געטראָפן ליִען אָן אומעטיקע, א פאַרזאָרגטע. זי האָט זיך צוגעטוליעט צו מיר און דערציילט, אַז דער טאַטע האָט זיך דערוווּסט, אַז זי באַגעגנט זיך מיט אַן אַנגעפּאַרענעם מענטשן, וואָס האָט זיך דערצויגן אין א קינדערהיים און איז א סאַך עלטער פון איר. ער האָט געמאַכט א סקאַנדאַל. די מאַמע האָט געוויינט. קיינער האָט יענעם אינדערפרי ניט געפּרישטיקט. דער טאַטע איז אַוועק א הונגעריקער אַף דער אַרבעט.

ליִעס געזיכט איז געווען בלייך, און עס האָט מיר וויי געטאָן פאַר איר.

— ליִע, מיר דאַרפן זיך מער ניט באַגעגענען, — האָב איך איר געזאָגט.

— דו האָסט מיך ניט ליב? — האָט זי דערשראָקן געפרעגט.

— דערפאַר ווייל איך האָב דיך שטאַרק ליב. איך וויל ניט, אַז דיינע עלטערן זאָלן איבער־לעבן צוליב מיר. און עפּשער... מעגלעך, אַז זיי זיינען גערעכט.

— וואָס רעדסטו?! — האָבן זיך באַ איר געשטעלט טרערן אין די אויגן.

— איך בין דאָך טאַקע אַף א סאַך עלטער פון דיר.

— נו, דעריבער איז וואָס? אָן דיר קאָן איך ניט...

— עס דוכט זיך דיר איצט אַזוי. עס וועט דורך א שטיקל צייט, וועסטו מיך פאַרגעסן.

— ניין, ניין! קיינמאָל! קאָלזמאַן איך וועל לעבן, וועל איך ליב האָבן נאָר דיך, דיך! מער קיינעם ניט. איך מוז דיך זען. הערן. איבעראַכטאָג דינסטיק אין אָוונט וועל איך, ווי שטענדיק, דאָ וואַרטן אַף דיר.

— און אויב איך וועל ניט קומען?

— וועל איך קומען אין צוויי וואָכן אַרום אין דער זעלבער צייט.

— און אַז איך וועל אין צוויי וואָכן אַרום אויך ניט קומען?

— איז אין דריי וואָכן אַרום, אין פיר וואָכן אַרום, אין פינף. אַלע דינסטיק אין אָוונט וועל איך שטיין דאָ און וואַרטן אַף דיר.

איך האָב באַ זיך אָבער פעסט באַשטימט זיך מער ניט באַגעגענען. און איך בין ניט גע־גאַנגען. יעדן דינסטיק אין אָוונט האָב איך זיך קיין אָרט ניט געפונען. איך האָב דאָך געוווּסט, אַז זי שטייט לעבן די פּאַטיאָמקין־טרעפּ און וואַרט. עס האָט מיך ניט געלאָזט רוען, געצויגן אַהין, צו איר, נאָר איך האָב זיך ניט נאָכגעגעבן. איך האָב זיך געזאָגט: גיי ניט. טראַכט ניט וועגן זיך. זאָרג זיך וועגן איר. מאַך ניט קאַליע איר לעבן. זאָל זי זיך אָפּגעוווינען. פאַר איר וועט זיין בעסער, עס וועט באַ איר דורכגיין, ווי א קינדער־קרענק.

עטלעכע כאָדאָשים זיינען אַדורך, און מיר האָבן זיך ניט געזען. איך האָב שטאַרק געבענקט נאָך איר. נאָר ניט געגאַנגען.

דעם צוואַנציקסטן יון אין אָוונט, ווען איך בין אַרויס פון ראַדיאָ־סטודיע, האָב איך אַנטקעגן אונטער דער צעצוויטעטער אַקאַציע דערזען זי שטיין.

— ליִע? וואָס טוסטו דאָ?

— איך האָב דערהערט דיך לייענען דורך ראַדיאָ, בין איך געקומען, — האָט זי פאַרלוירן געזאָגט, ווי זי וואָלט זיך געפילט שולדיק, — איך בין געקומען זיך געזעגענען. פיר אַזייגער פאַר־טאָג פאָר איך אַוועק. מיט דער שיף, קיין קאַווקאַז.

— אַף קוראָרט?

— ניין. אַף קאָנצערטן. מיטן יוגנטלעכן אַנסאַמבל. אַף פינף וואָכן, — האָט זי שטיל גע־זאָגט, — קום א ביסל.

זי איז געווען עטוואָס בלייך און אויסגעזען נאָך שענער ווי שטענדיק. איך בין ניט בעקויעך געווען אָפּפירן די אויגן פון איר.

— קום, — האָט זי איבערגעכאַזערט.

— וווּהין? — איך האָב געפילט, אַז איך האָב זי איצט נאָך מער ליב, ווי פריִער.

— קום צום יאַם. אַהין, ווו מיר האָבן דאָס ערשטע מאָל שפּאַצירט.

מיר זיינען אַוועק.

ס'איז געווען א שטילער וואַרעמער אָוונט. לענגויס די העל־באַלויכטענע גאַסן האָבן געשור־שעט מיט די בלעטער די אַקאַציעס און פאַרפולט די דורכזיכטיק־בלווילעכע לופט מיט א שיקערנ־דיקן גערוך. האַלטנדיק זיך פאַר די הענט, האָבן מיר זיך אַראָפּגעלאָזט צום לאַנזשעראָן. מיר זיינען לאַנג געגאַנגען מיטן זאַמדיקן ברעג. דער יאַם איז געווען רויק. דאָס גרינבלעכע וואַסער איז געווען ערטערווייַז באַלויכטן פון דער לעוואָנע. מיר האָבן זיך ווידער פאַרקליבן אַפן הויכן פעלדז, און אונטן האָבן ווידער קוים־קוים זיך געפּליושקעט די באַנאַכטיקע וועלן...

— ס'איז מיר קילבלעך, — האָט ליִע, אַרומנעמענדיק זיך מיט די הענט, געזאָגט.

— לאָמיר גיין פונדאַנען, — האָב איך געענטפערט.

זי האָט אַף מיר עטוואָס ברויגעזלעך־פאַרוווּנדערט זיך אומגעקוקט.

מיר האָבן זיך אומגעקערט אין שטאָט.

— וועסט כאָטש א ביסעלע בענקען נאָך מיר? — האָט ליִע געזאָגט באַם געזעגענען זיך. — געדענק, אין פינף וואָכן ארום וועל איך ווארטן אויף דיר לעבן פאָטיאָמקין־לייטער.

פיר אזייגער פארטאָג איז אָפּגעגאנגען די שיף. זי איז אוועקגעפאָרן. איך בין געשטאנען אויפן ברעג־יאמישן בולווארן און פונדערווײַטן באגלייט זי. אין האפן האָב איך זיך ניט ארויפגעלאָזט. דאָרט זײַנען געווען אירע עלטערן. אויפן בולווארן איז געווען קיל. איך בין לאנג געשטאנען, ביז די גרויסע ווײַסע שיף איז ניט פארשוואונדן הינטערן האָריזאָנט.

אין צוויי טעג ארום איז אויסגעבראָכן די מילכאָמע. די גאסן זײַנען פארפולט געוואָרן מיט מענער, וועמען ווײַבער און קינדער האָבן באגלייט אין דער ארמיי. ניט דערווארטנדיק זיך אויף א פאָוועסטקע, בין איך אוועק אין וואָיענקאָמאט. „ווען מע וועט זיך נייטיקן אין אײַך, וועט מען אײַך רופן", — האָט מיר געענטפערט דער קאָמיסאר.

יעדן טאָג זײַנען איבער דער שטאָט געפלויגן פאשיסטישע אעראָפּלאנען. עס האָבן אומרויִק־צעצויגן געפּײַפט די סירענעס. מע איז געלאָפן אין די קעלערס. אין די באָמבע־באהעלטענישן. פון וואָקזאל זײַנען אָפּגעגאנגען פארמאסקירטע עשעלאָנען מיט מאָביליזירטע. דער פראָנט האָט זיך גיך דערנעענטערט. עס האָט זיך אָנגעהויבן די עוואקואציע פון דער באפעלקערונג.

„גוט, וואָס ליִע איז ווײַט פונדאנען, וואָס זי איז אויסער געפאר", — האָב איך געטראכט, נאָר גלײַכצײַטיק האָט מיר שטארק באנק געטאָן, וואָס מיר וועלן זיך שוין, מעגלעך, קיינמאָל מער ניט זען.

נאָר אָט, דעם צוויי־און־צוואנציקסטן יולי, פונקט אין א כוידעש ארום, זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, ארום אכט אין אָוונט, האָב איך זיך אומגעקערט פון האפן. פונדערווײַטן נאָך האָב איך לעבן פאָטיאָמקין־לייטער דערזען ליִען. די ערשטע רעגע האָב איך ניט געגלייבט די אייגענע אויגן. „ווי קאָן עס זײַן... זי איז דאָך גאָר אויף קאווקאז... צי דען איז עס זי?.." יאָ, ס'איז געווען ליִע. זי האָט מיך גלײַך דערזען, מיט אימפעט זיך געלאָזט לויפן צו מיר, ארומגענומען און מיטן פּאָנעם צוגעפאלן צו מײַן ברוסט.

— ווי קומסטו אהער? — האָב איך פארוואונדערט געפרעגט. — האָסט דאָך געזאָגט, אז דו וועסט זיך אומקערן אין פינף וואָכן ארום. איך בין געווען זיכער, אז דו ביסט אויף קאווקאז. איר האָט זיך אלע אומגעקערט?

— ניין. איך אליין, — האָט ליִע פארפלאָמט געענטפערט, — כ'האָב מורע געהאט, אז איך וועל דיך מער ניט זען. שוין צוויי וואָכן, ווי איך בין דאָ. איך האָב ניט געוווּסט, וווּ צו זוכן דיך. איך ווייס דאָך אפילע דײַן אדרעס ניט. נאָר איך האָב געגלייבט, אז דו וועסט קומען אהער. אבי איך זע דיך, — האָט זי פריילעך געזאָגט.

א געוואַלד פון סירענעס האָט זיך מיטאמאָל צעטראָגן איבער דער שטאָט. פון אונטער די וואָלקנס, וואָס איבערן יאם, האָבן גרויזאם זיך ארויסגעשניטן פאשיסטישע באָמבארדירער און מיט א דראָענדיק שווערער הודערײַ זיך פארנומען גלײַך איבער אונדז. מיר האָבן זיך געלאָזט לויפן, ארײַנגעכאפּט זיך אין דער פאָסטער פאראדנע פונעם אנטקעגנדיקן מויער און זיך צוגעטוליעט פעסט איינס צום אנדערן. פון דרויסן האָט זיך דערטראָגן א שטארקע שיסערײַ. עפּעס האָט דערבײַ זיך אויפגעריסן. דער מויער איז אונטערגעשפרונגען, ווי ער וואָלט צוזאמען מיט דעם פונדאמענט זיך גערירט פון אָרט. פון דער הייך האָבן זיך א שאָט געטאָן איבער אונדז שטיקער גלאָז. ערשט דעמלט האָבן מיר באמערקט, אז מיר באהאלטן זיך אויס אונטער א גלעזערנעם דאך. מיר האָבן זיך געלאָזט לויפן אין שכיינעסדיקן הויף, אהין, וווּ עס איז געווען א באָמבע־באהעלטעניש.

דער שוואך־באלויכטענער צעמענטירטער קעלער, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דעם מאסיוון פינפשטאָקיקן מויער, איז איבערגעפולט געווען מיט פרויען, קינדער און אלטע לײַט. זעצן זיך איז ניט געווען ווּו. א גאנצע נאכט איז ליִע געשטאנען צוגעטוליעט צו מיר, און מיר האָבן זיך צוגעהערט צו די אָפּטע שווערע אופרײַסן, וואָס האָבן זיך דערטראָגן אהער. ס'האָט זיך געדוכט, אז אָט באלד וועט טרעפן א באָמבע אין דעם מויער און ער וועט זיך אומוואלגערן מיט אלע זײַנע פינף שטאָקן און פארשיטן אונדז.

פארטאָג ערשט איז שטיל געוואָרן. מיר זײַנען געווען זייער מיד און צעבראָכן פון דער נאכט.

— קום, — האָב איך א רוף געטאָן ליִען, און מיר זײַנען ארויס פונעם דושנעם קעלער אין קילבלעכן דרויסן. איבער דער שטאָט האָט פון אלע זײַטן זיך געקנוילט א געדיכטער שווארצער רויך. די טראָטוארן זײַנען געדיכט באדעקט געווען מיט גלאָז. ס'האָבן זיך געוואלגערט שטיקער ציגל, בלעך, שטוקאטורקע. קווער דער גאס זײַנען געלעגן אומגעוואלגערטע ביימער. דאָס שעגסטע הויז אויף לענין־גאס איז צעבאָמבירט געווען, עס זײַנען געבליבן הענגען אינדערלופטן די פילצאָליקע טרעפּ, וועלכע האָבן זיגזאגארטיק געפירט אין דער הייך צום הימל...

לֿיִע האָט געציטערט. זי האָט זיך געטולֿיעט צו מיר.

— גיי גיכער אהיים. די מאמע ווייסט דאָך ניט, וואָס מיט דיר איז, — האָב איך זי געײַלט.

נאָך אין קעלֿער האָט לֿיִע מיר דערציילט, אז אפן צווייטן טאָג פון דער מילכאָמע האָט מען דעם טאטן מאָבילֿיזירט און די מאמע איז פארבלֿיבן אליין מיט נאָך צווי קינדערלעך.

מיט איַלֿנדיק־גיכע טריט האָב איך באגלֿייט לֿיִען, איר אָנגעזאָגט, אז זי זאָלֿ מיט איריקע וואָס גיכער זיך עוואקויִרן.

— ווי קאָן איך אוועקפאָרן אָן דיר? — האָט זי געענטפערט.

— דו טראכט איצט וועגן דײַן מאמען, וועגן דײַן שוועסטערלֿ און ברודערלֿ. וועגן זיך טראכט! דו ווייסט דען ניט, וואָס די דײַטשן טוען מיט ייִדן? קאָלֿזמאן מע קאָן, עוואקויִרט זיך. לֿייגט ניט אָפּ. נאָכדעם וועט זײַן שווער. איך וועלֿ נאָך הײַנט זיך סטארען קריגן פאר אײַך טאלֿאָנען אף א שיף. קלֿײַבט גלֿײַך אָפּ די נייטיקסטע זאכן. גרייט זיך צו. דער דײַטש איז שוין לֿעבן דניעסטער.

לֿיִע איז געווען שטארק פארזאָרגט. זי האָט מיך געהערט און געשוויגן.

אפן ראָג פראָכאָראָווסקע, ווו עס האָט זיך אָנגעהויבן מאָלֿדאוואנקע, איז זי געבלֿיבן שטיין. זי האָט געוווינט ערגעץ דאָ נאָענט, נאָר ווו, אף וועלֿכער גאס און אין וואָס פאר א הויז, האָב איך ניט געוווסט. איך בין קיינמאָלֿ בא איר ניט געווען. זי האָט ניט געוואָלֿט, אז באקאנטע זאָלֿן אונדז זען דאָרט.

— וואָס זשע שטייסטו? — האָב איך געפרעגט.

— איך קאָן ניט אוועק. איך האָב מוירע, אז איך וועלֿ דיך מער ניט זען.

— איך וועלֿ דרײַ אזייגער באטאָג קומען אהער. איך וועלֿ ווארטן אף דיר אָט דאָ, — האָב איך זי פארזיכערט.

— פינקטלעך דרײַ?

— יאָ.

— זאָלֿסט נאָר ניט פארשפעטיקן.

— איך וועלֿ קומען צו דער צײַט.

— געדענק, אנאטאָלֿי! דרײַ אזייגער וועלֿ איך שוין זײַן דאָ.

— נו, גיי, גיי, — האָב איך זי אונטערגעײַלֿט.

זי האָט זיך געלֿאָזט גיין. עטלֿעכע מאָלֿ האָט זי זיך אומגעקוקט, לֿײַכט א מאך געטאָן מיט דער האנט און אין א ווײַלֿע ארום פארשוווּנדן הינטערן ראָג.

איך בין אוועק אין געגנט־אויספירקאָם. איך האָב געדארפט באלד, קאָלֿזמאן איך בין דאָ, טאָן אלֿץ, קעדיי העלֿפן לֿיִען מיט דער מישפּאָכע זיך עוואקויִרן. ביז נאָך האלֿבן טאָג בין איך ארומגעלֿאָפן פון איין אנשטאלֿט אין צווייטן און סאָפּקאָלֿסאָף געקראָגן טאלֿאָנען פאר דער גאנצער מישפּאָכע אף דער שיף „קרים“, וואָס האָט געדארפט מאָרגן אָפּגיין מיט עוואקויִרטע קיין נאָוואָראָסיִיסק.

מיט די טאלֿאָנען אין קעשענע האָב איך אוועקגעײַלֿט אפן ראָג פראָכאָראָווסקע, ווו מיר האָבן אָפּגערעדט זיך טרעפן. לֿיִע איז דאָרט נאָך ניט געווען. מיט אומגעדולֿד האָב איך געווארט, אז אָט־אָט וועט זי זיך ווײַזן פון הינטער יענעם ראָג, ווו זי איז אינדערפרי פארשוווּנדן. אלֿע ווײַלֿע האָט זיך מיר געדוכט, אז אָט גייט זי. „וואָס זאָלֿ עס באדײַטן? זי זאָלֿ פארשפעטיקן? אָדער עפשער גייט מײַן זייגער ניט ריכטיק?“ איך האָב זיך אומגעקוקט, קעדיי פרעגן בא עמעצן די צײַט, און דערזען, אז די מענטשן אפן גאס האָבן פלוצלֿינג אָנגעהויבן לֿויפן. אָן אלֿיארעם! ווידער פא־שיסטישע עראָפּלאנען. א גערוואַי פון סירענעס. א געשריי. א געוויין פון ווײַבער. פון קינדער. א שטופעניש בא די הויפן, ווו עס זײַנען געווען באהעלֿטענישן. די גאס איז באלד פוסט געבלֿיבן. קיין איין מענטש. די ערד האָט געציטערט. ס׳האָבן זיך געריסן באָמבעס. מיט א קלֿינגערײַ האָט זיך געשאָטן דאָס גלֿאָז פון די פענצטער. און איך בין אלֿץ געשטאנען אפן ראָג.

ווען דער אלֿיארעם האָט זיך פארענדיקט, האָבן אפן גאס זיך אָנגעהויבן ווײַזן מענטשן, וואָס זײַנען ארויס פון די באהעלֿטענישן. עפשער וועט זי אויך באלד קומען. איך האָב געווארט. לֿאנג. ס׳האָט שוין אָנגעהויבן ווערן טונקלֿ. לֿיִע איז ניט געקומען.

א צעבראָכענער בין איך אוועק אהיים, אין מײַן פיצינקן צימערלֿ, ווו איך האָב געלֿעבט איינער אלֿיין. „וואָס איז געשען מיט לֿיִען? פארוואָס איז זי ניט געקומען? — האָט מיך געמא־טערט דער געדאנק. — ווי געפינט מען זי איצט? ווי גיט מען איר אָפּ די טאלֿאָנען? מאָרגן גייט דאָך אָפּ די שיף...“ איך האָב זיך אויסגעגעסן דאָס הארץ און זיך ניט געקאָנט מויכלֿ זײַן, וואָס איך האָב אין אזא צײַט זיך ניט דערטראכט נעמען איר אדרעס.

לֿעבן דער טיר האָט מיך באגעגנט די שכיינע. זי האָט מיר דערלֿאנגט א פּאָוועסטקע פון וואָיענקאָמאט. עלֿף אזייגער אינדערפרי האָב איך שוין באדארפט זײַן דאָרט. צײַט איז פארבלֿיבן

ווייניק. גאנצפרי בין איך אוועק אין אדרעסן־ביוראָ זיך דערוויסן ליִעס אדרעס. אַף דעם אָרט, ווו עס האָט זיך געפונען דער דאָזיקער אנשטאַלט, האָב איך געטראָפן א בארג מיט שטיינער.

ווו האָב איך זי געקאָנט איצט זוכן?

אין עטלעכע שאָ ארום האָב איך מיט נאָך מאָביליזירטע זיך שוין געפונען אין פול אָנגעפאַקטן מיליטער־עשעלאָן, וואָס איז אײַליק אָפּגעגאַנגען פון דער פּוסט־פארבליבענער פלאַטפאָרמע.

אפן פראָנט שוין האָב איך זיך דערוווּסט, אז דער סוינע האָט פארנומען אונדזער שטאָט. און וואָס איז מיט ליִען? צי האָט זי באַוויזן זיך עוואַקוירן? ווו איז זי?

גלײַך נאָך דער מילכאָמע האָב איך זיך אומגעקערט אין דער ברעג־יאַמישער שטאָט. כ'האָב געטראָפן פיל רויִנירטע הײַזער, בערג מיט שטיינער, הענגענדיקע לייטערס, סטאַרטשענדיקע קוי־מענס, פארסארפעטע ווענט און קוואַרים פון צעשאָסענע, פון ליבעדיק־באַגראָבענע... „צי דען איז ליִע פארבליבן דאָ?" איך האָב געטריבן פון זיך אָט דעם געדאַנק, געגאַנגען איבער דער שטאָט, געווען אפן ראָג פּראָכאָראָווסקע, אַף די דערבײַיִקע גאַסן, זיך אײַנגעקוקט אין די פאר־בײַגייענדיקע, געזוכט, עפשער וועל איך זי באַגעגענען. נאָר עס איז אדורך א וואָך, און צוויי, און א כוידעש, און א יאָר, און א סאַך יאָרן... און איך האָב ליִען ערגעץ ניט באַגעגנט. בא וועמען איך האָב ניט געפרעגט, האָט קיינער ניט געוווּסט וועגן איר. איך האָב פארלוירן אַלע האָפענונ־גען. און איך האָב כאַסענע געהאַט. די פרוי איז נאָך א שווערער קרענק אין צוויי יאָר ארום גע־שטאָרבן. געבליבן א מיידעלע... איצט איז זי שוין אליין א מאַמע. און ליִע?..

איך האָב געציילט די מינוטן, קעדיי וואָס גיכער זיך באַגעגענען מיט דער פרוי, וואָס איך האָב נעכטן געטראָפן אין אווטאָבוס, קעדיי זיך דערוויסן בא איר, ווו איז זי, ליִע, וואָס איז געשען מיט איר.

3

צום אווטאָבוס־אָפּשטעל, ווו מיר האָבן אָפּגערעדט זיך טרעפן, בין איך געקומען פאר דער באַשטימטער צײַט. דער אָוונט איז געווען א ווארעמער, א שטילער. די לופט איז געדיכט אָנגעע־פילט געווען מיטן גערוך פון וועלקנדיקע בלעטער, וואָס זײַנען געפאַלן פון די ביימער אפן טראָ־טואר. עלטערע און יונגוואַרג האָבן שפּאַצירט, הויך גערעדט, זיך געוויצלט. געלאַכט. נאָר איך איינער בין געשטאַנען א פארזאָרגטער. „צי וועט זי קומען?" דער זייגער איז שוין געווען אכט. מיטאַמאָל האָב איך זי דערזען. א הויכע, א שלאַנקע, עלעגאַנט אָנגעטאָן אין א בלאָון קאָסטיום, איז זי מיט גיכע טריט געגאַנגען גלײַך צו מיר.

— א גוטן אָוונט... אָקסאַנא יוכימאָוונא, — האָט זי זיך פאָרגעשטעלט, אויסשטרעקנדיק די האַנט, — איך האָב ניט פארשפּעטיקט?

מיר האָבן פּאַמעלעך זיך געלאָזט גיין און זיך צוזונפגעמישט מיט דעם ראַשיקן אוילעם, וואָס האָט פארפולט דעם ברייטן העל־באַלויכטענעם טראָטואר. ליבן ראָג האָבן מיר זיך אַף א רעגע פארהאַלטן און זיך פארנומען אַף א זײַטיקער שטילער גאַס.

— וואָס איז געשען מיט ליִען? — האָב איך ענדלעך זיך אָנגערופן. — ווו איז זי איצט? זי לעבט?

— איר ווילט, איך זאָל אײַך דערציילן אַלץ? — האָט די פרוי אופמערקזאַם א קוק געטאָן אַף מיר.

— יאָ. אַלץ... פארשטייט זיך. אַלץ, וואָס איר ווייסט וועגן איר.

זי האָט עטוואָס אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און ווידער זיך געלאָזט גיין. איך האָב געפילט, אז איר איז שווער צו ריידן.

— די ערשטע גרויסע באָמבארדירונג געדענקט איר? — האָב איך זיך אָנגערופן, קעדיי פארלײַכטערן איר. — דעמלט האָב איך דאָס לעצטע מאָל זיך געזען מיט ליִען. מיר זײַנען געווען א גאַנצע נאַכט אין באַהעלטעניש. אינדערפרי האָב איך זי באַגלייט. מיר האָבן אָפּגערעדט זיך טרעפן דרײַ אזייגער אפן ראָג פּראָכאָראָווסקע. איך בין געווען דאָרט. געוואַרט. נאָר זי איז ניט געקומען.

— איך ווייס, — האָט די פרוי פארזאָרגט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, — ווען זי האָט זיך אומגעקערט נאָך יענער נאַכט אהיים, האָט זי געטראָפן די מאַמע ליגן אין בעט מיט א האַרץ־שלאָג. זי האָט ליִען אַף קיין רעגע ניט אָפּגעלאָזט פון זיך. דאָך איז ליִע ארויס, נאָר ס'האָט זיך אָנגע־הויבן אַן אַליאַרעם. מיליציע האָט געטריבן דעם אוילעם פון גאַס אין די הויפן, אין די קעלערס, אין די באַהעלטענישן. ליִע האָט ניט געפאָלגט און זיך געלאָזט לויפן. מע האָט זי פארנומען אין מיליציע. אָט ווי עס האָט זיך באַקומען...

— און װײַטער?.. — האָב איך מיט אומגעדולד געפֿרעגט.

— װען מע האָט זי אָפּגעלאָזט, איז זי אַװעקגעלאָפֿן אַהין, װוּ איר האָט אָפּגערעדט זיך טרעפֿן. נאָר איר זײַט דאָרט ניט געװען. איך האָב זי דעמלט באַגעגנט, קוים עטװאָס באַרויִקט און אָפּגעפֿירט אַהיים. פֿון דעמלט אָן האָט זי יעדן טאָג דרײַ אַזייגער געװאַרט אױף אײַך אױפֿן ראָג, אין אָװנט איז זי געגאַנגען צום פּאָטיאָמקין־לייטער, עפּשער װעט זי אײַך טרעפֿן. פֿון טאָג צו טאָג איז די לאַגע אין שטאָט געװאָרן ערגער. ס'האָבן אָן אופֿהער זיך געריסן סנאַריאַדן און באָמבעס. די פֿאַשיסטישע אַרמיי האָט אָפּגעשניטן אַלע יאַבאַשע־װעגן. איין װעג איז נאָר געבליבן — מיטן יאַם. זעצן זיך אױף אַ שיף איז געװען ניט לײַכט. נאָר דאָך האָט מען געקאָנט זיך דערשלאָגן. איך האָב זיך געבעטן בײַ איר, אַז מיר זאָלן זיך צוזאַמען עװאַקויִרן. נאָר זי האָט זיך ניט געקאָנט באַשליסן. זי האָט אַלץ געהאָפֿט, אַז איר װעט קומען. און זי האָט געװאַרט. מיט אַ טאָג פֿריִער, אײדער אונדזער אַרמיי האָט פֿאַרלאָזט די שטאָט, האָב איך מיט מײַן שװעסטער באַװיזן זיך עװאַקויִרן. ליִע און די מאַמע אירע מיט די קינדערלעך זײַנען אױך געװען אין האַפֿן. אין דער שרעקלעכער שטופּעניש האָט איר מאַמען אָנגעכאַפּט דאָס האַרץ, און זיי האָבן ניט באַװיזן אַרױפֿגיין אױף דער שיף. אױף מאָרגן זײַנען די פֿאַשיסטן אַרײַן אין שטאָט... — די פֿרוי האָט שװער איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און אין אַ װײַלע אַרום פֿאָרגעזעצט: — ליִען, די מאַמע און די קינדערלעך האָט מען אַרױסגעטריבן פֿון זייער דירע אַזױ װי זיי זײַנען געשטאַנען. אָן זאַכן, אָן עסנװאַרג, אָן אַ גראָשן געלט, פֿאַרטריבן אין געטאָ. אַ פּאָלקאָװניק פֿון דער סיגוראַנצע, שױן אַ מיטליאָריקער, אַ פֿליכװאַטער רומענער האָט דערזען ליִען און מיט גװאַלד זי אָפּגעפֿירט אױף זײַן קװאַרטיר, װאָס ער האָט פֿאַרנומען אײנער אַלײן אױפֿן דריטן שטאָק אין סאַמע צענטער. זי האָט אױף אַ לײַלעך זיך אױפֿגעהאַנגען. דער אַדיוטאַנט האָט זי באַװיזן ראַטעװען. פֿון דעמלט אָן פֿלעגט דער פּאָלקאָװניק זי האַלטן פֿאַרשפּאַרט אין אַ פּוסטן צימער. װען ער איז ניט געװען, האָט זי אַרױסגענומען אַ שױב פֿון פֿענצטער, זיך אָנגעכאַפּט אָן דער רינװע און, שיִער ניט אױף דערהאַרגעט צו װערן, זיך אַראָפּגעלאָזט פֿון דריטן שטאָק אױפֿן טראָטואַר. אַ פּאָליצײַ האָט זי פֿאַרהאַלטן און אָפּגעפֿירט אין געטאָ. די מאַמע און דאָס שװעסטערל מיטן ברודערל האָט זי שױן דאָרט ניט געטראָפֿן. מיט אַ נאַכט פֿריִער האָט מען זיי צוזאַמען מיט נאָך פֿיל מענטשן פֿאַרטריבן אין די דערבײַיִקע ליידיקע קאַזאַרמעס און לעבעדיקערהייט פֿאַרברענט. ליִע איז אומגעפֿאַלן אין אָנמאַכט. װען מע האָט זי אָטכײַעט און אױפֿגעהױבן פֿון דער ערד, האָט זי דערזען לעבן זיך דעם פּאָלקאָװניק. ער איז װידער געקומען נאָך איר.

ס'האָט מיר פֿאַרכאַפּט דער אָטעם, נאָר איך האָב זיך געסטאַרעט עס ניט אַרױסװײַזן.

— איר װילט װיסן, װאָס איז געשען נאָכדעם? — האָט די פֿרוי ביטערלעך אַ פֿרעג געטאָן. — נאָכדעם האָט מען זי געזען פֿאָרן מיט אים אין אַ קאַרעטע. ס'איז געװען בײַס עפּעס זייערן אַ יאָמטעװ. אױף די גאַסן זײַנען געהאַנגען פֿלאַגן מיט פֿאַשיסטישע סװאַסטיקעס. און זי איז געזעסן לעבן אים אין קאַרעטע.

— עס קאָן ניט זײַן! איך גלייב ניט! — האָב איך אױסגערופֿן. — פֿונװאַנען װייסט איר עס?

— איך האָב אױך ניט געװאָלט גלייבן, נאָר שכײנים האָבן געזען. און אױסער דעם... נאָר װעגן דעם שפּעטער. איר האָט דאָך געבעטן, איך זאָל אײַך דערציילן אַלץ, אַלץ, װאָס איך װייס. נאָך דער מילכאָמע האָט זיך אומגעקערט איר טאַטע. אָן אַ פֿוס. אין זייער דירע האָט ער געטראָפֿן פֿרעמדע מענטשן. פֿון שכײנים זיך דערװוּסט, װאָס ס'איז געשען מיט דער פֿרוי און די קלענערע קינדערלעך. און װעגן איר, װעגן ליִען, האָט ער זיך אױך דערװוּסט. מע האָט אים אונטערגעװאָרפֿן אַ פֿאָטאָגראַפֿיע, װוּ ליִע זיצט מיטן פּאָלקאָװניק פֿון סיגוראַנצע אין קאַרעטע. ער האָט צעריסן די פֿאָטאָגראַפֿיע, פֿאַרברענט זי און צעטאָפּטשעט דאָס אַש. אינגיכן איז ער געשטאָרבן.

— און װאָס איז געװאָרן מיט ליִען? — האָב איך זי איבערגעשלאָגן.

— איך האָב זיך נאָכגעפֿרעגט, נאָר קיינער האָט גאָרנישט ניט געװוּסט, — האָט די פֿרוי געענטפֿערט. — אַזױ זײַנען אַװעק העכער צװאַנציק יאָר. און אָט... אין יול כוידעש בין איך געװען אױף גאַסטראָלן אין איטאַליע, אַרױסגעטראָטן אין רוים, אין מילאַן, אין נאָך עטלעכע שטעט. די לעצטע גאַסטראָלן זײַנען געװען אין טורין. אײנדערפֿרי פֿאַרן אָפּפֿאָרן האָט זיך מיר פֿאַרװאָלט שפּאַצירן אַ ביסל איבער דער שטאָט. דער לופֿט־לײַנער, מיט װעלכן איך האָב געדאַרפֿט זיך אומקערן אַהיים, איז אָפּגעגאַנגען אין דרײַ שאָ אַרום. איך האָב נאָך געהאַט גענוג צײַט. שפּאַצירנדיק איבער די צענטראַלע גאַסן, האָב איך דערפֿילט אַן עלנטקײַט. אַלץ איז מיר געװען מאָדנע פֿרעמד — די שרײַענדיקע רעקלאַמעס, דער אומפֿאַרשטענדלעכער טומל און ראַש. אױף אײנעם אַ ראָג האָב איך לעבן דער אַפּישע מיט מײַן פּאָטאָ, װוּ עס איז געװען געמאָלדן װעגן מײַן קאָנצערט, דערזען אַ גראָװע דאַרע פֿרוי מיט אַ לאַנגן בעזעם אין די הענט. זי האָט, קאָנטיק, ערשט געהאַט פֿאַרענדיקט אונטערקערן דעם טראָטואַר. איר גאַנצע אױפֿמערקזאַמקײַט איז געװען געװענדט אױף דער אַפּישע. דאָס האָט מיך פֿאַרינטערעסירט. איך בין צוגעגאַנגען נעענטער און געבליבן דערשטױנט.

— ליִע!.. — האָב איך ניט מיט מײַן קאָל אויסגערופֿן.

זי האָט דערשראָקן זיך אומגעקוקט, מיך באַלד דערקענט, אַרויסגעלאָזט דעם לאַנגן בעזעם פֿון די הענט און זיך צעוויינט. איך האָב זי אַרומגענומען, אַוועק מיט איר אין דעם דערבײַיִקן סעדל, אַוועקגעזעצט זי דאָרט אויף אַ באַנק און קוים באַרויִקט.

דעמלט האָב איך זיך דערוווּסט, וואָס איז געשען מיט איר. דער פֿאָלקאָוויק פֿון דער סיגוראַנצע האָט זי אַוועקגעפֿירט מיט זיך. געבראַכט אַהער. דאָ האָט זי געפּרוּווט אים אָפּסאַמען. מע האָט זי געמישפּעט. זי איז געזעסן אין טפּיסע. ערשט ניט לאַנג האָט מען זי אַרויסגעלאָזט. זי האָט זיך קוים אײַנגעבעטן, מע זאָל זי נעמען פֿאַר אַ באַהעלפֿערן בײַ אַ הויף־אופֿראַמערן. געקראָגן אַ בעטל אין אַ קעלער־ווינקל...

— און בײַ אײַך האָט זי עפּעס געפֿרעגט?

— יאָ... — האָט די פֿרוי זייער שטיל געענטפֿערט. — „וועגן אים. וועגן אים האָסטו גאָרנישט ניט געהערט?“ — האָט זי אַ פֿרעג געטאָן בײַ מיר.

איך האָב ניט פֿאַרשטאַנען, וועגן וועמען זי רעדט.

— „געדענקסט, — האָט זי מיר דערקלערט, — דו האָסט מיט עטלעכע טעג, איידער די פֿאַשיסטן זײַנען אַרײַן אין שטאָט, אַרויסגעגאַנוועט פֿון אַ וויטרינע זײַן פֿאָטאָגראַפֿיע פֿאַר מיר. עפּשער ווייסטו עפּעס?“ איך האָב געענטפֿערט, אַז איך ווייס ניט. איך האָב דעמלט דאָך טאַקע ניט געוווּסט. „דערצייל כאָטש, ווי זעט איצט אויס אונדזער שטאָט, — האָט זי אין אַ ווײַלע אַרום אַרויסגעשעפּטשעט, — ווי פֿריִער אָדער נאָך שענער אַוואַדע? און דער יאַם? איך זע אים אָט פֿאַר זיך... און די פֿאָטיאָמקין־טרעפּ?.. אויף זעלבן אָרט? אַזוי ווי געווען? דו קומסט אַמאָל אַהין? — האָט זי מיט בענקשאַפֿט אַ פֿרעג געטאָן. — אַז דו וועסט זיך אומקערן, גיי זיך דורך אַהין. שטיי דאָרט כאָטש אַ ווײַלע. אָנשטאָט מיר. דאָרט... און אויף ראָג פֿון פּראָכאָראָווסקע...“

אָקסאַנאַ יוכימאָוונאַ איז אַנשוויגן געוואָרן. מיר זײַנען אָפּגעגאַנגען נאָך עטלעכע טריט, און מיטאַמאָל איז זי געבליבן שטיין.

— איר זעט, — האָט זי אָנגעוויזן אויף אַן אַלט צווייִשטאָקיק הויז, — אָט דאָ האָט געוווינט ליִע. אויפֿן ערשטן שטאָק. דאָס דריטע פֿענצטער פֿון רעכטס. דאָס איז געווען איר צימערל.

פֿון אָט דעם פֿענצטער האָט אַרויסגעשלאָגן אַ העלע פֿרייִלעכע שײַן. ניט אויסריידנדיק מער קיין וואָרט, האָבן מיר זיך געלאָזט גיין.

אויפֿן ראָג פֿון פּראָכאָראָווסקע זײַנען מיר נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען און זיך צעשיידט.

ריבונע פון לעבן

אַרן ווערגעליס

אין בעפּל

(רייַזע־נאָטיצן)

בירמינגהעם. מאַנטשעסטער. עדינבורג

ווען איך זאָל איצט נעמען גענוי באַשרייַבן מייַן רייַזע איבער די שטעט פון גרויסבריטאַניע, וואָלטן די נאָטיצן מייַנע זיך שטאַרק צעוואַקסן. קעדיי אָבער איבערלאָזן כאָטש אַ זייכער פון אָט דער רייַזע, וועל איך ברענגען אייניקע שטעלן פונעם טאָגבוך, וועלכן איך האָב געפירט אין וועג.

...פון לאָנדאָן פאָר איך אַרויס מיט דער באַן. מייַן איבערזעצערן וויוויען אַרנאָלדאָווגא פּיקסנער איז אַ סטודענטקע פונעם לעצטן קורס פון סלאַווישן פאַקולטעט אין לאָנדאָנער אוניווערסיטעט.

איך פרעג זי, וויאַזוי זעצט מען איבער אין רוסיש דעם אויפשריפט אויף דער סטאַנציע־געבייַדע, וואָס האָט זיך באַוויזן אין פענצטער פון וואַגאָן. זי הייבט אָן שאַרן מיט די הענט אין רענצל, געפינט דאָרט אַן ענגליש־רוסיש ווערטערבוך, זוכט אויף דעם טייַטש פון יעדער וואָרט באַזונדער און פאַרשרייַבט די צונויפגעשטעלטע פראַזע אויף אַ זייַטעלע פונעם נאָטיץ־ביכל. איבערוקנדיק אויף אַ גאַנץ דעליקאַטן אויפן דעם טראָפּ פון איין זילב אויפן צווייטן, שרייַט זי אויס מיט פרייד אויף רוסיש:

— יאַ נאַפּיסאַלאַ!

דאָס וויל זי, איך זאָל דורכלייענען אין איר נאָטיץ־ביכל דעם טייַטש פונעם אויפשריפט אויף דער סטאַנציע. ווען איך קלייַב זיך שוין עס צו טאָן, שווינדלט דורך אין פענצטער אַ נייַע סטאַנציע, און איך האָב שוין ווידער וואָס צו פרעגן בײַ וויוויען אַרנאָלדאָווגא פּיקסנער. און ווייַל זי האָט דאָס ווערטערבוך צוריק אַרייַנגעלייגט אין רענצל, הייבט זי אָן פונסנייַ שאַרן מיט די הענט, און די אויבנבאַשריבענע פּראָצעדור כאַזערט זיך איבער באַנייַס, ביזוואַנען אין פענצטער פון וואַגאָן באַווייַזט זיך אַ דריטע סטאַנציע...

די וואַגאָנעס אין ענגלאַנד: דרייַ זיץ־ערטער די ברייט פּליוס אַ שמאָל קאָרידאָר. ס'איז ווי בײַ אונדז דער בייַשטאָטישער צוג לעם כאַרקאָוו, טביליסי, סווערדלאָווסק. קיין גרויסע שטרעקעס זייַנען אין גרויסבריטאַניע ניטאָ. פון לאָנדאָן קיין בירמינגהעם — צוויי שאָ פאָרן. פון בירמינגהעם קיין מאַנטשעסטער — נאָכאַמאָל צוויי שאָ. ווייַטער ביז עדינבורג — „גאַנצע" פיר שאָ. און נאָך פאָרן לענגויס דעם אינדזל איז שוין ניטאָ וווהין, סיידן אַרייַן מיט די רעדער אין צאָפּנדיקן יאַם. אין די וואַגאָנעס זייַנען ניטאָ קיין קופּעס, וואָס פאַרהאַקן זיך אויף באַנאַכט, ניטאָ קיין קאָנדוקטאָרן, וועלכע זידן אויף פאַר די פּאַסאַזשירן טיי און פּאַכען אויף די סטאַנציעס מיט די פענדלעך; מע גיט ניט אַרויס קיין געלעגערס. ניטאָ קיין „ווייכע" וואַגאָנעס און קיין „האַרטע" וואַגאָנעס. אַלע וואַגאָנעס זייַנען האַרט: מע זיצט אויף די פּאָר שאָ און מע שווייַגט, פאַרשטייט זיך. ענגלענדער ריידן ניט איינער מיטן אַנדערן גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַרייַן.

דאַרף אָבער טרעפן... מיט מיר טרעפט דאָ אַלעמאָל דער קאַפּריר... איך ווייס ניט, וויאַזוי וועט זייַן ווייַטער, — דאָס פאַרפאָלק מיטן קינד, אונדזערע שכיינים, וועלן באַלד, אויף עפּעס אַ קליינער סטאַנציע, אונדז פאַרלאָזן, — אַבער איצט לאָזן זיי מיך ניט שרייַבן, מע רעדט, און מע רעדט, און מע רעדט. דאָס מיידעלע האַלט אין איין אָנפרעגן זיך, צי אין מאָסקווע זייַנען דאָ מענטשן בוטערבראָדן.

— וואָס הייסט בוטערבראָדן מענטשן?

די מאַמע לאַכט, זי לאַכט אַזוי ניט געצוימט, פּונקט ווי זי וואָלט געווען, ראַכמאָנע־ליצלאָן, אַ ייִדענע פון די בערדיטשעווער פּיסקעס:

— אַ בוטערבראָד הייסט, ווען דער אַלטיטשקער אָרעמער מאַן לאָזט פאַר אַ פונט סטערלינג אָנקלעפּן אויף זיך וואָסער רעקלאַמע דו ווילסט... ער גייט אַרום איבער די גאַסן, דער מענטש בוטערבראָד... כאַ־כאַ!

האָב איך מיט איר, מיט דער מאַמען, געטראָפן, און ס'ווערט מיר שוין אינגאַנצן גוט, ווען זי הייבט מיר אָן מיט אַלע פּישטשעווקעס באַווייַזן („אַך, סאַרא פּראָווינציאַלן איר זייַט דאָרט בײַ די סאָוועטן!"), וואָס אַזוינס עס איז אַ באָד־קאָסטיום פאַר פרויען — „טאָפּלעס".

— אַ באָד־קאָסטיום אָן דעם אייבערשטן טייל! — כיכיקעט זי. — מייַק! בײַ די סאָוועטן האָבן די שרעקלאָזע מאַנצבלען מוירע פאַר „טאָפּלעס"... כאַ־כאַ!

מייַק — איז דער מאַן און דער טאַטע. ער איז אַן אַלצווייסער. אַ צעשטרייטער פון גרויס אָנגעלייענטקייַט. האָט ליב, אַז אַלע זאָלן וויסן, וואָס ער לייענט. פאַר דעם פערטל שאָ, וואָס מיר פאָרן צוזאַמען, האָט ער מיר שוין איבערגעזעצט אויף פּויליש (ער האַלט, אַז פּויליש איז דאָס זעלבע, וואָס רוסיש) קימאַט די גאַנצע רעדע, וואָס עס האָט געהאַלטן אין בלעקפּול דער לידער פון די קאָנסערוואַטאָרן אין פּאַרלאַמענט היט.

סאָף. זע אָנהייב אין נומ. 6 און 7.

איך בעט מײַן איבערזעצערן וויוויען ארנאַלדאָוונא פיקסנער, זי זאָל מיר איבערזעצן פון פויליש דאָס, וואָס עס זאָגט מיסטער מײַק. הייבט זי אָן צו שארן אין רענצל, געפינט דאָרט א ווערטערבוך, און עס געדויערט ניט מער פון א מינוט צען, ווי זי דערלאַנגט מיר דאָס נאָטיץ־ביכל און שרײַט אויס א טריִומפירנדיקע: „יא נאפיסאלא!"

ווײַזט זיך ארויס, אז מיסטער מײַק האָט ציטירט א טשיקאווע שטעל פון דער רעדע, וואָס עס האָט געהאלטן מיסטער היט. דער לידער פון דער אָפּאָזיציע האָט געזאָגט, אז ווען דער לידער פון דער רעגירונגס־פארטיי ווילסאַן זאָל איצט ארויסטרעטן אין אן ענגן קרײַז, וואָלט ער געקאָנט ריידן אזעלכע רייד: „ס'איז טאקע ריכטיק, אז בײַס די לעצטע וואלן האָבן מיר געגעבן אין צוויי מאָל ווייניקער צוזאָגן, איידער בײַס די וואלן פון 1964; דערפאר אַבער האָבן מיר איצט געפאטערט אין דרײַ מאָל ווייניקער צײַט די צוזאָגן צו פארגעסן..."

אין פענצטער באווײַזט זיך א סטאנציע. דאָס פאַרפאָלק מיטן מיידעלע קלײַבט זיך ארויסגיין. מיסטער מײַק פארלירט אין אײַלעניש א פעקל, און — צי עס דאכט זיך מיר, צי אזוי איז עס טאקע געווען, נאָר אין מײַנע אויערן האָט אָפּגעקלונגען דער פרויס אומצופרידענע שטים:

— עך, מײַק, מײַק! מוישע...

אף דער באנק, וווּ ס'איז ערשט געזעסן דאָס געזינדל, האָט זיך שוין צוגעשפארט א פארשוין: הויט און ביינער, מיט א באנטיק באם קראגן און מיט א האלדז־קנאָפּ פונקט אריבער דעם באנטיק. ער האָט פארלייגט א פוס אף א פוס, די פינגער פוןביידע הענט שטײַף איבערגעפלאַכטן און אוועקגעלייגט אף די קני, די אויגן אָנגעצילט צו דער באגאזש־פאָליצע, עטוואָס העכער פון וויוויען ארנאַלדאָוונעס לינקן אויער.

ער שווײַגט, ווי א פיש אין וואסער, אָדער, אנדערש גערעדט, ווי א הונדערטפראָצענטיקער ענגלענדער.

אויב מאכן א בײַט:

אָנשטאָט אָט די ברוינלעך־פארייכערטע אלטע וואגאַנעס אָן טאמבורן אוועקשטעלן אף די רעלסן שווערלײַביקע גרינע דאטשנע וואגאָנעס פון דער מאָסקווער בײַשטאָטישער באן און פאזע דעם וועג אויסשפרייטן וועלדער דאָרט, וווּ עס ציִען זיך ניט קיין גרויסע לויטן שעטעך פליינען מיט איינזאמע ביימער; אין די שטעטלעך, וואָס קייטלען זיך איינס צו דעם אנדערן, אָנהייבנדיק פון לאָנדאָן און ביז צו בירמינגהעם, פארבײַטן די אלציינע הויכע ציגלנע הײַזער — שטרענג טיפיזירטע פאר יעדער גאס — מיט איינשטאָקיקע פריילעכע, באקלעפטע מיט גרינס „דאטשעס", וועלכע זײַנען עטוואָס אָפּגערוקט פון דער אײַזנבאן און ארומגעצוימט מיט פילפארביקע פלויטן, —

אויב מאכן אזא בײַט,

וואָלט מען געקאָנט מיינען, אז מע פאָרט פון מאָסקווע קיין סערפוכאָוו.

דער „אימפעריאל־האָטעל" אין בירמינגהעם — א פרעכטיק הויז, מיט א גוטער קיך, מיט באקוועמע צימערן. דער אדמיניסטראטאָר — א ייִד, א סימפאטיקער פון סאָוועטנפארבאנד, ער קאָן זיך ניט אָנדערציילן וועגן די גרויסע מײַלעס פון זײַן שטאָט. „אין בירמינגהעם, — זאָגט ער, — ארבעט מען אויס אלץ, וואָס דאָס הארץ גלוסט, אָנהייבנדיק פון א שפילקע און ביז א שיף־אנקער".

שטעל איך טאקע מיט גרויס אײַלעניש אוועק אין האָטעל־נומער דעם טשעמאָדאן און לויף גלײַך ארויס אין גאס, דערפילנדיק זיך דאָ עפעס מאָדנע שנעל פאראנקערט און גרייט צו דערגרונטעווען זיך צו דער שפילקע, פון וועלכער עס הייבט זיך אָן בירמינגהעמס באלמעלאָכישער רום.

קיין בירמינגהעם האָט מען מיך אײַנגעלאדן אף א סטודענטישער ליאמע. ניט אלס גלאדיִאטאָר אף דער ארענע פון פאָליטישע געפעכטן, נאָר, פאָשעט גערעדט, ווי א גאסט — אזא, וואָס האָט ליב פארברענגען אן אָוונט אין א פריילעכער קאָמפאניע.

אלזאָ, אויס צײַטונגס־לײַט, אויס ראבאָנישע קאָמיטעטן, אויס סאָלידע פאָליטיקער. זאָל לעבן די סטודענטישע ליאמע אין דער שטאָט פון טשארטיסטן און אינדוסטריעלע רעוואָליוציעס.

אף דורכפירן די ליאמע מיטן מאָסקווער גאסט האַט מען אויסגעוויילט א קאָמיטעט. מיט אים טאקע באגעגן איך זיך צום אלעמערשטן אין איינעם פון די אוניווערסיטעט־לאָקאלן בא א סטודענטישן אָוונטברויט. דער פאַרזיצער פון קאָמיטעט — וולאדימיר איסאקאָוויטש פושקין... יאָ, יאָ, פושקין! און שטעלט אײַך פאָר: מיט עפעס ענלעך אף אלעקסאנדער סערגייעוויטשן. געקרײַזלטע האָר, גראָבלעכע ליפן. „דער זיידע מיט דער באָבען מײַנע זײַנען מינסקער ייִדן. דער טאטע מיט דער מאמען — געבוירן אין ענגלאנד. מע האָט דערפאר טאקע מיך ניט אָנגערופן אלעקסאנדער, ווײַל דעמלט וואָלט איך שוין אויסגעזען ניט אנדערש — פושקינס א גילגל"...

די פאטראָנעסע פון דער ליאמע — די באיאָרטע רוסישע גרעפן קוטאיִסקאיא יעווגעניִא אלעקסאנדראָוונא, די טאַכטער פון א צארישן גובערנאטאָר, — איז די איינציקע, וואָס רעדט דאָ מיט מיר וועגן דעם טומל ארום דער אזוי־גערופענער ייִדן־פראגע. ווען מיר לאָזן זיך גיין אין זאל ארײַן צו די סטודענטן, נעמט זי מיך אונטערן אָרעם און זאָגט מיט א ווייכער שטים:

— דאָ, אפן סלאווישן פאקולטעט, זײַנען פאראן ייִדישע יונגעלײַט, וועלכע שטאמען פון די אמאָליקע עמיגראנטן. זיי ווייסן, נאטירלעך, אז איר זײַט ניט גלאט א גאסט פון מאָסקווע, נאָר א סאָוועטישער ייִדישער פאָעט. אין אײַער אָנוועזנהײַט וועלן זיי, פונקט ווי וואָלאָדיע פושקין, עס ניט ארויסווײַזן. איך קען זיי גוט. כ'האָב מײַן גאנץ לעבן געווידמעט דעם אוניווערסיטעט... די לעצטע פאָר טעג האָט זיך צעוויקלט א פאָלעמיק ארום אײַער קומען. דאָס ענגלישע גלײַכווערטל זאָגט: „פליגן איז לײַכטער צו כאפן אף צוקער, איידער אף עסיק"... אף דעם צוקערל פון דער הײַנטיקער באגעגעניש האָבן זיך געפרוווט אוועקזעצן איניקע „פליגן" פון צווישן די סטודענטן. נאָר אַט וועט איר באלד זען, מיט וואָס עס האָט זיך געענדיקט...

דער זאל איז פול געפאקט. פאראן א „פרעזידענטקע פון דער ליאמע", די יונגיטשקע, שפילעוודיקע ראַזאלינע איטאָן. ווען ניט דאָס מיני־קליידל, וואָלט מען זי געקאָנט אָנעמען פאר א פיִאָנער־וואָזשאטע אין א מאָסקווער שול.

באלד הייבט אָן זינגען דער רוסישער כאָר — א צען — פופצן באבערדלטע ייִנגלעך און קורץ־געשוירענע מיידלעך. מע זינגט „פאָדמאָסקאָווניִע וועטשערא", „קאטיושא". די גרעפן קוטאיִסקאיא ווײַזט מיר אָן אף איינער א פרוי, וואָס זיצט צווישן די פראָפעסאָרן און לערער: „די אלמאַנע פונעם פארשטאָרבענעם פראָפעסאָר בײַקאָוו... א מאַדנע זאך: אזעלכע, ווי זי, ייִדישע לויטן אָפשטאם, טראָגן מיט זיך אָפט מער עמיגראנטישע בענקשאפט, איידער אפילע

מיר, רוסישע עמיגראַנטן... אָט וועט איר זען: זי וועט באַלד מיט גרויס האַרץ פּאַרלייענען בלאָקן...״

טאַקע אַן עמעס. ביי̆קאָווא לייענט די פּאָעמע „צוועלף״:

Черный вечер.
Белый снег.
Ветер, ветер!
На ногах не стоит человек. . . .

פון איר שטיל קאָל וויעט מיט גרויל פאַרן שטורעם פון די ניט־פאַרשטענדלעכע געשעענישן און מיט אַן אונטערבאַוווּסטזיניקן אָפּשיי צו זיי. איך מאַך צו די אויגן, און עס דוכט זיך מיר אויס, אַז איך זיץ אין אַ סאַלאָן פון די אָנהייב צוואַנציקער יאָרן, אין פּעטראָגראַד, צווישן „געוועזענע״, וועלכע זײַנען פון לאַנד ניט אַוועק, אָבער אין אינטימען לעבן זײַנען זיי פאַרבליבן מיט דער פאַרגאַנגענהייט. און ס׳איז ניטאָ קיין ווידערשפּרוך צווישן דעם, וואָס מיר האָט זיך אין אָט דער מינוט אויסגעוויזן, און דער פאַקטישער זאַכלאַגע, נעמלעך, — אַז די מערהייט, מיסטאמע, פון אָט די רוסישע עמיגראַנטן — די הײַנטיקע פּראָפעסאָרן און לערער פונעם בירמינגהעמער אוניווערסיטעט, — האַגאַם זיי זײַנען פון זייער רעוואָליוציאָנערן לאַנד אַוועק, האָבן זיי איצט אין אינטימען לעבן, אין די געפילן, אין די סימפּאַטיעס, אין די בענקשאַפטן זיך אַ קערעווע געטאָן צו דער אַלטער היים, דה. צו דער צוקונפט.

ווען בײַקאָווא ענדיקט דעקלאַמירן, איז אַן איבעררײַס אין דער פּראָגראַם, און מיר שמועסן זיך דורך. איין געדאַנק בײַקאָוועס, צווישן אַנדערס, איז ווערט צו פאַרצייכנט ווערן. זי רעדט וועגן אַסימיליאַציע:

— בײַ אונדזערע ענגלישע ייִדן זײַנען די סאַמע פאַרביסענע אַסימיליאַטאָרן — די אייגענע נאַציאָנאַלע אָנפירער. אַסימילירן זיך אין אַן אַנדער שפּראַך, קולטור, סוויווע איז ניט אַזוי געפערלעך, ווי אַסימילירן זיך אין אַ פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט...

מיר צעגייען זיך פון דער ליאַמע באַנאַכט. בירמינגהעם שלאָפט. עס מאַראַקעט אַ רעגן.

— דאָ סווידאַניאַ, — זאָגט מיר די פּרעזידענטקע ראָזאַלינע איטאָן, — ווען אַ גאַסט פון סאָוועטנפאַרבאַנד קומט צו אונדז אויפן פאַקולטעט, איז פּונקט, ווי ער וואָלט געבראַכט אַ טרונק וואַסער פון דער וואָלגע.

איך געזעגן זיך מיט דער גרעפין קוטאַיִסקאַיאַ. אירע אַש־טונקעלע אויגן אויפן ענגלעכן מאָגערן פּנים שײַנען מיט צופרידנקייט. ווײַזט אויס, אַז זי האָט אַ כיילעק אין דעם, וואָס „אויפן צוקערל פון דער הײַנטיקער באַגעגעניש״ האָבן זיך ניט אַוועקגעזעצט איי̆ניקע „פליגן״ פון צווישן די סטודענטן...

און אָט איז דער אַלטער־אַלטער מאַנטשעסטער. דאָ קאָן מען מער, ווי אין אַנדערע ענגלישע שטעט, זען, ווי עס ווערט אַראָפּגעטראָגן דער 18־טער און 19־טער יאָרהונדערטן און עס פאַרבײַט זיי דער גלאָז־בעטאָנענער, דער הויכוווּקסיקער, פילעטאַזשיקער, ווינקלפאָרמיקער 20־טער יאָרהונדערט.

אַלט איז דאָ דער וואָקזאַל. הינטער זײַנע גרוי־טונקעלע גלעזערנע דעכלעך איז ווי פאַרקאָנדענסירט די צײַט פונעם פאָטער פון לאָקאָמאָטיוו סטעפענסאָן. אָבער לענגאויס דער אײַזנבאַן פינקלען שוין מיט מאָדערנער נײַקייט די קאָרפּוסן פונעם אוניווערסיטעט־שטעטל. אַהין טאַקע פירט מיך אָפּ גלײַך פון דער באַן איינער פון די פּרעזידענטן פון דער אָרטיקער פרײַנטשאַפט־באַוועגונג מיטן סאָוועטנפאַרבאַנד דאָקטאָר ראַסעל.

אין טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט קוק איך אַ סטודענטישן ספּעקטאַקל „ראָבין הוד״. גלײַך נאָך דעם קומט פאָר, טאַקע דאָ אין אינסטיטוט, אַ באַגעגעניש מיט די ייִדן פון דער שטאָט.

...מערקווירדיק איז דער גורל פון אָט דעם מענטשן, וועלכן כ׳האָב באַגעגנט אין מאַנטשעסטער.

אַ יונגער מאַנצבל מיט שיינע געזיכט־שטריכן, אַ הויכוווּקסיקער, אַ צוגעלאָזענער, איז ער מיר שטאַרק צום האַרצן, און ווען ער באַגלייט מיך אין האָטעל, בעט איך אים, ער זאָל מיר דערציילן וועגן זיך.

זײַן נאָמען איז אַווראָם ווײַלער.

— מיט וואָס באַשעפטיקט איר זיך?

— איך דריי זיך אַרום גלאָז...

וויפל כ׳האָב זיך ניט געשלאָגן, האָב איך ניט געקאָנט פעסטשטעלן, צי ער האַנדלט מיט גלאָז, צי ער מאַכט גלאָז, צי ער איז גאָר אַ גלעזער. ער דרייט זיך אַרום גלאָז...

זײַן ווײַב איז זייער קראַנק. קיין גרויסע גליקן פון דעם גלאָז האָט ער ניט. דאָס לעבן איז שווער.

עפּשער האָט אים מער אָפּגעגליקט אין דער פריִער יוגנט, אין דער קינדהייט?

צו 15—16 יאָר האָט אים אין ווילנע געטראָפן די מילכאָמע. זײַן גאַנצע מישפּאָכע איז דערמאָרדעט געוואָרן. ער האָט שפּעטער איבערגעלעבט די געטאָ, אַרומגעוואַלגט איבער טויט־לאַגערן. אַלפּי־נעס ראַטעוועט ער זיך און קומט קיין לאָנדאָן. דאָ דרייט ער זיך אַרום גלאָז...

אַווראָם ווײַלער רעדט אַ פּרעכטיקן ייִדיש.

איך פרעג אים אין אַ שפּאַס:

— וואָס קלעפּט איר אַזוי צו מיר? ווייניק צאָרעס האָט איר?

— אַך, טרײַבט ניט איבער. בײַ אונדז זײַנען טאַקע די ייִדישע אַסקאָנים פאַנאַטישע אַנטיקאָמוניסטן, נאָר מע הערט זיי ווי דעם קאָטער. און אויב איר ווילט וויסן, פאַרוואָס איך קלעפּ צו אײַך, איז, ערשטנס, טוט אַף טשיקאַווע אַ זוך אין ייִדישן מאַנטשעסטער, — צי וועט איר געפינען אַ סאַך אַזעלכע, מיט וועמען מע זאָל קאָנען זיך דורכריידן אַף ניט קיין געפּאַטערטן מאַמע־לאָשן... און צווייטנס: וואָס מיינט איר, דער סאָוועטנפאַרבאַנד איז עפּעס אַזוי־אָ... אַ ווערטעלע צו זאָגן!

מיר פאָרן ווײַטער אַף צאָפן. מיר „הייבן זיך אויף״ צו שאָטלאַנד.

אין מאַנטשעסטער איז דער וועטער געווען אַ שפּעטזומערדיקער, און דאָ, אָנדערהאַלבן שאָ פאָרן פון מאַנטשעסטער, נאָכדעם, ווי ס׳האָט דורכגעשווינדלט לאַנקאַסטער, האָט מיטאַמאָל דאָס גראָז זיך גענומען באַדעקן מיט שניי־שימער, די לאַנדשאַפט, אַ בערגלדיקע, האָט זיך אײַנגעהילט אין העל־בלויע קאַלטע שאָטנס. אַף די העכערע בערגלעך, אַף זייערע שפּיצן, ווערט די ווײַסקייט אַלץ געדיכטער און געדיכטער, און מע מעג שווערן, אַז דאָרט ליגט אַ שניי. אויך דאָ, האַרט לעם די רעלסן, זעען די פעלדער שוין אויס, ווי זיי וואָלטן געווען לײַכט פאַרפּאָראָשעט מיט אַ שניי̆עלע.

נאָר אָט פאָרן מיר דורך די אַלטע שטאָט קאַרלײַל און לאָזן זיך אַראָפּ גלײַך נאָך אירע צאָפּנדיקע פאָרשטעט אין אַ טאָל, ווו די ערד איז ווידער באַדעקט מיט גרין גראָז

און ס'איז קיין סימען ניטאָ פון ווינטער. עפשער איז עס דערפאַר, וואָס ס'איז שוין נאָך עלף אינדערפרי, די זון ווארעמט שוין.

ווײַטער — ווידער בערג. שניי אַף זייערע שפּיצן, שניי־שימער אַף די פעלדער און לאָנקעס. דאָ זעט מען שוין זעלטן די טיפּישע ענגלישע אינדוסטריעלע שטעטלעך מיט סטאַנדאַרטע ציגלנע מויערן, אַלציינע קאָרפּוסן פון זאַוואָדן. דאָ איז דער פּייזאַזש א דאָרפישער. אַף די לאָנקעס, לענגויס דעם גאַנצן וועג, פּאַשען זיך אַף דעם ווײַס־באַדעקטן גראָז אַטאַרעס שאָף, מע זעט אויך סטאַדעס בעהיימעס און ניט קיין גרויסע טאַבונען פערד.

איינס אַזייגער באַטאָג. אַף א קליינער באַרגיקער סטאַנציע פירט מען אונדז אַריבער אַף אַן אַנדער ליניע. א טייל וואַגאָנעס גייט אַוועק אַף גלאַזגאָ, דער צווייטער טייל — אַף עדינבורג.

מיר טרייסלען זיך נאָך א מינוט דרײַסיק, און — זײַ געגריסט, עקזאָטישע שטאָט פון די שאָטלענדישע באַרדן, שטאָט פון מאַריאַ סטיוארט.

אהער פאַרפאָרן זעלטן מענטשן פון סאָוועטנפאַרבאַנד, סײַדן אַנטיילנעמער פון די באַרימטע עדינבורגער פעסטיוואַלן. אימפּאָנירט מיר דאָס פאַרקריכן אַזוי ווײַט, און איך בעט דעם מיסטער טאָם קעמפּבעל, דעם וויצע־פּרעזידענט פון דער געזעלשאַפט פון שאָטלענדיש־סאָוועטישער פרײַנטשאַפט, וועלכער באַגעגנט מיך בא דער באַן, אַז ער זאָל נעמען א צימער אין א נאָענטן האָטעל, קעדיי מיר זאָלן ניט פאַטערן צופיל צײַט אַף אײַנאָרדענען זיך.

לעם סאַמע וואָקזאַל גייט דורך די הויפּט־גאַס. אין „ראָיאַל בריטיש האָטעל" גיט מען אונדז א מאַפּע פון דער שטאָט, און —

איצט בין איך א טוריסט. טאַקע בלויז א טוריסט. דאָס ערשטע מאָל, זינט איך פאָר אַרום איבער פרעמדע מעקוימעס.

שוין צײַט, שוין לאַנג צײַט, בעריק...

פאַראַן א גלײַכוואָרטל: געסט זײַנען ווי רעגנס — אַז זיי דויערן צו לאַנג, ווערן זיי צו לאַסט... איך זאָג עס אַנטקעגן דעם, וואָס ענדלעך איז געקומען די צײַט זיך צו געזעגענען.

דער לעצטער פאַרנאַכט פאַר מײַן אָפּפאָרן פון ענגלאַנד האָט מיך געבראַכט אין א... בודיסטן־הויז, א מין קולטור־פּאַלאַץ פאַר אָפּשטאַמיקע פון אינדיע. די געזעלשאַפט פאַר ענגליש־סאָוועטישע קולטור־פאַרבינדונגען, וועמעס אָפיציעלער גאַסט איך בין געווען, האָט אָפּגעדונגען אין אָט דעם הויז א לאָקאַל, וואָס נעמט אַרײַן א מענטשן פינף־זעקס הונדערט, און אײַנגעאָרדנט א געזעגענונגס־אָוונט.

פרײַנטשאַפט איז פרײַנטשאַפט. אין בודיסטן־הויז האָבן זיך פאַרזאַמלט פרײַנט, און די באַגעגעניש איז געווען א פרײַנטלעכע. איך וויל אָבער דערציילן וועגן גאָר עפּעס אַנדערש. דער דורכפאַל פון די ייִדישע רעאַקציאָנערע קרייזן איז בעשאַס דעם באַזוך מײַנעם אין גרויסבריטאַניע געווען אַזאַ באַשײַמפּערלעכער, אַז זיי האָבן אין אָט דעם לעצטן פאַרנאַכט זיך אַנטשלאָסן אַף א פּראָוואָקאַציע.

א צענדליק אָדער עטוואָס מער יונגעלײַט אין יאַרמלקעס — ישיווע־באָכערים, ווײַזט אויס, — אונטער דער אָנפירונג פון אינסטרוקטאָרן, וועלכע זײַנען אַרומגעגאַנגען צווישן די בענק און אָפן אָנגעפירט מיט דער „אָפּעראַציע", האָבן זיך געפרוווט מיך ניט לאָזן ריידן: געטומלט, געקרימט זיך, געמאַכט באַליידיקנדיקע צווישנרופן. איך בין געווען געצוווּנגען צו דערמאָנען זיי, אַז מיר געפינען זיך אין א לאַנד, וווּ מע הייבט אָן יעדן עפנטלעכן שמועס מיט די העפלעכע און פאַרפליכטנדיקע ווערטער „לעדיס ענד דזשענטלמענס!.."

ס'האָט אָבער געהאַט א פועל, ווי אַרבעס אין וואַנט. אייניקע פון די כעוורעלײַט האָבן ביסלעכווײַז גענומען צורוקן זיך נעענטער צו דער בינע. האָב איך אַרויסגעכאַפּט איינעם פון זיי, — זײַן אַרבעט איז דאָ באַשטאַנען דערין, וואָס ער האָט אַלע מאָל, ווען כ'האָב געעפנט דאָס מויל עפּעס צו זאָגן, געשריגן ווי א געקוילעטער: „אַ־אַ־אַ־אָ!", — כ'האָב צו אים א ווונק געטאָן:

— אַדראַבע, קום אַרויף אַף דער בינע. מירן א שמועס טאָן...

אין זאַל איז געוואָרן שטיל. דער אוילעם האָט געוואַרט, וואָס ווײַטער וועט זײַן.

— קום זשע אַרויף...

ער איז צײַטלדיק צוגעגאַנגען צום טיש, דערבײַ געקוקט אַף מיר מיט פאַרדאַכט, פונקט ווי כ'וואָלט, ווייניקסטנס, געטראָגן אָפן גאַרטל א גראַנאַטע.

— וואָס שרײַסטו?

ער האָט געשוויגן.

— מיטאַמאָל, ברודערקע, האָט בא דיר שוין אינגאַנצן אָפּגענומען דאָס לאָשן...

ער האָט עפּעס א זאָג געטאָן אַף ענגליש, און דער איבערזעצער האָט פאַרטײַטשט:

— ייִדיש פאַרשטייט ער ניט.

— וואָס זשע, בלויז איוורית?

— בלויז ענגליש.

— וויאַזוי רופט מען אים?

— בערעק. בערל, הייסט עס...

איך האָב זיך געווענדט צום אוילעם:

— זעט, סאַראַ כוצפע! אַליין קאָן ער קיין קאָמעץ אונטערן אַלעף ניט אַוועקשטעלן, און פאָדערן פאָדערט ער ייִדיש־לאָשן... פאַר מיר. און נאָך א מין פאָדערן...

דער זאַל האָט געלאַכט. איך האָב געשענקט בערעקן א טאַבעל־קאַלענדאַר אַף ייִדיש, וועלכן „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט אַרויסגעלאָזט פאַר זײַנע לייענער, און איבערגעפירט דעם שמועס אַף אַן אַנדער טעמע:

— האָסט א פלוינעסטע, רעב בערעק!

— יעס, יעס.

— וויאַזוי האַלט זי אויס פון דיר?

עטלעכע מענטשן פון פּובליקום האָבן אין איין קאָל מיר איבערגעגעבן בערעקס ענטפער:

— ער זאָגט, אַז אין דער היים פירט ער זיך אויף לײַטיש. ער שרײַט ניט אַזוי...

דעם עמעס געזאָגט, איז ערשט שפּעטער צו מיר דערגאַנגען, אַז די היסטעריקע פון די „יאַרמלקעס" איז פון פריער אינסצענירט. און ס'קאָן זײַן, אַז כ'וואָלט קלאָל וועגן דעם ניט געטראַכט, ווען ניט איינע א פּראַזע, וואָס עס האָט מיר אין דער זעלבער נאַכט, נאָכדעם, ווי עס האָט זיך געענדיקט די באַגעגעניש אין בודיסטן־הויז, געזאָגט א דזשענטלמען, וועמען מע קאָן פולשטענדיק גלייבן.

וועגן אָט דעם ווײַטערדיקן עפּיזאָד איז אָבער קעדיי צו דערציילן מיט פּראָטים.

ווען איך בין אַזייגער איינס באַנאַכט אַרויסגעגאַנגען פון בודיסטן־הויז, קלײַבנדיק זיך פאָרן אין האָטעל (ניין

אינדערפרי האָב איך שוין געדארפט זײַן אין ערראָפּאָרט, קעדיי אָפּצופליִען קיין מאָסקווע), האָט מיר א פרײַנט דערמאָנט, אז איך האָב צוגעזאָגט, אויסער דער פּראָגראם, זיך טרעפן אין די לעצטע שאָען פארן פארלאָזן לאָנדאָן מיט אייניקע טוער פון דער „אנגלאָ־דזשויִש אסאָשיישן" — א פאריייניקונג פון פּולקום אסימילירטע ענגלישע ייִדן.

אינעם הויז פון דעם פּאָרזיצער פון קאָמיטעט פאר אויסלענדישע אָנגעלעגנהײַטן פון „אנגלאָ־דזשויִש אסאָשיישן" סימאָר העריסאָן האָבן זיך פארזאמלט זײַנע קאָלעגן. די ערשטע ווערטער, מיט וועלכע העריסאָן האָט מיך באגעגנט, זײַנען געווען:

— האגאם אונדזער אסאָציִאציע האָט אירע פאָרשטייער אין „באָארד", טיילט זי בעשום־אויפן ניט די שאנד פאר דעם הײַנטיקן מיִעסן סקאנדאל, וואָס עס האָבן א י נ ס צ ע נ י ר ט די עקסטרעמיסטן אין „באָארד"...

איך האָב ניט געקאָנט באהאלטן מײַן פארוווּנדערונג:

— זיצנדיק ד אָ, — פונוואנען ווייסט איר, וואַס ד אָ ר ט איז פאָרגעקומען?

העריסאָן האָט געמאכט א באוועגונג, פּונקט ווי ער וואָלט ארויסגעצויגן דעם האלדז פון אן ענגן קראגן:

— פאר אײַך, מײַן טײַערער, איז מיסטאמע קיין סאָד ניט, אז אין י ִ ד י ש ן לאָנדאָן איז די אקוסטיק א בעסערע, איידער אין לאָנדאָן ביכלאל... גלייבט מיר, אז די נײַס וועגן אונדזער שמועס אינמיטן דער נאכט וועט צו ז י י דערגיין נאָך שנעלער, איידער צו אונדז איז דערגאנגען דאָס גוואלדעווען אין אינדוסישן טעמפּל...

די קורצע דעקאבער־נאכט האָט שוין געהאלטן באם סאָף, ווען מיסטער סימאָר העריסאָן און זײַנע קאַלעגן האָבן אויסגעשעפּט זייערע פּילצאָליקע פראגן.

ווען מיר האָבן פארן געזעגענען זיך שפּאצירט איבער דער שטילער אײַנגעשלאָפענער גאס, האָט איינער פון העריסאָנס פרײַנט, אָן קיין שום פארבינדונג מיט אונדזער פריִערדיקן שמועס, מיר דערציילט א געשיכטע, וועלכע האָט אומגעריכט פאר מיר אליין געוואָרפן א שײַן אף מײַן עפנטלעכן ראנדעוווּ מיט בערעקן.

די ענגלישע פּרעסע האָט אין יענע טעג געשריבן וועגן א פארוואָרפן שטעטל אף דער גרענעץ צווישן ענגלאנד און שאָטלאנד, — מע רופט דאָס שטעטל ב ע ר י ק, — וואָס האָט אין 1856 פארשלאָפן דעם אזויגערופענעם פ א ר י ז ש ע ר ש אָ ל ע ם־אָ פּ מ א ך צווישן גרויסבריטאניע און פראנקרײַך, פון איין זײַט, און רוסלאנד, פון דער צווייטער זײַט, און דעריבער „ווייסט עס ניט", דאַס שטעטל בעריק, אז דער ק ר י מ ע ר ק ר י ג איז פארענדיקט, און אין מעשעך פון הונדערט צען יאָר געפינט עס זיך אין א פארצויגענעם בארויגעז (אין „מילכאָמע־צושטאנד") מיט רוסלאנד, דאָס הייסט — הײַנטיקע צײַטן — מיטן סאָוועטנפארבאנד.

מע קאָן פרעגן: וואָס עפּעס מיצקעדרינען א שטעטל בעריק? וואָס פאר א מעכוטן איז עס מיט וועלט־מעדינעס, מיט א קרימער קריג?

איז די מײַסע דערפון אזוי.

מיט עטלעכע הונדערט יאָר צוריק האָט דער ענגלענדער פארכאפּט אָט דאָס שטעטל בא שאָטלאנד. פּאַשעט גערעדט — ארײַנגעלייגט א פרעמד שטעטל צו זיך אין קעשענע. נאָר קעדיי בארויִקן די געמיטער, האָט דער אלטער דזשאָן בול צוגעטראכט אזא שפּיצל: ער האָט קלוימערשט געמאכט דאָס שטעטעלע בעריק פאר א גאנצן יאטעבעדאם, פאר א „געביט מיט אויסשליסלעכע רעכט". און, לעמאָשל, אין די אָפיציעלע פּאפּירן פון דער אימפּעריע איז בעריק געשטאנען אין איין ריי מיט שאָטלאנד און אועלס. די קיניגן וויקטאָריא האָט דערקלערט רוסלאנד מילכאָמע אין נאָמען פון ענגלאנד, שאָטלאנד, אועלס, אינדיע, קאנאדע, אווסטראליע און... בעריק. דאָס וואַלט עפּשער איצט קיינעם ניט געארט, נאָר באם שליסן דעם פּ א ר י ז ש ע ר ש אָ ל ע ם האָט מען אין גרויס איַילעניש פארגעסן צו דערמאָנען, אז אויך בעריקס „קריג" מיט רוסלאנד איז פארענדיקט. און דער קריג, מישטיינסגעזאָגט, דויערט ווײַטער. אויך הײַנט זײַנען די עטלעכע פּאָליציִאנטן פון בעריק איינע אליין גרייט „שטעלן א ווידערשטאנד" רוסלאנד, קעדיי מיט דער צײַט, אויב די אומשטענדן וועלן עס דערלאָזן, אײַנשליסן אָט דאָס רוסלאנד אין זײַנע, בעריקס, דאלעדאמעס.

ס'איז אן ענגלישער שפּאס. א קאזוס. די אײַנוווינער פון בעריק זײַנען גוטמוטיקע פּראָווינציִאלן, און זיי האַבן, פארשטייט זיך, קיין טײַנעס ניט צום ווײַטן גרויסן לאנד פון די בעריאָזעס. עס רעדט זיך אזוי: בעריק האלט נאַך אלץ אין קריגן זיך...

אויסהערנדיק אָט דעם צווישנפעלקערלעכן אנעקדאָט, האָב איך אין מײַן פאנטאזיע געמאכט פון בעריק — בערעק און זיך, אזוי צו זאָגן, אויסגעטײַנעט מיט א געוויסער קאטעגאָריע מענטשן, וואָס מע קאָן זיי אַנרופן „די בערעקס", אָדער, אויב איר ווילט, — „די בעריקס":

— האָדי, אן עק זאָל עס נעמען... נו, גענוג. וואַס דארפט איר, מע זאָל פון אײַך לאכן? קוקט זיך ארום: ס'איז שוין דאָס 1967 יאָר... עס איז גענוג, איר זאַלט בלויז א ביסעלע זיך אופכאפּן פון שלאָף, און אלץ וועט זײַן אין דער בעסטער אָרדענונג... שוין צײַט, שוין לאנג צײַט, בעריק...

אלעקסאנדער גובניצקי

צו די קאַרפּאַטן

ווען די שטאָט פאַרמאָגט טויערן מיט א שלאָס, וואָלט דער שליסל פּעסט געלעגן בא מיר אין קעשענע. איך וואָלט קיינעם ניט געוועקט, אליין אים אופגעשלאָסן, שטילערהייט, אף די שפּיץ פינגער ארויסגעפירט די נאכט און געבראכט צו זאַיעס מאָנומענט דעם ליכטיקן פרימאָרגן.

בינעם וואָלף, דער שאָכן מײַנער, לאָזט מיך ניט לעבן, אלע מאָל נעמט ער מיך אפן צימבל:

— נו, דו, באָכער אין פּעלץ, דײַן נעשאָמע גייט נאָך אלץ ארום צווישן פרעמדע טעפּ? שטענדיק אין זאָטל! — באטראכט ער די נײַע מאשין, ווי אן אלטער מייוון.

— היי, רעב בינעם, — זאָג איך צו אים, — ווען איך פאַרמאָג אזעלכע לאנגע פיס, ווי דער שטרויס, גיי איך צופוס.

— יעדער אָנהייב, באָכער, איז שווער, ביפראט נאָך פירן צום ערשטן מאָל אזא ליאַלקע.

— גענוג צו כקירען, רעב בינעם, ס'איז שוין ליכטיק, דאַרף מען שפּאנען דעם „בולאנע“. איך פאַרנעם דעם אויבנאָן אין דער קאבינע, ווי דער קייסער אפן טראָן.

פּאָרנדיק, דערמאָן איך זיך דעם ערשטן ארויספאָר אף מינסקער מאַגיסטראַל. די סאָסנעס שטייען אין וואַלד, ווי לעבעדיקע איידעס, יעדער בוים האָט זיך זײַנע פאַרבאָרגענע סוידעס.

פון מילכאָמע־צײַט שטייען די ווערבעס אָפּגעשיילט, כאָטש מאַך פון זיי קוליעס.

דעם דאָזיקן שליאַך האָט מען נאָך צוריק מיט דרײַסיק יאָר אָנגעשיט — אף הילצערנע טאטשקעס געבראכט אהער פערצן טאָן ערד יעדן טאָג.

אָט דאָ, באם טײַך פּעטשאנע, האָבן היטלערס הײַדאַמאַקעס דעם ערשטן שפּליטער מיר אין רעכטן פוס ארײַנגעשאָסן. דאָס טאָרבעלע הירזש, וואָס איז בא מיר אין רוקזאַק געלעגן, איז געווען אין בלוט. וואָס מער איך וואַש ארום די ווונד, אלץ רויטער ווערט דאָס וואסער.

אין אָט דעם וואסער־שפּיגל האָב איך דעמלט דערזען מײַנע הענט מיט די פלײשיקע אָדערן.

הענט מײַנע, גליקלעכע הענט, אײַך איז שוין, ווײַזט אויס, באשערט א גאנץ לעבן האלטן די באראנקע.

אָבער איר, קרומע פיס?..

צוויי באָבעס האָבן אײַך געכאָליעט. דעמבענע האָלאָבליעס, דאכט זיך, איז שוין גרינגער אויסצוגלײַכן. ווען א הונט זאָל געווען א לעק טאָן בא מײַנע באָבעס די הערצער, סאַמט ער זיך.

טאָג און נאכט זײַנען זיי ארומגעקראָכן איבער פּראָקאָפּס לעוואדע אין אָטשערעט, אין די בלאָטעס — טרי־פּעליעווער גראָזן צו געפינען: ס'האָט געקאָסט מויעך, קויעך און געלט, נאָר איך בין טאקע געבליבן מיט אויס־געקרימטע פיסלעך.

יענעם ווינטער איז מיר געוואָרן אכט יאָר, לויף איך צום פּאנסקי טײַך זיך גליטשן אף מײַן נײַעם הילצער־נעם קאָניעק. אינמיטן העלן טאָג פאַל איך ארײַן אין א פּאָלאָנקע.

ווי פאַריאָגטע מײַז זײַנען ביידע באָבעס ארומגעלאָפן איבער די אפּטייקן. אָבער נאָשע רויפע האָט געלייגט דעם פּעטשאַט:

— דעם רעכטן פוס — שנײַדן...

ביידע באָבעס רײַסן פון זיך די הויט: וויאזוי ראטעוועט מען דאָס קינד.

שפּרינצע די שפּרעכערן האָט טאָג און נאכט געשפּראָכן.

פאַריידן א גרודניצע — קומט מען צו שפּרינצען. הייבט זי אָן פּרעפּלען: גרודניצע פון א ווײַס אויג, גרודניצע פון א שווארץ אויג, אף מאָך, אף בלאָטעס, אף פוילע קאָלאָדעס, דאָרטן איז כידושים, דאָרטן איז ווונ־דער...

אָפּשפּרעכן פון א רויז — קומט מען צו שפּרינצען. הייבט זי אָן וואָראָזשען: פון א רויז א בלויער, פון א רויז א רויטער, פון צײַנווייטעק, קאָפּווייטעק, א רויז אין די אָדערן, זײַ מיר מויכל, גאָטעניו...

אָבער וויפל שפּרינצע האָט איבער מײַנע גייערס ניט געמיט זיך, האָט ניט געהאָלפן. זי האָט אָנגעהויבן צו שפּרעכן פון סאָף:

— נײַנציק צוויי האָר אונטער צוועלף זאנגען, פערדישע האָר, אָקסן־האָר, מײַזן־האָר, ציגן־האָר, טכוירן־האָר — גאָטעניו, זײַ מיר מויכל!

א נעכטיקער טאָג — מע וועט מוזן שנײַדן.

איידער איך גיי אונטער נאָשעס שטומפּיקן כאלעף, פּויעלט איין באָבע בא דער צווייטער, מע זאָל איר אָפּ־געבן דאָס געראָטענע אייניקל צו איר אין נאסן קעלער־שטיבל, וואָס איז פול מיט פּעטשעריצעס.

מע האָט מיך פּאַוואָלינקע אַרײַנגעזעצט אין אַ מולטער מיט גראָזן און אַזוי לאַנג געביטן דאָס וואַסער, ביז אין אַכט טעג אַרום בין איך שוין געשפּרונגען פון אויוון, ווי אַ צאַפּעקל.

דערפאר טאקע פארן ארויספאָרן צו די קאַרפּאַטן טו איך אָן וואָלענע זאָקן, אַזוי טײַער זײַנען זיי בא מיר, די גרעטעוועטע ראַגלאַים.

מאמע הארציקע, זינט איך לעב, פאר איך אף אלטע מאשינעס־דראַפּיטשעס, און דאָ שווימט מײַן שפּאָגל־נײַער „זיל״, ווי אַ שיף אפן וואַסער.

פּרוווסט פּאַרזיכטיק זײַנע ערשטע טריט, פּונקט ווי בא אַ קינד, וואָס האַלט זיך נאָך באַם וויגעלע.

נאָר דו ווייסט נאָך ניט, וועלכע קונצן וועט אָט די שיינע גרין־געפאַרבטע מאַשין אינמיטן וועג ארויסוואַרפן.

און אַלטער „זאַכאַר״ קריכט אַרויס פון הייסן גודראָן, הײַנט אַזאַ „זיל־130״? איז מיר טאַקע פרײלעך אפן הארצן, זינגט זיך, ווי איך זאָל פאָרן פון אַ כאַסענע:

בא מײַן מאַמען בין איך געוועזן זיס און טײַער,
אַזוי ווי בא אַ קאַבצן אַ מאַלבעש אַ נײַער.
אוי־ווײ, ווײ צו מײַנע יאָרן,
אף וואָס האָב איך באַדאַרפט פון דער היים אַוועקפאָרן...

פּירסאָוו, מײַן בריגאַדיר, האָט מיך נאָך נעכטן געוואָרנט:
באַנאַכט, אַנשל, ווערט גרעסער דער פראָסט, לײג זיך ניט שלאָפן...

זומער און ווינטער ליגט דער טראַקט צוגעבערשטלט, אויסגעפּוצט. פון ביידע זײַטן היטן אים פּונעם עסעריקן ווינט אָלשאַניקעס און שטאַכעטן־פּאַרקנס.

מע לײגט אים, דעם שליאַך, אַ לאַטקעלע פון ביטום, מע באַשיט אים מיט דריבנע שטיינדעלעך, די היץ און די קעלט זאָלן אים ניט שלאָגן אין קאָפּ אַרײַן...

קדושים ליגן טאַקע דאָ, באַם שליאַך, — היט זיי, טראַסע־טאַטע, ביסט אַ גוטער שומער.

מענטשן קומען אַהער פון פּאַריזש און הײַסין, פון אַלטײַ און סאַקאַליוווקע. מיט ציטערדיקע הענט לײגן זיי דעם קיווער אַרום מיט פרישע בלומען.

די אַלע זין און טעכטער, וואָס ליגן דאָ פאַרשאָטן מיט דער הייליקער ערד, האָבן מאַמעס מיט מילך פון דער ברוסט געוואַשן די פאַרשלאָפענע אייגעלעך און געביסן די נעגעלעך מיט די ציין, געקעכעט, גענײאַנטשעט און אופגעצויגן סאָלדאַטן פאַרן לאַנד.

דאָ, אף אָט דעם ברייטן שליאַך, האָט מען מיט היטלערס הונדערט־זיבעציקווערשקאָווע עסעסאָווצעס געשלאָגן קאַפּאַרעס: אַמאָל זע כאַליפּאַסי, און אַנדערשמאָל — זע האַטאַרנעגויל...

מינסקער טראַסע איז אַן ערשטקלאַסיקע. לויפט דער „זיל״, כאַטש פּענטע אים די פּיס אין קייטן, פּאַרצים אים מיט צען ציימלעך. פרעג מיך בעכיירעם, וואָס איז די אײַלעניש אַזוי גרויס, אַז מע לערנט אים ערשט — טאָפּ, טאָפּ, טאָפּ...

אָט איז וויאַזמע. דאָ האָט אין איין־און־פּערציקסטן געבערענט דער עלעוואַטאָר. די שטאָט האָט געסאַרפּעט. מיר ליגן מיט גרינע פּלעשער — סאַם־האַמאָוועס. דײַטשישע טאַנקען קריכן, ווי גרינע זשאַבעס, פון יוכנאָוווער באַלשאַק.

שטיינער אפן שליאַך גלײַען זיך אָן. פאַלסטו צו צו דײַן ליבער ערד. פאַרשמאַכטע ליפּן בעטן אַ טרונק, טוסט אַ זופּ פון פּירסאָווס פּליאַגע. איז דאָס וואַסער זיסער פון האָניק. דער מילכאָמע־צאַרן וועט אונדז פון די פּיס ניט אומוואַלגערן. ליידיקע פעסער קלינגען, רעלסן פאַלן פון הימל, סירענעס שרעקן די געגנט, נאָר ביז גרין גראָז שפּראָצט נאָך פון דער ערד, וועלן מיר די צינגער ניט אַרויסשטעלן.

באַם עלעוואַטאָר — אַ וואַגאָן בראַנפן צעבאָמבירט. כאַפּט אײַך דער רויך, פּריצן לײַזיקע, מיר, דורשטיקע סאָלדאַטן, קענען טרינקען, סע גייט אַזש אַ פּאַרע פון די כאַליוועס, אַבי אײַך, צאַפּעס אָן הערנער, זאָל דער ביטערער טראָפּן ניט אָנקומען.

אין אײַערע הילצערנע ערזאַץ־שיך וועט איר ווײַט ניט פאַרקריכן. טאַקע דאָ באַם שליאַך וואַקסן בערעזעס אף צו מאַכן פאַר היטלערס מאַניאַקעס צלאָמים.

העכער צוואַנציק יאָר צוריק האָט פּירסאָוו דאָ, אין וואַלד, געלערנט די סאָלדאַטן באַקן ברויט. געשלעפּט זיך נאָך דעם ערשטן עשעלאָן מיט זײַן בעקערײַ.

מיטראָפּאַן מיטראָפּאַנאָוויטש פּירסאָוו, מײַן קאָמאַנדיר, האָט ווי אַ גוטע באַלעבאָסטע געגעבן אונדז, פּראָנט־שאָפערן, צו פאַרשטיין, אַז באַם באַקן ברויט איז דער איקער דעם שוואָם אין דער אופגייענדיקער ראָשטשינע ניט הארגענען...

פּירסאָוו, טוט ער נאָר אַ נעם אַ ביסל מעל אין זײַנע שפּילעוודיקע הענט, דערפילט ער טייקעף, דער גע־וועזענער אָדעסער בעקער, וואָס מע האָט צו טאָן מיט אַזאַ סכוירע...

די מאַשין גייט, און נאָך געשווינדער שווימען אוף אין זיקאָרן מילכאָמע־געשעענישן.

אַרסענטי גאַוורילקין, אונדזער קוכער אפן פּראָנט, פלעגט זאָגן:

— וויפל מע זאָל ניט טרייסלען דעם זאַק פון מעל, וועט זיך מעל סײַווי שיטן.

— אליין און איינזל, נאָר יענעם לײגט ער שטרוי אונטער, היטלער...

גערינגס „אסן״ האָבן געשונדן די הויט פונעם קליינעם סטאַנציעלע סווישטשאָווע. עשעלאָן נאָך עשעלאָן

זײַנען זיי אָנגעפלויגן, ווי ווילדע שוואַרצע כײַעס, מע האָט אפילו געזען די סוואַסטיק אף זייערע פליגל. און, פּאַשיסטן! — האָט אין אונדז געברענט די רעציכע.

טאָג און נאַכט האָט געטשאַדעט גאַווריליקינס קיך. שאַבעס הייצט ער די באָד. דעם „צירקוליאַר" האָט גאַווריליקין אליין צוגעטראַכט: אַ פּאַשעטער פּורגאָן, אײַנגעמאָווערט דאָס בלעכענע פעסל אין אויוון, געמאַכט אַ טירל מיט אַ קוימען, וואָס פאַרשטעקט זיך קיינמאָל ניט. דער בורזשוואַם אין באַראָדינער וואַלד איז נאָך ניט געריירט, איז הייץ די שוויץ־באָד, סאָלדאַטניא. בעזעמער — פון כוואָיע־צווײַגן, זייף — אַ פולער קאַסטן בײַ גאַווריליקינען. וואַשט זיך און זײַט פריש און געזונט.

מייער באַלנעס׳ איינעקל, קריִעס־יאַמסוף ביסטו נאָך ניט אויסגעשטאַנען, קענסט נאָך אפילו פון דײַן שינעל קיין „קאַטשלקע" ניט מאַכן. עמעס, האָסט זיך בײַ דער בייזער נעגלינקע אין מעטראָ דערגראַבן ביז דער יוכטע־ווער לײַם. זאָגט אָבער גאַווריליקין:

— דאָס אייגענע איזל, נאָר דעם זאָטל געביטן... אַ סאָלדאַט צו זײַן איז שווער.

גרויסע צאָרעס האָב איך פון דעם שינעל, כאָטש זעץ מיך אין קאַרצער, לײַטענאַנט פּעדאָסייעוו, איך קען פאָרט ניט מאַכן די „קאַטשלקע".

גאַווריליקין פּרוּווט מיר העלפן, פאַלט אים דער שינעל פון די הענט. טוט פּירסאָוו אַ כאַפּ די „מאַמע" פון זײַנע געליימטע פינגער:

— מאַצעס, זע איך, האָט איר ביידע ניט געקאַטשעט!

איך בלײַב שטיין, ווי אויסגעמאָלקן. פּירסאָוו טוט מיר שוין אָן דעם שינעל איבערן אַקסל, פאַרציט מיר שטאַרקער דעם רימען, און מע גייט נעמען סאָלדאַטסקע קעסעלעך, ווײַל מיטן הילצערנעם לעפל, וואָס שטעקט אין כאָליעווע, וועסטו זאַט ניט זײַן.

ווען מיר נעמען אַ באָד, דערציילט גאַווריליקין, וויִאַזוי מע זײַערט פּאָמידאָרן:

— דאָס פעסל וואַשט מען אויס מיט אָקרעפּ. מיט אָנגעגליטע שטיינער פאַרעט מען די קלעפּקעס. אפן דנאָ לייגט מען די פעסטערע בלעטער, — באַלעקט ער זיך אַזש, גאַווריליקין, — מע קאָן נעמען גרינעם פעפער אָדער לאַרבער־בלעטער, קנאָבל, נאָר ניט איבערזאַלצן...

מיטאַמאָל — טראַך! באַך!

די באָד איז שוין אָן אַ דאַך, מיר שטייען מיט גאַווריליקינען אָדעם־נאַקעט, אַזוי ווי די מאַמע האָט אונדז געהאַט. די ערד ברענט, „מעסערשמיטן" שיטן סאַם פונעם הימל. ניט אַנדערש, מיר זײַנען סוסליקעס.

אף איין פעלץ שלאָפן מיר, מיטן צווייטן דעקן מיר זיך צו. גאַווריליקין האָט שוין אָנגעשמעקט: מאָרגן גייט פּירסאָוו אין ראַזוועדקע.

שלאָף איך שוין ניט אַ גאַנצע נאַכט. דערצייל, גאַווריליקין, וואָס דײַן האַרץ גלוסט.

פּירסאָוו רײַסט אַראָפּ דעם פעלץ, טאָרעט אונדז מיטן פוס:

— פּאָשלי...

איך כאַפּ מײַן העפטל.

זאָגט מיר פּירסאָוו:

— פּײַער אין פּאַפּיר וויקלט מען ניט. טו אויס דעם פעלץ, פאַרפּוץ זיך אין וואַטניק, ווײַל אויב אין וואַלד איז קיין טיגער ניטאָ, ווערט די מאַלפּע קייסער, — רוקט ער מיר אָן, מיטראָפּאַן מיטראָפּאַנאָוויטש, די אושאַנקע איבער די אויגן.

פּירסאָוו פירט מיך איבער דער טראַנשיי, וועקט אויף, ווען מען ער דאַרף, זאָגט שטיל:

— מיר האָבן אָנגעשמירט דער מיל די פליגל — היט זיך, אָקופּאַנטן!

מיר גייען אַלץ ווײַטער. דאָ און דאָרט הערט מען אַ שיסערײַ, פּראָזשעקטאָרן לעכערן דעם וואַלד, ראַקעטעס באַלויכטן דעם וועג, עס פּאָרט דורך אַ „ווילִיס". אין הימל שלאָגן זיך אַעראָפּלאַנען, פאַלן שטיקער פּײַער צו דער ערד:

— ע, פּריץ, — שמייכלט פּירסאָוו, — אויב דו וועסט אַזוי געדיכט שטעפּן פון הימל, קענסטו מיר נאָך טרעפן אין לינקן אויג.

סאָסנעס שטייען אויסגעצויגן, ניט געריִרט נאָך אָן אײַוועד. וואָס נעענטער צום דײַטשס אָקאָפּעס, אַלץ מער צעביסענע ביימער, וועלכע האָבן שוין געפּאָקט און געמאָזלט.

— אַ שטאַרקער שלאָף באַם פּריץ, — זאָגט שטיל פּירסאָוו, — נאָר קוקט ניט, וואָס זיי כראָפּען, ווי די וועלף נאָך אַ פעטן מאָלצײַט. אף די שפּיץ פינגער, קינדערלעך, שטילער, שטילער...

פאַרן גיין אין ראַזוועדקע גיט מען שמעקן פּראָשקעס, מע קאַפּעט אַרײַן טראָפּנס, צען מאָל קוקט מען דיר אין דער ניאָניע, צי פּאָנפּעט זי כאָלילע ניט, ווײַל טוט עמעצער אין „סעקרעט" אַ ניס, וועקט ער אויף דעם פּריץ און ס׳ווערט דאָרט בײַ זיי אין טראַנשיי אַ פערעפּאָלאָך: שנעלער, שנעלער! רוס, רוס, רוס!..

דעריבער איז אַזוי שטיל אונטערן בערגל, וווּ מיר ליגן שוין אַ פּאָר שאָ, מע הערט איינער באַם אַנדערן, ווי די הערצער קלאַפּן...

— נעם דעם שטריק, — רוימט מיר אײַן פּירסאָוו אין אויער.

די מינוט אף נעמען אַ צונג קומט אָן בליצשנעל: מיטן הענטל פונעם אווטאָמאַט טוט אים פּירסאָוו אַ וויש הינטן־אַרום, פליט אַראָפּ די קאַסקע, נאָר דער קאָפּ בלײַבט.

גאַווריליקין וואַרפט זיך אפן מאָווערדיקן ווערגעלעץ. מײַן זאַך איז שטאַרקער פאַרבינדן דעם דײַטש די קלײַענדיקע הענט, עטלעכע מאָל זיי אײַנציִען אַרום גאַרטל, ער זאָל זיך ניט צעפּענטען, ווי דער ראַבער האָן פאַרן קוילען.

ס'איז אַ פֿאַרגעניגן צו קוקן, ווי היטלערס קאַדעש סמאַקעט די „צוקערקע", וואָס מע האָט אים אין מויל אַרייַנגעלייגט, ניט אַנדערש, ווי ער איז געוואַקסן בײַ זײַן מאַמען אַ בעניאָכיד.

— נו, קינדער, ניסט זיך אויס, — זאָגט פּירסאָוו און טוט דאָס ערשטע מאָל פֿאַרן גאַנצן מעסלעס אַ מענ־טשלעכן שמייכל...

אויפֿן שליאַך, ווו מיר פֿאָרן אַצינד, זײַנען דעמלט, מילכאָמע־צײַט, געשטאַנען צעקאַליעטשעטע מאַשינעס.

אַרסענטי גאַווריליקין האָט אויסגעלאַטעט פֿאַר מיר אַ „גאַזיק". אַ מאַשין אויפֿן פֿראָנט איז געווען אַ טײַערע מאַטבייע.

דורכגעפֿאָרן דאָס אַלטע בריקל, ווײַס איך שוין, אַז דאָס נײַע פֿירט צו די דײַטשן. נעמט מען שוין, פֿאַר־שטייט זיך, רעכטס. בליץ־שנעל אַוועקגעשטעלט דעם „גאַזיק" בײַ דער שטאַל, פֿאַרמאַסקירט אים מיט סאָסנע־צווײַגן, כאַפּ איך אַרויס פֿון קאַבינע דאָס פּעקל בריוו, מאַכאָרקע, שוועבעלעך. פּירסאָוו נעמט דעם טערמאָס. מיר קריכן אין טראַנשיי.

ברענגען דעם סאָלדאַט אַ דרײַעקיק בריוול אין אָקאָפּ איז אַ גרויסע מיצווע, אַפֿילו בעסער, איידער ברענ־גען עסן.

— סאָקאָלאָוו, כײַביבולין, פֿרידמאַן! — רוף איך זיי אויף, די סאָלדאַטן, בײַ די נעמען.

— זיסע רייד, — זאָגט פֿון פֿרייד כײַביבולין, — נאַרן אַרויס אַפֿילו אַ שלאַנג פֿון דער נאָרע.

— נעכטן האָבן די פֿאַשיסטן דערהאַרגעט מײַן ברודער, — שטעלן זיך סאָקאָלאָוון מאַנצבלשע טרערן אין די אויגן.

סאָלדאַטן נעמען אַראָפּ די פּילאָטקעס. שטייט מען אַ מינוט אָן ווערטער, טוט אַ מינע ערגעץ נאָענט אַ וואָיע. זאָגט גאַווריליקין:

— זיבן מאַקעס וועל איך געבן היטלערן, נאָר ניט זאָגן האַספּאַדי פּאָמילוי.

יאָ, מיר זוכן די שלאַנג, און זי וויקלט זיך אַרום אויף אונדזערע פֿיס.

וואָס מיט מיר איז געשען אין יענער מינוט, ווען סאָקאָלאָוו האָט דערציילט וועגן זײַן ברודערס טויט, ווייס איך ניט, נאָר צוריקפֿאָרנדיק אין שטאַב, האָב איך פֿאַרבלאָנדזשעט צום דײַטש...

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסערײַ. איין קויל האָט געטראָפֿן אין קאַבינע־פֿענצטער און דורכגעפֿלויגן בײַ מײַן אויער.

אין אַ רעגע אַרום בין איך שוין אויפֿן אַלטן בריקל. צוויי שינעס זײַנען דורכגעשאָסן, לאָזן זיי אַרויס דעם דעך. מײַן „גאַזיק" טאַנצט אַ קאַדריל. אַוטאָמאַטשיקעס שמועסן זיך דורך מיטן פֿריץ. מיר קריכן דערווײַל אָפּ אין וואַלד אַרײַן.

— עס האָט דיך אַ צי געטאָן דער רייעך פֿון געבראָטנס? — לאַכט פּירסאָוו.

מאַשינעס לויפֿן אָפּ און אויף, דער פֿראָנט־שליאַך קאָכט: מאַרשעווע ראָטעס שפּאַנען צום געדיכטן יאַרצע־ווער וועלדל, פֿאַרווונדעטע פֿירט מען אויף רעמאָנט.

סאָלדאַטן שנײַדן זיך ניט אויס די מאַזאָליעס, גייט מען ניט געכאַפּט. עס לויפֿט אָן אַ שוואַרצע „וואָראָנע". וואַרפֿט מען זיך גלײַך אין ריוו אַרײַן, אונטער אַ קוסטל איבערוואַרטן דעם באָמבע־האָגל.

אינמיטנדערינען צעלייגט זיך דער „גאַזיק". ניט קיין שינעס, ניט קיין רעדער — סטאָפּ מאַשינע.

ליגן מיר שוין מיט פּירסאָוון און וואַרטן, ביז אַרסענטי גאַווריליקין וועט עפּעס צוטראַכטן.

אומגעוואַלגערטע ביימער אין וואַלד האָבן אַ פּאָנעם פֿון טויטע מענטשן.

שטיבער שטייען מיט אויסגעשלאָגענע פֿענצטער.

פּירסאָוו איז אַ געררייכערטע ליולקע. לאַנג זיצן און וואַרטן אויף גאָטס הילף טויג ניט. פֿאָרט ער אַוועק, לאָזט מיך איבער אין וואַלד.

טאַקע אויף דעם זעלבן אָרט, ווו דעמלט, העכער צוואַנציק יאָר צוריק, האָט מיך פּירסאָוו איבערגעלאָזט אויף קידעש־האַשעם, שטייט אויך אַצינד מײַן שפּאָגל־נײַער „זיל" מיט אַראָפּגעלאָזטע אויערן, די וואַסער־שלאַנגען צעריסן...

דער הימל בלויט זיך, טעלעגראַף־סלופּעס הודען, די טראַסע פֿינקלט מיט גינגאָלד, דער פֿראָסט ברעכט די ביינער.

— נאָר ניט אײַנשלאָפֿן! — קלינגען מיר פּירסאָווס ווערטער אין די אויערן.

אין הימל שײַנען אַזויפֿיל שטערן איבער מײַן קאָפּ! שוין זשע זײַנען אַלע מאַזלדיקע שטערן אויסגעפֿרוירן?

מיר ווייסן דאָס גוט: עס קומט די צײַט — שטאַרבט מען. נאָר פֿאַרפֿרוירן ווערן אינמיטן שליאַך — דאָס איז אָן אַוולע אַפֿילו פֿאַר אַ גאַנעוו.

דער „זיל" איז ערשט פֿריִער מיט אַ שאָ געקראָכן, ווי אַ לעמפּערט, אַצינד שטייט ער פֿאַרפֿרוירן. גראָווע גריוועס באַפּוצן זײַן שיינע מאָרדע.

דער פּעלץ מײַנער ליגט שוין אויפֿן ראַדיִאַטאָר. נאָר דער פֿראָסט רײַסט שטיקער. אַרום שליאַך — אָנגע־וואַלגערטע הורבעס שניי. ניט קיין דאַך, ניט קיין קוימען זעט מען ניט.

וואָלט געווען אַ שוועבעלע, צעלייג איך פֿײַער, פּירסאָוו זאָל מיך באַמערקן, — אינצווייען איז פֿאָרט היימ־לעכער. נאָר עפּעס האָט, ווײַזט אויס, מיט אים געטראָפֿן.

מע זאָל דערמאָנען מאָשיִעכן — אָט איז ער, פּירסאָוו.

— מײַן באָבע, אַנשל, איז געזעסן אויף נײַן, און אויסגעלופֿעט האָבן זיך צען...

מיטראָפֿאַן מיטראָפֿאַניטש כאַפּט אַראָפּ פֿון זיך דעם פּעלץ, וואַרפֿט אים אַרויף אויף מײַנע אַקסל. ער טוט אַ קוק מיט זײַן גענייט אויג צום שליאַך:

— אויב ס׳איז דאָ א בריקל, מוז דאָ אויך נאָענט זייַן א ריטשקע.

שנעלער פון דעם רועך אליין לויף איך בארג־אראָפּ. איך טו א נעריק מיטן פוס דאָס פארפרוירענע אייַז־פּליוקעלע, טשערפּע אָן מיטן עמער וואסער און לויף א גליקלעכער צום „זיל“. און אָט אָטעמט ער שוין ווי א לעבעדיקע באשעפעניש.

פאָרן מיר! באם זיידן פּלעגט זיך אזוי רירעוודיק דרייען דאָס כאנעקע־דריידל, ווי די דאָזיקע קאפּריזנע מאשין, וואָס לויפט ווידער שפּילעוודיק און טאנצנדיק. ס׳איז נאָר א שאָד, וואָס פּירסאָוו פאָרט אף מינסק און איך פארקערעווע אף קיִעוו און ווייַטער — צו די קארפּאטן.

קארפּאטן, קארפּאטן!

זומער בין איך געווען בא אייַך צוגאסט אפן קוראָרט „מאָרשין“, געטרונקען ביר, געגעסן שווארצע קארשן, גענומען אף זיך לייַב, געטאנצט אין גלעזערנעם טאנץ־זאל, געקאטשעט זיך אין די הייל־בלאָטעס, פארכלינעט זיך מיט דעם זאפט פון רויטע גרויסע מאלינעס, האָניק געשלונגען, כאזער מיט כאזער געגעסן און אף שטרוי געשלאָפן — ס׳איז דאָך פאָרט אוקראַיִנע!

אָבער דעם עמעס געזאָגט, בין איך דעמלט ניט דערפאָרן צום „שווארצן בארג“, צום טייַך טיסא, צו דער סטאנציע סעליוש, וווהין עס האָט מיך דאָס מאָל, נאָך לאנגע מוטשעניש, געבראכט מייַן סאמאָסוואל.

ווי זאָגן די מאדיארן: בריקעווע, מייַן פערד, ביזן לעצטן אָטעם.

אָדער — דרייַ פעסער ווייַן איז פאראן בא מיר, די פערטע שטייט אונטערן קראנט...

ניט ווייַט פון פּאָלוסטאנעק ווילאָק געפינט זיך דער ייִשעוו האָרבקי. גיי זוך אים, דעם האָרבאטש! קימאט בא די פּיאטעס פון שווארצן בארג ליגט ער.

יאנוואר — א קאפּריזער כוידעש. דאָס מאָל ערגער פון פעווראל: שנייען, זאווערוכעס. דער שליאך איז גליטשיק, פּונקט ווי מע וואָלט אים פון בראנדספּאָיט באגאָסן.

האָרבקי איז האָרבקי, דאיאָש קארפּאטי!

הונדערטער שטעט און דערפער בין איך פאר מייַן לעבן אויסגעפאָרן, נאָר אראָפּלאָזן די מאשין פון טוכאָל־סקי פּערעוואל, האלטנדיק דאָס „צייַמל“ אזוי, אז די נאָז זאָל בלייַבן גאנץ און די צורע ניט צעדראפּעט, — דאָס קומט מיר אויס צו טאָן דאָס ערשטע מאָל.

אין רעסטאָראן „פּאָליס“ האָט מען מיך אונטערגעפּאשעט מיטן גוטן אוקראַיִנער ווייַניקן באָרשטש מיט א ראָסל־פּלייש, וואָס צעגייט זיך אין אלע אייוורים. א פּאָר שאָ זיך אויסגעשלאָפן, אָפּגעפרישט דעם קאָפּ — פאָר, אנשל, שפּיל ווייַטער מיטן בייזן יאנוואר אין קאָרטן...

איך שפּיל מיט פייַער. אין אזא אומגליק געלאָזט זיך אין וועג ארייַן. ס׳איז דיר ניט דער מינסקער שליאך, וואָס איז באשאָטן מיט זאמד. דאָ, באם טויער פון שטעטעלע קאָרעץ, רייַסט זיך דער שניי פון הימל, ווי פון קען פון א קראטער. מיטאמאָל גיסט א רעגן, ס׳נעמט א פראָסט. ווערט גליטשיק, לייגן זיך אווטאָבוסן מיט מענטשן אין ריוו ארייַן. קלאָפּט זיך איין מאשין אין דער צווייטער, — וווהין טוט מען זיך אהין?..

פארשלעפּט עס מיך אין טיפן אָפּגרונט, ליג איך שוין מיט די רעדער צו גאָט. וויִאזוי קריכט מען ארויס אף דער ליכטיקער שייַן?

אָפּגעבריקעוועט, פערד מייַנס, ביזן לעצטן אָטעם האָסטו זיך געראנגלט מיטן גליטש.

ווייַזט אויס, אז איך כאלעש.

ע, אנשל, וועסט באלד ארויס פון געפענקעניש, האָסט געוווּנען!

ארום מיר איז דער שניי שווארץ־פארקוילט. ליפּע דעם באלעגאָלעס גלעקעלעך קלינגען מיר אין קאָפּ. נאָר דאָס שלעפּט מען שוין מייַן סאמאָסוואל פון געפענקעניש.

— נו, ליובע, וואָס טוט מען ווייַטער? — פרעג איך בא מייַן געליבטער, גלייַך זי וואָלט געווען דערבייַ. איך קום צו־זיך, שטעל דעם רעכטן פוס אפן פּליגל פונעם סאמאָסוואל און קריך ארייַן אין קאבינע.

— וואש ארום די „פּריצע“, — זאָגט מיר ליובע, — אָט איז די קרענעצע, גיס אָן וואסער, פאָר ווייַטער.

אין שטעטעלע קאָרעץ נעכטיק איבער, טריקן אויס דעם טולעפּ, די פּוישטן — יאנוואר איז דיר ניט מייַ, — הער איך ווי פון שלאָף ליובעס געטרייַע רייד.

דער גליטש איז גרויס, נאָר פאלן אין ריוו ארייַן וויל איך שוין מער ניט. האלט איך זיך באם ראנד פון שליאך, ווו אָקסן שלעפּן פּרילינג דעם שליטן.

איך באָד זיך אין שניי, ער פארקלעפּט די פענצטער פון דער קאבינע. גאָט אין הימל, שטעל אָפּ די זאווערוכע!

— וווהין פאָרסטו? — פרעגט מיך אן אָרטיקער מענטש. — ווייַט שלעפּט עס דיך?

— צום ייִשעוו האָרבקי פאָר איך.

— הערסט, באָכער, א טשופּרינע איז בא דיר אָנגעוואקסן א גרויסע, נאָר אויב דו ביסט דאָס ערשטע מאָל ארייַנגעפאלן אין די קארפּאטן, ביסטו ניט מער ווי א געבראָטענער אינדיק.

— ע, זעמליאק, — זאָג איך צום פארשוין, — מייַן כאראקטער ווייסט איר ניט. איינעם מוטשעט א פּליוס, מיך, לעמאָשל, בראָטן די פּיאטעס. פאָרן — דאָס איז מייַן לעבן!

אָנגעשטאָפּט מיט סאָסנעס און יעלן זייַנען די קארפּאטן — די בערג און די טאָלן. באנאכט, ווען דו פאלסט ארייַן אפן גליטשיקן שמאָלן וועג, טוט עס דיך מיטאמאָל א דריי, און דו פאָרסט שוין צוריק — אף לעמבערג... בלייַב איך איינער אליין אין די קארפּאטן. סוידעסדיק־שטיל שווייַגן דיביימער, אין דער נאָז ארייַן שלאָגן גע־דיכטע סאָסנע־רייכעס.

— כאפּ עפּעס איבער, אנשל, — רוימט מיר ליובע אייַן א סאָד אין אויער, — פארטרינק מיט עפּעס...

עס פֿאָרן אָן מאַדיאַרן.

— גאראַוו, גאַרדאַוו, באַראַוו וואַן! — אַף אונדזער לאַשן מאַכט עס: דרײַ פֿעסער ווײַן אין דײַן רעשוס, די פֿערטע רינט... — און מע שלעפּט מיך דאָס ווײַלטע מאָל פֿון טיפֿן שנײ אַרויס.

פֿאַר אַ בעריע איז יעדער טאָג אַ יאָמטעוו. טו איך אַ טרײַב דעם „זיל“ און פֿאָר ווײַטער.

קיינער האָט פֿאַר מיר קיין סטעזשקעלעך צום פֿערעוואַל ניט אויסגעטראָטן. דער שנײ שיט, ווי אין הימל וואָלט דער אייבערשטער צעריסן אַלע זײַנע איבערבעטן. ריבוינע־שעל־אוילעם, מיר קענען דיך גוט. האָסטו אַרײַנגעשטאָכן דײַן שפּיז, וועסטו זי צוריק ניט אַרויסנעמען.

אָפּשטעלן זיך איז דער טויט אַליין. דראַפּעט מען זיך צוביסלעך. אין קאָפּ קריכן כאַלוימעס. דער באַרג איז לאַנג ווי דער גאַלעס.

ברודער איציקל, וווּ ליגט דײַן געביין? עפּשער ביסטו גאָר דאָ געפֿאַלן — אין די קאַרפּאַטן?..

יאָ, אין קאָפּ אַרײַן קריכן מיר פֿאַרשיידענע זאַכן. אַפֿילע פֿלעצלעך מיט בייגעלעך, וואָס איציק, מײַן ברודערל, האָט אַזוי ליב געהאַט. אַז ער שלאָפֿט, איציקל, שרײַט די באָבע:

— טשעפּעט ניט דאָס קינד, ער שמייכלט, אַ סימען דער מאַלעך שפּילט זיך מיט אים...

אַצינד ליגט ער ערגעץ אין די בערג...

פֿון מײַן כקירען וועט דער קנאַבל זיסער ניט ווערן. דערזע איך פֿונווײַטן — אַ פֿענצטערל שײַנט מיר, ווי אַ מאַזלדיקער שטערן. ניין, ניט קיין פּוילער קלאָץ. איך האָב נאָך אין עמער וואַסער, קיל איך אָפּ דעם מאָטאָר.

אין שאָפֿערישן סייפֿער שטייט בעפֿיירעש געשריבן: כאָטש דו ביסט זאַט, ברויט נעם מיט זיך מיט, ווײַל פֿאַלסטו אַרײַן אין אַ צאָרע, וועסטו אַפֿילע אַ כאַזער אָנרופֿן „טאַטע“.

איך פֿאָר און פֿאָר, און דאָס פֿײַערל טרעט אָפּ אַלץ ווײַטער און ווײַטער.

אין די קאַרפּאַטן האַקט מען ביימער, מע טעסעט שטיינער...

בלויז ליפֿע דער וואַסערפֿירער, ווען ער פֿלעגט דורכפֿאָרן מיטן פֿולן פֿעסל פֿאַרבײַ אונדזער שטוב, פֿלעגט זיך גוידערן אַזוי, ווי איך אַצינד, דורכפֿאָרנדיק בעשאָלעם די שטאָט האָרבקי.

דער הויפּט־אינזשעניער פֿונעם קאָמבינאַט כאַפּט מיך אַרום:

— וויִאַזוי האָט איר זיך אײַנגעשטעלט צו פֿאָרן אין אַזאַ כוישעך?

אין קאַטאַלאָג, אַפֿן טיטל־בלעטל, איז אָנגעשריבן „זיל“־555 — דרײַ פֿינפֿן. צום ערשטן מאָל פֿאָרט אַרויס אַזאַ מאַשין אַף דער טראַסע — אַ ראַזוועדטשיצע, הייסט עס.

— נו, — זאָג איך צום אוילעם, וואָס באַטראַכט די שיינע ליאַלקע, — אַפֿן פֿראָנט, ווייסט איר דאָך, מעג זײַן שטיל, אָבער די אויסשפּיר־גרופּע דרעמלט ניט.

ליטעראַטור־קריטיק · ביבליאָגראַפיע · פראַגן פון קונסט

הערש רעמעניק

די אַנטוויקלונג פון דער פּראָזע אינעם נאָכאָקטיאַבער־פּעריאָד

ביז דער רעוואָליוציע איז די יידישע ליטעראַטור געווען הויפּטזאַכלעך א ליטעראַטור פון פּראָזע. ווען מע רעדט וועגן דער קלאַסישער ליטעראַטור, וועגן דער שאַפונג פון מענדעלען, שאָלעם־אַלייכעמען, פּערעצן, און ווייטער — וועגן רייזענען, אַשן, בערגעלסאָנען, האָט מען אין זינען דעריקער זייערע נאָוועלן, דערציילונגען און ראָמאַנען, האַגאַם זיי האָבן געשאַפן אויך אין אַנדערע זשאַנרען. ניט געקוקט אָבער אַף די רייַכע טראַדיציעס, האָט די קינסטלערישע פּראָזע אין אָנהייב רעוואָליוציע זיך געפונען אין א שווערן דויערנדיקן קריזיס.

גלייַך נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָבן אין דער ראַטן־רעפּובליק געלעבט און געשאַפן די יידישע פּראָזאיקער ד. בערגעלסאָן, דער ניסטער, נויעך לוריע, ז. ווענדראָף, י. יאָפע, ליפּמאַן־לעווין, יעדידיע מאַרגאָליס. אָט די אַלע שרייַבער האָבן אָנגעהויבן זייער ליטעראַרישע טעטיקייט נאָך ביז דער רעוואָליוציע; אין די ערשטע יאָרן פון דער ראַטנמאַכט האָבן זיי נאָך פאָרגעזעצט שרייַבן אינעם פריערדיקן גייַסט. די גרויסע אַלוועלטלעך־היסטאָרישע געשעענישן, דער האַרבער בירגערקריג אין לאַנד, די שטורמישע ענדערונגען אין אַלע געביטן פון לעבן — דאָס אַלץ האָט ניט באַקומען קיין אָפּשפּיגלונג אין זייער שאַפונג.

דער קריזיס פון דער פּראָזע האָט זיך פאַרצויגן אַף עטלעכע יאָר, ביז דער מיט פון די צוואַנציקער יאָרן, ווען עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע ווערק פון די יונגע סאָוועטישע פּראָזאיקער אי. קיפּניס, ש. גאָדינער און מ. דאַניעל (מייעראָוויטש) און ווען די עלטערע פּראָזע־מייַסטערס האָבן אָנגעהויבן אין זייערע ווערק אָפּשפּיגלען די געשעענישן און פּראָצעסן פון דער רעוואָליוציע.

די עלטערע שרייַבער האָבן בייַגעקומען דעם קריזיס פון דער פּראָזע, האַגאַם מיט היפּשע שוועריקייַטן. אין זייַנע דערציילונגען „שטורעם־טעג“ (1927) און אין ראָמאַן „מידאַס האַדין“ (1929) האָט דאָוויד בערגעלסאָן געגעבן א גלענצנדיקע פאַרקערפּערונג פון די גרונט־פּראָצעסן אין די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָליוציע, באַזונדערס אין בירגערקריג. מיט דער טיפקייַט און עמעסדיקייַט, וועלכע זייַנען כאַראַקטעריסטיש פאַר אָט דעם שרייַבער, האָט ער געוויזן די פּראָצעסן פון דער רעוואָליוציע אין זייער היסטאָרישער גרויסקייַט. די פאַרשאַרפטקייַט פון די קלאַסן־קאָנפליקטן און פּאָליטישע קאַמפן, די אַנטאַגאָניסטישע צוזאַמענשטויסן, די אומבערעכנאָנעסדיקע שלאַכטן צווישן די פאַרשיידענע סאָציאַל־פּאָליטישע לאַגערן, די נאַציאָנאַלע קאָליזיעס, דער איבערבראָך אין דער פּסיכאָלאָגיע פון די פּאָלקסמאַסן, זייער העלדישקייַט און זעלבסטאָפּפערונג אין קאַמף פאַר דער רעוואָליוציע — דאָס אַלץ איז געשילדערט אין בערגעלסאָנס ווערק מיט אַזאַ קינסטלערישער קראַפט, וועלכע האָט קיין גלייַכן ניט צו זיך אין דער יידישער סאָוועטישער פּראָזע.

בערגעלסאָן איז געוואָרן דער קינסטלער פון דער רעוואָליוציע און פונעם בירגערקריג, וועלכע ער האָט שפּעטער אָנגערופן „די יוגנט־יאָרן פון אונדזער נייַער ערע“.

איינע פון די כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן פון בערגעלסאָנס ווערק וועגן בירגערקריג באַשטייט אין דעם, וואָס ער פאַרברייטערט די אַרענע פון דער האַנדלונג און דעם קרייַז פון די פּערסאָנאַזשן אין אַנטשפּרעכונג מיט דעם עמעסן גאַנג און מיט דערווירקלעכער אַנטוויקלונג פון דער רעוואָליוציע. דער אווטאָר טראָגט אַריבער די שילדערונג פון די רעוואָליוציאָנערע געשעענישן מיכוץ די באַגרענעצטע נאַציאָנאַלע ראַמען פון דער שטעטלדיקער סוויווע — אין שטאָט און אין דאָרף. און צוזאַמען דערמיט ווערט דער באַשטאַנד פון די פּערשוינען אַן אינטערנאַציאָנאַלער. בערגעלסאָן מאָלט ניט בלויז יידן אין דער רעוואָליוציע, נאָר א פרייַנטלעכן ברידערלעכן סאָלידאַרישן קאַמף פון די רוסישע, אוקראַינישע און יידישע אַרבעטנדיקע פאַר א נייַ לעבן. אַזעלכע פּערסאָנאַזשן זייַנען פּיאָדאָר זאָזוליאַ („באַם טעלעפאָן“), באַטשקאָ (אינעם ראָמאַן אַפן זעלבן נאָמען), פיליפּאָוו (אין ראָמאַן „מידאַס האַדין“) און נאָך פיל אַנדערע, קימאַט אין אַלע ווערק פונעם שרייַבער אַף דער טעמע פון בירגערקריג.

צום באַדויערן, האָט די סאָוועטישע קריטיק ניט דערשאַצט בערגעלסאָנס ווערק וועגן בירגערקריג. די ראַפּישע קריטיק האָט זיך באַצויגן נעגאַטיוו צו אָט די ווערק, ניט פאַרשטאַנען זייער באַדייַטונג.

אין די דרייַסיקער יאָרן איז בערגעלסאָן געשטאַנען אין צענטער פון דער יידישער סאָוועטישער פּראָזע. אין זייַנע ווערק פון יענע יאָרן האָט ער אַרויסגעוויזן גרויסע מייַסטערשאַפט, מאָלנדיק דעם שטייגער און די פּסיכאָלאָגיע פונעם סאָוועטישן מענטשן, דעם בויער פון סאָציאַליזם, און דעם פּראָצעס פון איבערבויען דאָס לעבן פון די יידישע פּאָלקסמאַסן דורך אַרבעט אין דער אינדוסטריע און אין דער לאַנדווירטשאַפט. באַנאַנד דערמיט שאַפט ער זייַן צווייבענדיקע עפּאָפּיי „באַם דניעפּער“ וועגן דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט. דער דאָזיקער ראָמאַן איז די העכסטע דערגרייכונג פון דעם שרייַבער און פון דער גאַנצער יידישער סאָוועטישער פּראָזע.

מער קאָמפּליצירט איז געווען דער וועג פון אַן אַנדער גרויסן פּראָזע־מײַסטער — דער ניסתּר. אין זײַן שאַפונג ביז דער רעוואָליוציע האָט זיך שוין אַרויסגעוויזן די ווידערשפּרעכיקייט און די צעצווייטקייט פון זײַן קונסט. אין דעם ניסתּרס סטיל האָט צוגעצויגן פריִער פאַר אַלץ די פאָלקסטימלעכקייט, די הויכע מײַסטערשאַפט און די אָריגינעלע, לאַכלוטן נײַע פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור מאַניר פון דערציילן, דער נײַער שפּראַך־נוסח. דאָס אַלץ האָט צוגעצויגן צו דעם אייגנאַרטיקן קינסטלער די אויפמערקזאַמקייט פון דער דעמאָקראַטישער אינטעליגענץ און פונעם דעמאָקראַטישן לייענער בכלל.

אָבער אינעם ניסתּרס סטיל איז באַנאַנד מיט פאָלקסטימלעכקייט און מײַסעדיקער פאָלקלאָרישקייט בוילעט אויסגעדריקט געווען די טענדענץ פון סימבאָליזם און אַלעגאָריזם. די געשטאַלטן און סוזשעטן פונעם ניסתּרס מײַסעלעך זײַנען אינגאַנצן פאַרשיפּרירט און אָפּגעשלאָסן. דאָס גיט ניט קיין מעגלעכקייט צו באַקומען אַ פאָרשטעלונג וועגן דעם אידייִשן אינהאַלט פון די ווערק, האַגאַם עס פילט זיך פונדעסטוועגן דעם קינסטלערס נאָענטקייט צום פאָלק און צו דער רעוואָליוציע.

דער סימבאָליזם פונעם ניסתּרס שאַפן האָט אַריבערגעטראָגן די האַנדלונג אין די ווײַטע פאַרגאַנגענע צײַטן פון מיטלאַלטערלעכן ייִדישן מיסטיציזם, פון קאַבאָלע־לעגענדעס, פון ספּיריטואַליסטישע אַגאָדעס, רעליגיעז־מעשׂיכישע, כּסידישע מאָפּסים און זאָגענישן.

די אידייִש־קינסטלערישע צעצווייטקייט און ווידערשפּרעכיקייט פונעם ניסתּר האָט זיך פאַרצויגן אויף לאַנג. דער שרײַבער האָט ניט געקאָנט זיך באַפרײַען פון דער סימבאָליסטישער דערציילערישער פאָרם. אין דער דערציילונג „אין ווײַן־קעלער“ באַרירט דער אַוטאָר אומיטלבאַרע פּראָבלעמען פון דער רעוואָליוציע, אָבער ווידעראַמאָל אין אַזאַ שטאַרק באַדינגלעכער פאָרם, אַז אויך דאָ ווערט שווער צו באַקומען אַ פאָרשטעלונג וועגן דעם רעאַלן אינהאַלט און רעאַלן זין פונעם ווערק.

אָבער די דערפאָלגן פון סאָציִאַליזם און די רעאַלע היסטאָרישע אַנטוויקלונג האָבן געווירקט אויך אויף דעם ניסתּר. דער שרײַבער האָט געמאַכט אַ רײַזע איבערן סאָוועטנפאַרבאַנד, און אין רעזולטאַט פון זײַן באַהעפטונג צו דער רעאַלערווירקלעכקייט דורך אומיטלבאַרער באַאָבאַכטונג פונעם לעבן אין פאַרשיידענע סאָוועטישע שטעט איז געשאַפן אַ בוך פאַרצייכענונגען „דרײַ הויפּטשטעט“ (1934). אין אָט דעם בוך האָט דער אַוטאָר צום ערשטן מאָל פאַר אַלע יאָרן פון זײַן ליטעראַרישער טעטיקייט אַ רעד געטאָן אויף דער שפּראַך פון אַ רעאַליסט, בא איִם האָבן זיך געעפנט די אויגן, און ער האָט פאַר זיך דערזען אַ נײַע וועלט. איצט האָט ער געזען און געמאָלט די ווירקלעכקייט ניט דורך אַ נעפּלהאַפטן הײַטל פון מײַסעס און פאַרשיפּרירטע אַלעגאָרישע רעמאָזים און אָנדײַטונגען, נאָר דורך לעבעדיקע בילדער. דרײַ שטעט — דאָס זײַנען כאַרקאָוו, לענינגראַד, מאָסקווע, דאָס לעבן און די מענטשן, וועלכע עס האָט אין אָט די שטעט געזען און באַשריבן אַ גרויסער קינסטלער.

די העכסטע דערגרייכונג פונעם ניסתּר איז דער צווייבענדיקער ראָמאַן „די משפּחה מאַשבער“ — אַ ברייט בילד וועגן לעבן פון די ייִדן אין לעצטן דריטל פונעם 19־טן יאָרהונדערט. דער פאַרנעם און דער שוווּנג פון דער היסטאָרישער רעאַליסטישער שילדערונג האָבן אַנטפּלעקט דעם קינסטלער ניט בלויז אַלס גרויסן וואָרט־מײַסטער, וואָס מע האָט געקאָנט זען נאָך אין זײַנע סימבאָליסטישע ווערק, נאָר אויך אַלס היסטאָריקער, אַלס דענקער און פּסיכאָלאָג, אַלס גרויסן מײַסטער פון קלעפּן פיגורן, אַלס באַשעפער פון מענטשלעכע טיפּן, געשטאַלטן און כאַראַקטערן. מערקווירדיק איז דאָס, וואָס דער ניסתּר בײַט ראַדיקאַל זײַן שעפערישן מעטאָד — סימבאָליזם אויף רעאַליזם, און צוזאַמען דערמיט נאָך מער ראַדיקאַל — זײַן פילאָסאָפיע פון דער געשיכטע: אידעאַליזם אויף היסטאָרישן מאַטעריִאַליזם. אין דעם ניט לאַנג צוריק פּובליקירטן „נאָכוואָרט און פאָרוואָרט“ צו דעם ראָמאַן „די משפּחה מאַשבער“ (זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“ נומ. 2 פאַרן 1967 יאָר) טרעט דער ניסתּר אַרויס ווי אַ פּובליציסט און אַ היסטאָריקער. און דאָ פילט זיך בוילעט די ווירקונג פון דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור, פונעם מאַרקסיסטישן צוגאַנג צו פאַרשיידענע לעבנס־דערשײַנונגען אויפן שרײַבער און אויף זײַן ראָמאַן. און לעסוף, אינעם ניט פאַרענדיקטן ראָמאַן „אין פינפטן יאָר“ („סאָוועטיש היימלאַנד“ נומ. 1, 1964) זײַנען קלאָר די טענדענצן פונעם שרײַבער, זײַנע שטרעבונגען צו געבן אַ ברייט בילד פונעם לעבן פונעם ייִדישן פאָלק שוין אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אין פעריִאָד פון דער ערשטער פאָלקס־רעוואָליוציע אין רוסלאַנד.

בערגעלסאָן און דער ניסתּר — די גרעסטע מײַסטערס פון דער ייִדישער סאָוועטישער פּראָזע — האָבן געהאַט אַ מעכטיקע ווירקונג אויף די ווײַטערדיקע דורות ייִדישע סאָוועטישע בעלעטריסטן. אין טאָך איז די האַשפּאָע פון די קלאַסיקער געגאַנגען דורך דעם ניסתּר און בערגעלסאָנען. אונטער זייער ווירקונג געפינען זיך אַזעלכע באַדײַטנדיקע שרײַבער, ווי גאָדינער, דאַניִעל, אַלבערטאָן, קיפּניס, ראַבין, שעכטמאַן אאַ.

ש. גאָדינער און מ. דאַניִעל האָבן אָנגעהויבן זייער שאַפונג מיט ווערק אויף דער טעמע מלחמה און רעוואָליוציע. אין זײַן ערשטער זאַמלונג דערציילונגען „טאָג אַנטקעגן“ (1924) האָט שמואל גאָדינער אַרײַנגעפירט אין דער ייִדישער ליטעראַטור די מלחמה־טעמע, וואָס איז בכלל געווען די צענטראַלע אין זײַן שאַפן. דער שרײַבער איז אַליין געווען אַן אָנטיילנעמער פון דרײַ מלחמות. אים איז באַשערט געווען צו פאַלן אויפן שלאַכטפעלד ווי אַ קעמפער אַ סאָלדאַט.

די מלחמה־טעמע איז געווען אַ נײַע אין דער ייִדישער ליטעראַטור, און אין דעם זין איז גאָדינער געווען אַ נאָוואַטאָר. אָבער אין ערשטן בכלל דערציילונגען פונעם יונגן שרײַבער פילט זיך נאָך זײַן הילפלאָזיקייט אין רעאַליזירן און אויספאָרמירן דעם מאַטעריאַל, אין זײַן אידייִשער באַזיניקונג. גאָדינערס מלחמה־דערציילונגען זײַנען, נאַטירלעך, געווענדט קעגן דער אימפּעריִאַליסטישער מלחמה. אין דעם באַשטייט זייער פּאָזיטיווע באַדײַטונג. אָבער דער פּראָטעסט איז דאָ גיכער אַ פּאַציפיסטישער, איידער אַ רעוואָליוציִאָנערער, דעריבער קלינגט אָט דער פּראָטעסט ניט גענוג שטאַרק. דער אַוטאָר באַשרײַבט די קאָשמאַרן און די פּײַנלעכע ליידן פון מענטשן אויף דער מלחמה. ער ווײַזט אָבער נאָך ניט די אויפוואַכונג פונעם רעוואָליוציִאָנערן באַוווּסטזײַן בא די סאָלדאַטישע מאַסן.

די אומדערפאַרנקייט פונעם יונגן אַוטאָר קאָן מען באַמערקן אויך אין דער פאָרם פון זײַנע דערציילונגען, אין וועלכע עס פילט זיך די ווירקונג פונעם ניסתּרס שפּראַך־נוסח. מ. ליטוואַקאָוו האָט אין צוזאַמענהאַנג מיט אָט דער ווירקונג געמאַכט אַ צו קאַטעגאָרישע און דערפאַר ניט גאָר קיין ריכטיקע באַהויפּטונג, אַז „אַ נײַער שרײַבער איז

אונדזער רעוואָליוציע־עפּאָכע האָט ניט אין דער ייִדישער ליטעראטור קיין אנדער קוואל פאר נײַעם סטיל אויסער ניסטערן"[1]. און נאָך ווייניקער גערעכט איז געווען דער קריטיקער, ווען ער האָט מיט דער זעלבער קאטעגאָרישקײַט געשריבן, אז „די בערגעלסאָנישע פאָרם איז שוין איצט טויט און אָפּגעלעבט"[2]. ביידע באהויפּטונגען אנטשפּרעכן ניט דער פאקטישער היסטאָרישער אנטוויקלונג פון דער ליטעראטור. אָבער ליטוואקאָוו האָט ריכטיק פעסטגעשטעלט ניסטערס ווירקונג אף גאָדינערן.

ריידנדיק וועגן דעם ניסטערס ווירקונג, וואָס לאָזט זיך פילן אין גאָדינערס „טאָג אנטקעגן", דארף מען ניט פארגעסן, אז עס האנדלט זיך ניט וועגן דער ווירקונג פונעם סימבאָליזם אלס קינסטלערישער מעטאָד, נאָר וועגן שפּראך־האשפּאָע.

א ווײַטערדיקער וויכטיקער שריט אין שמועל גאָדינערס שאפן איז געווען דער ראָמאן „דער מענטש מיט דער ביקס" (ערשטער בוך — 1928, צווייטער — 1933). דאָ איז דער אווטאָר שוין געקומען צו דער טעמע פון בירגערקריג. ער שילדערט די פּסיכאָלאָגיע פונעם מענטש מיט דער ביקס, דעם סאָלדאט פון דער רעוואָליוציע, דעם רויטן קאָמאנדיר. גאָדינער האָט דעם פארדינסט, וואָס ער האָט געשאפן דאָס געשטאלט פונעם מענטש מיט דער ביקס אין דער ייִדישער ליטעראטור א סאך פריִער, איידער נ. פּאָגאָדין האָט אזא געשטאלט געשאפן אין דער רוסישער ליטעראטור.

אין אָט דעם ראָמאן איז שוין צו באמערקן ש. גאָדינערס שטרעבן צו באפרײַען זיך פונעם ניסטערס ווירקונג. אין א היפּשער מאָס האָט זיך אים דאָס אײַנגעגעבן. די לעבעדיקע געשטאלטן, די שילדערונג פון מענטשלעכער פּסיכאָלאָגיע, די רעאליסטישע אנטוויקלונג פונעם סוזשעט — דאָס אלץ האָט געפירט דעם שרײַבער צו זעלבשטענדיקײַט פון פּאָעטיק און וואָרט. אין טאָך איז „דער מענטש מיט דער ביקס" א רעאליסטיש ווערק מיט באשטימטע רעשטן פונעם ניסטערס שפּראך־ווירקונג.

אין זײַנע ווײַטערדיקע ווערק — „פיגורן אפן ראנד" (1929), „דזשים קופּערקאָפּ" (1930), „מוטערלאנד" (1935), „זאוועלער טראקט" (1938), „אנדערע מענטשן" (1940) — האָט גאָדינער פארנומען זײַן אָרט אין דער ייִדישער סאָוועטישער פּראָזע אלס אייגנארטיקער שרײַבער־רעאליסט.

אין איין צײַט מיט גאָדינערן הייבט אָן זײַן ליטעראריִשע טעטיקײַט מ. דאניִעל (ד. מייעראָוויטש). אין זײַנע דערציילונגען „אין א צײַט אזא" (1922) און „ראכמיִעל נאכט־שוימער" (1925) זײַנען אויך אָפּגעשפּיגלט די געשעענישן פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע און פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. שוין דאָס אליין האָט צוגעצויגן צו אים די אופמערקזאמקײַט פון דער קריטיק. דאָס איז געווען א באווײַז, אז דער שרײַבער שטרעבט אָפּשפּיגלען די גרויסע געשעענישן פון דער עפּאָכע. שוין פון די ערשטע טריט האָט דאניִעל זיך ארויסגעוויזן אלס אן אומרויִקער קינסטלער, וועלכער זוכט און עקספּערימענטירט. די קריטיק (מ. ליטוואקאָוו, שפּעטער — אויך י. בראָנשטיין) האָט צו הארב באגעגנט דעם יונגן שרײַבער, ניט דערשאצנדיק זײַן אָריגינעלן גאנג און שטרעבנדיק אים „צופּעסטיקן" צו עמעצן פון די „גרויסע". אזיוווי אין דער ייִדישער ליטעראטור איז קיינער ניט געווען אונטער דער האנט, איז אלס מוסטער צוגעצויגן געוואָרן... פּילניאק.

איצט איז שוין קלאָר, אז ניט לויט דער פאָרם, ניט לויטן אינהאלט איז דאניִעל ניט אָפּהענגיק פון פּילניאקן. דאניִעלס ווײַטערדיקע שאפונג, זײַנע דערציילונגען „אפן שוועל" (1928) און באזונדערס „יוליס" (1932) האָבן עס באשײַמפּערלעך דערוויזן.

די היסטאָרישע דערציילונג „יוליס" איז, ווײַזט אויס, דאָס סאמע באדײַטנדיקע ווערק דאניִעלס. אין אָט דער דערציילונג דערגרייכט דער אווטאָר א הויכן ניוואָ פון דערהויבענעם רעוואָליוציִאָנערן פּאטאָס, פון ראָמאנטישן סטיל, לאקאָנישער שפּראך, אָנגעשטרענגטן סוזשעט און דראמאטישער שילדערונג פון די געשעענישן — דעם טראגישן אומקום פון די העלדן פון דער רעוואָליוציע. „יוליס" איז ביז הײַנט פארבליבן קימאט א קלאסיש ווערק פון דער ייִדישער סאָוועטישער פּראָזע.

מ. דאניִעל איז א קינסטלער א נאָוואטאָר. ער האָט שטענדיק געזוכט נײַע טעמעס, אידייען, סוזשעטן, זשאנרען און פאָרמעס. אין יעדן ווערק האָט ער געשטעלט נײַע פּראָבלעמעס פון קינסטלערישער שאפונג. ער איז הויפּטזאכלעך א שרײַבער פון פּסיכאָלאָגישן זשאנער: פּרנעם פּסיכאָלאָגישן ראָמאן, פּסיכאָלאָגישער דערציילונג, נאָוועלע און דראמע. ער איז אי א שרײַבער פון דער הײַנטצײַטיקײַט, אי א קינסטלער, וואָס שטרעבט באזיניקן די היסטאָרישע פארגאנגענהײַט, דעם קאמף פאר ציוויליזאציע און קולטור (די פּיעסעס „דערפינדער און קאָמעדיִאנט" — וועגן יאָהאן גוטענבערג, 1937, און „שלוימע מײַמאָן", 1941).

א באדײַטנדיקער מײַסטער פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער סאָוועטישער פּראָזע איז איציק קיפּניס. אָנגעהויבן פון דיכטונג („אָקסן", לידער, 1923) און פון קינדער־דערציילונגען, האָט ער פארנומען אן אָנגעזעען אָרט אין דער ליטעראטור מיט זײַן דערציילונג „כאדאָשים און טעג" (1926). דאָס ווערק האָט ארויסגערופן די סאמע פארשיידענע מיינונגען. דעם אווטאָר האָט מען קריטיקירט פאר נאציִאָנאליזם, פאר אידייִשער באגרענעצטקײַט, אָבער אלע האָבן אנערקענט זײַן קינסטלערישע מײַסטערשאפט, זײַן אייגנארטיקן עכטן רעאליזם פון א שטייגער־שילדערער, פּסיכאָלאָג, הומאָריסט, פאָלקס־דערציילער.

אין זייער אן אייגנארטיקער מאניר פון פאָלקסטימלעכן דערציילערישן פּרימיטיוו מאָלט דער דעמלט נאָך יונגער שרײַבער בילדער פון בירגערקריג. קיפּניסעס ווערק זײַנען נאטירלעך און אָרגאניש אינעם אלגעמיינעם שטראָם פון דער ליטעראטור פון די צוואנציקער יאָרן, וועלכע איז אין אונדזער איבערזיכט פון דער דיכטונג (זע „סאָוועטיש היימלאנד" נומ. 4 פארן 1967 יאָר) כאראקטעריזירט געוואָרן אלס „דיכטונג פון ווײ און מוט". אין קיפּניסעס ווערק איז מיט א גרויסער קראפט אויסגעדריקט אי די פרייד מיט דער רעוואָליוציע, אי דער ווײ אין פארבינדונג מיט די פּאָגראָמען. די באשרײַבונג פונעם פּאָגראָם דערשיטערט מיט איר רעאליזם און אומיטלבארקײַט, אָבער די רעוואָליוציע איז גויווער די נאציִאָנאלע ווידערשפּרוכן און דעם נאציִאָנאלן האס.

„כאדאָשים און טעג" איז געווען א געשעעניש, וועלכע האָט אָנגעזאָגט וועגן דעם, אז אין דער ייִדישער ליטעראטור איז געקומען א גרויסער מײַסטער. דאָס דאָזיקע ווערק איז ביז הײַנט ניט איבערגעשטיגן אין קיפּניסעס שאפן. דערמיט וויל איך ניט זאָגן, אז קיפּניס האָט ניט געהאט

---

[1] מ. ליטוואקאָוו. אין אומרו. צווייטער באנד. פארלאג „שול און בוך", מאָסקווע, 1926, ז. 163.

[2] דאָרטן.

קיין עוואָליוציע. ער האָט אויך שפּעטער געשאַפן א ריי וויכטיקע דערציילונגען וועגן בירגערקריג און פרידלעכער בויונג: „אונטערוועגנס“ (1950), „די שטוב“ (1939) און אנדערע. אין „אונטערוועגנס“ און „די שטוב“ ווײַזט ארויס דער אווטאָר העכערע אידייִשע רײַפקײַט, ווי אין „כאדאָשים און טעג“. גערעכט איז דער קריטיקער כ. לויצקער, וועלכער שרײַבט: „אין קעגנזאַץ צו די מאָמענטן פון נאַציִאָנאַלער באגרענעצטקײַט אין „כאדאָשים און טעג“ טרעט אין „אונטערוועגנס“ בוילעט ארויס דער אלגעמיינמענטשלעכער מאָטיוו, דעם אווטאָרס אויסגעשפּראָכענע סאָוועטישע וועלט־אָנשויונג“[1]. אָבער צום באדויערן זײַנען אויך איצט אין קיפּניסעס שאפן, באזונדערס אין דעם ווערק „מײַן שטעטעלע סלאָוועשנע“, פאראן עלעמענטן פון אידעאליזירן דעם נעכטן באם באשרײַבן יִדישן שטייגער ביז דער רעוואָליוציע. פאָלקלאָריזם ווערט אָפּט אין אָט דעם ווערק פארביטן מיט עטנאָגראפיע, מיט אָנסילען אָן א שיר דעטאַלן פון אלטע רעליגיִעזע מינהאָגים. מע קאָן אויך אָפּמערקן איניקע שטריכן פון נאטוראליסטישער שילדערונג אין באזונדערע קיפּניסעס ווערק.

אין דער יִדישער סאָוועטישער פּראָזע איז קיפּניס באוווּסט אויך אלס מײַסטער פון דער קינדער־דערציילונג. קיפּניסעס דערפאָלג אין דעם זשאנער איז נאטירלעך און אָרגאניש. אלס פּערזענלעכקײַט איז איציק קיפּניס פולשטענדיק א פאָלקסמענטש. די פאָלקסטימלעכקײַט פון דער שילדערונג, די נאִיווע און כיינעוודיקע מאניר פון מאָלן און דערציילן מערסטנטייל אין דער ערשטער פּערזאָן — אָט די שטריכן, וואָס זײַנען אייגנטימלעך זײַן שאַפונג ביכלאל, דערנענטערן אים אף א נאטירלעכן אויפן מיטן געוויינלעכן דערציילערישן סטיל אין זשאנער פון דער קינדער־ליטעראטור.

אין די פילצאָליקע ארטיקלען וועגן קיפּניסעס שאפן איז שטענדיק גערעדט געוואָרן וועגן זײַן פארבינדונג מיט שאָלעם־אלייכעמס טראדיציע. דאָס איז פולשטענדיק ריכטיק. קיפּניס איז דער סאמע באדײַטנדיקער פאָרשטייער פון דער שאָלעם־אלייכעם־טראדיציע אין דער הײַנטצײַטיקער יִדישער סאָוועטישער פּראָזע. מע דארף ניט זײַן קיין פאָרשער, קעדיי דאָס צו באמערקן. די אָרגאנישע פארבינדונג פון קיפּניסעס שאפן מיט שאָלעם־אלייכעמען איז צו זען אין אלץ: אינעם באשרײַבן די שטעטלשע סוויווע און די שטעטלשע פּסיכאָלאָגיע, אין דער פאָלקסטימלעכקײַט פון דער שילדערונג, אין דעם לירישן הומאָר, ענדלעך — אין דער ליבע צום פאָלק, צו דעם ארבעטסמענטשן און באזונדערס צו די קינדער.

אָבער באנאנד דערמיט וואָלט איך געוואָלט אויך אונטערשטרײַכן קיפּניסעס אומאָפּהענגיקײַט פון זײַן געניִאלן פאָרגייער. פאָלקסטימלעכקײַט? — יאָ, אָבער שוין אן אנדערע, ניט די, וואָס בא שאָלעם־אלייכעמען. קאָמיזם? הומאָר? — אומבאדינגט. אָבער אויך ניט דער, וואָס בא שאָלעם־אלייכעמען. ניט אזא אָנשטעקנדיקער פריילעכער געלעכטער, ניט אזא אוניווערסאלער, ניט אזא זיגרײַכער, — א מער טרויעריקער, עפּשער א מער נאִיווער. עס האנדלט זיך טאקע בלויז וועגן טראדיציע און ניט וועגן דירעקטער ווירקונג. איציק קיפּניס איז א קינסטלער א נאָוואטאָר אין אלץ: אין זײַן קינסטלערישער קראפט און אין זײַנע שוואכקײַטן, אין זײַן אינהאלט און אין זײַן פאָרם.

אין גאָדינערס, דאניִעלס און קיפּניסעס ווערק איז, ווי מיר האָבן געזען, דער אָנהייב פון דער יִדישער סאָוועטישער פּראָזע פארבונדן מיט די טעמעס פון מילכאָמע, רעוואָליוציע און בירגערקריג. אין די ווײַטערדיקע יאָרן טרעטן אָפּ די דאָזיקע טעמעס דאָס ערשטע אָרט אנדערע טעמעס און פּראָבלעמען פון דעם סאָוועטישן לעבן: דער איבערבויונג פון דער עקאָנאָמיק און קולטור אין לאנד, דער מי פון די יִדישע פאָלקסמאסן אין דער אינדוסטריע, אין דער לאנדווירטשאפט, אינעם רעקאָנסטרויִרטן שטעטל, דער דערציִונג פונעם נײַעם מענטשן אין שול, אין קאָמיוג, די ווידערשפּרוכן אין די באדינגונגען פון נעפּ אאוו.

אין די צוואנציקער און דרײַסיקער יאָרן זײַנען די נײַע טעמעס פון דער סאָוועטישער ווירקלעכקײַט אָפּגעשפּיגלט געוואָרן אויך אין די ווערק פון אווראָם קאהאן, וועלכער האָט אָנגעהויבן זײַן ליטערארישן וועג מיט א זאמלונג לידער „קארבן“ (1923), אָבער אינגיכן זיך איבערגעשלאָסן אף פּראָזע. א. קאהאן האָט צוגעצויגן צו זיך די אופמערקזאמקײַט מיט דער דערציילונג „מענטשן פון אלקער“ (1927), מיט די נאָוועלן „א כאזער“ (1928), „בראָכשטיקער“ (1930), „אוואנגארד“ (1931), מיט די ראָמאנען „אינזשעניערן“ (1932), „ארן ליבערמאן“ (1935), מיט איניקע דראמאטישע ווערק („ענערגיע“ אאא.). ניט געקוקט אף באשטימטע עלעמענטן פון סכעמאטיזם אין דער שילדערונג און בלאסקײַט פון דער שפּראך, האָבן א. קאהאנס ווערק ארויסגערופן אן אינטערעס מיט זייער אקטועלקײַט און אין דער זעלבער צײַט מיט דער היסטאָרישער טעמע אין זיי.

א כאראקטעריסטישע פיגור אין דער פּראָזע פון די צוואנציקער און דרײַסיקער יאָרן איז געווען שמועל פּערסאָוו, וועלכער האָט באריִרט א ריי אקטועלע פּראָבלעמען פון דער סאָוועטישער ווירקלעכקײַט אין דער דערציילונג „שערבלעך“ (1922), אין דער זאמלונג „קאָרנברויט“ (1928), אין ראָמאן „קאָנטראקטאציע“.

אין דער צווייטער העלפט פון די צוואנציקער און אין די דרײַסיקער יאָרן האָט די יִדישע סאָוועטישע פּראָזע זיך אנטוויקלט מיט גיכע טעמפּן. אין דער ליטעראטור זײַנען מיט ווערק אף סאמע פארשיידענע טעמעס געקומען צענדליקער פּראָזאִיקער: א. אבטשוק, מ. אראָנסקי, ב. אָרשאנסקי, פּ. אלטמאן, י. ריוועס, ש. שקאראָווסקי, צ. דאָלגאָפּאָלסקי, מ. גאָלדשטיין, אי. גרינזײַד, מ. דעכטיאר, כ. זילבערמאן, ל. לערמאן און אנד. באזונדערס טיילן זיך אויס מ. אלבערטאָן און ה. אָרלאנד. אין זייער פּראָזע איז אָפּגעשפּיגלט די צײַט־באוועגונג, די סאָציאל־עקאָנאָמישע פּראָצעסן, די אקטועלע פראגן פון דער סאָוועטישער ווירקלעכקײַט אין זייער נאציִאָנאלן אספּעקט.

אין ראָמאן „הרעבליעס“ (1929) האָט ה. אָרלאנד געשילדערט וואָרהאפטיק און מײַסטעריש דעם פּראָצעס פון איבערגעשטאלטיקן די נאטור און דעם מענטשן. באשרײַבנדיק די בויונג, ווײַזט דער שרײַבער די סאָלידארישע ארבעט פון די פאָלקסמאסן פון פארשיידענע נאציִאָנאליטעטן, זייער שעפערישע מי און געמיינזאמע אָנשטרענגונגען. אינעם ווערק זײַנען פאראן עכט קינסטלערישע מאסן־סצענעס, כאראקטעריסטישע פאר יענער צײַט לעבנס־קאָנפליקטן. דער אווטאָר רעפּראָדוצירט געלונגען פאָלקס־רייד, אנטפּלעקנדיק די פּסיכאָלאָגיע פון די מאסן.

אן ערנסטע דערגרייכונג פון ה. אָרלאנדן איז דאָס געשטאלט פונעם אינזשעניער גאָרן. דאָס איז א נײַער פּערסאָנאזש, וואָס איז ביז „הרעבליעס“ ניט געווען אין דער יִדישער ליטעראטור. דאָס געשטאלט פונעם אינ־

[1] כאִים לויצקער. איציק קיפּניס. „סאָוועטיש היימלאנד“ נומ. 2, 1966, ז. 137.

זשעניער גאָרן פאַרמאָגט בולעטע שטריכן פון א נײַעם מענטשן מיט זײַנע, בלויז אים אייגנטימלעכע, לאָגישע און פסיכאָלאָגישע באַזונדערקײַטן און אייגנשאַפטן. דעם אינזשעניער גאָרנס גענג, זײַן האַנדלונג באַזירן זיך אַף א רעאַלן באָדן אין דער אַנטוויקלונג פון דער ווירקלעכקײַט. ה. אָרלאַנד האָט געשאַפן א געשטאַלט אָן סכעמאַטיזם, אָן צוגעטראַכטע טוגנטן און אָן צוגעטראַכטן בייז, ווי עס האָט דעמאָלט געפּריידיקט די ראַפּישע און וווּלגאַר־סאָציאָלאָגישע קריטיק.

ה. אָרלאַנדס צווייטער ראָמאַן — „אַגלאָמעראַט“ (1935), אין וועלכן דער שרײַבער פאַרמעסט זיך צו שילדערן דאָס פּראָדוציר־לעבן אַף א גרויסן מעטאַלורגישן זאַוואָד, האָט זיך ווייניקער אים אײַנגעגעבן, הגם אויך דאָ קאָן מען זיך אָנשטויסן אַף די שטריכן פון זײַן גלענצנדיקער באַגאַבונג. אַלנפאַלס, איז „אַגלאָמעראַט“ ניט געוואָרן אַזאַ וויכטיקע געשעעניש אין דער ליטעראַטור, ווי „הרעבליעס“.

א וויכטיקע דערשײַנונג אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור איז געווען די שאַפונג פון מ. אַלבערטאָן, זײַנע ווערק „בירָאָבידזשאַן“ (1929), „פיאָדאָר זובקאָוו“ (1930) און „שאַכטעס“ (1932). אַלבערטאָנס ווערק זײַנען געווען ענג פאַרבונדן מיטן לעבן. דאָס בוך „בירָאָבידזשאַן“ איז אַנטשטאַנען ווי א סעריע פאַרצייכענונגען, וועלכע דער שרײַבער האָט געמאַכט, בײַס ער האָט באַגלייט איינע פון די ערשטע פּאַרטיעס איבערוואַנדערער אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט. די פאַרצייכענונגען זײַנען אַריבערגעוואַקסן אין א בעלעטריסטיש ווערק. דער שרײַבער האָט געוויזן די פסיכאָלאָגיע פון די איבערוואַנדערער אַף א וויכטיקן ווענדפּונקט פון זייער לעבן און פון זייער גורל. מענטשן האָבן זיך אויפגעהויבן פון די אַלטגעזעסענע ערטער, ווּ עס האָבן געוווינט אין משך פון הונדערטער יאָרן זייערע עלטערן און אור־עלטערן, ווּ זיי אַליין זײַנען געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן. איצט האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט אין א ווײַטן פרעמדן קאַנט בויען אַלץ אָפּסנײַ אין האַרבע פאַר זיי באַדינגונגען. אָט די פּסיכאָלאָגיע פון בענקשאַפט באַם צעשיידן זיך מיטן אַלטן, צו וועלכן די איבערוואַנדערער זײַנען פון קינדווײַז געוווינט געוואָרן און וואָס איז זיי טײַער אַפילע בלויז מיט די קינדער־זיכרוינעס, פון איין זײַט, און דאָס אומגעדולדיקע וואַרטן אַפן נײַעם, אומבאַוווּסטן, עפשער אַפילע שרעקלעכן, די פּסיכאָלאָגיע פון האָפענונג און אומרו, פון דער צווייטער זײַט, האָט דער יונגער אויטאָר אויפגעדעקט זייער געלונגען, פאַרשרײַבנדיק טאָג נאָך טאָג די שמועסן, די געדאַנקען, די אויפירונג פון יעדן איבערוואַנדערער. אַלבערטאָן מאָלט אינעם ווערק ניט איין מענטשן, נאָר א מאַסע מענטשן, ניט דעם גורל פון איינעם, נאָר דעם גורל פון א קאָלעקטיוו, ניט קיין לעבנס־געשעעניש, נאָר א לעבנס־פּ ר אָ צ ע ס פון דער ווירקלעכקײַט. זײַן בוך פאַרצייכענונגען איז ניט קיין זאַמלונג פון באַזונדערע בילדער און דעטאַלן, נאָר א פאַרגאַנצטע פּאַנאָראַמע.

דאָס אַנדערע בוך אַלבערטאָנס, וואָס האָט אויך צוגעצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקײַט פונעם לייענער און פון דער קריטיק אין יענער צײַט, איז געווען „שאַכטעס“. אין טאָך איז אין „שאַכטעס“ אָפּגעשפּיגלט דער זעלבער פּ ר אָ צ ע ס פון איבערדערציִען דעם מענטשן דורך אַרבעט, ווי אין „בירָאָבידזשאַן“. אין ביידע ווערק נעמט דער שרײַבער מענטשלעכן „האַלב־פאַבריקאַט“, אויב מע קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, און ווײַזט זײַן איבערגעשטאַלטונג אין א פולווערטיקן „פּראָדוקט“ דורך באַהעפטן אים מיט דער סאָציאַליסטישער מי. אין „בירָאָבידזשאַן“ ווײַזט דער אויטאָר, וויאַזוי די דעקלאַסירטע שטעטלשע מאַסע פאַרט איבערמאַכן די האַרבע נאַטור פון דער ווײַטמיזרעכדיקער טײַגע און איר אייגענע מענטשלעכע נאַטור. אין „שאַכטעס“ פאָרט אויך אַזאַ מין שטעטלדיק דעקלאַסירט באַכערל קיין דאָנבאַס, קעדיי אין דער שאַכטע „ביס“ אַרויסבאַקומען קוילן פאַרן לאַנד און ווערן א „פּריווילעגירטער אַריסטאָקראַט“, א שאַכטיאָר־פּראָלעטאַריער.

אַלבערטאָנס שאַפונג איז געווען וויכטיק פאַר דער ליטעראַטור פון יענער צײַט ניט בלויז מיט דער אַקטועלקײַט פון דער טעמע, ניט נאָר מיט דעם געפיל פון הײַנטצײַטיקײַט. אַלבערטאָנס ווערק האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַן אייגנאַרטיקן קינסטלערישן סטיל און אָריגינעלער מאַניר פון דערציילן. דער אויטאָר פון אָט די שורעס האָט דעמאָלט אין אַן אַרטיקל באַצייכנט אַלבערטאָנס קינסטלעריש־שעפערישע אייגנאַרטיקײַט אַלס פּ ל ע ב ײ ִ ש ע ר סטיל, אַלס פּלעבייִשע מאַניר פון שילדערן דאָס לעבן און זײַנע דערשײַנונגען. דער שרײַבער גיט אין די אַנטשיידענע מאָמענטן פון דער שילדערונג דאָס וואָרט זײַנע פאָלקס־טיפּן, אַנטפּלעקנדיק אַזויאַרום זייער „גראָבלעכע“ פּסיכאָלאָגיע, זייער „גראָבלעכן“ אַרט דענקען און זייער „גראָבלעכע“ שפּראַך, אָדער ער אַליין הייבט אָן צו דערציילן אין אַזאַ פּלעבייִשן פאָלקס־נוסעך, ווי זײַנע פּערסאָנאַזשן.

אין דער פּראָזע פון די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן דאַרף אָפּגעמערקט ווערן די שאַפונג פון פּײַוול סיטאָ, וועלכער האָט באַרײַכערט די ייִדישע ליטעראַטור מיט נײַעם מאַטעריאַל און מיט א נײַער טעמע פון קינדערשער פאַרוואָרלאָזטקײַט. אָט די טעמע איז ביז פּ. סיטאָ געווען א פאַרוואָרלאָזטע אין דער ייִדישער ליטעראַטור. טאַלאַנטפול, לעבעדיק און הומאָרפול דערציילט סיטאָ וועגן טרויעריקן און דראַמאַטישן. ער פאַלט אין ערגעץ ניט אַרײַן אין סענטימענטאַליטעט, אין קלאָגערײַ, אין טרערן, צו וועלכע עס זײַנען געניגט אייניקע אויטאָרן, וואָס שרײַבן אַף אָט דער טעמע. דאָס דערקלערט זיך, ווײַזט אויס, מיטן הומאָר, וואָס באַשײַנט אַלע סיטאָס ווערק: „דערציילונגען“ (1930), „אָט דאָס זײַנען מיר“ (ראָמאַן, 1932), „פּאַראָדיעס“ (1934) און אַנדערע. סיטאָס הומאָר איז פונקציאָנעל וויכטיק אין זײַן שאַפונג. דאָס קאָמישע „נייטראַליזירט“, אַזוי צו זאָגן, אָדער ריכטיקער — „פּאַראַליזירט“ דאָס סענטימענטאַלע און האַרצרײַסנדיקע, אַרויסרוקנדיק דאָס רעאַלע, דאָס לעבנסוואָרהאַפטיקע און עמעסדיקע. סיטאָס געלעכטער ווערט דערגרייכט דורך הומאָר פון וואָרט, הגם עס טרעפט זיך אויך ניט זעלטן קאָמיזם פון סיטואַציע, וואָס רופט אַרויס געלעכטער דעריקער טאַקע אַדאַנק דער אייגנאַרטיקער רייד־מאַניר פונעם דערציילער.

סיטאָס פּאַראָדיעס אַף א גאַנצער ריי שרײַבער זײַנען עמעסע שעדעווערן אין דער קונסט פון פּאַראָדירטע רייד און פּאַראָדירטן סטיל. אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור איז פּײַוול סיטאָ דער מײַסטער פון ליטעראַרישער פּאַראָדיע.

באַנאַנד מיט אי. קיפּניסן, ש. גאָדינערן, מ. דאַניִעלן, ה. אָרלאַנדן, מ. אַלבערטאָנען, פּ. סיטאָ זײַנען אין די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן געקומען אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור א ריי פּראָזע־מײַסטערס, וועלכע זײַנען ביז איצט שעפעריש אַקטיוו. אין זייער שאַ־

פונג זייַנען מיט היפשן טאלאנט געשטעלט און קינסטלעריש רעאליזירט גרונטיקע פראָבלעמען פונעם לעבן.

עלי שעכטמאן האָט טיף אָפגעשפיגלט דעם שווערן אונטערגאנג־פראָצעס אינעם שטעטל, די פסיכאָלאָגישע ווידערשפרוכן צווישן אלטן און נייַעם אין לעבן אפן פאָן פון דער איבערגעשטאלטיקונג פון דער ווירקלעכקייַט, די דראמאטישע קאָליזיעס און די לאָגיק פונעם אָפגיין פון דעם אלטן שטייגער און פונעם אופקום פון א נייַעם שטייגער. שעכטמאנס בוך דערציילונגען „אפן שיידוועג“ (1930) האָט געמאכט א שטארקן אייַנדרוק מיט דעם טרעפלעכן קינסטלערישן אנאליז פון די ווידערשפרעכיקע דערשייַנונגען פון דער ווירקלעכקייַט, מיט דער מייַסטערשאפט פון מאָלן פסיכאָלאָגישע פראָצעסן און מיט דעם אייַנדרוקספולן קינסטלערישן שפראַך־נוסח.

די קריטיק האָט ריכטיק אָפגעשאצט שעכטמאנס מייַסטערשאפט, אָנווייַזנדיק אייַנצייַטיק אף דער ניט גענוגנדיקער אידייִשער רייַפקייַט פונעם יונגן קינסטלער. עס זייַנען אויך געווען ראפישע און ווולגאר־סאָציִאָלאָגישע פארקריפלונגען אין דער אָפשאצונג פון שעכטמאנס ווערק.

אין ראָמאן „פאראקערטע מעזשעס“ (ערשטער בוך — 1932, צווייטער — 1936) האָט עלי שעכטמאן געשאפן א ברייט בילד פון די סאָציִאל־היסטאָרישע פראָצעסן אינעם אוקראַיִנישן דאָרף, ארויסווייַזנדיק דערבייַ באהאוונטקייַט אין שטייגער און אין דער פסיכאָלאָגיע פונעם אוקראַיִנישן פויערטום, באזונדערס פון דער אוקראַיִנישער יוגנט.

א וויכטיקע דערשייַנונג פון דער ליטעראטור אין דער צווייטער העלפט פון די צוואנציקער יאָרן איז געווען ע. גאָרדאָנס טאלאנטפולע דערציילונג „ווילדגראָז“ (1927), אין וועלכער דער אווטאָר האָט דער ערשטער אין דער ייִדישער ליטעראטור געוויזן דאָס לעבן פונעם ייִדישן פויערטום. די קריטיק האָט הויך אָפגעשאצט אָט דאָס ווערק. דאָס פויערישע לעבן אין אלטן ייִדישן דאָרף איז אָפגעשפיגלט אויך אין גאָרדאָנס בוך דערציילונגען „אף דער גרינער ערד“ (1930), אין די ראָמאנען „אינגולבאָיאר“ (1936), „דרייַ ברידער“ (1938).

דעם פראָצעס פון קאָלעקטיוויזאציע אין אלטן ייִדישן דאָרף האָט ברייט אָפגעשפיגלט נאָטע לוריע אין זייַן באוווסטן ראָמאן „דער סטעפ רופט“ (1932), וועלכער האָט ארויסגערופן פילצאָליקע באגייַסטערטע אָפרופן. סייַ די לייענער, סייַ די קריטיק האָבן איינמוטיק געהאלטן דאָס ווערק פאר א גרויסער דערגרייכונג פון דער ייִדישער ליטעראטור.

דער פראָזע־מייַסטער י. ראבין האָט באריַיכערט די ייִדישע ליטעראטור מיט צוויי ביכער דערציילונגען: „אין לייַטערונג“ (1930), „געדרייטע שליאכן“ (1930) און מיט די ראָמאנען „שוועסטערקינדער“ (1930), „בוזי דובין“ (1932), „דער וועג איז אָפן“ (1935). אין די ראָמאנען מאָלט דער אווטאָר די ניט ווייַטע פארגאנגענהייַט, די געשיכטע פונעם ייִדישן פאָלק ערעוו און אין די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָליוציע. די אָפשפיגלונג פון דער רעוואָליוציִאָנערער באוועגונג — אָט דאָס איז ראבינס וויכטיקסטער אופטו, מיט וועלכן ער האָט פארנומען אן אָנגעזעען אָרט אין דער ייִדישער סאָוועטישער פראָזע.

אין די דרייַסיקער יאָרן הייבט אָן זייַן וועג אין דער ליטעראטור דער טאלאנטפולער פראָזע־שרייַבער ה. דאָבין. אין די ווערק „ארום א מיל“ (1931) און „אפן אמור“ (1933) האָט ער ארויסגעוויזן ווערטפולע אייגנשאפטן פון א פסיכאָלאָג א רעאליסט, וועלכער מאָלט וואָרהאפטע בילדער פונעם לעבן.

אין די זעלבע יאָרן טרעט ארויס אויך דער אייגנארטיקער פראָזאִיקער נ. זאבארע מיט א ריי אָריגינעלע לויט דער פאָרם ווערק: „ראדיאָ־ראָמאן“ (1932), „נילאָווקע“ (1930), „מענטשן און צייַטן“ (פארצייכענונגען, 1938), „פון לאנד צו לאנד“ (דערציילונגען, 1938), „דער פאָטער“ (ראָמאן, 1940). זאבארע טיילט זיך אויס מיט זייַן שטענדיקן זוכן נייַע פאָרם און נייַעם אינהאלט.

ה. פאָליאנקער האָט געשאפן אין די דרייַסיקער יאָרן אייגנארטיקע דערציילונגען און ראָמאנען וועגן דעם לעבן פון די ייִדישע ארבעטנדיקע אין שטעטל און אין דאָרף: „קוילן“ (1932), „אף יענעם ברעג“ (דערציילונגען, 1934), „די צווייטע באגעגעניש“ (ראָמאן, 1937), „אף צעבליטע סטעפעס“ (פארצייכענונגען וועגן קאלינינדאָרפער ראיאָן, 1938), „שויעל דער זיפנמאכער“ (ראָמאן, 1938), „שמייַע גאזלען“ (ראָמאן, 1940) און אנדערע. אָט די אלע ווערק צייכענען זיך אויס מיט פאָלקס־הומאָר, וועלכער אנטשפרעכט די אָפטימיסטישע שטימונגען און דער ארבעטספרייד פון די פערסאָנאזשן.

א באמערקבארע פיגור פון דער פראָזע איז שוין אין יענע יאָרן דער באגאבטער ש. גאָרדאָן, וועלכער איז געקומען אין דער ליטעראטור מיט זייַנע ביכער דערציילונגען „צווישן אזאָווער און שווארצן“ (1934), וועגן דעם לעבן און דער ארבעט פון די ייִדישע פויערים אין קרים, און „פאטריִאָטן“ (1936) — וועגן דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט.

אין דער צווייטער העלפט פון די דרייַסיקער יאָרן טרעט ארויס י. פאליקמאן מיט זייַנע דערציילונגען „צווישן סאָפקעס“ (1937), „אָנהייב פרילינג“ (1940). אין די דאָזיקע ווערק אנטפלעקן זיך שוין די גרונט־שטריכן פונעם אווטאָרס סטיל — רעאליזם, ראָמאנטישקייַט און דראמאטיזם פון סוזשעט.

ט. גען, א שרייַבער מיט א געזונטן כוש צום רעאלן לעבן, האָט צוגעצויגן צו זיך די אופמערקזאמקייַט פונעם לייענער מיט זייַן זאמלונג „נאָוועלן“ (1932), אין וועלכער וויכטיקע לעבנס־פראָבלעמען ווערן באלויכטן מיט הומאָר, מיט א שטילן און ווייכן איראָנישן שמייכל פונעם דערציילער.

דער באגאבטער ב. מילער איז באוווסט געוואָרן מיט זייַנע דערציילונגען „מישמוירעס בייַטן זיך“ (1931) און „אונטערן רעגנבויגן“ (1934).

דער קענער פונעם דאָרפישן לעבן כ. מעלאמוד שאפט זייַן ראָמאן „בליִענדיקע אקאציעס“ (1938), ווו ער גיט א נייַע קינסטלערישע טראקטירונג פון דער פראָבלעם פון אינטערנאציִאָנאלער סאָלידאריטעט פון די ארבעטנדיקע אין סאָוועטישן דאָרף.

אין אָט די יאָרן האָט דער פראָזע־מייַסטער זיסקינד לעוו, וועלכער איז געקומען אין ראטנפארבאנד פון אויסלאנד, פארעפנטלעכט דעם ראָמאן „פיר מענטשן זוכן די רעוואָליוציע“ (1933) און א בוך דערציילונגען „פון וועלט צו וועלט“ (1936).

ניט ווייניק פראָזע־ווערק האָבן געשאפן די דיכטער, צווישן זיי ווערק, וועלכע וועלן בלייַבן אף שטענדיק אין דער ליטעראטור מיט זייער הויכער מייַסטערשאפט. אין דער ערשטער ריי דארף דאָ אָפגעמערקט ווערן מ. קולבאקס „זעלמעניאנער“ (ערשטער בוך — 1931, צווייטער בוך — 1933), פ. מארקישעס ראָמאנען „דאָר־אויס, דאָר־אייַן“ (ערשטער בוך — 1929, צווייטער בוך — 1941) און „איינס־אף־איינס“ (1934), ל. קוויטקאָס „ליאם און פעטריק“ (1930) און די פראָזע פון א. קושניראָוו, ע. פינינ־

בערג, כ. גילדין, ב. אָליעווסקי, ה. בלאָשטיין, א. גאָנטאַר אאַ.

אונטער דער ווירקונג פון די געשעענישן האָבן אויך די עלטערע שרײַבער — ז. ווענדראָף, מ. טײַטש, יו. יאָפּע, ליפּמאַן־לעווין, יעדידע מארגאָליס געשאפן א ריי נאָוועלן, דערציילונגען און ראָמאנען אף פארשיידענע טעמעס פונעם סאָוועטישן לעבן.

א באזונדער אָרט פארנעמט צווישן די עלטערע שרײַבער נויעך לוריע. ער האָט פארעפנטלעכט די ביכער דערציילונגען „בריקן ברענען" (1929), „זאוול די פיס" (1932), „עלטער מיט א נאכט" (1934), „א געוויינלעך לעבן" (1939), „איינער פון דער שערענגע" (1936) און די ראָמאנען „שויעל־הערש" (1937), „עליע יאָרש" (1938), וועלכע זײַנען, ליידער, פון דער קריטיק ביז איצט ניט אָפּגעשאצט געוואָרן. לויטן אינהאלט און לויט דער פאָרמעלער מײַסטערשאפט זײַנען די דאָזיקע ווערק געווען געשעענישן אין דער ייִדישער פּראָזע. דער שרײַבער האָט געשאפן הויך־קינסטלערישע בילדער פונעם ייִדישן לעבן אינעם איבערגאנג־פּעריאָד, ווען עס האָבן זיך געביטן די יעסוידעס פונעם שטייגער. מיט א שארף אויג פון אן עכטן קינסטלער זעט לוריע די פּראָצעסן פון אונטערגאנג פונעם אלטן („בריקן ברענען") און דעם אופקום פונעם נײַעם סיידער („עליע יאָרש"). די קריטיק פון יענער צײַט האָט אָבער ניט געזען אין דער פולער מאָס די פּאָזיטיווע באדײַטונג פון נויעך לוריעס שאפונג, און דער דאָזיקער בלויז מוז איצט פארפולט ווערן.

נויעך לוריעס לעצטער ראָמאן „אין וואלד" („סאָוועטיש היימלאנד" נומ. 7—9 פאר 1966) האָט אים געבראכט פולשטענדיקע אנערקענונג. אינעם דאָזיקן ווערק איז אָנגעמאָלט א ברייט בילד פונעם ייִדישן לעבן אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט.

„אין וואלד" איז א היסטאָריש־קינסטלעריש ווערק וועגן לעבן פון די האָרעפּאשנע פאָלקסמאסן — די סמאָליארעס, די בויער, די טעפּער. געשריבן איז דער ראָמאן מיט א געניטער האנט פון א גרויסן פּראָזע־מײַסטער. לויט דער קראפט פון דער קינסטלערישער שילדערונג, לויט דער ברייטקײַט פון די געמאָלטע בילדער, לויט דער טיפקײַט פון פּסיכאָלאָגישן אנאליז, לויט דער לירישער עמאָציאָנעלקײַט און נאטור־געמעלן שטעלט זיך לוריעס „אין וואלד" אין איין ריי מיט די בעסטע ווערק פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור פאר אלע פופציק יאָר פון איר עקזיסטענץ.

די ייִדישע סאָוועטישע פּראָזע אין די ערשטע צוויי צענדליק יאָר רעוואָליוציע, ניט געקוקט אף די שוועריקײַטן אין אָנהייב פון איר וועג, קאָן פארצייכענען ניט ווייניק דערפאָלגן און דערגרייכונגען. דער איקער באשטייט אין דעם, וואָס די פּראָזע האָט גויווער געוועזן איר אָפּשטיין פון דער רעוואָליוציאָנערער סאָוועטישער ווירקלעכקײַט, זי האָט פארברייטערט די ראמען פון איר אידייִשן אינהאלט, פּארטיפערנדיק אלזײַטיק די פּראָבלעמען פון נאציאָנאלן און אינטערנאציאָנאלן סאָוועטישן מעהוס. די ייִדישע סאָוועטישע פּראָזע איז געווען אין די דרײַסיקער יאָרן א פּראָזע פון גרויסע אידייען. אזעלכע אידייען האָט די פּאראָקטיאבערדיקע ליטעראטור, נאטירלעך, ניט געהאט און ניט געקאָנט האָבן.

די ייִדישע סאָוועטישע פּראָזע איז געוואָרן א פאָלקסטימלעכע אין פולן זין פון וואָרט. איר הויפּט־העלד איז דער סאָוועטישער מענטש, דער עכטער פאָלקסמענטש, וואָס בויט א נײַע וועלט.

דער סטיל פון דער ייִדישער סאָוועטישער פּראָזע איז — רעאליזם. אין דעם זין זעצט זי פאָר די בעסטע טראדיציעס פון דער פאָלקס־ליטעראטור ביז דער רעוואָליוציע, די טראדיציעס פון די קלאסיקער מענדעלע, שאָלעם־אליי־כעם, י.־ל. פּערעץ, פאראייניקנדיק די פּרינציפּן פון רעאליזם, דעמאָקראטיזם, הומאניזם און פאָלקסטימלעכקײַט מיט די נײַע פּרינציפּן פון דער סאָוועטישער ליטעראטור, מיט די פּרינציפּן פון דער רעוואָליוציע און סאָציאַליזם.

די ייִדישע סאָוועטישע פּראָזע איז א פּראָזע פון ברייטע זשאנרען: עפּאָפּיי, ראָמאן, פאנאנדערגעוויקלטע דערציילונג. די גרויסע פאָרם אירע אנטשפּרעכט דער גרויסקײַט פון די אידייען, די אלוועלטלעכע מאסשטאבן פון די היסטאָרישע געשעענישן. דער ראָמאן אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור פון די צוואנציקער און באזונדערס פון די דרײַסיקער יאָרן איז פארשיידנארטיק לויטן אינהאלט און לויטן סטיל. דאָס איז א ראָמאן א היסטאָרישער, א שטייגערישער, פּסיכאָלאָגישער, פילאָסאָפישער. און אָט די פארשיידנארטיקײַט אנטשפּרעכט אויך דער רײַכקײַט און פילארטיקײַט פונעם סאָוועטישן לעבן.

י. ליובאָמירסקי

די ייִדישע סאָוועטישע דראַמאַטורגיע

אין אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט די ייִדישע דראַמאַטורגיע זיך געפונען אויפן שיידוועג. אַלץ ברייטער האָבן גענומען זיך עפענען די טירן פונעם פּראָפעסיאָנעלן און נאָך מער — פונעם זעלבסטעטיקן ייִדישן טעאַטער פאַר שאָלעם־אַליכעמס רעאַליסטישער דראַמאַטורגיע. ס'האָבן פאַרגעזעצט זייער זיגרייכן מאַרש גאָלדפאַדענס מוזיקאַלישע קאָמעדיעס. די פּראָגרעסיווע אינטעליגענץ, וועלכע האָט געטרוימט וועגן אַ ייִדישן קינסטלערישן טעאַטער, איז געווען סקעפּטיש געשטימט בנוגע דער דעמאָלט זייער פּאָפּולערער שטייגער־דראַמאַטורגיע. יאַקאָוו גאָרדין, דאָוויד פּינסקי, לעאָן קאָברין און זייערע נאָכפאָלגער האָבן געמוזט אין אַ געוויסער מאָס זיך אַ רוק טאָן אין אַ זייַט און אָפּראַמען דעם פּלאַץ פאַר אַן אַנדער סאָרט דראַמע. י.־ל. פּערעץ, שאָלעם אַש, פּערעץ הירשביין, א. ווייַטער האָבן פּרעטענדירט צו פאַרנעמען דעם אויבנאָן אינעם רעפּערטואַר פון די טעאַטער־סטודיעס, וואָס האָבן נאָכן זיג פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע זיך געפּרוכפּערט און געמערט.

די פאָרגעשריטענע יוגנט האָט מיט נייַגער אויפגענומען ביינוש שטיימאַנס „מאָשיִעך בען יויסעף", „דאָס רויטע קינד" און „באַם טויער". אָבער דער ברייטער מאַסן־צושויער האָט קנאַפּ היספּייַלעס אַרויסגעוויזן בנוגע דער סימבאָליסטישער דראַמע. דאָס האָט זיך געלאָזט שפּירן נאָך אין 1910, ווען ס'איז געווען טעטיק פּערעץ הירשביינס טרופּע. עס איז קעדייַ צו באַטאָנען, אַז אין 1920, ווען די קיִעווער טעאַטער־סטודיע „קולטור־ליגע" איז געווען זיכער, אַז מיט דער סצענישער אינטערפּרעטאַציע פון „מאָשיִעך בען יויסעף" וועט זי מאַריש־אוילעם זייַן, האָבן אויטאָריטעטע טעאַטער־טוער געגעבן דעם קאָלעקטיוו אָנצוהערן, אַז עס האָט ניט געלוינט צו פאַרשווענדן אַזויפיל צייַט אויף אָט דעם מיט מיסטיק דורכגעזאַפּטן דראַמאַטורגישן שטאָף.

אַ דורכפאַל איז געווען אויך א. ווייַטערס סימבאָליסטישע דראַמע „פאַרטאָג", וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אינעם מאָסקווער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער. י. דאָברושין האָט אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן אָנגעשריבן אַ סימבאָליסטישע פּיעסע „גאָט דער פייַער", נאָר זי איז צום צושויער ניט דערגאַנגען. ס'איז געווען קלאָר, אַז עס איז נייטיק אַ נייַע דראַמאַטורגיע מיט אַ נייַעם אינהאַלט, אַ דראַמאַטורגיע, וואָס אָטעמט מיט היינטצייַטיקייַט.

דער יונגער ייִדישער סאָוועטישער טעאַטער האָט אַזעלכע קינסטלעריש־רייַפע פּיעסן ניט געהאַט. די געציילטע דראַמאַטישע ווערק אויף דער טעמע פון בירגערקריג — מ. דאַניִעלס „אין ברען", ע. פינינבערגס „יונגען" — זייַנען אויפגעפירט געוואָרן אין כאַרקאָווער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער, אָבער אָן דערפאָלג, ווייַל דאָס זייַנען געווען ניט מער ווי סכעמעס, כראָניקאַלישע איבערזיכטן.

די ייִדישע סאָוועטישע שרייַבער זייַנען נאָך ניט געווען בעקויעך צו שאַפן אין אַ קורצער צייַט די נייטיקע דראַמאַטישע ווערק. האָט מען זיך אַ נעם געטאָן צו די קלאַסיקער — צו שאָלעם־אַליכעמען, פּערעצן, מענדעלען, גאָלדפאַדענען, מע האָט „מאָביליזירט" זייערע ווערק, וואָס טראָגן אויף זיך דאָס שטעמפּל פון קריטישן רעאַליזם.

דער נייַער טעאַטער האָט געפּרוּווט געפינען זייַן רעוואָליוציאָנער־דיִאַלעקטישן שליסל צו די געשטאַלטן, וועלכע האָבן פיגורירט אין די קלאַסישע ווערק, פאַרוואַנדלענדיק זיי מיט דער הילף פון גראָטעסק אין סאָציִאַלע מאַסקעס. לײַדער אָבער, האָט מען אין דער שטרעבונג צו פאַרשאַרפן געוויסע סאָציִאַלע דערשייַנונגען ביזן גראַד פון אַ סימבאָל אָפּטמאָל מיסבראַוכט מיטן גראָטעסק, אַראָפּקייַקלענדיק זיך צו קאַריקאַטור, צו היפּערבאָלע.

אויב, לאָמיר זאָגן, שאָלעם־אַליכעם אָדער גאָלדפאַדען דעמאַסקירן דעם אַלטן שטייגער, האָבן די נאָוואַטאָרן דערפירט אָט די קריטיק ביזן גראַד פון אַ מעשונעדיקער גוזמע. דאָס טאַקע איז געווען דער גראָטעסק־מעטאָד. די פאַרגאַנגענהייַט האָט מען דערלאַנגט אין אַ קרומען שפּיגל.

אינגיכן האָבן סייַ די ייִדישע טעאַטערן, סייַ די ייִדישע שרייַבער זיך איבערצייַגט, אַז פאַרנעמען זיך בלויז מיט דעמאַסקירן, מיט נעגאַציע איז אַ קנאַפּע גאָב דער היינטצייַטיקייַט, מע דאַרף נעמען אין באַטראַכט דאָס נייַע לעבן, וואָס דאָס סאָוועטישע פאָלק האָט דעראָבערט.

אַ וויכטיקע טעמע פאַר דער סאָוועטישער דראַמאַטורגיע איז געווען דער קאַמף פון די רעוואָליוציאָנערע אַרבעטער קעגן צאַריזם. אָט די טעמע האָט געפונען איר אָפּשפּיגלונג אין א. קושניראָווס „הירש לעקערט". א. וועוויאָרקע האָט אינעם יאָר 1926 אָנגעשריבן זייַן „נאַפּטאָלי באָטווין" — אַ דראַמאַטיש ווערק וועגן דער אונטערערדישער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג אין פּוילן.

נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע איז די שילדערונג פונעם העראָישן אינעם אָוואַר און אין היינטצייַטיקן לעבן פונעם ייִדישן פאָלק געוואָרן אַן אַקטועלע טעמע. אין דער זעלבער צייַט האָט די נייַע ייִדישע דראַמאַטורגיע דעמאַסקירט דאָס נעגאַטיווע און שעדלעכע. ליפּע רעזניקס פּיעסע „די לעצטע" איז געווען אַ סאַטירע אויף נעפּלייַט אין דער ייִדישער סוויווע. זי איז אויפגעפירט געוואָרן אינעם כאַרקאָווער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער, און מיט דערפאָלג.

א. וועוויאָרקע האָט געשאַפן זייַן „כאַווער שינדל" („137 קינדער־הייַזער"), וווּ מיכאָעלס האָט געשפּילט דעם כאַווער

אָפּאָרטן פון מארק קלִיאָנסקי

פון דער סעריע
„וויעטנאם קעמפט“

אף דער וואך

גערזעגעניש

פון דער סעריע „זאָלן מענטשן ניט פֿאַרגעסן!“

ליבע

מארק קליִאַנסקי געהערט צום ייִנגערן דאָר סאָוועטישע קינסטלער. זײַנע טאַלאַנטפולע בילדער זײַנען ברייט באַקאַנט געוואָרן אין די נאָכמילכאָמע־יאָרן.

מ. קליִאַנסקי איז געבוירן געוואָרן אין מינסק אין 1927 אין א ייִדישן ארבעטער־געזינד. מאָלן האָט ער אָנ־געהויבן נאָך אַף דער שול־באַנק. זײַנע ערשטע מאָלערײַ־פּרוּוון האָבן צוגעצויגן צו זיך די אופמערקזאַמקייט פון זײַנע לערער. מע האָט אים געשיקט לערנען אין לענינגראַדער מעלוכישן קונסט־אינסטיטוט אַף אי. יע. רעפּינס נאָמען, ווו ער האָט נאָכדעם פאַרענדיקט די אַספּיראַנטור און געוואָרן א קאַנדידאַט פון קונסט־וויסנשאַפטן.

די העלדן־שטאָט לענינגראַד אין די בלאָקאַדע־יאָרן, די יוגנט אַף די נײַ־בויונגען און פיל אַנדערע ווערק, אָנגעזעטיקטע מיט צאַרטער ליריק און רעוואָליוציאָנערער ראָמאַנטיק, — דאָס זײַנען די גרונט־מאָטיוון פון קליִאַנסקיס שאַפונג. א ריי אויסשטעלונגען זײַנע האָבן באַקומען הויכע אָפּשאַצונגען פון די צושויער און קונסט־מײַסטערס.

אין דער איצטיקער בײַלאַגע באַקענען מיר די לייענער מיט אייניקע רעפּראָדוקציעס פון די בילדער, וועלכע זײַנען באַוויזן געוואָרן אַף מ. קליִאַנסקיס אויסשטעלונג אין לאָקאַל פון דער רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד“. די עקספּאָזיציע פון דער אויסשטעלונג איז באַשטאַנען פון צוויי סעריעס: „וויעטנאַם קעמפט“ און „זאָלן מענטשן ניט פאַרגעסן!“ (וועגן דעם ווידערשטאַנד אין די געטאָס אין די יאָרן פון דער היטלעריסטישער מאַגייפע).

א גאָלדענע כאַסענע

א לערער



הענט...

שינדל. דאָס איז געווען א מין וואריִאציע פון דער כליעסטאקאָווסטשינע־טעמע און א סאטירע אף די נעפ־דערשייַנונגען אין ייִדישן שטעטל. ל. רעזניק האָט געפרווט אופהייבן א רעוואָליוציאָנערע טעמע — איך מיין דאָ די פיעסע „דער אופשטאנד“ (וועגן דעם רעוואָלט פון די אינדאָנעזישע אונטערדריקטע מאסן קעגן דעם האָלענדישן קאָלאָניִאליזם). אָבער די ביידע פיעסן — „כאווער שינדל“ און „דער אופשטאנד“ — זייַנען פון קינסטלערישן שטאנדפונקט געווען שוואכע ווערק.

אן אנטשיידענער איבערבראָך אין דער ייִדישער סאָוועטישער דראמאטורגיע האָט זיך אָנגעמערקט צום סאָף פון די צוואנציקער און אין די פריִע דרייַסיקער יאָרן. עס האָבן אָנגעהויבן באקומען זייער ליטערארישן טיקן די שפראָצונגען פונעם סאָוועטישן לעבן. י. דאָברושינס „דער געריכט גייט“ (1929), ה. אָרלאנדס „הרעבליעס“ (1930) און פ. מארקישעס „ניט געדייַגעט“ (1931) זייַנען געווען די ערשטע שוואלבן פון דער סאָוועטישער סאָציִאל־שטייגערישער טעמאטיק. אין זיי איז באוויזן געוואָרן דער קאמף פון דעם אלטן קעגן דעם נייַעם. אין מארקישעס פיעסע פערזאָניפיצירט אָט דעם קאמף דער באלעגוף קיווע, וועלכער קריכט פון דער הויט, קעדיי קאָמפראָמעטירן די קאָנסטרוקטיווע מאָסמיטלען פון דער סאָוועטנמאכט אין געביט פון פראָדוקטיוויזירן די דעקלאסירטע ייִדן. אין דאָברושינס פיעסע קומט דער דאָזיקער קאמף צום אויסדרוק אין די מאכינאציעס פון דרייַ ספעקוליאנטן, וועלכע כאפן דעם עמעסן פסאק פונעם אָרטיקן קאָמיוג מיטן קוסטאר נאפטאָלע האָז בעראָש. אין אָרלאנדס „הרעבליעס“ ווערן באוויזן אָפגעשטאנענע דעקלאסירטע ייִדן און זייערע אנטאגאָניסטן, וועלכע ווילן ווערן עכטע האָרעפאשניקעס.

די אָנגעזעענסטע פראָזאיִקער האָבן אימפעטפול זיך א נעם געטאָן צו באריַיכערן דעם רעפערטואר פון די ייִדישע סאָוועטישע טעאטערן. ד. בערגעלסאָן האָט אינסצענירט זייַן דערציילונג „דער טויבער“ און דעם ראָמאן „מידאס־האדין“. מ. דאניִעל האָט אפן גרונט פון זייַן ראָמאן „יוליס“ אָנגעשריבן די פיעסע „יוליס“ (אינעם מאָסקווער ייִדישן מעלוכע־טעאטער האָט מען זי באוויזן צוערשט אונטערן נאָמען „פיר טעג“).

איינע פון די שוואכקייַטן פון דער ייִדישער סאָוועטישער דראמאטורגיע באשטייט אין דעם, וואָס אָט דער זשאנער איז בא דעם גרעסטן טייל שרייַבער געווען א מין בייַזאך. אָנשטאָט פיעסן פאר די טעאטערן פלעגן זיי אינסצענירן זייערע שוין פארעפנטלעכטע בעלעטריסטישע אָדער דיכטערישע ווערק. אן אינסצענירונג אָבער ווערט אָפט א סדאָם־בעטל בענעגייע דעם ראָמאן אָדער נאָוועלע. אינעם ראָמאן איז די יוליס־פיגור פארביק, פילזייַטיק, עמאָציִאָנעל אָנגעזעטיקט. אין דער פיעסע פארלירט זי א היפש ביסל אייגנשאפטן.

אף דער טעמע בירגערקריג האָבן די ייִדישע טעאטערן אופגעפירט אויך אָריגינעלע פיעסן — ל. רעזניקס „דער סוינע בא די טויערן“ און פ. מארקישעס „מאָלצייַט“. די פיעסע „מאָלצייַט“ איז געוויס איינע פון מארקישעס קרעפטיקסטע דראמאטישע ווערק.

איינצייַטיק האָט דער רעפערטואר פון די ייִדישע סאָוועטישע טעאטערן זיך באריַיכערט מיט סאָציִאל־שטייגערישע פיעסן: פ. מארקישעס „מישפאָכע אָוואדיס“, ל. רעזניקס „דאָניע“, ש. האלקינס קאָלווירטישע פיעסע „ארן פרידמאן“ און א. וועוויאָרקעס „דער סטעפ ברענט“. די שטארקסטע צווישן אָט די פיר ווערק איז „מישפאָכע אָוואדיס“. דער דראמאטורג האָט דאָ טעמפעראמענטפול טראקטירט די טעמע וועגן סאָוועטישן פאטריִאָטיזם.

דער נאָכפרעג אף נייַע ייִדישע סאָוועטישע פיעסן איז געווען גרויס, דער רעפערטואר־הונגער פון די ייִדישע טעאטערן איז געווען ווייַט ניט געזעטיקט. דעמלט האָט א ריי ייִדישע סאָוועטישע שרייַבער זיך גענומען בלעטערן די געשיכטע. עס האָבן זיך באוויזן ש. האלקינס „באר־קאָכבא“, מ. דאניִעלס „שלוימע מייַמאָן“ און „יאָהאן גוטענבערג“, קולבאקס „בויטרע“.

א באזונדער אָרט צווישן די ייִדישע סאָוועטישע היסטאָרישע פיעסן פארנעמט ד. בערגעלסאָנס „פרינץ רעוּווייני“, וווּ עס ווערן קינסטלעריש טראקטירט וויכטיקע נאציִאָנאלע פראָבלעמען.

פ. מארקישעס און ש. האלקינס פיעסן וועגן אופשטאנד אין געטאָ, י. דאָברושינס „די ווונדערלעכע געשיכטע“, איציק פעפערס „די זון פארגייט ניט“, די פיעסע פון באטיא און בראט — „וועלדער רוישן“, וווּ עס וויקלען זיך פאנאנדער בילדער פונעם פארטיזאנישן ווידערשטאנד, — אזא איז געווען אין די מילכאָמע־יאָרן דער ענטפער אף דעם ווילן פון די מאסן, אז דער טעאטער זאָל קינסטלעריש דערלאנגען די הייַנטצייַטיקע העראָיִק.

דער קאָמעדיע־זשאנער האָט אויך פארנומען א באשטימטן, האגאם א באשיידענעם פלאץ אינעם רעפערטואר פון די ייִדישע סאָוועטישע טעאטערן. מיר זאָגן — א באשיידענעם, ווייַל קאָמעדיעס האָבן געשאפן געציילטע שרייַבער: מ. גערשענזאָן („הערשעלע אָסטראָפאָליער“), א. הובערמאן („דאָס מיידל פון מאָסקווע“, „קעדייַ צו לעבן“ און „א גאסט פון יענער־וועלט“), מ. פינטשעווסקי („טרייַבט ארויס דעם שעד“).

דאָ איז נייטיק ענטפערן אף דער פראגע, מיט וואָס, אייגנטלעך, האָט די נייַע ייִדישע סאָוועטישע דראמאטורגיע זיך אונטערשיידט פון דער ביזאָקטיאבערישער?

פריִער פאר אלץ — מיטן נייַעם אינהאלט. אין גאָרדינס, פינסקיס און אפילע הירשביינס פיעסן און אין די ווערק פון אנדערע דראמאטורגן פון אָט דער גענעראציע האָבן דעם אויבנאָן פארנומען פאמיליען־אָנגעלעגנהייַטן. אפילע בא שאָלעם־אלייכעמען איז אין א ריי פיעסן („דער געט“, „מאזלטאָוו“, „נאָר א דאָקטער“, „סטעמפעניו“) די אקס, ארום וועלכער עס האָט זיך געדרייט די האנדלונג, געווען — אָדער א גליקלעכער, אָדער א שלימאזלדיקער פינאל פון א שידעך.

אין דער מערהייַט ייִדישע סאָוועטישע פיעסן ווערט דער טראָפ געשטעלט אף די סאָציִאלע קאָנפליקטן. אזוי איז עס אין „דער געריכט גייט“, אין „ניט געדייַגעט“, אין „הרעבליעס“. אין ד. בערגעלסאָנס „דער טויבער“ ווערט באטאָנט די אומבעראכמאָנעסדיקע עקספלואטאציע פון די ארבעטער באם גוויר ביק אף דער מיל.

די צילן פון דער ייִדישער סאָוועטישער דראמאטורגיע זייַנען געווען די זעלבע, וואָס די צילן פון דער גאנצער סאָוועטישער דראמאטורגיע: דערציִען די פאָלקסמאסן אלס באוווסטזיניקע בויער פונעם סאָציִאליסטישן לעבן.

אין די פיעסן וועגן בירגערקריג ווערט באזונדערס באטאָנט די פארברידערונג פון די סאָוועטישע פעלקער. אין די ייִדישע סאָוועטישע פיעסן אף דער טעמע פיגורירט א היפש ביסל ניט־ייִדן. אין מ. דאניִעלס „יוליס“, לעמאָשל, פארנעמען א בעקאָוועדיקן פלאץ דער אלטער פוילישער רעוואָליוציִאָנער סטאניסלאוו, די אָנפירערן פונעם פארטיזאנישן אָטריאד אנא באָגדאנאָוויטש. אין אייניקע

ייִדישע פּיעסן איז אפילע די צענטראַלֿע פיגור ניט קיין ייִדישע. אין בערגעלֿסאָנס „מידאס־האדין“ — דער באַלֿשעוויסטישער קאָמיסאַר פּיליפּאָוו (א געוועזענער שאַכטיאָר), וועלֿכער פירט אָן אַף דער גרענעץ מיטן קאַמף קעגן די קאָנטררעוואָלֿיוציאָנערן און שמוגלֿיאַרעס.

די פרײַנטשאַפט צווישן די ייִדישע און ניט־ייִדישע פּאָלֿקסמאַסן גייט דורך אין א רײ פּיעסן ווי א גרונטמאָטיוו און באַווײַזט, צווישן אַנדערס, אַז די פאַרשיידענע פאָרורטײלֿן, דערונטער די רעלֿיגיִעזע, ווערן אויסגעלֿעבט. וועגן דעם דערציילֿן אונדז פּ. מאַרקיש אין זײַן „מישפּאָכע אָוואַדיס“, י. דאָברושין אין „דער געריכט גייט“, ה. אָרלֿאַנד אין „הרעבלֿיעס“.

די סאָוועטישע ייִדישע דראַמאַטורגיע פאַרמאָגט — אין פאַרגלֿײַך מיט דער ביזאָקטיאַבערישער — נאָך א מערקווירדיקע אייגנשאַפט. דאָ נעמט די אויבערהאַנט ד אָ ס ט ר א ג י ש ע. דאָס איז קלֿאָר, ווען מיר באַטראַכטן אזעלֿכע פּיעסן, ווי „הירש לֿעקערט“, „יולֿיס“ („פיר טעג“), „מידאס־האדין“, „דער טויבער“ „אופשטאַנד“, „מישפּאָכע אָוואַדיס“, „מאָלֿצײַט“, „אופשטאַנד אין געטאָ“, „נאַפּטאָלֿי באָטווין“, „די זון פאַרגייט ניט“, „וועלֿדער רוישן“.

א טראַגישער אָפּגלֿאַנץ איז אויסגעגאָסן אויך אַף די היסטאָרישע פּיעסן: „באַר־קאָכבא“, „פּרינץ רעוּווייני“, „שלֿוימע מײַמאָן“, „בויטרע“.

די ייִדישע סאָוועטישע דראַמאַטורגן האָבן אויסגעפּילֿט זייער געזעלֿשאַפטלֿעכן כויוו — גערופן דאָס פאָלֿק צו בויען דאָס נײַע סאָציִאַלֿיסטישע לֿעבן, געשילֿדערט דעם נײַעם מענטשן, דעם סאָוועטישן בויער.

צי האָט אָבער די ייִדישע סאָוועטישע דראַמאַטורגיע געשאַפן אזעלֿכע ווערק, וועלֿכע לֿעבן לֿאַנג און זייער ווירקונג איז א דויערהאַפטע?

קעדיי צו ענטפערן אַף דער פראַגע, וועלֿן מיר זיך אָפּשטעלֿן אַף אזא פאַקט. ווען עס האָט זיך אָרגאַניזירט דער איצט פּאָפּולֿער געוואָרענער וואַנדערנדיקער דראַמקאָלֿעקטיוו מיט ביניאָמין שוואַרצערן בעראָש, האָט מען צום אַלֿעם ערשטן א טראַכט געטאָן וועגן רעפּערטואַר. מע האָט דורכגעבלֿעטערט די גאַנצע רעשימע ייִדישע סאָוועטישע פּיעסן, און קיין איינע פון זיי האָט, ווײַזט אויס, ניט באַפרידיקט דעם קאָלֿעקטיוו. האָט מען זיך געווענדט צו שאָלֿעם־אַלֿייכעמען: צו „טעוויע דער מילֿכיקער“ און „דאָס גרויסע געווינס“. די לֿעצטע צײַט פירט דער קאָלֿעקטיוו אויף לֿערמאָנטאָווס „שפּאַניער“ אין א. קושניראָווס איבערזעצונג, ער גרייט דעם „טאָגבוך פון אַנא פראַנק“.

נאָך איין פאַקט:

דער גרויסער ייִדישער סאָוועטישער אַקטיאָר שלֿוימע מיכאָעלֿס, וועלֿכער האָט באַשאַפן אזעלֿכע אומפאַרגעסלֿעכע סצעניִשע געשטאַלֿטן, ווי רעב אַלֿטער („מאַזלֿטאָוו“), ביניאָמין („מאַסאָעס ביניאָמין האשלֿישי“), טעוויע („טעוויע דער מילֿכיקער“), לֿיר („קיניג לֿיר“), שימעלֿע סאָראָקער („צוויי הונדערט טויזנט“), האָט אין די ייִדישע סאָוועטישע פּיעסן פאַר זיך ניט געפונען קיין ראָלֿ, וואָס זאָלֿ טראָגן מיט זיך אזא אָנלֿאָדונג, ווי די נאָרוואָס אָנגערופענע ראָלֿן.

די ראָלֿ פון יולֿיס אין מ. דאַניִעלֿס „פיר טעג“ האָט מיכאָעלֿס איבערגעגעבן דעם אַקטיאָר מאָזעס ניי. דער אינזשעניער בערג, וועלֿכן מיכאָעלֿס האָט געשפּילֿט אין דאָברושינס און נוסינאָווס פּיעסע „דער ספּעץ“, איז ניט געווען קיין פולֿבלֿוטיק געשטאַלֿט. אפילע זאַוולֿ אָוואַדיס האָט ניט געהערט צו מיכאָעלֿסעס גרונט־אופטוען אַף דער בינע. ש. מיכאָעלֿס האָט כיישעק געהאַט צו שפּילֿן דעם באָלֿשעוויק פּיליפּאָוו אין ד. בערגעלֿסאָנס „מידאס־האדין“. ער האָט אפילע רעפּעטירט אָט די ראָלֿ. אָבער ערעוו דער פּרעמיערע האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צו שפּילֿן פּיליפּאָוון, און אָנשטאָט אים האָט די ראָלֿ געשפּילֿט יויסעף שידלֿאָ.

מיכאָעלֿסעס רעזשי־אַרבעט אין דאַניִעלֿס „שלֿוימע מײַמאָן“ איז געווען זייער אינטערעסאַנט, אַלֿע זײַנען געווען זיכער, אַז ער וועט שפּילֿן דעם באַוווּסטן ייִדישן דענקער מוישע מענדעלֿסאָן. נאָר מיכאָעלֿס האָט זיך אָפּגעזאָגט אויך פון אָט דער ראָלֿ, כאָטש זי איז געווען פאַר אים, ווי עס האָט זיך געדוכט, אָנגעמאָסטן...

דער באַוווּסטער טעאַטער־טוער וואַכטאַנגאָוו האָט אין זײַנע נאָטיצן וועגן טעאַטער געשריבן: „טעאַטער דאַרף דעם באַזוכער פאַרשאַפן פרייד. א ספּעקטאַקלֿ דאַרף פריִער פאַר אַלֿץ זײַן א יאָמטעוו. דעריבער איז נייטיק, אַז די שעפער פונעם ספּעקטאַקלֿ זאָלֿן מאָבילֿיזירן אַלֿץ, וואָס מעגלֿעך, קעדיי זיך דערשלֿאָגן א דערהויבענע, יאָמטעוודיקע שטימונג בעשאַס דעם ספּעקטאַקלֿ“. דער זעלֿבער געדאַנק האָט בא אַוראָם גאָלֿדפאַדענען זיך אײַנגעקריצט אין מויעך נאָך אין סאַמע אָנהייב פון זײַן טעאַטראַלֿער טעטיקײַט, און טאַקע דאָס האָט אים געהאָלֿפן צו באַצויבערן די טעאַטער־באַזוכער.

זעלֿבסטפאַרשטענדלֿעך, אַז אַרויסרופן באַם צושויער א יאָמטעוודיקע שטימונג פלֿעגט געלֿינגען ניט נאָר מיט אָפּערעטעס, אין וועלֿכע מע פלֿעגט דערלֿאַנגען דעם צושויער טאַלֿאַנטפולֿע פרימאַדאָנעס. ווער פון אונדז געדענקט ניט די יאָמטעוודיקע שטימונג, וואָס האָט געהערשט צווישן די צושויער אַף אזעלֿכע ספּעקטאַקלֿען, ווי „פריילֿעכס“, „צוויי הונדערט טויזנט“, „שולֿאַמיס“ אין מאָסקווער ייִדישן מעלֿוכע־טעאַטער!

דער דראַמאַטורג דאַרף אין זינען האָבן ניט נאָר די צויבער־מיטלֿען, מיט וועלֿכע דעם טאַלֿאַנטפולֿן אַקטיאָר און רעזשיסער גיט זיך אײַן צו שאַפן א ברויזיקע, ווי יונגער ווײַן, פאַרבנרײַכע פאָרשטעלֿונג. ער דאַרף זען אויך דעם צושויער: וואָס קאָן אים באַגײַסטערן? וואָס קאָן אופרײַסן זײַן גלֿײַכגילֿט? אופכאַפּן אינעם לֿעבנסגעווירבלֿ די אָנגעגלֿיטע לֿײַדנשאַפטן, די גוואַלֿדיקע קאָנטראַסטן און סטירעס, די לֿיכט־ און שאָטן־שפּילֿ, וועלֿכע זײַנען בעקויעך אַרויסרופן אַן אופברויז אין דער נעשאָמע פונעם צושויער, — דאָס האָט, ווײַזט אויס, אין באַשטימטע פּעריִאָדן ניט אַלֿעמאָלֿ זיך אײַנגעגעבן אונדזערע דראַמאַטורגן.

דער הײַנטצײַטיקער סאָוועטישער צושויער קאָן ניט בלֿײַבן צופרידן מיט פּיעסן, ווו דער אַוטאָר דרינגט ניט אַרײַן אין דער טיף פון א לֿעבנס־דערשײַנונג, אינעם לֿאַבירינט פונעם מענטשנס פּסיכיק, מיט פּיעסן, וועלֿכע דערמאָנען דעם אַגיטפּלֿאַקאַט. אזעלֿכע פּיעסן האָבן מיר געהאַט א היפּש ביסלֿ אין די דרײַסיקער יאָרן און אויך שפּעטער.

די קרענק פון קאָנפלֿיקטלֿאָזיקײַט איז איין צײַט געווען זייער פאַרשפּרייט. אָבער האַגאָם יענע צײַט איז שוין לֿאַנג פאַרבײַ, דאָך זײַנען שפּורן פון יענעם פּעריִאָד פאַרבלֿיבן ביז הײַנט.

דער פאָלֿקס־אַרטיסט פון פּסס"ר, דער באַוווּסטער לֿענינגראַדער רעזשיסער ג. טאָווסטאָנאָגאָוו שרײַבט אין „פּראַוודאַ“ פאַרן 30 דעקאַבער פאָריקן יאָר:

„מיר האָבן שוין א קײַמעלֿאָן פון דריטהאַלֿבן טויזנט יאָר, דאָס הייסט אזוי לֿאַנג, ווי עס עקזיסטירט טעאַטער, אַז די דראַמאַטורגיע שטערט דעם טעאַטער צו דערקלֿײַבן

זיך צו דער העכסטער מאדרייגע, קעסיידער „שטייט זי אָפּ“, די דראמאטורגיע, קעסיידער איז זי „ניט בעקויעך צו אָניאָגן די לויפנדיקע צייַט“, שטענדיק איז זי א „גרויסער באלכויוו“, „האלט אין איין נאָכשלעפּן זיך“.

מיר זעען, אז ניט בלויז די רעזשיסערן, נאָר אויך די עלטערע דראמאטורגן האָבן גרויסע טייַנעס צו דער הייַנטצייַטיקער דראמאטורגיע, דאָס הייסט, אייגנטלעך, צו זיך אליין. אזא מין „ווידוי“ איז אן און פאר זיך א מערקווירדיקע דערשייַנונג. „אלכעט“ איז, קאָן מען זאָגן, אן אָנזאָג, אז די דראמאטורגיע וועט ארויס אפן ברייטן שליאך. דאָס האָט א שייַכעס, פארשטייט זיך, אויך צו דער יידישער דראמאטורגיע.

בא הייַנטיקן טאָג האָבן מיר א יידישן פאָלקס־טעאטער אין ווילנע, א יידישן פאָלקס־טעאטער אין בירָאבידזשאן, גרויסע זעלבסטעטיקע שעפערישע טעאטער־קאָלעקטיוון אין קאָוונע, קעשענעוו, טאלין, דאוגאווּפּילס; זיי שפּראָצן, נאטירלעך, פון די טיפענישן פונעם פאָלק.

זייער פיל טעמעס פון סאָוועטישן לעבן ווארטן אף זייער דראמאטורגישער באלויכטונג. עס איז דעריבער ניט נאטירלעך, וואָס די הייַנטיקע יידישע סאָוועטישע שרייַבער זייַנען פרוכטבאר בלויז אין געביט פון ראָמאנען, נאָוועלן און פּאָעמעס און לעגאמרע אומטעטיק אין דער דראמאטורגיע. אונדזער ליטעראטור נייטיקט זיך אין פּיעסן, וועלכע זייַנען אָנגעזעטיקט מיט הויכע געדאנקען און הייסע געפילן. און אזעלכע פּיעסן מוזן אונדזערע יידישע סאָוועטישע שרייַבער שאפן!

כראָניק

אונדזערע לייענער טיילן מיט:

יוינע ראָדינאָוו. **דער מאַיאָר פון דער סאָוועטישער ארמיי איליא קאמענקאָוויטש זאמלט אין משך פון צוואנציק יאָר דאָקומענטן און זאכלעכע באווייַזן וועגן די נאציסטישע טויט־לאגערן.** פון צייַט צו צייַט אָרגאניזירט ער אויסשטעלונגען פון זייַנע זאמלונגען אונטערן דעוויז „קיינמאָל ניט פארגעסן!“ אין זייַן היימשטאָט באקו האָט אי. קאמענקאָוויטש געעפנט א סטאציאָנארן מוזיי פון אָט די מאטעריאלן. די באזוכער ווערן דערשיטערט פון דעם, וואָס זיי זעען דאָרט.

לויט דער איינלאדונג פון פארשיידענע אָרגאניזאציעס איז אי. קאמענקאָוויטש פיל מאָל ארויסגעטראָטן מיט עפנטלעכע פאָרטראָגן וועגן די נאציסטישע טויט־לאגערן, איליוסטרירנדיק זיי מיט די אופגעזאמלטע מאטעריאלן. אזעלכע פאָרטראָגן האָט ער שוין געלייענט אין מאָסקווע, סאָטשי, ראָסטאָוו און אין פיל אנדערע שטעט.

אין באקו איז דערשינען אי. קאמענקאָוויטשעס א בוך „די ליד אין טיפער נאכט“, וווּ ער גיט אן איבערזיכט פון זייַן קאָלעקציע. דאָס בוך איז שנעל אויספארקויפט געוואָרן.

אי. קאמענקאָוויטש שרייַבט זיך איבער מיט פיל געוועזענע קאצעטלער, דערונטער מיטן אָנפירער פונעם אופשטאנד אין סאָביבורער טויטלאגער א. פּעטשערסקי און מיטן אָנפירער פונעם אופשטאנד אין מאוטהאוזען א. יאָסעלעוויטש.

* * *

דאָוויד בוביס (פּאָלטאווע). מיט א קורצער צייַט צוריק בין איך געווען אין מייַן געבורטס־שטאָט קאמענעץ־פּאָדאָלסק, קעדיי באזוכן דעם ברודער־קייווער פון מייַנע לאנדסלייַט, וועלכע עס האָבן אומגעבראכט די דייַטשיש־פאשיסטישע ראָצכים. דאָרט האָב איך געטראָפן די פרוי מיריאַם קאָפּיט, וואָס האָט מיר דערציילט פאָלגנדיקס:

אין 1941, ווען די היטלער־האָרדעס האָבן זיך אריינגעריסן קיין קאמענעץ־פּאָדאָלסק און עס האָט זיך אָנגעהויבן די שרעקלעכע יידן־שכיטע, בין איך מיט מייַן ברודער שלוימע אוועק איבער די דערפער זוכן א מאָקעם־מיקלעט. אין דאָרף פּאָטשאפּינצי האָבן מיר געטראָפן צו דער אוקראיִנישער פּויערטע מאריִא קאָלטשיצקאיא, וועלכע האָט אונדז מוטערלעך אריינגענומען צו זיך אין שטוב און אונטערגענומען זיך צו אויסבאהאלטן אונדז. זי האָט פאר אונדז אָפּגעצאמט מיט א ציגלנער וואנט א ווינקל אפן בוידעם, ווו מיר פלעגן זיצן א גאנצן טאָג. אין אָוונט פלעגט זי ארויסשלעפּן פון וואנט עטלעכע ברעטער, קעדיי מיר זאָלן קאָנען ארויסגיין עטעמען מיט פרישער לופט.

אין דער „מאלינע“ זייַנען מיר אָפּגעזעסן פון 1941 ביז מארט 1944, ווען מע האָט די היטלעריסטן פארטריבן פון קאמענעץ־פּאָדאָלסק און פון דער אומגעגנט. אלע טאָג פלעגט מאריִא קאָלטשיצקאיא אונדז ברענגען עסן. זי פלעגט אליין וואשן אונדזער וועש. מיט איין וואָרט — זי איז געווען צו אונדז — אינגאנצן אומבאקאנטע פאר איר מענטשן — ווי א געטרייַע מוטער.

ביז הייַנט זייַנען מיר לייַבלעך פארבונדן מיט מאריִא קאָלטשיצקאיא.

מישע פינקל. **דער לוואָווער אוניווערסיטעט האָט ארויסגעגעבן א ספּעציעלע זאמלונג, געווידמעט דעם סאָוועטישן אלטערטום־פאָרשער פּראָפעסאָר סאָלאָמאָן לוריע.**

אין דער זאמלונג ווערט אָנגעוויזן, אז ס. לוריע איז געווען א געלערנטער מיט א רייַכן דיאפּאזאָן. עס זייַנען אָפּגעדרוקט העכער 200 וויסנשאפטלעכע ווערק פון ס. לוריע, אין וועלכע עס ווערט געגעבן א ברייט בילד וועגן אלטערטום־געשיכטע, ליטעראטור, פילאָסאָפיע, לינגוויסטיק, עטנאָלאָגיע, פאָלקלאָר אאוו.

א·ו·נ·ד·ז·ע·ר·ע איבערזיכטן

לעבן מיט די אינטערעסן פונעם פאָלק

דער פערטער אלפארבאנדישער שרייַבער־צוזאמענפאָר איז געווען א וויכטיקע געשעעניש אינעם גייַסטיקן לעבן פון די סאָוועטישע מענטשן. זעקס טעג איז אין גרויסן קרעמל־פאלאץ געגאנגען א הייסער, אָפנהארציקער און אינהאלטסרייַכער געשפרעך וועגן דער סאָוועטישער ליטעראטור, וועגן אירע פּראָבלעמען און אופגאבן.

אין דער ארבעט פונעם צוזאמענפאָר האָבן אָנטיילגענומען ארום 500 דעלעגאטן. זיי האָבן פארטראָטן מער פון 6000 מיטגלידער פונעם שרייַבער־פארבאנד פון פססר, וועלכע זייַנען שעפעריש אקטיוו אין אלע פארבאנדישע און אווטאָנאָמע רעפּובליקן און שרייַבן אף העכער זיבעציק שפּראכן.

מיט גרויס באגייַסטערונג האָבן די דעלעגאטן און געסט אויסגעהערט די באגריסונג פונעם צענטראל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי פּונעם סאָוועטנפארבאנד. „די שלאכט־אופגאבע פון דער ליטעראטור איז — די פּאטריאָטישע און אינטערנאציאָנאלע דערציִונג פון די ארבעטנדיקע... — ווערט געזאָגט אין דער באגריסונג. — פאראנטוואָרטלעך זייַנען די אופגאבן פון דער סאָוועטישער ליטעראטור אין דער הייַנטצייַטיקער אידייִשער שלאכט פאר די מויכעס און הערצער פון מיליאָנען. אין דער גאנצער וועלט טרעט זי ארויס אלס אָנזאָגער און פּראָפּאגאנדיסט פון די היסטאָרישע דעראָבערונגען פונעם סאָציאליזם, פון די ליכטיקע און נאָבעלע אידעאלן פונעם קאָמוניזם“.

דער צוזאמענפאָר איז זיך צונויפגעקומען אין א היסטאָרישן מאָמענט — אין יאָר פונעם גרויסן יובילײ, ערעוו דעם פופציקסטן יאָרטאָג פון דער סאָוועטן־מעלוכע. דעריבער טאקע האָבן די שרייַבער זיך ניט באגרענעצט מיט אונטערפירן א קאָלעקטיוון סאכאקל פון דער ליטערארישער אנטוויקלונג אין די יאָרן, וועלכע זייַנען פארלאָפן נאָך דעם דריטן אלפארבאנדישן שרייַבער־צוזאמענפאָר. באטראכטנדיק די אקטועלע אופגאבן, וועלכע שטייען פאר דער ליטעראטור הייַנט־צו־טאָג, האָבן זיי ניט ארויסגעלאָזט פון אויג די גאנצע פופציקיאָריקע דערפארונג פון דער סאָוועטישער ליטעראטור. באזונדערס האָט זיך דאָס געפילט אינעם אריינפיר־וואָרט פון קאָנסטאנטין פעדין.

ק. פעדין האָט גערעדט וועגן דעם, וויאזוי די שרייַבער האָבן אויסגענוצט די אויסערסט רייַכע דערפארונג פון גאָרקין און פון אנדערע גרויסע מייַסטערס, וועלכע האָבן זיך געפונען בא די קוואלן פון דער רעוואָליוציאָנערער ליטעראטור. „אין קאמף פאר דער נייַער, ניט ארומגעשניטענער דורך די דאָגמאטיקער, קולטור פונעם סאָציאליזם איז גראָד גאָרקי געווען לענינס א פארבינדעטער“, — האָט געזאָגט פעדין.

נאָכן אריינפיר־וואָרט איז אין די ארויסטרעטונגען פיל מאָל דערמאָנט געוואָרן גאָרקיס נאָמען. מע האָט גערעדט וועגן דער גאָרקי־טראדיציע, וועגן גאָרקיס אופאסונג פונעם העלד, דעם האָרעפּאשניק און קעמפער, וועגן גאָרקיס אקטיווער ליבע צום מענטשן, וועגן די גאָרקי־פּרינציפּן אינעם דערציִען די יונגע שרייַבער, וועגן גאָרקיס ליידנשאפטלעכן קאמף קעגן פאשיזם, פאר באהעפטן די מייַסטערס פון דער קולטור אינעם קאמף פאר הומאניזם און פּראָגרעס.

די גרונט־פּראָבלעמען און די שעפערישע דערפארונג פון דער הייַנטצייַטיקער סאָוועטישער פילנאציאָנאלער ליטעראטור זייַנען גענוי אנאליזירט געוואָרן אין די פּאָרטראָגן פון געאָרגי מארקאָוו (וועגן פּראָזע), מיכאיל דודין (פּאָעזיע), אפאנאסי סאלינסקי (דראמאטורגיע), סערגיי מיכאלקאָוו (קינדער־ליטעראטור), לעאָניד נאָוויטשענקאָ (קריטיק).

„אופגעשטעלט די לענינישע נאָרמעס אינעם גאנצן געזעלשאפטלעכן לעבן, — האָט געזאָגט ג. מארקאָוו,— האָט די פּארטיי אָפּגעטאָן אן ארבעט, וואָס איז קאָלאָסאל לויט איר מאסשטאב און באדייַטונג, האָבנדיק ארויסגערופן א נייַעם אופשטייַג פון דער איניציאַטיוו און ענערגיע פונעם פאָלק... די גיגאנטישע אָרגאניזירנדיקע אופווירקונג פון דער פּארטיי אפן לעבן האָט געהאט אן אומיטלבארע שייַכעס צו דער ליטעראטור. בא די שרייַבער איז שארפער געוואָרן דאָס געפיל פון פאראנטוואָרטלעכקייַט פאר דער בויונג פונעם קאָמוניזם און פאר דעם גורל פון דער וועלט, זיי האָבן טיפער פארשטאנען די גרויסע ראָליע, וואָס דאָס סאָוועטישע פאָלק און זייַן פופציקיאָריקע היסטאָרישע דערפארונג שפּילט אין דער וועלט־אנטוויקלונג“.

אין די לעצטע יאָרן, האָט אָנגעוויזן דער פּאָרטרעגער, פארנעמט דאָס הויפּט־אָרט אין דער סאָוועטישער פּראָזע די הייַנטצייַטיקייַט. עס זייַנען דערשינען ווערטפולע ביכער וועגן דעם לעבן אין דאָרף, וועגן מאָראליש־עטישע פּראָבלעמען, ראָמאנען און דערציילונגען, וועלכע באווייַזן

דאָס העראָיִשע געשטאַלט פונעם פאָלק אין דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, ביכער פונעם היסטאָריש־רעוואָליוציאָנערן זשאַנער. צוזאַמען דערמיט האָט ג. מאַרקאָוו אָנגעוויזן אַף אייניקע כעסרוינעס, וועלכע האָבן אָן אָרט סײַ אין דער שילדערונג פונעם לעבן אין דאָרף, סײַ אינעם פאַנאַנדעראַרבעטן אַנדערע טעמעס, דעריקער היסטאָרישע. אין די ווערק וועגן דער פאַרגאַנגענהײַט פילט זיך אָפט אַ שטרעבונג צו מאָדערניזירן די פאַקטן, טראַקטירן סוביעקטיוויסטיש געשעענישן און היסטאָרישע פערזענלעכקײַטן.

די ווירקונגס־ספער פון דער ליטעראַטור האָט זיך אויסערגעוויינלעך פאַרברייטערט, ס׳איז ניטאָ באַ אונדז אין לאַנד קיין איין שטוב אָן אַ בוך. דער דאָזיקער אומשטאַנד פאַרשטאַרקט נאָך מער די ראָליע פונעם שרײַבער און די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר דעם אידייִשן אינהאַלט און קינסטלערישן ניוואָ פון זײַנע ווערק.

וועגן דעם, ווי די הײַנטצײַטיקע דיכטונג האַלט אונטער אַ לעבעדיקע פאַרבינדונג מיט די טראַדיציעס פון די קלאַסיקער, מיט דער שאַפונג פון די דיכטער פון די פלאַמיקע רעוואָליוציע־יאָרן, האָט רעפערירט מ. דודין. באַם וויגעלע פון דער סאָוועטישער פאָעזיע, האָט געזאָגט דער פאָרטרעגער, שטייט אין איר גאַנצער וווּקס די ריזן־פיגור פון מאַיאַקאָווסקי. די יוגנט־יאָרן פון דער רעוואָליוציע האָבן אונדז געגעבן אויך אַזעלכע דיכטער, ווי אַלעקסאַנדער בלאָק און דעמיאַן בעדני, יעסענין און באַגריצקי, סוועטלאָוו און לוגאָווסקאָי, קאָלאַס און טאַבידזע, טשאַרענץ און פערעץ מאַרקיש.

אָן אומגעהערטן אופּבלי האָט באַקומען די פאָעזיע אין אונדזער צײַט. די ביכלעך פון דער „ביבליאָטעק פונעם דיכטער“, וואָס איר אָרגאַניזאַטאָר איז נאָך געווען גאָרקי, דערשײַנען אין מאַסן־טיראַזשן. אין פיל שטעט ווערן דורכגעפירט די פאָעזיע־טעג און עס דערשײַנען זאַמלביכער „טאָג פון פאָעזיע“. עס האָט זיך שטורמיש צעבליט די נאַציאָנאַלע פאָעזיע, טאַלאַנטפולע איבערזעצער מאַכן צוטריטלעך פאַר יעדן לייענער די בעסטע פאָעטישע ווערק.

אופהייבנדיק וויכטיקע פראָבלעמען פון דער פאָעטישער שאַפונג, האָט מ. דודין אָפגעמערקט דעם הויכן גראַד בירגערלעכקײַט און פאָלקישקײַט פון דער סאָוועטישער פאָעזיע. „אויב אונדזער פאָעזיע, — האָט געזאָגט דער פאָרטרעגער, — וואָלט געווען בלויז אַ שפּיגל, וואָס ווײַזט אַ בילד פון דער וועלט, וואָלט זי שוין לאַנג דעגענערירט און אָפגעשטאָרבן. דער סאָד פון דער לעבנס־האַפטיקײַט פון דער פאָעזיע באַשטייט אָבער גראָד דערין, וואָס זי איז געוואַקסן אַפן אויסגעצייכנט נערהאַפטיקן באָדן פון עמעס און פאָרויסזעונג.

צוזאַמען מיט דער רעוואָליוציע איז געבוירן געוואָרן די נײַע ליטעראַטור פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם, צוזאַמען מיט דער רעוואָליוציע איז געבוירן געוואָרן אויך דער סאָוועטישער טעאַטער, — האָט געזאָגט א. סאַלינסקי אין זײַן פאָרטראָג וועגן די פראָבלעמען פון דער דראַמאַטורגיע אין שײַן פון דער הײַנטצײַטיקער אַנטוויקלונג פון די טראַדיציעס. „אַף דער סצענע פונעם טעאַטער, — ווײַזט אָן דער פאָרטרעגער, — זײַנען אַרויס מענטשן, פון וועלכע מע האָט פריִער ניט געוווּסט, — מענטשן מיט אַ פּסיכאָלאָגיע פון קאָלעקטיוויזם, ברידער און פרײַנט לויטן קאַמף... באַ אונדז איז געבוירן געוואָרן די דראַמאַטורגיע פון רעוואָליוציאָנערן געדאַנק, פון רעוואָליוציאָנערן כאַראַקטער. פאַר די 50 יאָר האָבן זיך געשאַפן די טראַדיציעס פון דער סאָוועטישער דראַמאַטורגיע“. די דאָזיקע טראַדיציעס ציִען זייער יעניקע פון דער הויפט־אידיי, וועלכע ליגט אין גרונט פון אונדזער ליטעראַטור און קונסט, — פון דער לענינישער אידיי: דערנעענטערן די קונסט צום פאָלק און דאָס פאָלק צו דער קונסט. אָט דאָס הייסט — פאָלקישקײַט, רעוואָליוציאָנערער הומאַניזם, פאַרטייִשקײַט. צווישן די פיעסן, אין וועלכע עס זײַנען אַמפולסטן געקומען צום אויסדרוק די נײַע שטריכן פון דער רעוואָליוציאָנערער דראַמאַטורגיע, האָט דער פאָרטרעגער אָנגערופן וס. ווישנעווסקיס „אָפּטימיסטישע טראַגעדיע“, ביל־בעלאָצערקאָווסקיס „דער שטורעמווינט“, ק. טרעניאָווס „ליובאָוו יאַראָוואַיאַ“, וס. איוואַנאָווס „דער פאַנצערצוג“ און פיל אַנדערע. סאַלינסקי האָט באַטאָנט די ראַשיקע אַנטוויקלונג פון דער דראַמאַטורגיע אין די ברידערלעכע רעפּובליקן, די באַרײַכערונג פון דער קונסט אַדאַנק דער נײַער אויסטײַטשונג פון די דראַמאַטורגישע ווערק פון דער רוסישער קלאַסיק און פון דער וועלט־קלאַסיק.

אַ טיפן אַנאַליז פון דער שעפערישער דערפאַרונג פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור, קריטיק און עסטעטיק האָט געגעבן אין זײַן פאָרטראָג ל. נאָוויטשענקאָ. „ווען מיר פירן אונטער אַ סאַכאַקל פונעם 50־יאָריקן וועג, וועלכן עס האָט דורכגעמאַכט די ליטעראַטור פון דער נײַער געזעלשאַפט, — זאָגט דער פאָרטרעגער, — איז קלאָר ניטאָ קיין נייטיקײַט צו מאָלן אים אַלס וועג פון דורכויסיקע זיגן און פון גיין פאָרויס בלויז לויט אַ שטײַגנדיקער ליניע... אויב אָבער מיר קאָנען ניכטער אָפשאַצן די קאָמפליצירטקײַט פון די פראָצעסן, אין וועלכע עס איז רײַף געוואָרן אונדזער ליטעראַטור, איז נאָך מער נייטיק ניט אַרויסצולאָזן קיינמאָל פון אויג דאָס וויכטיקסטע... — איר קעסיידערדיקע גײַסטיקע פאַרבינדונג מיטן פאָלק און מיט דער פאַרטיי, מיט די אידייען פונעם קאָמוניזם, איר רעוואָליוציאָנערע ציל־געווענדטקײַט, איר עמעסדיקײַט, מוט און העראָיִזם... אַנאַליזירנדיק די דערגרייכונגען פון דער הײַנטיקער קריטיק, וואָרנט ל. נאָוויטשענקאָ קעגן סוביעקטיוויזם, דאָגמאַטיזם, קרײַזל־פאָליטיק און עסטעטישער נאַכלעסיקײַט.

די הויפט־פראַגע אינעם טאָג־סיידער פונעם צוזאַמענפאָר איז געווען — די ראָליע פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור אין דער בויונג פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט. סײַ די פאָרטרעגער, סײַ די דעלעגאַטן, סײַ די געסט האָבן אין זייערע אַרויסטרעטונגען גערעדט געניי וועגן דעם יובילייַ פונעם גרויסן אָקטיאַבער. די רעדעס פון נ. טיכאָנאָוו, ק. יאַשען, א. סורקאָוו, ב. קערבאַבאַיעוו, מ. טורסון־זאַדע און פון די אַנדערע וועטעראַנען פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור זײַנען געווען אָנגעזעטיקט מיט אַ היפּש ביסל זיכרוינעס פון די 20־ער און 30־ער יאָרן, אין דער זעלבער צײַט האָבן זיי קאָנצענטרירט די אופמערקזאַמקײַט אַף דער לעבעדיקער דערפאַרונג, וועלכע איז וויכטיק אויך פאַר דעם הײַנטיקן וווּקס פון דער ליטעראַטור.

פיל דעלעגאַטן האָבן גערעדט וועגן דער נאַציאָנאַלער פילאַרטיקײַט פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור. מ. שאָלאָכאָוו האָט זיך אָפגעשטעלט אַף דער פראַגע וועגן דער דערציִונג פון די יונגע ליטעראַטן און וועגן דער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר זייער אַרבעט און שעפערישן גוירל מיצאַד דעם עלטערן דאָר שרײַבער.

ק. סימאָנאָוו האָט באַרירט די פֿראַגן, וועלכע האָבן אַ שײַכעס צו דער קינסטלערישער באַלײַכטונג פֿון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע, ער האָט גערופֿן די שרײַבער, זיי זאָלן מאָלן וואָרהאַפֿטיק און אַלזײַטיק די העלדישקײַט פֿונעם פֿאָלק אין דער מילכאָמע. סײַ ק. סימאָנאָוו, סײַ פֿיל אַנדערע דעלעגאַטן האָבן אין זייערע אַרויסטרעטונגען אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז פֿאַר די סאָוועטישע שרײַבער איז ניטאָ און עס קאָן ניט זײַן קיין „פֿאַרבאָטענע" טעמעס. אין דער זעלבער צײַט האָבן די דעלעגאַטן אונטערגעשטראָכן, אַז דער שרײַבער אַלס בירגער טראָגט אַ הויכע פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט פֿאַר דער פּאַרטיי און פֿאַרן פֿאָלק. ווערא קעטלינסקאַיאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער קאָלאָסאַלער ראָליע, וואָס די סאָוועטישע ליטעראַטור שפּילט אינעם פֿאַרשפּרייטן די סאַמע הומאַנע אידייען פֿון הײַנטיקן יאָרהונדערט. די שרײַבערן האָט געוואָרנט אירע קאָלעגן קעגן דעם „ווירוס פֿון לאַקירונג". דער דאָזיקער „ווירוס" איז באַזונדערס שעדלעך פֿאַר דעם יונגן דאָר, פֿאַר יענע, וועלכע ווערן דערצויגן דורך אונדזער ליטעראַטור.

דער צוזאַמענפֿאָר האָט גערופֿן די קריטיקער, זיי זאָלן אַנטשיידן אָפּזאָגן זיך פֿון שאַבלאָנע סכעמעס, קעמפֿן פֿאַר אַ טיפֿן אָביעקטיוון אַנאַליז פֿונעם ליטעראַרישן פּראָצעס.

אָפּשאַצנדיק די דערפֿאָלגן פֿון דער ליטעראַטור, האָט דער צוזאַמענפֿאָר אין דער זעלבער צײַט אָפּגעמערקט איינעם פֿון אירע ערנסטע כעסרוינעס — די טענדענץ, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אין אייניקע ווערק, צו פֿאַרמינערן די העראָאישע טראַדיציע פֿון דער סאָוועטישער ליטעראַטור.

אין די אַרויסטרעטונגען פֿון אַלע דעלעגאַטן איז דורכגעגאַנגען, ווי אַ רויטער פֿאָדעם, דער געדאַנק, אַז די סאָוועטישע ליטעראַטור שפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָליע בײַ אונדז אין לאַנד און אין גאָר דער וועלט. די דאָזיקע ראָליע איז שווער איבערצושאַצן.

דער צוזאַמענפֿאָר האָט געווענדט די אויפֿמערקזאַמקײַט אויף דער אומרויִקער און אָנגעגליטער אַטמאָספֿער, וואָס הערשט די לעצטע צײַט אין דער וועלט, אויף דעם שאַרפֿן אידעאָלאָגישן קאַמף צווישן די צוויי וועלט־סיסטעמען.

מיט אירע אידייען פֿון הומאַניזם און סאָציִאַלן פּראָגרעס, מיט אירע קינסטלערישע לעבנס־שילדערונגען האָט די סאָוועטישע ליטעראַטור דעראָבערט די אָנערקענונג פֿון די קינסטלער פֿון גאָר דער וועלט. פּאַבלאָ נערודאַ, אַנאַ זעגערס, יאַראָסלאַוו איוואַשקעוויטש, קרישאָן טשאַנדער, קאַרלאָ לעווי און אַנדערע געסט פֿונעם צוזאַמענפֿאָר האָבן הייס גערעדט וועגן דעם, וואָס עס גיט דער פּראָגרעסיווער מײַרעוו־אינטעליגענץ די דערפֿאַרונג פֿון אונדזער לאַנד, פֿון אונדזער קולטור. דער וויעטנאַמער שרײַבער נגויען דין טכי האָט געזאָגט, אַז די ווערק פֿון די סאָוועטישע שרײַבער דינען אַלס גײַסטיק געווער פֿאַר די העלדן פֿון זײַן פֿאָלק.

די זיכערקײַט דערין, אַז די אַרבעט פֿון די שרײַבער איז, ווי דאָס לעבן, נייטיק פֿאַר דער געזעלשאַפֿט, וואָס בויט דעם סאָציִאַליזם, אַז די קראַפֿט פֿון דער ליטעראַטור איז אין איר לײַבלעכער נאָענטקײַט מיטן לעבן פֿונעם פֿאָלק, — מיט דער דאָזיקער זיכערקײַט איז געווען דורכגעדרונגען די גאַנצע אַרבעט פֿונעם צוזאַמענפֿאָר, וועלכער וועט ווערן אַ וויכטיקער וועג־צייכן אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער סאָוועטישער קולטור.

י. ווײַנבערג

כראָניק

ביראָבידזשאַנער ליבהאָבער פֿון קינאָ אויפֿן אַלפֿאַרבאַנדישן דורכקוק

ניט לאַנג צוריק האָט זיך פֿאַרענדיקט דער אַלפֿאַרבאַנדישער דורכקוק פֿון קינאָ־ליבהאָבער, וואָס איז דורכגעפֿירט געוואָרן אין מאָסקווע. אויפֿן דורכקוק זײַנען דעמאָנסטרירט געוואָרן העכער 500 קינסטלערישע, דאָקומענטאַלע און וויסנשאַפֿטלעך־פּאָפּולערע פֿילמען.

דער פֿאָרזיצער פֿון זשורי פֿאָלקס־אַרטיסט פֿון פֿססר גריגאָרי ראָשאַל האָט באַם אונטערפֿירן די סאַכאַקלען פֿונעם דורכקוק אָנגערופֿן די זיגער. דער הויפּט־פּריז אַ „גאָלדן זעגל" איז צוגעמישפּעט געוואָרן דעם פֿילם „גאָרקי־לענינסקיִע". די אויטאָרן פֿונעם פֿילם זײַנען די מאָסקווער קינאָ־ליבהאָבער פּ. יעריאָמין און ל. געלפֿער.

אַ הויכע אָפּשאַצונג האָבן באַקומען די פֿילמען פֿון דער קינדער־סטודיע באַם ביראָבידזשאַנער פּיִאָנערן־הויז (אָנפֿירער יע. פֿעלדמאַן). אירע נײַע פֿילמען „די שטיינער פֿון וואָלאָטשײַעווקע" און „דער כאָלעם פֿון וואַסיע שטשוטשקין" זײַנען באַלוינט געוואָרן מיט דיפּלאָמען פֿון ערשטער מאַדרייגע און מיט ווערטפֿולע פּריזן. די סטודיע איז אַרײַן אין צעטל לאַורעאַטן פֿונעם פֿעסטיוואַל פֿון קינאָ־ליבהאָבער.

נײַע ביכער

אין פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" איז דערשינען אין ייִדיש אַ באַנד „געקליבענע ווערק" פֿון לייב קוויטקאָ. דאָס בוך האַלט 480 זײַטן און שליסט אײַן אין זיך 200 לידער און פּאָעמעס.

אינגיכן וועלן אין פֿאַרלאַג אַרויס אַ בוך פֿונעם עלטסטן ייִדישן סאָוועטישן שרײַבער ז. ווענדראָף — „אונדזער גאַס" און לידער־זאַמלונגען פֿון איציק פֿעפֿער און מענדל ליפֿשיץ.

80־טער געבורטסטאָג פֿון מאַרק שאַגאַל

דער באַוווּסטער קינסטלער מאַרק שאַגאַל איז אין יול אַלט געוואָרן 80 יאָר. די ייִדישע פּראָגרעסיווע פּרעסע, ווי אויך די פּראָגרעסיווע קונסט־קרײַזן פֿון פֿיל לענדער האָבן ברייט אָפּגעמערקט זײַן יובילײ. צו זײַן 80־טן געבורטסטאָג איז אין פּאַריזש געעפֿנט געוואָרן אַ גרויסע אויסשטעלונג פֿון שאַגאַלס בילדער. אַ צווייטע אויסשטעלונג „שאַגאַל און דער טעאַטער" האָט זיך געעפֿנט אויך אין טולוז.

אונדזער זשורנאַל האָט ניט לאַנג צוריק פֿאַרעפֿנטלעכט רעפּראָדוקציעס פֿון אַ ריי שאַגאַלס ווערק.

אין צוזאַמענהאַנג מיטן רומפֿולן יובילײ באַגריסט האַרציק די רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד" דעם וועלט־באַרימטן קונסט־מײַסטער און ווינטשט אים פֿיל יאָרן געזונט און שעפֿערישע דערפֿאָלגן.

עליע ספיוואק

מענדעלע=נוסעך

1

אָנגעווענדט צו מענדעלען, איז „נוסעך" געוואָרן א גאנגבארע באצייכענונג. ס'איז ביאַליקס א דעפיניציע, וואָס מיט איר זאָל געמיינט זײַן — געשטעלטער, אויסגעפּרעמטער ליטעראריש־שפּראכלעכער גאנג, אלס געוויסע שליימעסדיקע נאָרמע פון שפּראך, פון סטיל.

„ש א פ ן פאר ליטעראטור א נוסעך — דאָס הייסט איינמאָל פאר אלעמאָל צו געבן פעסטע און דויערהאפטע פאָרמעס פאר די געפילן און געדאנקען פונעם פאָלק און דערמיט מעמיילע פארגרינגערן דעם פּראָצעס פון זיי ביידע: דאָס הייסט מיטהעלפן דעם פאָלק צום דענקען און צו פילן; דאָס הייסט דיסציפּלינירן זײַן גײַסט, דאָס אָנפאָרמיקע אין אים פארטיק מאכן; פון רויען ערץ — גאָלד ארויסבאקומען און אין גאנגבארע „מאטבייעס" צעשמעלצן"[1].

מענדעלע האָט מיטן טיפסטן באוווּסטזײַן געגרונטעוועט זײַן גאנצן לעבן, וויִארום און וויִאזוי צו „זוכן, צו קלײַבן די פּאסנדיקע ווערטער, זעצן זיי ווי פּערל איינס צו אנדערן מיט ייִשעווו־הדאאס, מיט דער קאוואָנע, אז דער גײַסט און די צורע זאָל, ווי די נעשאָמע מיטן גוף, פּאסן איינער צום אנדערן נישט מער און נישט ווייניקער וויפל מע באדארף"[2].

שוין אין אָנהייב פון זײַן ליטערארישער טעטיקײַט האָט שאָלעם־אליינכעם גוט געוווּסט צו שאצן און צו שעצן מענדעלעס גרויסע ארבעט פארן ייִדישן וואָרט. בא מענדעלען זײַנען „די ווערטער געשליפן און געפּײַלט און פעסט געשלאָסן, הארמאָניש און איבערהויפּט ייִדיש"[3].

מאָס און וואָג, געשליפנקײַט און געפּײַלטקײַט, זויבערע גאנצקײַט און הארמאָניע איז בא מענדעלען געווען געבונדן אויך מיט „פּראָסט־ייִדיש", עס הייסט מיט פּײַנערער, ניט פּרימיטיוויזירטער, איינפאכקײַט, מיט רעאלער וואָרהאפט און מיט רעאליסטישער קלאָרקײַט פון וואָרט און סטיל.

מענדעלע האָט געשריבן שאָלעם־אליינכעמען וועגן דעם „מאָדערן" אין דער ליטעראטור, וואָס רופט זיך איבער מיט זײַן אמאָליקער באהויפּטונג וועגן „טערקיש לאָשן", „אָך־קויצעך־לאָשן", אין זײַן דראנג צום קלאָרן, צום רעאליסטישן וואָרט.

„איז דראפּעט מען זיך בא אונדז אין דער ליטעראטור אף די גלײַכע ווענט; מע לוימערט עפּעס אלץ אזוי הינטן־ארום, מיט א דריי הין־און־צוריק, ארוף און אראָפּ, העט־העט טיף אין כקירעס ארײַן. און וואָס? גאָרניט? מיר ניכטס, דיר ניכטס... גלאט אזוי זיך, פריש און געזונט און מעשוגע! א ייִד קוועטשט זיך, נעבעך, אין „בייצע". מיילע, נו, קוועטש זיך דיר, מעהייכעטייסע, אָבער דאָ, א קוועטשעניש דאָ — גוואלד, רעב ייִד, זײַט נישט מעשוגע! האָט ראכמאָנעס אף אײַך, אף די לעזער, דרייט ניט, גרײַזלט ניט, לאָזט זיך ניט ארײַן אין שטייגער, אין א געפּלאָנטער און לאָז מען הערן א וואָרט, א פּראָסט פארשטענדיק וואָרט!"[1]

דאָס איז א ריי א ל ג ע מ יי נ ע געבאָטן פון „נוסעך" בא מענדעלען מיקויעך שטײַפקײַט און געפּרעסטקײַט, געשליפנקײַט פון וואָרט, מיקויעך זויבערקײַט און קלאָרקײַט פון סטיל. די דאָזיקע געבאָטן האָבן זײַנערצײַט אָפּגעקלונגען נײַ, פריש. זיי רופן זיך אויך איצט איבער מיט א ריי פּאָרגעשריטנסטע היינטצײַטיקע עסטעטיש־סטיליסטישע באשטרעבונגען און טענדענצן.

2

מיט „נוסעך" איז געבונדן א ריי ספּעציעלע דערשײַנונגען פון שפּראכלעכער אָנזאמלונג און פורעמונג, פון סינטעטישער שפּראכלעך־ליטערארישער אויסברייטערונג און פארטיפערונג. מיר וועלן איצט בלויז אין א ל ג ע מ יי נ ע שטריכן זיך פּרווון אָנוואַרפן א ריי ספּעציעלע אנטפּלעקונגען פון אזא נוסעך אין דער סיסטעם פון מענדעלעס שפּראך און סטיל.

פון מענדעלעס שאפן שלאָגט, ווי פון אן אומויסשעפּלעכן קוואל, דאָס נאטירלעכע פאָלקס־וואָרט, ס'איז צוערשט און מיט אזא רײַפן פארטראכט געקומען צום אויסדרוק דאָס אָ פּ ג ע ק ל י ב ע נ ע, דאָס ק י נ ס ט ל ע ר י ש־אָ נ ג ע מ אָ ס ט ע נ ע, ניט סטיכייִשע און אָנגעוואלגערטע, מאסנוואָרט.

רײַך איז מענדעלע מיטן כ פ יי צ י ש ן לעקסיקאָן פון פאָלק, מיט די שטייגעריזמען פון ווינונג, שפּײַזונג, קליידונג. אזא לעקסיק קומט פאָר בא מענדעלען מיטן ציל פון כ א ר א ק ט ע ר י ס ט י ש ע ר שילדערונג און פון סאָציִאלער קעגנשטעלונג, ווי אויך אלס קינסטלעריש־אויפגעפּאסטע געשיכטע פון מאטעריעלער קולטור... מיט מענדעלען באווײַזט זיך אויך אין ייִדיש געניג אָ נ ז י כ ט י ק ע שפּראכלעכע פּראָפעסיִאָנאליזאציע[2]. די לעקסיק

א פראגמענט פון א ניט פובליקירטער ארבעט.

[1] כ.־נ. ב י א ל י ק. מענדעלעס „נוסעך".

[2] מ ע נ ד ע ל ע. אין יענער צײַט (ארײַנפיר צו „שלוימע רעב כאיִמס").

[3] „דער ייִדישער דאלעס אין די בעסטע ווערק פון אונדזערע פּאָלקס־שריפטשטעלער". בײַלאגע צום ייִדישן „פאָלקס־בלאט", 1888, נומ. 39.

[1] פון מענדעלעס א בריוו צו שאָלעם־אליינכעמען דעם 5 אפּרעל 1909.

[2] מיט פּראָפעסיִאָנאליזאציע איז צומטייל געבונדן דער געוויסער אויסערליטעראַרישער לעקסיקאָן בא מענדעלען (גנייווישער ארגאָ, אשטייגער, אין „פישקע"). צו יענער צײַט איז עס געגאנגען פון דער אלגעמיינער טענדענץ צו רעאליסטישער שילדערונג.

פון מעלאָכע, באַשעפטיקונג, באַלמעלאָכע, אַרבעט־יונג („פויעל“ און האַנט־ייִנגל) איז געוואָרן אַ וועזנטלעכער יעש אין מענדעלעס קינסטלערישן פאַרמאָג פון זײַן ערשטן ווערק אָן („דאָס קליינע מענטשעלע“). דאָס וואָרט פון שנײַדער, שמיד, סטאָליער, דרוקער, מאָלער, קלעזמער, באַלעגאָלע איז ערשט מיט מענדעלען געוואָרן אין ייִדיש אַ פרישער קוואַל פון נײַע אויסדרוק־מיטלען, פון כאַראַקטעריזירנדיקער עקספּרעסיע...

בײַ מענדעלען האָט צום ערשטן מאָל אין דער ייִדישער ליטעראַטור אַזאַ פלײַץ געטאָן מיט נאַטור־לעקסיק. די שעפע פון געוויינלעכער פאָלקס־נאָמענקלאַטור (בושעל שפּאַרבער, מוישע־ראַבייִנוס פערדעלע, קאָלנידרע־בערלעך, נעגעלעך) איז דאָ געווען פּרעכטיק אײַנגעפּאַסט אין די מענדעלע־פּאַנאָראַמעס פון „פעלדער, געשפּרענקלט מיט בליִענדע רעטשקע... געלב־גילדענע ראַצעמאָרענע פּאַסן פון ווייץ“[1]; פון „ווילדע גענדז צווישן וויספּעס אין טײַך“[2].

דער מענדעלע־פּייזאַזש האָט דאָס ערשטע מאָל אין ייִדיש באַהעלט מיט נײַע זײַלן שײַן דאָס בידנע ווערטל פון ייִדישער עלנט און פאַרשטויסנקײַט.

ווי די לעקסיק, אַזוי איז אויך פילאַרטיק און פאַרברײַטערט מענדעלעס סעמאַנטיק און ספּעציעל די סעמאַנטיזאַציע פונעם פאָלקס־וואָרט.

מענדעלעס וואָרט איז פון דער טיף אָנגעקוואָלן מיט סאָציִאַלער אַסאָציִאַציע, מיט פאַראַלגעמיינערונג.

„דאָס וווּנדערלעכע טישטעכל אין די מײַסע־ביכלעך, וואָס מע זאָגט: טישטעכל, טישטעכל, גיב מיר עסן! גיב מיר דאָס, גיב מיר יענץ! און דאָס טישטעכל גיט, אָט דאָס דאָזיקע כידושים־וווּנדערלעכע טישטעכל איז בײַ אונדז, ייִדן, די טאָרבע... די טאָרבע איז אין טאָך אַרײַן אַלץ איינע, נאָר בײַ פאַרשיידענע קלאַסן מענטשן באַקומט זי אַן אַנדער מין פאָרם און אַן אַנדער מין נאָמען. בײַם פּראָסטן אוילעם איז זי פּאָשעט אַ טאָרבע, אַ פּראָסטע לײַוונטענע טאָרבע; בײַם געהויבענעם אוילעם נעמט זי אָן אַלערליי מינע געשטאַלטן, ווי, אַשטייגער: אַ קעסטעלע, אַ קאָראָבקעלע, אַ קלייקוידעשל, אַ כעוורעלע, אַ פּושקעלע, אַ קאָהאָלש בײַטעלע, אַ גמילעסכעסעד־באַנקעלע, אַ מעכאַברישער פּלוידערזעקעלע אוקעדוימע. די אַלע זײַנען בעעמעס טאַקע נאָר טאָרבעס, טאָרבעס, עכטע ייִדישע טאָרבעס...“[3].

אַזוי איז עס בײַ מענדעלען ניט בלויז מיט זײַנע ברייטערע טאָרבע־ אָדער קליאַטשע־פאַראַלגעמיינערונגען, אַזוי איז עס בײַ אים אויך אין זײַנע געוויינלעכע, ווי אַגעוודיקע ווערטער־פּאָקוסן, אין וועלכע עס ברעכט זיך איבער גאָרע שטייגער־פּסיכאָלאָגיע (שמאַטעס, בלאָטע, שטעקן, צווישן און אַנד.).

שטאַרק רײַך איז מענדעלעס סינאָנימיע בײַ שילדערישער דיפערענציִאַציע, בײַ סאָציִאַלער כאַראַקטעריסטיק. דאָס ערשטע מאָל אין ייִדיש ווערט דאָ אַזוי ברייט און פאַראַלגעמיינערט אַרויסגעבראַכט די באַצייכענונג פון עקאָנאָמישן שטאַנד, פון סאָציִאַלער שאַצונג, פון די פאַרשיידענע „אָנכאַפּער, זאָגטערס, קאָכלעפל, שטאָט־פּעטערס, פאַקטוירים, דרייקעפּלעך, הענטשקעלאָשן־ריידער, פּאַטשערקעס־מאַכער, אייצעס־געבער“[1], ווי פון די קאָלערליי „פּיעשע אָדער פּוס־אָרעמעלײַט, קאָניצע אָדער בויד־אַרעמעלײַט, שטאָט־אָרעמעלײַט, פעלד־אָרעמעלײַט...“[2].

[1] „פּישקע דער קרומער“.

[2] „שלוימע רעב כאַיִמס“.

[3] „מאַסאָעס“.

מענדעלע האָט ליב סאָציִאַל־פּסיכאָלאָגיש צו דעשיפרירן אַ געוויסע אויסרוף־טנועה:

„בע איז בײַ אונדז, ייִדן, אַ טײַער וואָרט, וואָס האָט זייער פיל טײַטשן און איז אַ טערעץ אויף אַלע קאַשעס... אַ ייִד קען מיט „בע“ זיך טאָמיד אויסדרייען, ווען ער איז, נעבעך, אין דער קלעם און שטייט שמאָל. מיט „בע“ סילעקט אַ שווינדלער, אַן אָנזעצער, אַז די באַלעכויוועס טרעטן צו מיט שטאַרקע טײַנעס... מיט „בע“ קומט אָפּ אַ שיינער צעבראָכענער ייִד, ווען ער דערלאַנגט שטילערהייט אַ ביס... האַקלאַל, „בע“ האָט אַלערליי טײַמים, מעשונעווילדע פּיירושים, ווי אַשטייגער: רוף מיך קנאַקניסל, לאַד מיך צום אונעסאַנע־טויקעף. ...און נאָך טײַטשן אָן אַ צאָל...“[3]

בײַ מענדעלען שפּילט ביכלאַל דאָס וואָרט און דער וואָרט־באַטײַט מיט פאַראַלגעמיינערטער סאָציִאַלער אָנצוהערעניש, מיט פאַרשיידנסטע סעמאַנטיש־עקספּרעסיווע כיינען און פאַרבן, וואָס בײַשפּילן דערצו קאָן מען קריגן שיִער ניט אויף יעטווידן זײַטל פון זײַנע ווערק.

מענדעלע האָט אומגעהייער אויסגעברייטערט און באַנײַט די ראַמען פון דער ייִדישער וואָרט־בילדונג.

מענדעלע האָט שטאַרק ליב די אויסדריקלעכע וואַריִרונג פון געוויסער פאַראַנענער וואָרט־ריי:

„פון פרעמדקײַט צו פאַרפרעמדטקײַט איז אַ גרויסער כילעק. כוץ דעם ביטערן טאַם, וואָס פרעמד זײַן האָט אין זיך, האָט דאָס פרעמד ווערן נאָך אַ שאַרפערן דערצו...“[4]

סובסטאַנטיווישע אויסבילדונגען טרעפן זיך אָפט בײַ מענדעלען בײַם שילדערן מאַסן־אַקציע פון דער „איידע מילבן“, ספּעציעל די סובסטאַנטיוון מיט „־ער“ און „־ניש“ מיט סאָציִאַל־אַפעקטיווער שאַטירונג פון שטיקעניש און בעהאָלע אין די באַדינגונגען פונעם געוויסן „טכום“:

„וואָס איז דען, פרעג איך אײַך, דאָס ייִדישע לעבן אינגאַנצן: אַלץ די אייגענע מײַסע מיט בעהאָלעס, אַנשיקענעש, קוועטשעניש, יאָגעניש, לויפעניש, דולעניש, שפּאַרעניש, פּלאָנטעריש, אופּטועניש, דרינגעניש, בײַסעניש און קאָפּדרייעניש...“[5]

מענדעלע האָט ביכלאַל היפּש אַרײַנגעבראַכט נײַע און באַנײַטע וואָרטבילדונג, וואָס איז געוואָרן דאָס אייגנס פונעם הײַנטצײַטיקן ייִדיש. פּאָטענציעל האָבן מיר בײַ מענדעלען שיִער ניט די פולסטע גאַמע פון דער הײַנטצײַטיקער וואָרט־שאַפונג ביז, אַשטייגער, די פרישע נאָך פאַר אונדז איצט רעפלעקסיווע אויסבילדונגען (זיך אויסציִענדיקע וואָלקנס, זיך שמעלצנדיקע ליכטלעך), און באַהויכט איז מענדעלעס נײַ־אויסגעברייטערטע וואָרטבילדונג מיטן באַוווּסטזיניקן און אָנגעשטרענגטן זוכן און פורעמען די קינסטלערישע אָנגעמאָסטנקײַט און די שפּאָרעוודיקע אויסדריקלעכקײַט פון וואָרט.

מענדעלע האָט דער ערשטער אַזוי ברייט און פרײַ און מיט אַזאַ טרעפלעך־פאַרשאַרפטן סאָציִאַלן מיין געעפנט די שליוזן פון ייִדישער פראַזעאָלאָגיע, ספּעציעל אויף דער

[1] „פּריזיוו“.

[2] „פּישקע דער קרומער“.

[3] „פּישקע דער קרומער“.

[4] „שלוימע רעב כאַיִמס“.

[5] „די אַלטע מײַסע“.

טעמע פון „ניט דאָס בין איך אויסן“, וואָס ער איז עס בעפּיירעש יאָ אויסן געווען. מענדעלע האָט בעשעפע אַרײַנגעבראַכט דעם סקאַרבאָוון פּראָזעאָלאָגישן אויסדרוק (אָנגענומען אין דער סוואָרע, אין פּלוג, ווי געשיקט זיך עס), ווי די מאַסנטימלעכע אידיאָמאַטיק (אַ טאָפּ אין וואָגן, נעמען אַפּן ציהונדער, אַרבעטן אַף אַלע זאַסטעוווקעס, זיך אָפּגעריסן דער אָרטשיק). מענדעלע האָט אויך באַזונדערס אַרויסגעהויבן די סאָציאַל־שילדערישע און די סאָציאַל־אַנטבלויזיקע פּראָזעאָלאָגיע:

„...שיינע ייִדן, קאָשערע ייִדן, מיטן־פּולן־מויל־ייִדן, ברענענדיקע ייִדן, צעבראָכענע ייִדן, גילדענע־אָדער־ייִדן, גלאַט־ייִדן, אַזוי־זיך־ייִדן און אויך־מיר־ייִדן“[1].

אין דער ייִדישער ליטעראַטור ביז מענדעלען האָט נאָך, אַלס קלאַל, געהערשט די רויע און די סטיכיייִשע סינטאַקסישע סטרוקטור (אַקסענפּעלד). אין אַ היפּשער מאָס איז דאָס זעלבע פאָרגעקומען שוין אינעם מענדעלע־פּעריאָד בא אַזאַ שרײַבער, ווי לינעצקי. נאָך עטינגערן און שוין, פאַרשטייט זיך, מיט פיל ברייטערן און טיפערן פאַרטראַכט און פאַרנעם פון אים, האָט מענדעלע אַרײַנגעבראַכט אָרדענונג און געשטעלטקײַט אין ייִדישן זאַץ. מיר האָבן בא אים דעם דראַנג צו ליטעראַריזירטער געפּרעסטקײַט דורכן ברייטערן אָנווענדן דעם פּאַרטיציפּישן בוי („אַ ליבלעכע בא דער נעשאָמע ציִענדיקע שיינקײַט...“), דעם שילדערישן זאַץ לויט זײַנע פאַרשיידענע אומפולע און נאָמינאַטיווישע פאָרמעס. ביכלאַל האָט מענדעלע דער ערשטער אַזוי טרײַ און אַזוי אָנגעשטרענגט געאַרבעט אַף קלאָרן און האַרמאָנישן באַהעפט בא קאָאָרדינאַציע און סובאָרדינאַציע, אַף אָנגעמאָסטענער וואַריִרונג פונעם פאַרשיידענעם ייִדישן זאַץ־טיפּ. מענדעלע איז ביכלאַל דער ערשטער ערנסטער נ אָ וו אַ ט אָ ר און ע ק ס פּ ע ר י מ ע נ ט אַ ט אָ ר אין געביט פון ייִדישן סינטאַקס.

בא מענדעלען קומט ערשט צום אויסדרוק מיט אַזאַ פאַרנעם און מיט אַזאַ קינסטלערישער קראַפט דער ג ע ש י כ ט ל ע כ ע ר וואָרטפאָנד פון ייִדיש אין אָרגאַנישן איבערקרײַז מיט דער סיסטעם פון דער הײַנטצײַטיקער שפּראַך. אין זײַן שאַפונג זעט זיך בוילעט אַרויס די געשיכטלעך־שפּראַכלעכע רעמיניסצענץ. זי ציט זיך בא אים פונעם אוראַלטן קוואַל (ביבל, אַגאָדע, האַלאָכע). זי גייט בא אים פון נעענטערע, היסטאָרישע, טיף אין דער הײַנטצײַטיקײַט זיך אַרײַנגעשניטענע פּלאַסטן (מײַסע־בוך, טײַטש־כומעש, פּורים־שפּיל, טכינע, דראָשע). פונדאַנען איז איבערגעפלאַנצט די „אָמאַר־מענדעלע“־סטיליזאַציע אין איר פאַראָדירנדיקער, צומטייל אויך אידיליזירנדיקער וואָרטפאָרם. און דער געיאַרשנטער וואָרט־פאָנד איז בא מענדעלען איבערגעקנאָטן מיט „פּראָסט־ייִדיש“, מיט דער פּילאַרטיקער און פולבלוטיקער שפּראַך פון פאָלק. אין דער געשיכטע פונעם הײַנטצײַטיקן ייִדיש האָט מענדעלע דער ערשטער אַרײַנגעבראַכט דעם שעפערישן ס י נ ט ע ז פון דער גאָרער נאַציִאָנאַלער שפּראַך־קולטור.

3

דער שעפער פון „נוסעך“ אין ליטעראַטור און שפּראַך לאָזט די טיפסטע שפּורן אַף זײַן דאָר און ווערט דער גאָלדוועג פאַר זײַנע שעפערישע מיטצײַטלער און יאָרשים.

אַלס „באַלנוסעך“ און גרונטלייגער איז מענדעלע דער שטערן פון ע ר ש ט ע ר גרייס אין דעם ליכטיקן געשטערן מענדעלע — שאָלעם־אַלייכעם — פּערעץ. מענדעלע האָט פאָרויסבאַדינגט און האָט העל באַלויכטן דעם שטערנוועג פון זײַנע ערשטע נאָענטסטע מיטגייער. שאָלעם־אַלייכעמס וואָרצלען ציִען זיך אין אַ היפּשער מאָס פון מענדעלען. שאָלעם־אַלייכעם איז דער ווײַטערדיקער „אופהייב“ און די אייגנאַרטיקע נײַ־אויסגעברייטערטע אַנטפּלעקונג פון דעם מענדעלע־שניט. מענדעלע האָט אין אַ געוויסן זין פאָרויסבאַשטימט אויך פּערעצעס שאַפונגסוועג סײַ אין זײַן פאָלקסטימלעך־ראָמאַנטישן, סײַ אין זײַן סאָציאַל־אַנטבלויזנדיקן גאַנג, ניט געקוקט אַף דער פאַרשיידנקײַט צווישן זיי. אַף פּערעצעס שפּראַכלעכער נ אָ וו אַ ט אָ ר י ש ק ײַ ט און ע ק ס פּ ע ר י מ ע נ ט אַ ט אָ ר י ש ק ײַ ט רוט דער הויך פון מענדעלעס גרויסע שפּראַך־אופטוען. און געוווּסט האָט פּערעץ צו זאָגן וועגן מענדעלען:

„מענדעלע איז געווען אַלס קינסטלער דער ערשטער, דער מאָקער... ער האָט אַנטדעקט די ראָד, און אין אַלע שפּעטערדיקע אַנטדעקונגען דרייט זיך אַלץ די ראָד ביז אַף הײַנטיקן טאָג... יעדער איינער פון אונדז, ביז דעם ייִנגסטן פון די יונגע, דרייט אָט די ראָד“[1].

מיט דער אָקאָרשט־געבראַכטער פּערעצעס אַרויסזאָגונג וועגן מענדעלען קאָן מען שליסן דעם עטיוד אונדזערן וועגן מענדעלען אין ייִדיש. מיר האָבן דאָ אין אַ ל ג ע מ ײ נ ע שטריכן געפּרוּווט אָנצוצייכענען מענדעלעס ראָליע אין דער גרונטלייגונג און אין דער אויספורעמונג פונעם הײַנטצײַטיקן ייִדיש. עס שטייט נאָך אָבער פאָר די גענויערע פאַנאַנדעראַרבעטונג פון מענדעלעס קאָנקרעטער שפּראַך־סיסטעם אין געביט פון לעקסיק, וואָרטבילדונג, פּראָזעאָלאָגיע, גראַמאַטיק, סטיל. ס'איז אַ געבענטשטע אופגאַבע ווײַטער צו אַרבעטן דערוף אַף צו דערזען אינעם העלן זון־שײַן דאָס ריזיקע געשטאַלט פונעם גרונטלייגער פון ייִדיש אַף זײַן נײַערן עטאַפּ, וואָס איז שוין אַ שטיק געשיכטע פון ייִדיש, אָבער בעעמעס נאָך צאַפּלדיקע געשיכטע, וואָס לעבט מיט פולן לעבן אין דער ה ײַ נ ט צ ײַ ט י ק ע ר ייִדישער ליטעראַטור און אינעם ה ײַ נ ט צ ײַ ט י ק ן ליטעראַרישן ייִדיש.

---

[1] „דאָס ווינטשפינגערל“.

[1] י.־ל. פּ ע ר ע ץ. „מענדעלע“ (פון העברעיִש).

כראָניק
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור

1932

פון דער צײַטונג „דער עמעס“.

נ ו מ. 116. דערשינען דאָס בוך: „פראָבלעמען פון פאָלקלאָריסטיק“, זאמלונג 1 (קעגן אנטימארקסיסטישע טעאָריעס אין דער ליטעראטור־פאָרשונג). אויסגאבע פרנעם אינסטיטוט פאר ייִדישער קולטור בא דער אלוקראיִנישער וויסנשאפט־אקאדעמיע, קיִעוו.

נ ו מ. 118. מ. ליטוואקאָוו — אראָפּגעריסענע מאסקעס (וועגן אָ. סטרעליצעס פעליעטאָנען).

נ ו מ. 119. י. ריוועס און אָ. סטרעליץ — אף א העכערער שטופּע (נאָך דער באשטימונג פון צק אלקפּ(ב) פון 23 אפּרעל וועגן איבערבויען די ליטקינסטלערישע אָרגאניזאציעס).

נ ו מ. 121. ד. האָפשטיין — ביראָבידזשאן.

נ ו מ. 143. מ. גורעוויטש — פאר א באָלשעוויסטישער ליניע אין שפּראך־בויונג (וועגן דעם בוך פון פּראָפ. א. זארעצקי — „פאר א פּראָלעטארישער שפּראך“, כארקאָוו — קיִעוו, 1931).

נ ו מ. 156. געשאפן א ייִדישע סעקציע באם פארבאנד פון די סאָוועטישע שרײַבער פון ווײַסרוסלאנד. אין דער ביוראָ גייען ארײַן אקסעלראָד, בראָנשטיין, דונעץ, דעכטיאר, כאריק, קולבאק און קאצאָוויטש.

נ ו מ. 178. י. נוסינאָוו — פאר א העכערער קוואליטעט (וועגן ש. פּערסאָווס בוך „קאָנטראקטאציע“, צענטרפארלאג, קיִעוו — כארקאָוו, 1931).

נ ו מ. 179. די קאָלעגיע פון פאָלקאָמבילד פון רספסר האָט געגעבן דעם טיטל פארדינסטפולער ארטיסט פון דער רעפּובליק דעם ארטיסט פון מאָסקווער גאָסעט ב. זוסקין.

נ ו מ. 212. קיין מאָסקווע איז געקומען פון אויסלאנד דער שרײַבער דאָוויד בערגעלסאָן.

נ ו מ. 222. מאָסקווער ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער באגריסן מ. גאָרקין. אין נאָמען פון פּרעזידיום פון דער פארזאמלונג האָבן די באגריסונג אונטערגעשריבן ד. בערגעלסאָן, פּ. מארקיש, י. ראבין, מ. ליטוואקאָוו, ל. גאָלדבערג, ה. בריל, פּ. נאָוויק („מאָרגן־פרײַהײַט“).

נ ו מ. 229. א. וועוויאָרקע — וועגן מײַן פאלשער שאָמער־קאָנצעפּציע: „אין לעצטן נומער „פּראָליט“ (6—7) האָב איך פארעפנטלעכט אן ארטיקל: „רעוויזיע און רעוויזיעס“ — וועגן די טײַנעס, וואָס א ריי קריטיקער האָבן ארויסגעשטעלט קעגן מײַן בוך „רעוויזיע“. איך האלט פאר א באזונדערן פעלער פון מײַן זײַט, וואָס איך האָב ניט באנומען, אז א שאָמער־רעאביליטאציע קאָן האָבן שעדלעכע ווירקונגען אפילע אף דער ליטעראטור־פּראקטיק“.

נ ו מ. 269. אף דער אלגעמיינער פארזאמלונג פון די מאָסקווער ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער איז אויסגעווילט געוואָרן א ביוראָ פון דער ייִדסעקציע. אין איר זײַנען ארײַן די כאווײרים ליטוואקאָוו, מארקיש, נוסינאָוו, סטרעליץ און קושנירעוו. קאנדידאטן — דאָברושין און ראבין.

נ ו מ. 273. געקומען קיין מאָסקווע פון ניו־יאָרק דער ייִדישער פּראָלעטארישער זשורנאליסט און שרײַבער כ. ל. טאלמי — רעדאקטאָר פון קאָמוניסטישן זשורנאל „דער האמער“.

נ ו מ. 277. ליטערארישע אָוונטן אין ביראָבידזשאן. געווידמעט די שרײַבער בערגעלסאָן, גאָדינער און האלקין; דעם 1 נאָיאבער האָט דער ביראָבידזשאנער שטאָטראט צונויפגערופן א פײַערלעכע פארזאמלונג לעקאָווד דעם באוווסטן ייִדישן סאָוועטישן שרײַבער ד. בערגעלסאָן. מיט א פאָרטראָג וועגן בערגעלסאָנס שאפן איז ארויסגעטראָטן ה. קאזאקעוויטש. פון 7 יאנוואר הייבט אָן צו דערשײַנען אין קיִעוו א ליטערארישער־קינסטלערישער כוידעש־זשורנאל אין ייִדיש („פארמעסט“). אין דער רעדקאָלעגיע גייען ארײַן: ד. האָפשטיין, מאקס עריק, נויעך לוריע, ה. פּאָליאנקער, פאראנטוואָרטלעכער רעדאקטאָר מ. לעוויטאן, שטעלפארטרעטער — א. אבטשוק; מ. ליטוואקאָוו — בערגעלסאָנס סאָוועטישער ווידערגעבורט (ד. בערגעלסאָן — „באם דניעפּער“, פארלאג „עמעס“).

נ ו מ. 290. ד. בערגעלסאָן האָט געלייענט זײַן נײַע פּיעסע לויטן ראָמאן „מידאס־הדין“ פארן ארטיסטן־קאָלעקטיוו פון מאָסקווער גאָסעט. די בײַוועזנדע האָבן וואַרעם אופגענומען די פּיעסע (רעזשיסער וועט זײַן דער קינסטלערישער לייטער פון טעאטער ש. מיכאָעלס).

נ ו מ. 292. ד. האָפשטיין — אונדזער דיכטונג (וועגן דעם בוך פון ש. האלקין „פאר דעם נײַעם פונדאמענט“, פארלאג „עמעס“, 1932); ט. גען — אין א נײַער דירע (דערציילונג).

נ ו מ. 294. נײַע ביכער פון אינסטיטוט פאר ייִדישער פּראָלעטארישער קולטור אין מינסק: ליטערארישׂ־לינגוויסטישע זאמלונג נומ. 3. אינהאלט: י. בראָנשטיין — סאכאקלען פון 15 יאָר קאמף פאר מארקסיזם־לעניניזם אין דער ליטעראטור־קענטעניש; כ. האָלמשטאָק — 15 יאָר אָקטיאבער־רעוואָליוציע און דער ייִדישער שפּראכפּראָנט; ק. בעזנאָסיק — ייִדיש־גראמאטישע ארבעט פארן סאָוועטישן פּעריאָד; כ. פײַנזילבער — 15 יאָר לעקסיקארבעט; ה. שקליאר — די ייִדישע דיאַלעקטאָלאָגישע פאָרשונג אין פּססר.

פ אָ ר ז ע צ ו נ ג. זע אָנהייב „סאָוועטיש היימלאנד“ נומ. 11 און 12 פון 1966, נומ. 4, 5, 6 און 7 פון 1967.

1933

פון דער צײַטונג „דער עמעס“.

נומ. 5. באריכט וועגן שעפערישן אָוונט, געווידמעט דעם צווייטן טייל פון נאָטע לוריעס ראָמאן „דער סטעפּ רופט“. אין מיינונג־אויסטויש האָבן זיך באטייליקט: מארקיש, גאָדינער, סלאווין, קליטעניק, דאָברושין, סטרעליץ, קושניראָוו, גורשטיין, ראבין, סערעבריאני, פרומקין, נוסינאָוו, גאָלדבערג; ש. האלקין — אף בירָאבידזשאנער סאָפּקעס (ליד); א. גורשטיין — דער וועג פון א דיכטער (וועגן דעם בוך פון ז. אקסעלראָד „לידער“, מינסק, 1932).

נומ. 19. דער מאָסקווער גאָסעט וועט אין 1933 שטעלן צוויי נײַע פּיעסן — „מידאס־האדין“ און „קיניג ליר“; דער מאָסקווער יידישער „טראם“ וועט אין פעווראל באווײַזן די שטעלונג „קײַלעכדיקע וואָכן“ (דראמאטישער מאָנטאזש לויט איזי כאריקס פּאָעמע).

נומ. 30. אין פארלאג „עמעס“ איז ארויס פון דרוק און געפינט זיך אין פארקויף: י. ראבין — בוזי דובין (ראָמאן); ב. אָרשאנסקי — ארטיאָם (פון ציקל „העלדן פון באָלשעוויסטישן קאמף“); ד. בערגעלסאָן — באם דניעפּער, באנד 1; ע. גאָרדאָן — איבערוף פון סטעפּעס (פארצייכענונגען און סקיצעס פון קאָלווירטישן לעבנסשטייגער); י. דאָברושין — אין איבערבוי (ליטעראריש־קריטישע ארטיקלען); מ. דאניעל — צו זאוואָדישע שוועלן (קינדער־דערציילונגען); ש. האלקין — פאר דעם נײַעם פונדאמענט (לידער, געווידמעט דער סאָציאליסטישער בויונג אין אונדזער לאנד); מוישע טײַטש — דער וועג קיין דאָנבאס (דערציילונג אין פיר טיילן); יודל יאָפע — אין קאמף (דערציילונגען); יודל יאָפע — אָנוווקס (ראָמאן); מ. כאשטשעוואצקי — לעצטע שלאכט — פּערעקאָפּ (פּאָעמע); נאָטע לוריע — דער סטעפּ רופט (ראָמאן, טייל 1); ל. לערמאן — ציגל (דערציילונגען); נ. נאטאנזאָן — א לאנד אין רישטעוואניעס (פארצייכענונגען פון בירָאבידזשאנער ראיאָן, ווינטער 1932); אָ. סטרעליץ — אראָפּגעריסענע מאסקעס (פעליעטאָנען) מיט א פאָרוואָרט פון מ. ליטוואקאָוו; אָ. סטרעליץ — באָלשעוויסטישער פרילינג (פארצייכענונגען פון קאלינינדאָרפער ראיאָן); דאָס לאנד דארף קענען זײַנע העלדן (ליטזאמלונג. צונויפגעשטעלט א. קושניראָוו).

נומ. 36. מעלדונג: דער פארלאג „עמעס“ און די יידסעקציע פונעם אָרגקאָמיטעט פון די סאָוועטישע שרײַבער אָרדענען אײַן דעם 15 פעווראל א באגעגעניש מיט די מיטגלידער פון אלפארבאנדישן אָרגקאָמיטעט איזי כאריק און איציק פעפער.

נומ. 38. באריכט פונעם שעפערישן אָוונט, געווידמעט בוזי אָלעווסקיס פּאָעמע „שאכטע“; אפן צווייטן פלענום פון אלפארבאנדישן אָרגקאָמיטעט פון די סאָוועטישע שרײַבער איז מיט א רעדע וועגן דער יידישער דראמאטורגיע ארויסגעטראָטן איציק פעפער.

נומ. 45. י. דאָברושין — א וויכטיקע גאָב אין אונדזער לאנדשוץ־ליטעראטור (וועגן מ. כאשטשעוואצקיס פּאָעמע „לעצטע שלאכט — פּערעקאָפּ“).

נומ. 54. 15 יאָר „וואָרהײַט“ — „עמעס“. „דעם 7 מארט ווערט 15 יאָר, זינט עס איז דערשינען אין פּעטראָגראד, איצט לענינגראד, דער ערשטער נומער פון דער ערשטער אין דער וועלט באָלשעוויסטישער צײַטונג אין יידיש — די „וואָרהײַט“. די „וואָרהײַט“ איז, עמעס, דערשינען ווי אן „אָרגאן פון די ס.־ד. — באָלשעוויקעס און לינקע סאָציאליסטן־רעוואָלוציאָנערן“, אָבער די אויבערהאנט האָבן אין איר געהאט די באָלשעוויקעס. פאראנטוואָרטלעכער רעדאקטאָר און אָנפירער איז געווען ש. דימאנשטיין. בלויז אייניקע נומערן „וואָרהײַט“ זײַנען דערשינען אין פּעטראָגראד. מיטן אריבערפירן דעם צק פון אונדזער פּארטיי און די ראטן־רעגירונג קיין מאָסקווע איז אויך די „וואָרהײַט“ אהין אריבערגעפאָרן“.

דעם 7 אווגוסט 1918 איז די „וואָרהײַט“ געוואָרן א טעגלעכע צײַטונג, זי האָט שוין געהייסן „עמעס“ (דערווײַל נאָך „אמת“ — מיטן העברעיִשן אויסלייג). די שוטפעס מיט די לינקע עסערן איז ליקווידירט געוואָרן. „דער עמעס“ איז שוין געווען אן „אָרגאן פון די קאָמוניסטן־באָלשעוויקעס“, ארויסגעגעבן דורכן צק פון דער פּארטיי קאָמוניסטן־באָלשעוויקעס. פאראנטוואָרטלעכער רעדאקטאָר איז פארבליבן ש. דימאנשטיין. נאָך אן איבערײַס פון 14־טן נומער ביז דעם 7 נאָיאבער 1920 איז „דער עמעס“ ארויס שוין אלס אָרגאן פון דער צ. ב. פון די יידסעקציעס באם צק פון אונדזער פּארטיי. רעדאקטאָר איז געוואָרן שאכנע עפּשטיין. אונטער עפּשטיינס רעדאקציע זײַנען דערשינען 37 נומערן. די צײַטונג האָט ווידער אָנגעהויבן ארויסגיין אין 1921, אונטער דער רעדאקציע פון מ. ליטוואקאָוו. דעם 1 מײַ 1921 איז ארויס איין נומער „עמעס“, און אָנהייבנדיק פונעם 2 סענטיאבער 1921 איז די צײַטונג דערשינען רעגולער. אין מארט 1930, נאָך דער ליקווידאציע פונעם נאצסעקטאָר באם צק פון דער אקלפּ(ב) איז „דער עמעס“ געוואָרן אן אָרגאן פונעם נאציאָנאליטעטן־ראט באם ציק פון פססר.

נומ. 60. עס איז ארויס פון דרוק און געפינט זיך אין פארקויף ש. גאָדינערס „דער מענטש מיט דער ביקס“, צווייטער טייל, פּראכט־אויסגאבע.

נומ. 89. די יידסעקציע באם אָרגקאָמיטעט פון די סאָוועטישע שרײַבער רופט צונויף אפן 18 אפּרעל א פארזאמלונג פון די יידישע סאָוועטישע שרײַבער. פאָרטראָג פון י. נוסינאָוו — א יאָר ליטערארישע פּראקטיק נאָך דער באשטימונג פון צק אלקפּ(ב) פון 23 אפּרעל.

נומ. 96. מ. ליטוואקאָוו — א. העפּטער (פאָרוואָרט צום אלבאָם פון א. העפּטערס קאריקאטורן, וואָס דערשײַנט אין „עמעס“־פארלאג).

נומ. 97. דערשינען א. ד. מיראלס בוך „אין קרימער סטעפּ“ (פארצייכענונגען).

נומ. 98. דערשינען: יודל יאָפע — פון טרעפּ צו טרעפּ (דערציילונגען); כאַים שײַעוויטש — די אזיאטקע (דערציילונג פון רומעניש־בעסאראבישער אונטערערד).

נומ. 99. עס געפינט זיך אין פארקויף: ב. אָרשאנסקי — א צונג (דערציילונגען פאר עלטערע קינדער).

נומ. 101. דעם 6 מײַ וועט אין אָקטיאבער־זאל פון פארייניגטן־הויז פאָרקומען א פײַערלעכע לייענער־קאָנפערענץ, געווידמעט דעם 15־יאָריקן יובילײ (1933—1918) פון „עמעס“. טאָג־אָרדענונג: עפענונג־רעדע פון ש. דימאנשטיין (ערשטער רעדאקטאָר פון „וואָרהײַט“ — „עמעס“). „15 יאָר „עמעס“ — 15 יאָר קאָמפּרעסע“ — פאָרטראָג פון מ. ליטוואקאָוו (פאראנטוואָרטלעכער רעדאקטאָר פון „עמעס“).

נומ. 103. באגריסונג פון פאָרזיצער פון צענטראלן אויספיר־קאָמיטעט מ. אי. קאלינין דעם „עמעס“ צו זײַן 15־יאָריקן יובילײ.

נומ. 105. א. זארעצקי — מע מוז צונויפרופן א שפּראך־באראטונג.

נומ. 106. די נאָענטסטע טעג דערשײַנט פּ. מארקישעס בוך „ווער וועמען“ (א זאמלונג פּיעסן).

נומ. 110. מ. גורעוויטש — נ. שטיף דער לינגוויסט.

נומ. 112. פערעץ מארקיש — שווארצע שייַטערס (אנטיפאשיסטישע לידער).

נומ. 122. עס דרוקט זיך און איניגיכן דערשייַנט י. ראבינס בוך „שוועסטערקינדער“ (צווייטע, אויסגעבעסערטע אופלאגע).

נומ. 141. דעם 30 יון וועט אין מאלאכאָווקע פאָרקומען א כאווערישע באגעגעניש פון די מאָסקווער ייִדישע סאָוועטישע שרייַבער מיט די ארבעטער — שלאָגלער פון די גרעסטע מאָסקווער זאוואָדן.

נומ. 142. מ. הארצמאן — אף דער בינע שטיי איך... (לידער); עליע קאהאן — מייַנע מאנעווערס (דערציילונגען).

נומ. 147. עס איז ארויס פון דרוק א בוך „פאָלקלאָרלידער. נייַע מאטעריאלן“. צוגעגרייט צום דרוק ז. סקודיצקי, אונטער דער רעדאקציע פון מ. ווינער.

נומ. 148. דער אָרגקאָמיטעט פונעם פארבאנד סאָוועטישע שרייַבער פון פססר רופט צונויף דעם 2 יול אן אלגעמיינע פארזאמלונג פון די ייִדישע סאָוועטישע שרייַבער פון מאָסקווע. טאָג־אָרדענונג: דער צושטאנד פון דער ייִדישער ליטעראטור (פאָרטראָג — מ. ליטוואקאָוו).

נומ. 149. עס איז ארויס פון דרוק ב. ערקעסעס בוך „באנאכט אף דער גרענעץ“.

נומ. 150. דערשינען: ד. האָפשטיין — פרייד פון נייַעם זייַן.

נומ. 152. א. ראָזענצווייַג — אין קאמף פאר א מארקסיסטיש־לענינישער שפראך און ליטעראטור־קענטעניש.

נומ. 154. אין פארלאג „עמעס“ זייַנען ארויס געזאמלטע ווערק פון פ. מארקיש. ב. 1 — לידער, ב. 4 — פיעסן.

נומ. 163. עליע קאהאן — מאגניטבוי — מאגניטאָגאָרסק (פארצייכענונג).

נומ. 172. פ. אלטמאן — אין די ערשטע טעג פון שניט (פארצייכענונגען); עס איז ארויס פון דרוק: מ. ווינער און א. גורשטיין — פראָבלעמען פון קריטיק.

נומ. 205. באגעגעניש פון די מאָסקווער ייִדישע סאָוועטישע שרייַבער מיט די מאָסקווער ייִדישע ארבעטער־לייענער. שעפערישע באריכטן האָבן אָפגעגעבן די שרייַבער גאָדינער, האלקין, ראבין און יאָפע.

נומ. 220. די פארייניקונג פון מאָסקווער ייִדישע שרייַבער באם אָרגקאָמיטעט און די קאטעדרע פון ייִדישער ליטעראטור באם פעדינסטיטוט א. נ. פון בובנאָוו אָרדענען איין דעם 25 סענטיאבער א באגעגעניש מיט נ. אויסלענדערן, וועלכער וועט לייענען אויסצוגן פון זייַנע לעצטע ווערק.

נומ. 224. די נייַע שטעלונג „מידאס־האדין“ (א שמועס מיטן קינסטלערישן אָנפירער פון גאָסעט ש. מיכאָעלס).

נומ. 225. דעם 10 סענטיאבער זייַנען קיין ביראָבידזשאן געקומען דער באוווּסטער רוסישער שרייַבער פאדייעוו, קינאָ־רעזשיסער דאָווזשענקאָ, קינאָ־אקטריסע סאָלנצעווא און קינאָ־אָפעראטאָר גלידער. אפן וואָקזאל האָט זיי באגעגנט די גאנצע ביראָבידזשאנער שרייַבער־אָרגאניזאציע און פאָרשטייער פון די ראיאָנע פארטייִשע, סאָוועטישע און פראָפארייניש‌ע אָרגאניזאציעס.

נומ. 229. ש. קליטעניק — א קאפיטל געשיכטע פון בירגערקריג (צום דערשייַנען פון ש. גאָדינערס צווייטן בוך „דער מענטש מיט דער ביקס“).

נומ. 232. „מידאס־האדין“ — אלס בוך און ספעקטאקל (א שמועס מיטן שרייַבער דאָוויד בערגעלסאָן).

נומ. 234. די פארייניקונג פון די ייִדישע סאָוועטישע שרייַבער באם אָרגקאָמיטעט און דער גרופקאָם פון די ייִדישע שרייַבער באם פארלאג „עמעס“ אָרדענען איין אין דער נאָענטסטער צייַט א ריי שעפעריש־ליטעראַרישע אָוונטן. די טעג וועט פאָרקומען אן אָוונט, געווידמעט דעם כ׳ וואָלקענשטיין. עס גרייט זיך א ליטעראַרישער אָוונט, געווידמעט גאָדינערס „דער מענטש מיט דער ביקס“ און זייַן נייַער דערציילונג „די שלאכטן בא אירענע“. אזעלכע שעפערישע אָוונטן וועלן אויך פאָרקומען וועגן דער שאפונג פון פעפער, כאריק, יאָפע, פערסאָוו, ווינער, גורשטיין, אָלעווסקי, ע. גאָרדאָן, פינינבערג, מארקיש, קושניראָוו, ראבין, ראָסין, האלקין.

נומ. 239. ש. קליטעניק — אין די ערשטע רייען (וועגן נאָטע לוריעס ראָמאן „דער סטעפ רופט“).

נומ. 257. לויט דער באשטימונג פון אלפארבאנדישן אָרגקאָמיטעט איז, ווי באוווּסט, אויסגעטיילט געוואָרן א קאָמיסיע אף צו באהאנדלען די פראגן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור. אין דער קאָמיסיע גייען אריין פאָרשטייער פון די ייִדישע סאָוועטישע שרייַבער אין רספסר, אוססר און ווססר. אפן 1 דעקאבער איז באשטימט דער ערשטער פלענום פון דער קאָמיסיע. אלס פאָרטרעגער איז באשטימט מ. ליטוואקאָוו.

נומ. 269. י. נוסינאָוו — צום פאָרשטייענדיקן פלענום פון דער קאָמיסיע פון ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור באם אָרגקאָמיטעט; נייַע פיעסן פון קושניראָוו, מארקיש, דאָברושין; האלקינס איבערזעצונג פון שעקספירס „קיניג ליר“; אָ. סטרעליץ — דער בראווער סאניטאר (וועגן ש. עפשטיינס „אין צוריקמארש“, קיִעוו, 1933); קאָנקורס אף דער בעסטער רעצענזיע איבער ווערק פון ייִדישע סאָוועטישע שרייַבער אין ווייַסרוסלאנד. עס ווערן איינגעשטעלט 7 פרעמיעס. אין דער זשורי גייען אריין: בראָנשטיין, דונעץ, קאצאָוויטש, בער, כאריק, רובינא, קולבאק, אקסעלראָד און דאָלגאָפאָלסקי; א באגעגעניש פון קינדער מיטן שרייַבער ל. קוויטקאָ אין כארקאָוו; גרויסער ליטעראַרישער אָוונט אין טולע וועגן די ווערק פון די מאָסקווער ייִדישע סאָוועטישע שרייַבער אָלעווסקי, ע. גאָרדאָן און קליטעניק.

נומ. 272. א שעפערישער אָוונט אין מינסק וועגן י. בראָנשטיינס בוך „די פראָבלעמען פון לענינישן עטאפ אין דער ליטעראטור־קענטעניש“. פאָרטרעגער ר. רובינא; א ליטעראַרישער אָוונט אין קיִעוו, געווידמעט די יונגע דיכטער דאָרע כייַקינא און הערשל דובינסקי. מיט פאָרטראָגן וועגן זייער שאפונג זייַנען ארויסגעטראָטן עריק און טאלאלאיעווסקי. א ליטעראַרישער אָוונט אין מינסק, געווידמעט די שרייַבער פ. סיטאָ און פ. אלטמאן. מיט א פאָרטראָג איז ארויסגעטראָטן י. בראָנשטיין; די פארייניקונג פון די מאָסקווער ייִדישע שרייַבער באם אלפארבאנדישן אָרגקאָמיטעט רופט צונויף אפן 28 נאָיאבער אן אלגעמיינע פארזאמלונג פון די מאָסקווער ייִדישע שרייַבער. אין טאָג־אָרדענונג — דער צושטאנד און די אופגאבן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור. פאָרטרעגער — י. נוסינאָוו.

נומ. 273. ש. קליטעניק — וועגן כאיִם שייַעוויטשעס בוך „די אזיִאטקע“, פארלאג „עמעס“, 1933 („אזיִאטקע“ הייסט א פאָרשטאָט אין קעשענעוו).

נומ. 274. י. ראבין — ברייטער אָרגאניזירן די באהאנדלונג פון ליטעראַרישע פראָבלעמען; י. דאָברושין —

וועגן די פּרינציפּן פון דער דראַמאַטורגיע; דערשינען אין „עמעס“־פאַרלאַג: מ. אלבערטאָן — שאַכטעס (צווייטע אויפלאַגע), ב. אַלעווסקי — שאַכטע (פּאָעמע) און „אַלץ העכער און העכער“ (פאַרצייכענונגען).

נומ. 275. ארויס פון דרוק: ש. פּערסאָוו — טאָג און נאַכט (דערציילונגען).

נומ. 276. מ. ווינער — וועגן קריטיק און קריטיקער (צו דער זיצונג פון דער קאָמיסיע פאַר ייִדישער ליטעראַטור באַם אָרגקאָמיטעט).

הײַנט עפנט זיך דער פּלענום פון דער קאָמיסיע צו דערלערנען די ייִדישע ליטעראַטור. אין דער אַרבעט פונעם פּלענום וועלן אָנטיילנעמען: פון אוקראַיִנע — גילדין, פעפער, קוויטקאָ, דאַניִעל און אַנד., פון די מאָסקווער ייִדישע שרײַבער — גאָדינער, מאַרקיש, קושנעראָוו, ראַבין, נוסינאָוו, ווינער, סטרעליץ און אַנד.

נומ. 278. דעם 2 דעקאַבער איז פאָרגעקומען דער פּלענום פון דער קאָמיסיע. מיט באַריכטן פון די ייִדסעקציעס פון די רעפּובליקאַנישע אָרגקאָמיטעטן זײַנען אַרויסגעטראָטן פעפער, דונעץ און נוסינאָוו. דער פּלענום האָט באַשלאָסן, אַז די אַלפאַרבאַנדישע באַראַטונג פון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער זאָל פאָרקומען אין מאַרט 1934 מיט פאָלגנדיקער טאָג־אָרדענונג: 1. וועגן דער צוגרייטונג צום אַלפאַרבאַנדישן צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטישע שרײַבער (פאָרטרעגער א. פאַדייעוו), 2 וועגן דער ייִדישער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער (פאָרטרעגער אי. פעפער), 3. וועגן דער ייִדישער סאָוועטישער פּראָזע (פאָרטרעגער כ. דונעץ און מ. עריק), 4. וועגן דער ייִדישער סאָוועטישער פּאָעזיע (פאָרטרעגער י. בראָנשטיין און י. דאָברושין), 5. וועגן דער ייִדישער סאָוועטישער דראַמאַטורגיע (י. נוסינאָוו), 6. וועגן דער אַרבעט צווישן די יונגע שרײַבער (אי. כאַריק). אין דער קאָמיסיע צו אָרגאַניזירן די באַראַטונג זײַנען אויסגעוויילט סטרעליץ (פאָרזיצער), ראָסין, פּערסאָוו, קוויטקאָ און קאַצאָוויטש.

דער פּלענום האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אין מאָסקווע אַן אַלמאַנאַך פון דער ייִדישער סאָוועטישער קינסטלערישער ליטעראַטור אונטערן נאָמען „סאָוועטישע ליטעראַטור“ (שפּעטער איז ער אָנגערופן געוואָרן „סאָוועטיש“).

נומ. 281. אין ווײַסרוסלענדישן ייִדישן מעלוכע־טעאַטער גייט מיט דערפאָלג די פּרעמיערע פון ליפּע רעזניקס פּיעסע „רעקרוט“ (לויט אַקסענפעלדן). רעזשיסער — פאַרדינסטפולער אַרטיסט ראַפּאַלסקי, קינסטלער — טישלער, קאָמפּאָזיטאָר — קריין; דער קיִעווער ייִדישער מעלוכע־טעאַטער אַרבעט אַף מאָליערס קאָמעדיע „דער קלויִמערשט קראַנקער“ (איבערזעצונג פון נויעך לוריע); די פּרעמיערע פון ליפּע רעזניקס פּיעסע „רעקרוט“ איז באַוויזן אויך אין כאַרקאָווער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער; אין מאָסקווער גאָסעט גייט איצט שעקספּירס „קיניג ליר“ (איבערזעצונג פון ש. האַלקין). די ראָל פון ליר שפּילט דער פאַרדינסטפולער אַרטיסט ש. מיכאָעלס, פון לעץ — דער פאַרדינסטפולער אַרטיסט ב. זוסקין.

נומ. 286. דערשינען: מ. ווײַסענבערג „א שטעטל“, ד. פּינסקי „דערציילונגען“.

נומ. 289. געשטאָרבן דער שרײַבער ב. ערקעס. א געבוירענער פון טשערנאָביל, אַרײַנגעטראָטן אין דער ייִדישער ליטעראַטור אין די יאָרן 1928—1929. אין א בוך־פאָרם זײַנען דערשינען זײַנע ווערק „פּײַנט“ און „באַנאַכט אַף דער גרענעץ“.

נומ. 293. באַריכט פונעם ליטעראַרישן אָוונט אין קלוב „קאָמוניסט“ דעם 11 דעקאַבער. דאָוויד בערגעלסאָן האָט געלייענט פראַגמענטן פון זײַן נײַעם ראָמאַן „ביראָבידזשאַנער“. לויט דער באַקאָשע פון די פאַרזאַמלטע האָט בערגעלסאָן געלייענט אַן עטיוד פון צווייטן בוך „באַם דניעפּער“.

פונעם אינהאַלט פון זשורנאַל „די רויטע וועלט“.

נומ. 1. ש. גאָלדענבערג — קאַרל מאַרקס (באַלאַדע); ש. רויטמאַן — אין אונדזער שײַן (ליד); כ. הירש — א גוטער אָנהייב (וועגן ה. פּאָליאַנקערס „קוילן“).

פונעם אינהאַלט פון זשורנאַל „שטערן“.

נומ. 1. צ. דאָלגאָפּאָלסקי — אַזוי אַרבעטן מיר (דערציילונג); א. פּלאַטנער — אַף אוראַל (לידער); מ. דעכטיאַר — אין זומער־גאָרטן „בויער“ (דערציילונג); ד. קורלאַנד — אַף כוואַליעס פון צײַטן (וועגן מ. אַבאַרבאַנעלס לידער־בוך מיטן זעלבן נאָמען).

נומ. 2. רוווע רייזין — לידער; ע. סאַוויקאָווסקי — ליד; י. ליובאָמירסקי — די מאָסקווער אָקטיאַבער־ספּעקטאַקלען (סאָף אין נומ. 4); ל. צ. — א בוך וועגן רויט־אַרמייִשן לעבן (וועגן זאַבאַרעס ראַדיִאָ־ראָמאַן); ו. וויטקין — וועגן אײַזיק קאַהאַנס ביכל „לידער“.

נומ. 3. מ. נאַדיר — א וועלט מיט אַרבעט (לידער); ה. קאַמענעצקי — לידער; נויעך לוריע — עלטער מיט א נאַכט (דערציילונג); סאַרע באַרקאַן — מײַן בונקי איז באַרויִגעז (ליד); דאָרע כײַקינע — לידער; כ. מאַלטינסקי — ליד; מ. האַרצמאַן — קאַרל מאַרקס (ליד).

נומ. 4. ש. ראָסין — איבערוף (פּאָעמע); א. אַבטשוק — הערשל שאַמײַ (2־טער טייל. פאָרזעצונג אין די נומערן 5—6, 8, 9); זיסקינד לעוו — דרײַ רײַטער (דערציילונג); כ. דונעץ — אייניקע באַמערקונגען וועגן אונדזער ליטעראַטור־קריטיק (צום יאָרטאָג פון דער באַשטימונג פון צק אַלקפּ(ב) וועגן איבערבויען די ליטעראַריש־קינסטלערישע אָרגאַניזאַציעס); ל. צאַרט — וועגן כ. שײַעוויטשעס „אָפּן בוקסיר“; ו. וויטקין — „כואַן זשאָרקע רעדט“ (וועגן ה. בלאָשטיינס ביכל לידער מיטן זעלבן נאָמען).

פון י. ליובאָמירסקיס אַרטיקל: „דער צושויער אונדזערער האָט זיך פאַרבענקט נאָכן שאַרפזיניקן, קלוגן, געשליפענעם וואָרט, דאָס אינטערעסירט אים איצט פּילײַכט מער, ווי אויסערלעכע דינאַמיק און עפעקטפולע דעקאָראַציעס. דעריבער האָבן א סאַך פון אונדזערע דראַמאַטורגן גענומען איבערקוקן, רעווידירן זייער באַציִונג צו די קלאַסיקער, גענומען זיך לערנען בא די בעסטע פון זיי, אויפכאַפּן טיפע פּראָבלעמען, מאַכן אימפּעטפול, שפּאַנונגפול די האַנדלונג, דעם סוזשעט, אַרײַנוואַרפן אין דיִאַלאָג גלענצנדיקע אַפאָריזמען... דעריבער איז נאַטירלעך, וואָס מע האָט אַזוי אָפט גענומען ריידן וועגן שעקספּירן, בא וועמען מיר קאָנען א סאַך נעמען...“

נומ. 5—6. ע. פינינבערג — אין א באַרגיקער שטאָט (לידער); ד. בערגעלסאָן — ביראָבידזשאַנער (דערציילונג); מ. טײַף — ראָמאַנטישע נאַכט (פּאָעמע); א. יודלסאָן — נאָרד־אָסט (לידער); עליע גאָרדאָן — ברויט און אײַזן (ראָמאַן. פאָרזעצונג אין די נומערן 8, 9); א. גורשטיין — לענין און די מאַרקסיסטישע ליטעראַטור־קענטעניש; מ. עריק — סטענדאַל (צו דער פּראָבלעם פון רעאַליזם און ראָמאַנטיזם אין דער בורזשואַזער ליטעראַטור. פאָרזעצונג אין די נומערן 7, 8, 9); כ. דונעץ — שמייכלען פון געזונטן איבערגעבורט (וועגן פ. סיטאָס און ע. קאַהאַנס שאַפן); ב. זאַקס — „פאַראַקערטע מעזשעס“ פון

ע. שעכטמאַן; וו. וויטקין — „ענטוזיִאסטן“ פון י. קאַטליאר.

נומ. 7. עליע קאהאַן — א שטאָט אָן קלויסטערס; ב. קאַראַבייניק — פישער (ליד); דער ניסטער — כארקאָוו (פארצייכענונג); כ. דונעץ — דער וועג צו א העכערער שטופע (וועגן פעפערס „פלאסטן“); י. ס־ני — יודל יאָפעס „פון טרעפּ צו טרעפּ“; ד.ר. — וועגן לערמאנס „ציגל“.

נומ. 8. כ. לאסקער — מאָנאסטיר (ליד); א. פלאטנער — פון מיר, דעם שניַידער־יונג (פּאָעמע); כ. זיַיטשיק — צעבראָכן די מאשין (דערציילונג); ר. רובינע — גאָדינערס „דער מענטש מיט דער ביקס“ (דאָס צווייטע בוך); ל. צארט — מ. כאשטשעוואצקי (קריטישע פארצייכענונגען); י. סערעבריאני — אָשער שווארצמאַן (צום פערצעטן יאָרציַיט); ד. רומאנאָווא — פּ. אלטמאנס „פּאָזיציעס“.

נומ. 9. לידער פון רוווע רייזין, בארסוק און י. האנקין; מ. דעכטיאר — מיט פארקאשערטע ארבל (דערציילונג); א. וואַראַבייטשיק — אין איבערבויען זיך (וועגן שעכטמאנס „פאראקערטע מעזשעס“); מ. ליבערמאַן — אי. קיפּניסעס „זעליק דער ראדיסט“ און ל. קוויטקאָס „יונגע בויער“; ד. רומאנאָווא — ע. גאָרדאָנס „אין א נייַער פעל“; וו. וויטקין — צ. דאָלגאָפּאָלסקיס „אף סאָוועטישער ערד“; נ. קאבאקאָוו — א וויכטיקער אָנהייב, וואָס פארמאָגט אייניקע פעלערן („די הייַנטצייַטיקע פראָלעטארישע ייִדישע דיכטונג אין אמעריקע“, צונויפגעשטעלט פון ד. קורלאנד און פּ. ראָכקינד. מעלוכע־פארלאג פון וויַיסרוסלאנד, מינסק, 1932).

נומ. 10—11. אווראָם קאהאַן — ארן ליבערמאַן (היסטאָרישער ראָמאן. פאָרזעצונג אין נומער 12); מ. ליבערמאַן — וועגן כ. מאלטינסקיס ערשטן ביכל פאר קינדער.

נומ. 12. לידער פון ה. דיִאמאנט, ל. טאלאליַי און ל. העלער; מ. טייַטש — באם צאָן־דאָקטער שנייערמאַן (דערציילונג); כ. דונעץ — די אלטע סכעמע איז צעבראָכן (וועגן ל. קאצאָוויטשעס ביכל „הומאָרעסקעס“); ש. בריאנסקי — די עוואָליוציע פון דער בורזשואזער און קליינבירגערלעכער בערגעלסאָן־קריטיק.

פונעם אינהאלט פון זשורנאל „פארמעסט“.

נומ. 1. ל. קוויטקאָ — ווידערגעבורט (ראָמאן). פאָרזעצונג אין נומער 2—3); מ. גיטערמאַן — פארן קאָוועד פון וואגראנקע (דערציילונג); ש. שענקער — קאָמיוג (ליד); א. וועלעדניצקי — לידער; מאקס עריק — וועגן י. בראָנשטיינס בוך „אטאקע“; כ. דונעץ — וועגן מ. קולבאקס שאפן.

נייַע ביכער: איציק פעפער — פלאסטן (פּאָעמע וועגן דער רעקאָנסטרוקציע פון דאָנבאס); ל. קוויטקאָ — אין אָנגריף אף וויסטעס (פאר קינדער); א. וועוויאָרקע — אין שטורעם (קריטישע ארטיקלען); מ. דאניִעל — צו זאוואָדישע טויערן (קינדער־דערציילונג); מ. אראָנסקי — אין גלי (דערציילונגען וועגן נייַעם שטעטל); א. גרינזייַד — אין אופקום (קאָמיוגישע דערציילונגען); ע. שעכטמאַן — פאראקערטע מעזשעס (וועגן נייַעם דאָרף); ה. בלאָשטיין — כואן־זשאָרקע רעדט (לידער וועגן רעוואָליוציִאָנערן קאמף אין אויסלאנד); א. אבטשוק — קוזבאס (פארצייכענונגען); מ. כאשטשעוואצקי — לעצטע שלאכט (פּאָעמע); ש. גאָלדענבערג — אין אומרו געבויערנע (לידער); כ. גילדין — בא אונדז אין לאנד איז מיַי; סאלוואדאָר באָרזשעס — עס פלאטערט די רויטע פאָן.

צום 10־טן יאָרציַיט פון ב. שאפיר גיט ארויס דער מעלוכע־פארלאג פאר ליטעראטור און קונסט דעם דיכטערס געקליבענע ווערק אין צוויי בענדער. די אויסגאבע גרייט צום דרוק נ. אויסלענדער.

נומ. 2—3. מ. קולבאק — דיסנער טשייַלד האראָלד (פּאָעמע. סאָף אין נומ. 4); דער ניסטער — לענינגראד (פארצייכענונג. סאָף אין נומ. 4); בוני קאבלאָצקי — שלאָגלער (לידער); כ. בערס — פון די מירמל־היימען צו די אָקטיאבער־שטרעקעס (וועגן עזראָ פיִנינבערגס דיכטערישן וועג); א. האָלדעס — אווראָם קאהאנס שפּערישער וועג; ה. רעמיניק — אין קאמף פאר א הויך־קינסטלערישער קאָמיוגישער ליטעראטור (וועגן אי. גרינזייַדס ביכל „אופקום“); נאָך זייַן קומען פון ביראָבידזשאן האָט ד. בערגעלסאָן געלייענט א ריי פאָרטראָגן וועגן ביראָבידזשאן אין כארקאָוו און קיִעוו. אין ביידע שטעט זייַנען פאָרגעקומען אָוונטן וועגן ד. בערגעלסאָנס שאפן, באזונדערס וועגן זייַן גרויס ווערק „באם דניעפּער“.

נומ. 4. י. דאָברושין — ארום קוויטקאָס „געזאמלטע ווערק“; מ. מיזשיריצקי — מיט נייַע אויגן (וועגן בערגעלסאָנס „באם דניעפּער“); אי. דרוקער — ניט גענוג פארמעקט די וועגן (וועגן אלעקס צוויי ביכער זיכרוינעס).

נומ. 5—6. פייַוול סיטאָ — מאָטל פייסי דעם קאָוואלס (דערציילונג); אי. קיפּניס — ווער ס'לאכט דער לעצטער; בוני קאבלאָצקי — אינעם קאמף (ליד); א. פיאטיגאָרסקאיא — וואָלגע דער רוסישער טייַך (לידער); ש. הירש — שייַעוויטשעס וועג אין דער ליטעראטור („אפן בוקסיר“, דערציילונגען און בילדער, 1932, און „אזיאטקע“, 1933).

נומ. 7—8. ש. גאָדינער — די שלאכטן בא אירענע (פאָרזעצונג אין די נומערן 9—10 און 11); ל. קוויטקאָ — אין אלטאָנער שענקען (פּאָעמע. סאָף אין נומ. 11); מ. פינטשעווסקי — וויסנא (פּאָעמע); ל. רעזניק — אזוי איז געווען (פיעסע, לויט אקסענפעלדן); י. דאָברושין — האלקינס נייַער פונדאמענט (קריטישע פארצייכענונגען).

נומ. 11. לייב ליטווינאָוו — לידער; ל. צארט — גאָר ניט קיין קלייניקייַטן (וועגן כאנע לעווינעס בוך „קלייניקייַטן“).

נומ. 12. ה. אָרלאנד — איינער איז אוועקגעפאָרן; י. יאנקעלעוויטש — א פריַינט, צי א פייַנט (לידער); מ. כאשטשעוואצקי — „פרייד פון נייַעם זייַן“ (קריטישע נאָטיצן וועגן ד. האָפשטיינס בוך מיטן זעלבן נאָמען); אי. דרוקער — י. קאָטליארס דיכטערישער וועג.

י. סערעבריאני

(פאָרזעצונג קומט)

אָסקאַר סטרעליץ

דעם לייענער פונעם עלטערן דאָר איז דער נאָמען אָסקאַר סטרעליץ גוט באַקאַנט. סטרעליץ, אַ באַגאַבטער פעליעטאָניסט, איז לאַנגע יאָרן געווען אַן אַקטיווער מיטאַרבעטער פון דער צײַטונג „דער עמעס“.

ער איז געבוירן אין קאָוונע מיט 75 יאָר צוריק. גאָר יונג איז ער אַוועק פון דער היים. געאַרבעט אַלס פאַק־אַרבעטער אין אַ פאַפּיר־געשעפט און אַלס טרעגער און גלײַכצײַטיק פיל געלייענט, פאַרנומען זיך מיט זעלבסט־בילדונג. אין 1919 איז ער אַרעסטירט געוואָרן פאַר אָנטיילנעמען אין אָרגאַניזירן אַרבעטער־שטרײַקן און פאַר רעוואָליוציאָנערע אַרויסטרעטונגען. נאָכן אַרויסגיין פון טפיסע האָט ער פאַרלאָזט ליטע און איז געקומען קיין מאָסקווע. דאָ איז ער געוואָרן אַ סטודענט פונעם אַרבעטער־פאַקולטעט באַם ערשטן מאָסקווער מעלוכע־אוניווערסיטעט און גלײַכצײַטיק אַ מיטאַרבעטער אין דער צײַטונג „דער עמעס“. זײַנע ערשטע פעליעטאָנען האָבן זיך באַוויזן אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן.

אָ. סטרעליץ איז געווען דער גרונטלייגער פונעם נײַעם סאָוועטישן פעליעטאָן אין ייִדיש.

דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון „עמעס“ מוישע ליטוואַקאָוו האָט געשריבן וועגן סטרעליצעס פעליעטאָנען: „עס איז אַ שווערע מעלאָכע — באַהערשן דעם פעליעטאָן. עס פאָדערט זיך זאַכקענטעניש, אויפריכטיקײַט, פאַטאָס, אַקטיווע געדאַנקען... אָט די „שווערע מעלאָכע“, די קונסט פונעם נײַעם, אונדזעריקן פעליעטאָן באַהערשט אויסגעצייכנט דער פראָלעטאַרישער פעליעטאָניסט סטרעליץ — אָסקאַר... קאָנקרעטע פאַקטן וואַקסן באַ אים אויס אין דערשײַנונגען, אין גרויסע פאַראַלגעמיינערונגען, קאָנקרעטע פערזאָנען ווערן באַ אים פאַרוואַנדלט, איבערגעבוירן אין קינסטלערישע פיגורן, אין סאַטירישע טיפּן“.

אין סאָף פון די צוואַנציקער יאָרן, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די מאַסן־באַוועגונג פאַר קאָלעקטיוויזירן די לאַנדווירטשאַפט און ווען „אַרבעטער אין שטאָט, מעטאַליסטן, מאַשינבויער, עלעקטריקער, שוסטער, דרוקער, שנײַדער, טראַמוויי־פירער האָבן אָפּגעגעבן פאַרפאַקט אַ קערבל זאַכן, פאַרבונדן עס מיט אַ שטריקל, אַרופגעוואָרפן אויפן אַקסל, אַוועק צום וואָקזאַל און אין די הונדערטער, טויזנטער — פינף־און־צוואַנציקטויזנטלער — זיך געזעצט אין די ווינטערדיקע אָנגעהייצטע וואַגאָנעס און זיך געלאָזט אויף די אומענדלעכע ברייטע פעלדער און סטעפּעס פונעם ראַטנפאַרבאַנד — העלפן די קאָלווירטן, העלפן דורכפירן דעם ערשטן באָלשעוויסטישן פאַרזיי“[1], — איז אויך סטרעליץ געווען צווישן די דאָזיקע פינף־און־צוואַנציקטויזנטלער.

דער געוועזענער סעקרעטאַר פון קאַלינינדאָרפער ראַיאָנעם פאַרטיי־קאָמיטעט, איצט דאָצענט פונעם כאַרקאָווער מעלוכישן קולטור־אוניווערסיטעט יויסעף לעזמאַן שרײַבט וועגן סטרעליצעס טעטיקײַט אין קאַלינינדאָרפער ראַיאָן: „ער איז געוואָרן רעדאַקטאָר פון דער ערשטער ראַיאָנער קאָלווירטישער צײַטונג „קאָלווירט־עמעס“. פאַר אַ קורצער צײַט האָט ער געשאַפן אַן עכטע מאַסן־צײַטונג, וועלכע האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער אַנטוויקלונג און פאַרפעסטיקונג פון דער קאָלווירטישער באַוועגונג ניט בלויז אין קאַלינינדאָרפער ראַיאָן, נאָר אין דער גאַנצער כערסאָנער געגנט“.

אין 1930 גייט אַרויס סטרעליצעס בוך „דער באָלשעוויסטישער פרילינג“ — פאַרצייכענונגען וועגן קאַלינינדאָרפער ראַיאָן.

אין 1932 דערשײַנט דאָס צווייטע ביכל סטרעליצעס — „אַראָפּגעריסענע מאַסקעס“. די פעליעטאָנען, וועלכע זײַנען אַרײַן אין דער זאַמלונג, האָבן ווירקלעך אַראָפּגעריסן די מאַסקעס פון אַלץ, וואָס האָט געשטערט אונדזער באַוועגונג פאָרויס אין יענער צײַט: פון די ביוראָקראַטן, קלעריקאַלן, פאַראַזיטן, באַלעבעסלעך און טויגעניכטסן.

אָ. סטרעליץ איז געווען אַ קלוגער באָאַבאַכטער און אַ גרויסער לעבנס־קענער. אַלס ספּעציעלער קאָרעספּאָנדענט פון „עמעס“ האָט ער באַזוכט פיל שטעט און שטעטלעך פון אוקראַיִנע און ווײַסרוסלאַנד. אין 1933 דערשײַנט זײַנע אַ זאַמלונג קינסטלערישע פאַרצייכענונגען „רעקאָנסטרוקציע“ וועגן די עקאָנאָמישע און סאָציִאַלע פּראָצעסן, וואָס האָבן געענדערט דאָס פּאָנעם פון די ייִדישע שטעטלעך, פאַרוואַנדלט די דעקלאַסירטע לופט־מענטשן אין פאַבריק־אַרבעטער, קאָלווירטניקעס, געלערנטע.

אין 1936 האָט אָ. סטרעליץ איבערגעזעצט אין ייִדיש מ. שאָלאָכאָווס „אויפגעאַקערטע רויערד“. די איבערזעצונג האָט אויסגעהאַלטן צוויי אויפלאַגעס.

אָסקאַר סטרעליץ האָט געטרוימט אָנשרײַבן אַ גרעסערן ראָמאַן. זײַן טרוים האָט, לײדער, ניט באַוויזן פאַרווירקלעכט צו ווערן: דאָס שווערע 1937 יאָר האָט אים ניט אויסגעמיטן.

דער קאָמוניסט און שרײַבער אָסקאַר סטרעליץ איז געווען אַ באַשיידענער מענטש, אַ לעבנסלוסטיקער, אַן אויפריכטיקער און געטרײַער כאַווער.

ש. ווייצנפעלד

[1] פון אָ. סטרעליצעס בוך פאַרצייכענונגען „באָלשעוויסטישער פרילינג“.

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע

יעדערער האָט זיך זײַן פּראָצעסיע

די ליבהאָבער פון דער ייִדישער ליטעראַטור וועלן גע־וויס זײַן מיט אונדז מסכּים, אַז יאַנקעוו גלאַטשטיין איז איינער פון די באַדײַטנדיקע הײַנטצײַטיקע ייִדישע דיכ־טער אין אַמעריקע. ס'איז אָבער אויך קיין סאָד ניט, אַז ווייניק־וועד נעמט אָן ערנסט יאַנקעוו גלאַטשטיינס פּאַר־נאָסע־בעלעטריסטיק, דאָס פּאַרפּאַסן פאַר די ניו־יאָרקער ציִעניסטישע אויסגאַבעס פּאָליטישע קאָלומס, אין וועלכע ער האַלט אין איין אויסטראַכטן פאַר זיך פּאַזעס פון אַן אַלץ־וויסער, פאַרגעסנדיק צומאָל צו ברענגען זיך באַם פּאַזירן אין אָרדענונג פאַר אַ זײַטיק אויג.

דער אײַנרײַס צווישן דעם פּאָעט און דעם קאָלומניסט איז אַזוי שרײַענדיק, אַז עס דוכט זיך: יאַנקעוו גלאַט־שטיין האָט זיך אונטערגענומען צו באַווײַזן אױף דער פּראַקטיק, וואָס עס באַטײַט דער זאָג: „פון דעם גרויסן ביז דעם לעכערלעכן איז איין שפּאַן".

אָט איז ער, לעמאָשל, ניט לאַנג צוריק אַרויס אין „ייִדישן קעמפער" מיט אַן אָפּשאַצונג פון דאַוויד האָפּ־שטיינס באַרימטער אָקטאָבער־ליד „פּראָצעסיע", און ס'איז מאַמעש צו שטוינען, וויאַזוי דער אַלטער דיכטער, וואָס פּרעטענדירט אױף קולטור־ווויסן און געשמאַק, לאָזט זיך אַראָפּ ביז אַ נידעריקן גראַד פון העפּקייִרעס. ער שרײַבט: „פּראָצעסיע" — אַ גאַנץ אומגעראָטן ליד, אַ מין מאַרש־ליד מיט קוידעריש לאָשן און שלעכטע פּאָעטישע בילדער..."

מיר קלײַבן זיך ניט פאַרטיידיקן האָפּשטיינען פון גלאַטשטיינען. אַ באַליביק ליד, אַפילו פּושקינס „טשוד־נאָיע מגנאָווענייע", קאָן עמעצן ניט געפעלן. מיר האַלטן פאַר לאַכּלוטן איבעריק צו דערווײַזן, אַז אַזעלכע ווערק, ווי „פּראָצעסיע", וועלן איבערלעבן די בייזע רייד פון די, וואָס פאַלן אָן אױף זיי. מיר ווילן בלויז דערמאָנען, אַז צוויי־דרײַ דורות ייִדישע לייענער לעבן זיך פאַר די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר אַרײַן אין דעם אויסטער־לישן ריטם פון דער רעוואָליוציאָנערער פּראָצעסיע, וועל־כע ווערט אַזוי מײַסטעריש איבערגעגעבן אין די האָס־טיקע איבערגענג פון „שטעקלעך וועקנדיקע שיטן שרויט אױף שטײַפן פּײַקל, און טאַצן דזשימזשען — שלײַפן שאַרפס אין שוועבנדיקער לופט". אָדער:

> הײַנט בין איך אויך אַ שטיקל קלינגענדיקער
> קופּער —
>
> איך היפּער
> שטילע סאַמעטענע ערטער,
> איך וועק די מידע,
> כ'באַדעק דעם זיפץ פון אָפּגעשוואַכטע
> מיט הילכיקן געלעכטער —
> צוריק קיין טראָט!

אָבער מיר כאַזערן איבער: איינעם קאָן אַזאַ ליד געפעלן און אַ צווייטן — ניט. וויכטיק איז צו וויסן, וואָס פאַר אַן אַנדער פּראָצעסיע ווערט פאָרגעלייגט אױף צו פאַרבײַטן מיט איר אָט די דאָזיקע, די רעוואָליוציאָנערע, די האָפּ־שטיינישע פּראָצעסיע.

וועלן מיר אַ מיש טאָן טאַקע זײַנס, יאַנקעוו גלאַט־שטיינס, לעצטן לידער־בוך „אַ ייִד פון לובלין" (ניו־יאָרק, ציקאָ־פאַרלאַג, 1966) און זיך אָפּשטעלן באַ דעם ציקל מיטן וווילקלינגענדיקן נאָמען „צוריקטראַכטנדיק אַ טרונק־שמועס" (?!). דער פּאָעט איז באָאומרויקט:

> זענען מיר אין איין עלטער
> מיט דער זוניקער פרייד?
> זענען מיר גלײַכע אין דעם שפּאַציר
> אױפן זוניקן טראָטואַר?
> אָדער מיר טרעטן אױף געפּליקטע בלעטער
> פון אַן אומגעדולדיקן קאַלענדאַר?

אױף פּאַשעט מאַמעלאָשן הייסט עס, אַז גלאַטשטיין שטעלט פאַר זיך די גערעכטע פראַגע, צי ער און די אַנדערע ייִדישע בירגערלעכע דיכטער שפּאַנען באַנאַנד מיט דער „זוניקער פרייד", אַנדערש גערעדט — צי זיי גייען מיט דער לעבנס־פּראָצעסיע אַזוי, ווי דאַוויד האָפּ־שטיין מיט פופציק יאָר צוריק, אָדער זיי מישן אױף צוריק דעם קאַלענדאַר.

צום באַדויערן, איז גלאַטשטיין בײַוועזנד באַ גאָר אַן אַנדער פּראָצעסיע, און דאָס מאַכט קלאָר, פאַרוואָס עס ליגט אים מאַמעש אין בלוט דער ווידערווילן צו „מיר גייען אין דײַנע פּאַרנטיקע רייען, שפּאַנענדיקע מענטש־הײַט". אָט וואָס פאַר אַ ליטעראַטור־פּראָצעסיע עס זעט פאַר זיך גלאַטשטיין:

> אין די ביכער־פענצטער ליגט צעכראַסטעט
> הייזעריקער סעקס,
> וואָס שרײַט אויס אָנאַניזירטע פריידן.
> מיט אַלטע אויגן
> און גלידער, ווי פאַרשימלט געבעקס,
> שפּאַצירן פאַרבײַ גלײַכגילטיקע
> און פיל־געפּרוווטע מיידן.

און יאַנקעוו גלאַטשטיין פרעגט באַ זײַנע קאָלעגן:

> זענען מיר אויך אַ טייל
> פון דער אָרגיע בעפּאַרהעסיע?
> שפּאַצירן מיר מיט —
> אין דער לעצטער פּראָצעסיע?

ניין, מיר קלײַבן זיך ניט פאַרטיידיקן האָפּשטיינען פון גלאַטשטיינען. מיר ווילן בלויז זאָגן, אַז יעדערער האָט זיך ז ײַ ן פּראָצעסיע...

פאַרוואָס האָסטו מיר ניט געזאָגט?

איך האָב געלייענט, אַז דער ייִדישער דיכטער א.־נ. שטענצל, היינט אין לאָנדאָן דער אַרויסגעבער, רעדאַקטאָר, הויפּט־מיטאַרבעטער און פאַרשפּרייטער פון זיינע ייִדיש־ליטעראַרישע העפטן „לעבן און לאָשן", איז געוואָרן א בען־שיווים. און איך דאַרף זאָגן, אַז מיין אויג האָט זיך א ביסל לענגער פאַרהאַלטן אַף דער איבערגעלייענטער ידיִעה, ווייל עס האָבן א שוועב געטאָן דערמאָנונגען און ראַיוינעס, פאַר וועלכע איך האָב ניט געקאָנט יויצע זיין מיט בלויז טאָן צו זיי א שאָקל מיטן קאָפּ. וועל איך פּרווון פאַר מיר אַליין קלאָר מאַכן, אין וואָס עס גייט דאָ.

בערלין 1928 — די צייט פון דער פאַנטאַסטישער אינפליאַציע אינעם נאָכמילכאָמעדיקן געשלאָגענעם דייטשלאַנד. פאַר עטלעכע דאָלאַרס קויפט מען אָפּ א מויער און מע ווערט א הויז־באַזיצער. איז טאַקע אָט די טעמע אַרופגעבראַכט געוואָרן אַף די בינע־ברעטער פונעם דעמלט באַרימטן בערלינער פּיסקאַטאָר־טעאַטער אין א פּיעסע, וואָס האָט געהייסן „דער קאַופמאַן פאָן בערלין". דער דאָזיקער נאָמען אַסאָציִירט זיך געוויס מיט שעקספּירס „סוחר פון ווענעדיק". אָבער דאָס איז געטאָן געוואָרן בלויז אַף אונטערצושטרייכן דעם אונטערשייד צווישן דעם „בלוטדאָרשטיקן" שיילאָק און דעם טמימעסדיקן, מע מעג זאָגן, הייליק־נאַיִוון „ספּעקוליאַנט", וואָס דער „קאַופמאַן" האָט לויט זיין טאָך מיט זיך פאָרגעשטעלט. קלאָר, אַז דער „בערלינער סוחר" איז אויך געווען אַן אָרטאָדאָקסישער ייִד, מיט באָרד־און־פּייעס און אין א קאַפּאָטע, ווי דאַסראָוו פּוילישע ייִדן אין יענע יאָרן. לויט פּיסקאַטאָרס רעזשיסערישן פאַרטראַכט האָט דער דאָזיקער איינאון־איינציקער ייִדישער פּערסאָנאַזש אין דער פּיעסע באַדאַרפט ריידן כאָצי־דייטש און כאָצי־ייִדיש, ריכטיקער געזאָגט, מער ייִדיש, ווי דייטש. פאַרייִדישן דעם „קאַופמאַנס" טעקסט איז אָנפאַרטרויט געוואָרן א ייִדיש־פּוילישן יונגנמאַן (נייגרעשל), אַפילע פון באַרוף אַן אינזשעניער, נאָר א מעקורעוו אין די דעמלטיקע דייטשיש־פּראָגעשריטענע קינסטלערישע קרייזן. און דער זעלבער נייגרעשל האָט אַלס קאָנסולטאַנט צוגעצויגן צו זיך דעם שרייבער פון די דאָזיקע שורעס.

און אָט איז געקומען דער אָוונט פון דער מיט גרויס נייגער דערוואַרטעטער פּרעמיערע. פאַרן אַריינגאַנג אין טעאַטער — א מענגע יונגע שוישפּילער, ליטעראַטן, מאָלער און סטאַם באַהעמען, וואָס אַלע האָבן העלדיש געקעמפט אַף צו קריגן א קאָנטראַמאַרקע — אַן אומזיסטן בילעט. צווישן די דאָזיקע „קעמפער" האָב איך דאָס ערשטע מאָל געזען אויך דעם דיכטער א.־נ. שטענצל און זיך באַקאַנט מיט אים. די אָרעמע, נאָר טעמפּעראַמענטרייכע גאַליציע האָט באַרימעריש־ראַשיק אַראָפּגעקוקט פון זיין גאַנצן אויסזען. ער האָט דעריבער זייער גוט איינגעפּאַסט זיך אין דער אַלגעמיינער ראַם פון די בערלינער גאַליציִאַנער, וועלכע, אָנהייבנדיק פון אַלעקסאַנדער גראַנאַכן, האָבן געשטרעבט כאָטש א ביסל אָנוואַרעמען דעם דאָרטיקן אייז־קאַלטן לאַנגווייל.

צוריק קוקנדיק היינט צו יענער צייט, ווען היטלער האָט שוין געקאָנט פאַרזאַמלען אונטערן דאַך פונעם ריזיקן „ספּאָרט־פּאַלאַס" גרויסע מאַסן נאַציסטישע גאָרגלשניידער, איז כידעשלעך, וויִאַזוי אַזאַ היפּשע צאָל ייִדיש־פּוילישע יוגנט האָט זיך נאָך אַזוי גוט, קימאַט זאָרגלאָז געפילט אין דער פּרייסישער הויפּטשטאָט. ניט ווייניק פון די דאָזיקע ייִדישע באָכערים און מיידלעך — די אויסדערוויילטע פון די מוזעס — האָבן אימפּעטפול געשטורעמט די געביטן פון טעאַטער, מאָלעריי, קינאָ, ליטעראַטור. ווייל ווער פון זיי, באַשאָנקען אַפילע מיט דער געניִאַלסטער פאַנטאַזיע, האָט דען געקאָנט פונעם מיט בלענדיקן ליכט צוגעדעקטן בערלינער לאַנגווייל אַרויסהערן שוין דאָס אַכזאָריעס פון טרעבלינקע, דאַכאַו, אָשווענטשים?.. געדענקט זיך מיר, אַז האַגאַם אין בערלין איז דעמלט געווען אַן אָנגעזעענע גרופּע ייִדישע שרייבער און אויך ניט ווייניק קאָרעספּאָנדענטן פון דער ייִדישער וועלט־פּרעסע, א ייִדישע קולטור־ליגע, האָט שטענצל אַף א סאַך היימישער זיך געפילט אין די דייטשישע קינסטלערישע קרייזן, ווי אין די אויסגעשפּראָכן־ייִדישע. פּאַראַדאָקסאַל? געוויס. אָבער פאַר אַזאַ עקזאָטישער פלאַנץ, ווי א.־נ. שטענצל, איז עס זייער כאַראַקטעריסטיש. אַף וויפל איך קען אים, דערמאָנט ער מיר מיט זיין אַרט לעבן און אַרט שאַפן אין די שמעטערלינגען, וואָס מאַכן הונדערטער דראַמאַטישע האַקאָפעס אַרום דעם ברענענדיקן לאָמפּ, איידער עס קומט דאָס פאַטאַלע אָנקלאַפּן זיך אין אים... זאָל דאָס זיין די סיבע, וואָס וועגן שטענצלען, וועלכער איז זיך אויסעק אין שרייבן ייִדישע לידער שוין א שאָק מיט יאָרן, איז אַזוי ווייניק געזאָגט געוואָרן פון אונדזער ליטעראַטור־קריטיק? און ער איז דאָך פאַרקנאַסט מיט דער ייִדישער דיכטונג ניט אַף קיין קאַטאָוועס. ער האָט איר באַצאָלט מיט זיין גאַנצן שווערן ל ע ב ן א ו ן ל אָ ש ן. עמעס, ער איז ניט קיין מיטשפּאַנער, ער גייט ניט אַפּן דערעך־האַמעלעך, אָבער אין זיין ריידן ניט ווי אַלע, אין זיין פאַרנעפּלטקייט זיינען פאַראַן שטאַרקע פּאָעטישע פונקען, עכטער דיכטערישער טעמפּעראַמענט. דאָס האָב איך

אָקאָרשט געזען אויך אין זײַן לעצטנס דערשינענער באַל־שעם־פּאָעמע, וועלכע איז צופעליק מיר ארײַנגעפאלן אין די הענט ארײַן.

ליידער, ווייס איך הײַנט ניט גענוי א.־נ. שטענצלס שעפערישן וועג פאר די לעצטע צענדליקער יאָרן. דאָס איז אָבער ניט קיין מעניע צו באוווּנדערן זײַן ראָליע פונעם לעצטן „באל־טפילע" — דעם קימאט איינציקן ייִדיש־זינגער אין אזא קראך, ווי לאָנדאָן, וואָס איז דאָך אמאָל געווען אן איר וואָיים בעיִסראָעל — א צענטער פאר ייִדישער קולטור. איז דאָך לאָנדאָן געווען די גרויסע רוישיקע אכסאניע אפן וועג פון אייראָפּע קיין צאָפן־און דאָרעם־אמעריקע פאר די ערשטע אָדלערס פונעם ייִדישן טעאטער, ייִדישער פרעסע און ייִדישער ארבעטער־באוועגונג (ליבערמאן, ווינטשעווסקי).

און הײַנט וואָס האָבן מיר אין לאָנדאָן? מיט דעם פון אים אליין געשריבענעם, רעדאקטירטן און פארשפרייטן ייִדיש־ליטערארישן זשורנאלכל, וואָס הייסט דאפקע „לעבן און לאָשן", שלאָגט א.־נ. שטענצל דירעקט איבערן פּאָנעם איר הײַנטיקע פון ייִדישער קולטור־שאפונג אויסגעהוילטע פוסטקײַט.

פארוואָס זשע האָסטו, ברודער שטענצל, מיר ניט געזאָגט, אז דו וועסט האָבן קויעך, ווען די שאָ וועט שלאָגן, צו זײַן א טראגיקער בא די לאָנדאָנער יאהודים? אז דו וועסט האָבן קויעך ניט נאָר צו שפילן, נאָר אויך זײַן אף זייער פאָן א העלד בעפויעל־מאמעש?!..

יאנקעוו שטערנבערג

די ייִדישע פּרעסע מיט 50 יאָר צוריק האָט געשריבן:

„נאָווי פוט"

דער פעטראָגראדער ראט פון די ארבעטער־ און סאָלדאטן־דעפּוטאטן וועגן קאמף קעגן אנטיסעמיטיזם

אין יול 1917 האָט דער פעטראָגראדער ראט פון די ארבעטער־ און סאָלדאטן־דעפּוטאטן אָנגענומען א רעזאָליוציע וועגן קאמף קעגן אנטיסעמיטיזם. אין דער רעזאָליוציע ווערט געזאָגט:

„די אנטי־ייִדישע אגיטאציע... שטעלט מיט זיך פאָר א קאָלאָסאלע סאקאָנע סײַ פארן ייִדישן פאָלק, סײַ פאר דער גאנצער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג אין לאנד. די דאָזיקע אגיטאציע דראָעט צו דערטרינקען אין יאמען בלוט די גאנצע זאך פון דער באפרײַונג פונעם פאָלק און באדעקן די רעוואָליוציאָנערע פאָלקס־באוועגונג מיט אן אייביקן שאנד־פלעק.

די אָרטיקע סאָוועטן דארפן וואכזאם נאָכשפירן נאָך די קאָלערליי אינטריגעס פון די אנטיסעמיטישע גרופּעס און אגיטאטאָרן, זיי דארפן פירן אן אומדערמידלעכע אגיטאציע, אויפקלערנדיק די ברייטסטע פאָלקסמאסן די נייטיקייַט פון קאמף קעגן דער אנטי־ייִדישער העצע... זיי דארפן פלאנצן אין די ייִדישע פאָלקסמאסן די פעסטע זיכערקײַט, אז די גאנצע אָרגאניזירטע רעוואָליוציאָנערע דעמאָקראַטיע פון לאנד וועט מיט איר ברוסט פארטיידיקן די ייִדן קעגן יעטווידע פרווון פון וועלכע־ניט־איז גוואלדטאטן קעגן זיי".

די צאָל ייִדן אף דער וועלט

דר. ארטור רופּין ברענגט יעדיִעס וועגן דעם, וויפל ייִדן זײַנען געווען אין דער וועלט צום 1915 יאָר.

לויט רופּינס פאָרשונגען, האָט צום אָנהייב פון דער ייִדישער דיִאספּאָרע (גאָלעס — אן ערעך מיט דריטהאלבן טויזנט יאָר צוריק) די צאָל ייִדן אף דער וועלט באטראָפן 4,5 מיליאָן. שפּעטער האָט די צאָל זיך פארקלענערט און האָט ביזן XIX יאָרהונדערט ניט געקאָנט דערגרייכן דעם פריִערדיקן ניוואָ. צום סאָף III יאָרהונדערט (פון אונדזער צײַטרעכענונג) האָט די ייִדישע באפעלקערונג געציילט סאכאקל 2 מיליאָן, צום סאָף VII — 3 מיליאָן, צום סאָף IX — ווידער 3 מיליאָן, צום סאָף XII — 2,5 מיליאָן, צום סאָף XVI — ניט מער ווי 2 מיליאָן, צום סאָף XVII — בלויז 1,5 מיליאָן, צום סאָף XVIII — 3 מיליאָן.

מע דארף אָבער באמערקן, אז פעסטשטעלן גענוי די צאָל ייִדן אין דער וועלט איז מעגלעך געוואָרן ערשט נאָך דער ערשטער פאָלקס־ציילונג אין רוסלאנד, וועלכע איז פאָרגעקומען אין יאָר 1897.

לויט רופּינס אָנגאבן, האָט אין 1915 די ייִדישע באפעלקערונג אין דער גאָרער וועלט באטראָפן 13 מיליאָן 750 טויזנט, דערונטער 6 מיליאָן 71 טויזנט אין רוסלאנד, 2 מיליאָן 700 טויזנט אין אמעריקע, 290 טויזנט אפן מיטעלן מיזרעך (פּאלעסטינע, קליין־אזיע און סיריע, מעסאָפּאָטאמיע, אראביע; אָבער אין גאנץ אזיע — 530 טויזנט), 514 טויזנט אין אפריקע.

ווי לעבן די ייִדישע פּלייטים

א קאָמיסיע האָט אויסגעפאָרשט די לעבנס־באדינגונגען פון די ייִדישע פּלייטים, וועלכע זײַנען קאָנצענטרירט אין 26 פּונקטן פון 8 גובערניעס. די קאָמיסיע האָט פעסטגעשטעלט:

די פּלייטים וווינען אין דער מערהײַט אף בוידעמס און אין קעלערס צו 44 מענטשן אין א דירע און צו 13 אין א צימער. די דורכשניטלעכע גרייס פון אזא דירע איז: 12 ארשין די לענג, 8 ארשין די ברייט און 2 ארשין די הייך (אן ארשין באטרעפט בערעך דרײַ פערטל מעטער, פּינקטלעך — 71,12 סאנטימעטער. — רעד.). די צימערן זײַנען בעדערעך קלאל פינצטערע, אָן פענצטער און ווענטיליאציע. אין פיל דירעס זײַנען ניטאָ קיין קיכן, ווו צו גרייטן שפּײַז.

אין אזעלכע באדינגונגען זײַנען פארשיידענע קרענק די שטענדיקע באגלייטער פון די מענטשן. אָבער די מעדיצינישע באדינונג איז צווישן זיי אוועקגעשטעלט זייער שוואך.

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען

אין דער קיניגלעכער ביבליאָטעק פון קאָפּענהאַגען

העכער 65 טויזנט ספרים ליגן אין דעם אַלטן בנין פון דער קיניגלעכער ביבליאָטעק אין קאָפּענהאַגען, ביכער איבער ייִדישע פראַגן אין אַלע מעגלעכע שפּראַכן, צוזאַמען מיט זעלטענע כּתבֿ־ידן פון פאַר דעם 15־טן יאָרהונדערט. אין דער ייִדישער שפּראַך זײַנען עס אָפּט ביכער, וואָס מע קאָן איצט קוים נאָך ערגעץ־וווּ געפינען.

די יודאַיִסטישע אָפּטײלונג איז אָפיציעל אַנטשטאַנען אין יאָר 1932, אָבער נישט אָפיציעל איז זי שוין א סאַך עלטער. זי שטאַמט פון א גרויסער ביכער־זאַמלונג, וואָס האָט אַמאָל געהערט דעם דענישן ייִד סימאָנסאָן, און ביז איצט טראָגט די דאָזיקע אָפּטײלונג זײַן נאָמען.

פאַרמעל רעכנט זיך, אַז די ביכער (אַחוץ אײניקע זעלטענע עקזעמפּלאַרן) קאָנען אויסגעבאָרגט ווערן דורך יעדן אײנעם כּמעט אין גאַנץ אײראָפּע. צווישן פאַרשײדענע ביבליאָטעקן איז איצט פאַראַן אַן אינטערנאַציאָנאַלע פאַרבינדונג, און דער לײענער פון אַן אַנדער לאַנד קאָן באַשטעלן די ביכער אויך אין דער ייִדישער אָפּטײלונג פון קאָפּענהאַגען.

אין דער ווירקלעכקײַט אָבער איז דער ענין א סאַך קאָמפּליצירטער, באַזונדערס ווען מע זוכט ניט קײן באַשטימט בוך, נאָר ביכער אויף א געוויסער טעמע. צו דעם צוועק זײַנען כּמעט אין אַלע גרעסערע ביבליאָטעקן פאַראַן „זאַך־קאַטאַלאָגן", און האַגאַם די מיטאַרבעטער פון דער ייִדישער אָפּטײלונג פון דער קיניגלעכער ביבליאָטעק אין קאָפּענהאַגען פּלאַנעווען עס שוין לאַנג צו מאַכן, פעלן אָבער די מענטשן און די מיטלען פאַר דעם צוועק. די באַשײדענע סובסידיע, וואָס קומט פון דער דענישער מלוכה, איז אין דעם פאַל ניט גענוג.

ד. קאַהאַן.

„נײַע ייִדישע צײַטונג", מינכען.

ייִדן אין האָלאַנד

וועגן דעם אײגנאַרטיקן ייִדישן ישוב אין האָלאַנד דאַרף מען שוין רײדן, לײדער, בלשון־עבֿר. די דײַטשיש־פאַשיסטישע מערדער האָבן אים ווי אָפּגעווישט פון־נעם פּנים פון דער ערד. מער ווי הונדערט טויזנט האָלענדישע ייִדן האָבן זיי אומגעבראַכט.

עס לעבן הײַנט אין האָלאַנד, אויף א באַפעלקערונג פון צוועלף מיליאָן נפשות, בּאַ א צוואַנציק טויזנט ייִדן. „מאָקעם" אָדער „מאָקעם־קאָדעש" האָבן האָלענדישע ייִדן גערופן די ייִדישע געגנט אין אַמסטערדאַם. די קלענערע ישובֿים אין לאַנד — איבער זעכציק שטעט און שטעטלעך אין האָלאַנד — האָבן ייִדן גערופן „מעדינאַ" (מדינה).

געווען דרײַ גרופּעס ייִדן אין האָלאַנד. געווען די ייִחוסדיקע מינדערהײַט פון די ספרדים. אין האָלאַנד רופט מען זיי „פּאָרטוגעזער". זיי האָבן זיך שטאַרק געהיט נישט מעשאַדעך צו זײַן מיט די אַשכּנזים. די ספרדים האָבן זיך געטוליעט צו זײער אַלטן ייִחוס, ווי די ערשטע געקומענע ייִדן אין האָלאַנד נאָך גירוש שפּאַניע און פּאָרטוגאַל. צווישן די אַשכּנזים איז אויך געווען א מחיצה: די אָפּשטאַמיקע פון די אײַנגעוואַנדערטע דײַטשישע ייִדן האָבן זיך באַטראַכט פאַר די אַריסטאָקראַטן. זיי האָבן אויך א צײַט פאַרנומען די סאַמע אָנגעזעענסטע פּלעצער אין דעם קהילה־לעבן. נאָך זיי זײַנען געקומען די אַזוי־גערופענע אַרבעטאָרישע ייִדן — דאָס „פּראָסטע פאָלק". דאָס איז געווען די גרויסע מאַסע אָפּשטאַמיקע פון די אוקראַיִנער ייִדן, וואָס זײַנען געקומען קײן האָלאַנד נאָך די פּאָגראָמען.

אָט די געוועזענע אוקראַיִנער ייִדן זײַנען געקומען קײן האָלאַנד מיט אַן אײגן לשון, וואָס זיי האָבן לאַנגע יאָרן באַטראַכט פאַר זײער מאַמע־לשון. דאָס איז געווען ייִדיש־לשון, וואָס זיי האָבן עס נישט אויפגעגעבן אָן א ביטערן קאַמף מיט די ראַבינערס און די הויך־שטײענדיקע אַשכּנזים אין דער אַמסטערדאַמער קהילה.

אַדאַנק די „פּראָסטע" ייִדן איז אַמסטערדאַם, בעמשך פון געציילטע יאָרן, געוואָרן א צענטער אין אײראָפּע פון ייִדישע און העברעיִשע ספרים. ייִדן פון מיזרח־אײראָפּע פלעגן שיקן קײן אַמשטלדאַם (אַמסטערדאַם) אײַנצוהאַנדלען ספרים. אין די יאָרן 1686—1687 איז דערשינען אין אַמסטערדאַם א ייִדישע צײַטונג צוויי מאָל אין וואָך. ס'איז געווען די ערשטע ייִדישע צײַטונג אין אײראָפּע. אין דער נאַפּאָלעאָנישער צײַט האָט מען אין די ייִדישע געסלעך פון אַמסטערדאַם געזונגען, צום ערשטן מאָל, אויף ייִדיש די „מאַרסעליעזע".

א דערמאָנונג פון יענער צײַט זײַנען א צאָל ייִדישע ווערטער, וואָס זײַנען אַרײַן אין דער האָלענדישער שפּראַך. די דאָזיקע פאָלקסווערטער און ווערטלעך אין האָלענדישן לשון, שרײַבט אײנער א ייִדיש־האָלענדישער שרײַבער, זײַנען עפּעס ווי געבליבן הענגען אינדערלופטן, מאַחמעס די ייִדן, וואָס האָבן אויסגעלערנט די האָלענדער זיי צו באַנוצן, האָט מען דאָך אומגעבראַכט — פאַרברענט אין די דײַטשיש־פאַשיסטישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

און ביז הײַנט ווייסן האָלענדער, וואָס עס מײנען אַזוינע ווערטער, ווי כאַכעם (חכם), שאַפעל (שפל), באַיעס (בית; האָלענדישע ייִדן האָבן אַזוי גערופן א טפיסע), כאַפן (בּאַ האָלענדישע ייִדן האָט כאַפן געמײנט גאַנווענען) און נאָך ענלעכע ייִדישע ווערטער.

דער האָלענדישער אַקאַדעמישער ווערטערבוך, וואָס גיט יעדעס יאָר אַרויס צוגאָב־העפטן, האָט אַרײַנגענומען די דערמאָנטע ווערטער און אויסדרוקן אין האָלענדישן וואָרטשאַץ.

ד. לערער,

„פאָלק און וועלט"

גייט אַרום אַ ליד איבער דער וועלט

אין דעם אַמאָליקן גאַנץ פּאָפּולערן געזאַנג „אַ ליד גייט אום די וועלט" פֿונעם באַרימטן עסטרײַכיש־ייִדישן זינגער יוזעף שמידט האָב איך זיך דערמאָנט, ווען איך האָב אַנומלטן דערזען די גרויסע ריי קוינים באַם אַרײַנגאַנג אין אַ דיסקן־מאַגאַזין, וואָס געפֿינט זיך אין פּאַסאַזש אַף קרעשטשאַטיק אין קיִעוו.

דערוווּסט זיך, אַז דאָס שטייט מען נאָכן דיסק, אַף וועלכן ס'איז פֿאַרשריבן ריווקע באַיאַרסקעס וויגליד אַף שיקע דריזס ווערטער „באַבי יאַר" (אין דער אויספֿילונג פֿון נעכאַמע ליפּשיץ), האָט מיך לאַכלוטן ניט געוווּנדערט די גרויסע ריי באַם מוזיקאַלן מאַגאַזין. איך קען דעם אוקראַיִנער מאָסקאַלענקאָ, דעם יונגן אַרבעטער פֿונעם קיִעווער זאַוואָד „אַרסענאַל", וועלכער איז געגאַנגען מיט זײַן שווערן מאַגניטאָפֿאָן אין צווייטן עק שטאָט, קעדיי אַראָפּצושרײַבן אָט די ליד; איך בין געווען אין אַ ייִדישער שטוב באַם אויסהערן די ליד און האָב ניט געקאָנט אָפּרײַסן די אויגן פֿון אַ ייִנגל, וואָס איז געשטאַנען אַ פֿאַרצאַפּלטער, אַ פֿאַרגאַפֿטער פֿון אָט די וווּנדערלעכע קלאַנגען, וואָס קומען ערגעץ פֿון ווײַט, פֿון גאָר אַ גאַנצן אַן אַנדער וועלט.

ריווקע באַיאַרסקעס טאַטע, דער וואַלד־הענדלער הערש באַיאַרסקי, האָט ליב געהאַט נאָך יעדער נעסיִע זײַנער קיין קיִעוו ברענגען מיט זיך אַ נײַ שטיקל נעגינע: אַן אַריע פֿון „שימשן און דלילע", אַ ייִדיש לידל פֿון עליאָקום צונזער אָדער פֿון גאָלדפֿאַדענס אַ מוזיקאַלישער קאָמעדיע. די קליינע ריווקע האָט אין זיך אײַנגעזאַפּט קלאַנגען, טענער, מאָטיוון...

איינמאָל אין אַ פֿרימאָרגן גייט ריווקע מיטן רענצל אַף די אַקסלען אין שול אַרײַן, און דער וואַכער אויער אירער דערהערט עפּעס פֿונדערווײַטנס אַ מאָדנעם גערודער. זי קוקט זיך צו און דערזעט: מע פֿירט מענטשן, אַרומגערינגלטע מיט זשאַנדאַרמען, און אין דער סאַמע מיט — איר שטעטלדיקער לערער, דער סטודענט פּאָגאָסטער, דער כאַווער פֿון אירע ברידער אַווראָם און סיאָמע. האָט ריווקע זיך אַ ריס געטאָן און אָנגעכאַפּט אים פֿאַר דער האַנט, געוואָלט עפּעס זאָגן. נאָר אַ בייזער זשאַנדאַרם האָט מיט גוואַלד זי אָפּגעשטויסן.

דעמלט האָט צום ערשטן מאָל זיך דערוועקט אין איר אַ פֿאַרלאַנג דאָס אַלץ אַרויסברענגען אין קלאַנגען: דעם טעמפּן טראָט פֿון די זשאַנדאַרמען, דאָס מידע און שטרענגע אויסזען פֿון די אַרומגערינגלטע, אירע אייגענע גוואַלדן און דעם ווייטעקדיקן צאָרן, וועלכער בריט און וויל ניט וויסן פֿון קיין טרייסט־רייד און באַרויִקונג. עפּשער זײַנען דאָס טאַקע געווען די ערשטע אײַנגעפּלאַנצטע זוימען פֿאַר דעם שפּעטערדיקן שאַפֿונגס־פּראָצעס פֿון דעם קאָמפּאָזיטאָר באַיאַרסקאַיאַ?

ריווקע האָט פֿאַרענדיקט דאָס לערנען, פֿאַרלאָזט קיִעוו און אַוועקגעפֿאָרן קיין קרעמענטשוק, ווו זי האָט געאַרבעט אין פֿאָרשול־אַנשטאַלטן אַלס מוזיקאַלישע דערציִערן. אין קרעמענטשוק האָבן זיך געפֿונען פֿיל היימלאָזע פּלייטים מיט קינדער. האָט זי פֿאַר זיי געשאַפֿן לידער — סײַ די מוזיק, סײַ די טעקסטן צו דער מוזיק. טאַקע דעמלט באַווײַזט זיך איר פּאָפּולערע ליד (צו אַן אייגענעם טעקסט) — „שלאָף אײַן, ליאַלקע". אין האַרציקע טענער, אינעם נוסעך פֿון פֿאָלקס־מעלאָס, ווערט דערציילט וועגן די באַליבטסטע פֿרײַנט פֿון די קינדער, וועגן די באַלעכאַיִם — יעדער באַלעכײַ מיט זײַן אויסזען, מיט זײַנע נעטיִעס.

קוקט נאָר, קינדער, וואָס איך ווײַז:
אינעם סעדל שפּראָצן גראָזן,
אינעם טײַכל גייט דאָס אײַז.

אַזוי באַזינגט ריווקע באַיאַרסקאַיאַ אין איר פֿרילינג־ליד די אויפֿגעוואַכטע נאַטור.

אין 1922 פֿאָרט ריווקע באַיאַרסקאַיאַ אַריבער קיין מאָסקווע, ווו זי פֿאַרבלײַבט שוין אַף שטענדיק. עס ווערט אַלץ רײַפֿער איר מוזיקאַלישער טאַלאַנט. די טעמאַטיק פֿון אירע לידער ווערט באַרײַכערט מיט נײַע מאָטיוון. צו די נאַטור־לידער קומען צו לידער געזעלשאַפֿטלעכע, לידער וועגן אַרבעט. זי הייבט אָן שאַפֿן מוזיק צו די טעקסטן פֿון קינדער־שרײַבער און ווערט פּאָפּולער אין די מוזיקאַלע קרײַזן פֿון מאָסקווע. דער באַוווּסטער קאָמפּאָזיטאָר מיכאַיִל פֿאַביִאַנאָוויטש גנעסין אַראַנזשירט אירע צוויי לידער: „מאַשינען־געזאַנג" און „אָט איז שוין געקומען פֿרילינג".

אין 1925 דערשײַנט באַיאַרסקעס ערשטע לידער־זאַמלונג מיט נאָטן פֿאַר פֿאָרשול־קינדער — „קלינגען העמערלעך". איר מוזיק צו קוויטקאָס ליד „דאָס פֿײַפֿעלע" האָט אין יענער צײַט אַרויסגערופֿן באַוווּנדערונג באַם גרויסן שרײַבער דאָוויד בערגעלסאָן. „דאָס איז אַן אויסערגעוויינלעכער פֿאַל, — האָט ער אַנומלטן געזאָגט, — ווען די מוזיק האָט אַזוי האַרמאָניש זיך צונויפֿגעגאָסן מיטן טעקסט, אַזוי אָרגאַניש אין אים זיך אַרײַנגעוועבט; ס'איז אַ גרויס גליק פֿאַר דעם מוזיקער, ווי אויך פֿאַרן דיכטער; ס'איז פּאָשעט אַ שידעך פֿון גאָט", — האָט בערגעלסאָן געשפּאַסט.

פֿאַראַן באַ די ייִדישע סאָוועטישע דיכטער אַ שלאָל אויסגעצייכנטע לידער, וואָס בעטן זיך מאַמעש אַף מוזיק. און באַיאַרסקאַיאַ האָט אומדערמידלעך געשעפּט פֿון אָט דעם גרויסן אויצער. עס באַווײַזן זיך אין איר מוזיק־באַגלייטונג די זינגעוודיקע שורעס פֿון האָפּשטיינען, מאַרקישן, פֿעפֿערן, האַלקינען, פֿינינבערגן, קושניראָוון. זי שרײַבט אויך מוזיק צו פּערעצעס און רייזענס טעקסטן. אַף די עסטראַדע־ברעטער פֿונעם גאַנצן לאַנד האָט מען געקאָנט הערן ריווע באַיאַרסקעס לידער אין דער אויספֿילונג פֿון די בעסטע זינגער פֿון יענער צײַט: קלאַרע יונג, סאַרע פֿיביך, סאַול ליובימאָוו, זינאָווי שולמאַן און פֿיל אַנדערע. אייניקע אירע לידער זײַנען פֿאַרשריבן אַף מוזיק־פּלאַטן.

און — דאָס סאַמע וויכטיקסטע: עס דערזעען די ליכטיקע שײַן אירע לידער־זאַמלונגען — בוך נאָך בוך. דער „עמעס"־פֿאַרלאַג האָט אַרויסגעלאָזט אירע צוויי זאַמלונגען: „קליינע בויער" און „לאָמיר זינגען", דער צענטער־פֿאַרלאַג — די זאַמלונג „אַרבעט, שפּיל, געזאַנג". דער „מוזגיז" האָט אין 1926 אַרויסגעלאָזט אירע „קלינגען העמערלעך" און אין 1940 — „אַכט לידער".

ווען מע באַקאַנט זיך מיט ריווע באַיאַרסקעס ווערק, טראָגט מען אַרויס דעם אײַנדרוק, ווי די קאָמפּאָזיטאָרן וואָלט געוואַקסן צוזאַמען מיט די קינדער, פֿאַר וועלכע

ריווע באַיאַרסקאַיאַ

זי האָט די ערשטע לידער אירע אויסגעזונגען. אויב די ערשטע צוויי זאמלונגען („קלינגען העמערלעך" און „אַרבעט, שפּיל, געזאנג") זיינען פאר קינדער פון פאַרשולעלטער, זיינען די ווייטערדיקע שוין פאר שול־קינדער. דערנאָך — פאר דער יוגנט, פאר דערוואקסענע פון פארשיידענעם עלטער. באַיארסקאיא האָט אָנגעהויבן שאפן אין א צייט, ווען זי האָט זיך געוויקט און געקאָכט אין דער קינדער־וועלט צווישן די היימלאָזע פארוואַרלאָזטע קינדער. און די ליד איז פאר זיי דעמלט געווען ווי ברויט. האָט זי גלייך אפן אָרט געשאפן אי די טעקסטן, אי די מוזיק. זי רעדט מיט די קינדער, ווי א מאמע. זי פארוויגט זיי, שפּילט זיך מיט זיי, באַרייכערט זייער וועלטבאנעם, שילדערנדיק די נאטור, די שיינקייט, דאָס ארומיקע לעבן. מיט אָט דער מוטערלעכער צארטקייט זיינען ביכלאל דורכגעזאפּט אירע לידער, וואָס זי האָט געשאפן אין פארשיידענע צייטן.

מערקווירדיק: באַיארסקאיא האָט קיינמאָל זיך ניט פארנומען מיט דער באארבעטונג פון פאָלקסלידער, און דאָך איז איר מוזיק דורכויס פאָלקסטימלעך. אירע לידער פארכאפן דעם צוהערער מיט זייער הארציקייט, נאטירלעכקייט. דעריבער זיינען זיי נאָענט און צוגענגלעך פאר די מאסן. זי זינגט אזוי, ווי עס וואָלט געזונגען דאָס פאָלק אליין. דאָס כאראקטעריסטישע פאר באַיארסקעס געזאנג איז דער ווייכער ליריזם, די קאָלאָריטפולע נאציאָנאלע מעלאָדיק. מע דארף אָבער באמערקן, אז ריווקע באַיארסקאיא איז ניט פארבליבן אין די שמאָלע ראמען פונעם יידישן אייגנארט. זי האָט זיך ארויסגעריסן אף א ברייטערן שליאך. אין פעפערס „ביראָבידזשאנער וויגליד", אין דער מוזיק צו ווערגעליסעס „אָפענע הערצער" פילט זיך א באזונדערע ברייטקייט פונעם קאָמפּאָזיטאָרס מוזיקאלישן דיאפּאזאָן.

ריווקע באַיארסקאיא האָט די לעצטע יאָרן פיל געארבעט, ניט געקוקט אף איר עלטער און שוואכן געזונט. אין איינעם פון זיינע לעצטע בריוו האָט דער דיכטער שמועל האלקין איר געשריבן:

„ליבע כאווערטע באַיארסקאיא! זאָל אָט דאָס בריוועלע הייסן: א הייסער גרוס און א יאשער־קויעך פון א יידן א כוילע צו א מענטשן, וואָס איז אויך א האָר שוואכער פון שימשן־האגיבער. געהערט האָב איך, אז איר זייט לעצטנס גאָר טעטיק שעפעריש — טוט עס מיר שטארק האנאָע. דאָס לייקנט אָפּ די פאָרמולע — „אין א געזונטן גוף איז דער גייסט א געזונטער". דעם עמעס זאָגנדיק, וואָלט איך עס באשטעטיקט מיט מיין פּראקטיק אויך. נאָר לאָמיר בעסער זיין געזונט און שטארק און זאָל דער פּאָסעק (די פאָרמולע) בלייבן א פּאָסעק. ווען איך וועל האָבן א ביסעלע מער קויעך, ווי איצטער, וועל איך אומבאדינגט צו אייך קומען און האנאָע האָבן פון אייערע נייע זאכן. דערווייל ווינטש איך אייך שריפטלעך גוטס".

און ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אז זי שרייבט מוזיק צו זיין בארימטער ליד „טיפע גריבער, רויטע ליים", איז ער קראנקערהייט (דריי וואָכן פאר זיין טויט) געקומען צו איר צו פאָרן, קעדיי אויסהערן די מוזיק. פון זיינע קנאפּע רייד איז ארויסגעדרונגען דער געדאנק, אז זיין ליד האָט באקומען א נייעם טיקן.

אין לעצטן יאָר פון איר לעבן האָט ריווקע באַיארסקאיא זויכע געווען צו זען איר לידער־זאמלונג, וואָס איז ארויס אונטערן נאָמען „לידער אף די טעקסטן פון יידישע דיכטער". דאָס איז געווען, ווי מע זאָגט, איר שוואנען־ליד.

נאטאן זאבארע

יויסעף קאַלין (גראָס)

פאַרדינסטפולער אַרטיסט פון רספסר,
אַקטיאָר פונעם מאָסקווער דראַמאַטישן
טעאַטער אַף פּושקינס נאָמען

75 און 60

איך דערמאָן זיך איינעם אַ זוניקן פרימאָרגן אין מײַן היימשטאָט זשיטאָמיר. מיר, קונדייסים, פאַרליבטע אין יִדישן טעאַטער, קלײַבן זיך כאָפּטעסווײַז אַרום די טעאַטראַלע אַפישעס, וואָס האָבן זיך באַוויזן אַף די ווענט, און לייענען מיט פאַרגאַפונג, אַז עס איז געקומען אַ טעאַטער־טרופּע, וואָס וועט שפּילן „דאָס ווילנער באַלעבעסל“, „אוריִעל אַקאָסטאַ“, „דער זינגער פון זײַן טרויער“ און נאָך ספּעקטאַקלען. דעם זעלבן אָוונט, ווען דער טעאַטער האָט זיך געעפנט, האָב איך פלינק, ווי אַ העזל, זיך דורכגעגאַנוועט צו דער בינע, פאַרשטעקט זיך אין אַ ווינקל און מיט פאַרטײַעטן אָטעם געקוקט אַף דער קישעף־שפּיל פון די אַרטיסטן. דאַ האָב איך צום ערשטן מאָל דערהערט אויך די שטים פון דעם דעמלט שוין גוט באַקאַנטן שוישפּילער בינִיאָמין שוואַרצער.

אַ סאַך, זייער אַ סאַך יאָרן זײַנען פאַרלאָפן זינט יענע טעג. שוואַרצערס פילצאָליקע פרײַנט און כאַוויירים, די ליבהאָבער פון טעאַטער בִיכלאַל און פון יִדישן בִיפראַט, האָבן ניט לאַנג צוריק געפײַערט זײַן 75־טן געבורטסטאָג און דעם 60־טן יאָרטאָג פון זײַן סצענישער טעטיקײַט.

ער איז נאָך ניט אַלט געווען קיין פולע 15 יאָר, ווען ער איז שוין אַרויסגעטראָטן מיט אַ ראָל אין אַ פּראָפעסיִאָנעלן טעאַטער. דאָס איז געווען אַ צײַט, ווען אַף דער יִדישער בינע האָבן פאַרנומען דעם אויבנאַן די בִיליקע אָפּערעטקעס און סענטימענטאַלע בולוואַר־מעלאָדראַמעס פונעם טיפּ „דאָס פּינטעלע ייִד“ און „וועלוול עסט קאָמפּאָט“. אין אַזאַ אַטמאָספער האָט אָפן טעאַטער־האַריזאָנט זיך באַוויזן די טרופּע פונעם באַרימטן דראַמאַטורג פּערעץ הירשביין, וועלכער האָט געטרוימט וועגן דעם, אַז אַף דער יִדישער בינע וועט מען נאָך שפּילן שעקספּירן און שילערן. די דאָזיקע טרופּע, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין אָדעס אין 1908, איז באַוווּסט אונטערן נאָמען „ערשטער יִדישער קינסטלערישער ליטעראַרישער טעאַטער“.

דער 16־יאָריקער בינִיאָמין איז געקומען צו פּערעץ הירשביינען מיט אַ נײַער פּיעסע און געבעטן, ער זאָל זי אויסהערן. די פּיעסע האָט געהייסן „דער קאָרבן“. פּ. הירשביין האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט די פּיעסע און געזאָגט צו איר אַווטאָר:

— די פּיעסע הייסט בײַ אײַך „דער קאָרבן“. נאָר דער ערשטער קאָרבן אירער איז דער מעכאַבער אַליין. קיין דראַמאַטורג וועט פון אײַך ניט ווערן...

דערזען, ווי פאַרפינצטערט עס איז געוואָרן דעם באָכערלס פּאָנעם, האָט פּ. הירשביין צוגעגעבן:

— אַקטיאָרן דאַרפן מיר האָבן. קומט מאָרגן צו אונדז אַף אַ פּראָבע.

דעם עקזאַמען האָט בינִיאָמין שוואַרצער אויסגעהאַלטן גלענצנדיק און איז געוואָרן אַן אַקטיאָר אין פּערעץ הירשביינס טרופּע. מע האָט אים אָנגעטרויט וויכטיקע ראָלן אין די ספּעקטאַקלען „דער טקיעסקאָף“, „די נעווײַלע“, „יויעל“, „יאַנקל שמידט“.

בינִיאָמין שוואַרצער איז, פאַרשטייט זיך, ניט דורכגעגאַנגען קיין ספּעציִעלן לערן־קורס אין אַן אַקטיאָרן־שול, ווײַל שולן, וואָס גרייטן יִדישע שוישפּילער, זײַנען דעמלט ניט געווען. אַ גוטע דערציִונג האָט די יִדישע טעאַטער־יוגנט באַקומען פון די באַגעגענישן מיט די גרויסע מײַסטערס פונעם קלאַסישן יִדישן טעאַטער, פון דער אַרבעט אונטער זייער אָנפירונג. שוואַרצער האָט געהאַט דאָס גליק צו אַרבעטן באַנאַנד מיט דער גרונטלייגערן פונעם יִדישן רעאַליסטישן טעאַטער עסטער־ראָכל קאַמינסקאַיאַ. אין 1911, ווען זי האָט גאַסטראָלירט אין אָדעס, איז ב. שוואַרצער אָנגענומען געוואָרן אין איר טרופּע. עסטער־ראָכלען האָט מען גערופן „די מאַמע פון די יִדישע אַרטיסטן“. פאַר בינִיאָמין שוואַרצערן, דעם אויפקומענדיקן יונגן טאַלאַנט, איז זי בעעמעס געווען אַ טרײַע מוטער. איר שטראַלנדיקע קונסט האָט געשפּילט אַן אַנטשיידנדיקע ראָליע אין זײַן אויספאָרמירונג אַלס אַקטיאָר. אין דער טרופּע פון עסטער־ראָכל קאַמינסקאַיאַ האָט שוואַרצער געשפּילט האַנט־בײַ־האַנט מיט אַזעלכע טעאַטער־קאָריפייען, ווי ליבערט, ווײַסמאַן און אַנד. פיל מיטגעהאָלפן שוואַרצערן צו באַהערשן די רעאַליסטישע קונסט האָט אויך דער ערשטער יִדישער פאָלקס־טעאַטער, וווּ דירעקטאָר איז געווען ליפּאָווסקי, קינסטלערישער אָנפירער — דער גרויסער טראַגיקער רודאָלף זאַסלאַווסקי, צווישן די אַקטיאָרן האָבן זיך געפונען סאָקאָלאָוו און דער „קישעף־מאַכער אין דער קונסט פון ענדערן זײַן געשטאַלט“ זשעליאַזאַ. אין אַזאַ סוויווע איז קעסיידער געוואַקסן די מײַסטערשאַפט פונעם באַגאַבטן יונגן אַקטיאָר. ער האָט שוין מיט דערפאָלג געשפּילט פאַראַנטוואָרטלעכע ראָלן אין „אוריִעל אַקאָסטאַ“, אין קאַצנעלסאָנס „קאַריקאַטורן“, אַרענשטיינס „דאָס ווילנער באַלעבעסל“, שטיינס „די פאַמיליע צווי“.

ב. שווארצער אין דער ראָל פון פאטער סאָריני (מ. לערמאָנטאָוו „די שפּאניער“).

די פּאָפּולערקייט אין דער טעאטער־וועלט איז צו ביניאָמין שווארצערן געקומען זייער פרי. אין 1919 האָט מען אים שוין איינגעלאדן אלס פירנדיקן אקטיאָר קיין כארקאָוו, אין דער טרופּע „אונדזער ווינקל“, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט ראפּאלסקי.

„בלאָנדזשענדער שטערן“ — אזא נאָמען איז אָנגעמאָסטן פאר ביניאָמין שווארצערן. א גאנץ לעבן פאַרט ער ארום. ער האָט דורכגערייזט דאָס לאנד פון עק ביז עק, האָט געשפּילט אין פארשיידענע קאָלעקטיוון, מיט פארשיידענע אקטיאָרן, אין א פארשיידענעם רעפּערטואר. אפילע אין 1915, ווען ער האָט זיך געפונען אין לאגער פון קריגסגעפאנגענע, האַט ער אויך געשפּילט. אין די שווערסטע באַדינגונגען פון געפאנגענשאפט האַט ער אָרגאניזירט א טרופּע, וואָס איז ארויסגעטראָטן מיט די ספּעקטאקלען „צעזייט און צעשפּרייט“, „גאַט, מענטש און טײַוול“, „יאנקל שמידט“.

שווארצערס שוישפּילערישער טאלאנט האָט זיך באזונדערס צעבליט אין אָדעסער יידישן מעלוכע־טעאטער. דאָס איז געווען זייער א שטארקער שעפערישער קאָלעקטיוו, ווו עס האָט געארבעט א גאנצע פּלעיאדע בארימטע יידישע בינע־מײַסטערס, צווישן זיי די זעלטענע אקטריסע לייע בוגאָווא. ב. שווארצער איז אין אָט דעם קאָלעקטיוו געווען א פירנדיקער ארטיסט. בעראָש פונעם טעאטער איז געשטאנען דער מערקווירדיקער פּעדאגאָג און רעזשיסער עפראַיִם לויטער, א מענטש מיט א גרויסער קולטור. אין געוויסע קרײַזן האָט א לענגערע צײַט געהאט אן אומגאנג די „טעאָריע“, אז דער יידישער טעאטער דארף שפּילן בלויז און אויסשליסלעך יידישע פּיעסן. דער אַדעסער יידישער מעלוכע־טעאטער האָט קאטעגאָריש אָפּגעוואָרפן די דאַזיקע מיינונג. צוזאמען מיט יידישע פּיעסן האָט ער געשטעלט די פּיעסן פון גאָרקי, אָסטראָווסקי, ווישנעווסקי, פלאָבער און אנד. טאקע פאר אזא רעפּערטואר־פּאָליטיק האָט געקעמפט ביניאָמין שווארצער. פאר דער צײַט פון זײַן ארבעט אין אָדעסער „גאָסעט“ האָט ער געשאפן די פּרעכטיקע געשטאלטן פונעם הייזעריקן אין דער „אָפּטימיסטישער טראגעדיע“, אנדריי נאכאָדקא אין גאָרקיס „מוטער“, שמאגא אין אָסטראָווסקיס „אַן א שולד שולדיקע“, מעדוועדעוו אין גורסיעווס „רום“, סעניטשקע אין שקווארקינס „א פרעמד קינד“, שארל אין „מאדאם באָווארי“. אָט די אלע ראָלן זײַנען בעשײַטע הויך אָפּגעשאצט געוואָרן אין דער פּרעסע.

אין אָדעסער יידישן מעלוכע־טעאטער האָט ביניאָמין שווארצער געשאפן זײַנע גלענצנדיקע ראָלן אין דער יידישער קלאסישער דראמאטורגיע, ראָלן, וועלכע זײַנען ארײַן אין דער געשיכטע פון יידישן סאָוועטישן טעאטער. צו זיי געהערן אין דער ערשטער ריי די געשטאלטן פון טעוויע, מאַזגאָוואָיער, האָצמאך, שימעלע סאָראָקער, סענדער בלאנק.

מיט גרויס מײַסטערשאפט האַט שווארצער געשפּילט אין די פּיעסן פון דער הײַנטצײַטיקער יידישער דראמאטורגיע. דער צושויער געדענקט אים נאָך ביז איצט אין דער ראַל פון אָשערן אין הובערמאנס פּיעסע „א גאסט פון יענער־וועלט“, פון ארן־שמועלן אין דער פּיעסע פונעם זעלבן אווטאָר „דאָס מיידל פון מאָסקווע“. די העכסטע מאדרייגע פון סצענישער קונסט האָט שווארצער דערגרייכט אין דער לענין־ראָל אינעם ספּעקטאקל „יאקאָוו סווערדלאָוו“. ביניאַמין שווארצער איז דער איינציקער אינעם יידישן טעאטער, וואָס האָט געהאט דעם קאָווער צו שפּילן די ראָל פון לענינען.

אָט וואָס דער טעאטער־קריטיקער אָ. זשדאנאָוויטש האָט געשריבן וועגן דער דאָזיקער ראָל אין ב. שווארצערס אופירונג: „דאָס איז א גרויסע, קאָמפּליצירטע, בעקאָוועדיקע ארבעט. שאפן דאָס געשטאלט פונעם גרויסן פירער באטײַט — יעדן טאָג, יעדע שאָ ארבעטן איבער זיך, פארפולקומען און פארטיפערן דאָס דערגרייכטע. אין שווארצערס שפּיל זעען מיר פאר זיך אלץ הערלעכער און דײַטלעכער דאָס באליבטע געשטאלט פונעם פּאָשעטן, פולן מיט לעבן, מיט ברויזיקער ענערגיע, צערטלעכקײַט און מענטשלעכקײַט וולאדימיר איליטש לענין“.

שלוימע מיכאָעלס האָט הויך געשאצט ב. שווארצערס טאלאנט און האָט אים אײַנגעלאדן אף ארבעט אין מאָסקווער יידישן מעלוכע־טעאטער. דאָ האָט ב. שווארצער געשאפן א סאך נײַע פּרעכטיקע ראָלן. אינעם ספּעקטאקל „טעוויע דער מילכיקער“, וואָס זײַן רעזשיסער איז געווען מיכאָעלס, האָט ב. שווארצער געשפּילט די הויפּט־ראָל — טעוויען. מילד, פול מיט כיינעוודיקן ליריזם האָט ער געשפּילט די ראָל פון שימען־עליע אין „פארקישעפטן שנײַדער“. מיט עכטן רעאליסטישן טאלאנט האָט ער א גלאנץ געטאָן אין דער פּיעסע „וועלדער רוישן“, וואָס איז געגאנגען אונטער דער רעזשי פון ש. מיכאָעלסן.

דעם פּראָפעסיאָנעלן שוישפּילער קומט אויס צו שפּילן אין מעשעך פון זײַן לעבן א היפשע צאָל ראָלן, אָבער זעלטן גיט זיך אים אײַן צו שאפן א געשטאלט. די ראָל ווערט באם ארטיסט דערפירט צו דער מאדרייגע

פון א געשטאַלט אין דעם פאַל, ווען אים גיט זיך איין ניט בלויז טיף פאַר־שטיין דעם אויטאָרס געדאַנק און אויסדריקן אים אין זיין שפּיל, נאָר אויך דערגאַנצן דעם אויטאָר מיט דער אייגענער פאַנטאַזיע, באַרייכערן דאָס ווערק מיט דער אייגענער דער־פאַרונג, מיט אייגענע געדאַנקען. א געשטאַלט — דאָס איז אַן עטאַפּ אי־נעם לעבן פונעם אַרטיסט.

ב. שוואַרצער האָט געשאַפן איינס פון די בעסטע טעאַטער־געשטאַלטן, וועלכע באַווייזן אין דער פולער פּראַכט דעם סאָוועטישן מענטשן. איך האָב דאָ אין זינען דאָס „באַטיא״־גע־שטאַלט. דער צושויער זעט אויף דער בינע א לעבנסלוסטיקן מענטשן, וואָס פאַרלירט זיך ניט אפילו אין די שווערסטע און געפערלעכסטע באַדינ־גונגען פון א פּאַרטיזאַנישער וואַלד־מילכאָמע. שוואַרצערס „באַטיא״ איז שטענדיק א שמייכלענדיקער. ער איז אויסערלעך מילד, עטוואָס לירייש, עס דוכט זיך אפילו, אַז ער איז ניט שטענדיק ווי ס׳געהער צו זיין אַנט־שלאָסן. נאָר הינטער דער דאָזיקער ווייכקייט פון כאַראַקטער ליגט באַ־האַלטן א שטאָלענער ווילן.

אין 1951 איז ב. שוואַרצער איינ־געלאַדן געוואָרן אויף אַרבעט אין מאָס־קווער צענטראַלן קינדער־טעאַטער. אויך דאָ האָט ער געשאַפן א ריי פאַרבנרייכע ראָלן. צווישן זיי טיילט זיך באַזונדערס אויס זיין ראָל אינעם ספּעקטאַקל „אָליווער טוויסט״, וועל־כע איז הויך אָפּגעשאַצט געוואָרן דורך דעם פאָלקס־אַרטיסט פון פססר א. פּאָפּאָוו.

שוין עטלעכע יאָר, אַז ביניאָמין שוואַרצער איז אָנפירער, רעזשיסער און אַקטיאָר פונעם מאָסקווער יידישן דראַמאַטישן אַנסאַמבל. דעם דאָזיקן אַנסאַמבל גיט ער אַוועק אַלע זיינע קויכעס, קענטענישן און טאַלאַנט.

זעכציק יאָר אויף דער טעאַטער־בינע! די עלטער לאָזט זיך פילן. דאָס געזונט איז שוין אָנגעבראָכן. די שטענדיקע גאַסטראָלן, דאָס קעסיי־דערדיקע געפינען זיך אין וועג מאַכן ניט יינגער דעם מענטשן. נאָר דער באַאָרטער אַרטיסט וויל אפילו ניט הערן וועגן אָפּרו. א פריילעכער, א לוסטיקער, גרייט צו שפּילן די שווערסטע ראָל, ווי ער וואָלט פון קיין שום קראַנקייט קיינמאָל ניט גע־ווּסט, איז ער שטענדיק אויף דער בינע, שטענדיק אין דער קונסט.

■

א סאַך, זייער א סאַך יאָרן זיינען אַוועק פון יענעם זוניקן פרימאָרגן אין מיין היימשטעטל. און אָט זיינען ווידער די באַליבטע שטעט: זשיטאָ־מיר, אָדעס, קעשענעוו, טשערנאָוויץ. און ווידער קלייבן זיך רעדלעך אַרום די אַפישעס. דער נאָמען פונעם טעאַ־טער איז איצט אַן אַנדערער — מאָס־קווער יידישער טעאַטראַלער אַנ־סאַמבל. דער רעפּערטואַר אויך אַן אַנדערער: „טעוויע דער מילכיקער״, „200.000״, „די שפּאַניער״. נאָר דער נאָמען פון מערקווירדיקן אַקטיאָר איז דער זעלבער: ביניאָמין שוואַר־צער, פאַרדינסטפולער אַרטיסט פון דער רעפּובליק. געענדיקט די ספּעק־טאַקלען — איז ווידער צו די טשע־מאָדאַנעס, ווידער אין וועג.

— קאַלזמאַן שעהאַנעשאַמאָ בע־קירבי, איז פאַר ווייטער, טעוויע!..

■ ■ ■

מ. ווילנער (נ. פיינשטיין)

באַם שליסן דעם נומער איז פון פּאַריז אָנגעקומען די טרויעריקע ידיעה, אַז דעם 24 יולי איז אין עלטער פון 58 יאָר געשטאָרבן דער אָנגעזעענער פּראָגרעסיווער געזעלשאַפטלעכער טוער און פּובליציסט מ. ווילנער (נ. פיינשטיין).

נ. פיינשטיין איז געבוירן אין ווילנע. שוין פון דער פריער יוגנט שליסט ער זיך איין אין דער רעוואָלוציאָ־נערער אַרבעטער־באַוועגונג. אין די דרייסיקער יאָרן, ווען ער איז געקומען קיין פראַנקרייך, איז ער אַריינגעטראָטן אין דער פראַנצויזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

אין די יאָרן פון דער פאַשיסטישער אָקופּאַציע נעמט ווילנער אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער פּראָגרעסיווער יידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. אין 1941 פאַלט ער אַריין צו די פאַשיסטן אין די הענט און ווערט פאַרשיקט אין איינעם פון די ערשטע קאָנצלאַגערן אין פראַנקרייך, נאָכדעם אין אָשווענטשים, דאַכאַו און אַנדערע לאַגערן. אין די אַלע לאַגערן איז ער געווען אַן אַקטיווער ווידערשטאַנד־קעמפער.

נאָכן זיג איבערן פאַשיסטישן דייטשלאַנד ווערט מ. ווילנער א פירנדיקער טוער פון דער פּראָגרעסיווער יידישער באַוועגונג אין פראַנקרייך. מ. ווילנער איז פיל יאָרן געווען דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון „אוניאָן״ (פאַר־באַנד פון ווידערשטאַנד און קעגנזייטיקער הילף). איין צייט האָט ער אויסגעפילט די פליכטן פון שעף־רעדאַק־טאָר פון דער „נייער פּרעסע״.

די לעצטע פּאָר יאָר האָט מ. ווילנער אָפּגעגעבן פיל מי און אויפמערקזאַמקייט דער וואָכן־ביילאַגע צו דער צייטונג „נייע פּרעסע״ (דערשיינט אין פראַנצויזיש).

די רעדאַקציע און רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ דריקן אויס זייער טיפן טרויער אין צוזאַמענהאַנג מיטן פריצייטיקן טויט פון אונדזער גרויסן פריינט מ. ווילנער.

ערע זיין אָנדענק!

כראָניק

אינטערנאַציאָנאַלע ביכער־אויסשטעלונג אין מאָסקווער פּאַרק „סאָקאָלניקי“

קימאַט א כוידעש צײַט איז אין סאָקאָלניקער פּאַרק געווען אָפּן די אינטערנאַציאָנאַלע ביכער־אויסשטעלונג, געווידמעט דעם 50־טן יאָרטאָג פון דער סאָוועטנמאַכט. אַף דער אויסשטעלונג זײַנען עקספּאָנירט געוואָרן די בעסטע מוסטערן פון דער פּאָליגראַפישער קונסט פון צען לענדער: אונגאַרן, בולגאַריע, דײַטשישע דעמאָקראַטישע רעפּובליק, טשעכאָסלאָוואַקיע, יוגאָסלאַוויע, מאָנגאָליע, סאָוועטנפאַרבאַנד, פּוילן, קובאַ, רומעניע. באַם אַרײַנגאַנג אַף דער אויסשטעלונג זײַנען אַף צען שפּראַכן געווען אָנגעצייכנט לענינס ווערטער: „דאָס בוך — א ריזן־קראַפט“.

באַ 12 טויזנט ביכער־נעמען זײַנען באַוויזן געוואָרן אַף די סטענדן פון דער אויסשטעלונג. דער סאָוועטנפאַרבאַנד, דער גרעסטער פאַרלעגער אין דער וועלט, האָט עקספּאָנירט די פּראָדוקציע פון 182 פאַרלאַגן. דער טיראַזש פון די ביכער, וועלכע זײַנען דערשינען באַ אונדז אין לאַנד פאַר די לעצטע 50 יאָר, באַטרעפט העכער 30 מיליאַרד עקזעמפּלאַרן.

באַנאַנד מיט די ווערק פון די שרײַבער פון די ברידערלעכע סאָוועטישע ליטעראַטורן זײַנען אַף די סטענדן פונעם סאָוועטישן אָפּטייל עקספּאָנירט געוואָרן ביכער פון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער, וועלכע זײַנען דערשינען אין ייִדיש און אין רוסיש אין די פאַרלאַגן „קינסטלערישע ליטעראַטור“ און „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“. אָט איז פּערעץ מאַרקישעס גרויסער ראָמאַן „טראָט פון דורעס“, עלי שעכטמאַנס „ערעוו“, נאָטע לוריעס „הימל און ערד“, שמואל גאָרדאָנס „פרילינג“, שמואל האַלקינס לידער אאַ. אַף דער אויסשטעלונג זײַנען אויך עקספּאָנירט איליוסטראַציעס צו די ווערק פון ייִדישע שרײַבער, דערונטער די פּראַכטפולע ליטאָגראַפיעס פון טאַנכום קאַפּלאַן צו שאָלעם־אַלייכעמס דערציילונגען, די צייכענונגען און גראַוויורן פון די גראַפיקער שלוימע טעלינגאַטער און גערשן קראַוועצאָוו.

פּערעץ מאַרקישעס בוך „טראָט פון דורעס“ איז לויט דער אויספּורעמונג פאַרעכנט צו די מוסטער־אויסגאַבעס, וועלכע נעמען אָנטייל אינעם אַלפאַרבאַנדישן ביכער־קאָנקורס.

י. שוסטער

ייִדישע ביכער אַף די סטענדן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אויסשטעלונג אין פּאַרק „סאָקאָלניקי“

אין דאַוגאַוופּילסער ייִדישן דראַמאַטישן קאָלעקטיוו

אין דאַוגאַוופּילסער קולטור־הויז נומ. 1 אַרבעט מיט דערפּאָלג א ייִדישער זעלבסטעטיקער דראַמאַטישער קאָלעקטיוו. ניט לאַנג צוריק האָבן די היגע צושויער מיט אינטערעס אויפגענומען די נײַע פּרעמיערע פון אָט דעם קאָלעקטיוו — די פּיעסע אין דרײַ אַקטן פון א. זשיטניקאָוו און ב. האַלפּערן „ווער איז שולדיק?“ (רעזשיסער — מאַריאַ אַראָוואַ, מוזיקאַלע אויספּורעמונג — ריטאַ קאַטשינסקאַיאַ).

אין דער פּרעמיערע האָבן זיך באַטייליקט די פּעדאַגאָגן פּייסעך און אידע סעגאַל, דער אינזשעניער אווראָם זילבער, די אַרבעטער פון די היגע אונטערנעמונגען מ. ראָקאַסין, איסאַק קירקילאָוויטש, פּײַע זילבער און פּייגע כאַבינסקאַיאַ, די שילער לייב קאָלדאַבסקי און סימע יאַקוב.

שעפּערישער איבערוף

די לעצטע צײַט איז פּאָרגעקומען אן אינטערעסאַנטער שעפּערישער איבערוף צווישן דעם יונגן קאָמפּאָזיטאָר פון אַלמאַ־אַטאַ אנאַטאָלי ביטשקאָוו און דער ייִדישער דיכטערן פון פראַנקרײַך דאָרע טײַטלבוים. א. ביטשקאָוו האָט אָנגעשריבן א מוזיקאַלישע אָראַטאָריע אַפּן טעקסט פון ד. טײַטלבוימס „באַלאַדע וועגן ליטל־ראָק“.

די אָראַטאָריע, וואָס איז, פּונקט ווי טײַטלבוימס „באַלאַדע וועגן ליטל־ראָק“, א שאַרפע פאַרורטײלונג פונעם ראַסיזם, איז אויפגעפירט געוואָרן אין אַלמאַ־אַטאַ און אין א רײ אַנדערע שטעט פון דער קאַזאַכישער רעפּובליק. די פּרעסע האָט זיך זייער וואַרעם אָפּגערופן וועגן איר. די אָראַטאָריע האָט אויך באַקומען א הויכע אָפּשאַצונג אַפּן לעצטן פּלענום פונעם קאָמפּאָזיטאָרן־פאַרבאַנד פון דער קאַזאַכישער ססר

נאָטיצן
פון א ייִדישן בוקיניסט

בערעכיאָ האנאקדנס מעשאָלים

אין 1767 איז אין פראנקפורט אָפּגעדרוקט געוואָרן א ייִדישע איבערזעצונג פון בערעכיאָ האנאקדנס באַרימטן בוך „משלי שועלים“ (מישליי שואָלים — פוקסן־מעשאָלים).

בערעכיאָ האנאקדנס ביִאָגראפיע איז אומבאקאנט, עס איז אפילע ניט באוווּסט, ווו ער האָט געלעבט. אייניקע געלערנטע האלטן, אז ער שטאמט פון ענגלאנד, אנדערע — פון פראנקרייַך. אלע זיַינען אָבער בא דער מיינונג, אז ער האָט געלעבט ניט שפּעטער ווי אין 13־טן יה.

דער בוך „משלי שועלים“ באַשטייט פון 108 מעשאָלים, א טייל זיַינען איבערזעצונגען פון עזאָפּן און פון דער אייראָפּעיִשער מיטלאלטערלעכער פאבל־ליטעראטור. בערעכיאָ האנאקדן האָט אויך אויסגענוצט סוזשעטן און מאָטיוון פון דעם טאלמוד און פון מעדרעש. זיַינע אָריגינעל פארפאסטע מעשאָלים שפּרודלען מיט סארקאסטישער איראָניע און גוטמוטיקן הומאָר. זיי זיַינען פריַי פון דער טרוקענער דידאקטיק, וואָס איז אייגנטימלעך זיַינע פאָרגייער. ב. האנאקדן פירט אן אייביקן שטריַיט קעגן פאלשע פּרינציפּן און שלעכטע געווינהיַיטן. ער איז שטענדיק אגרעסיוו, שלאָגעריש און צילגעווענדט. יעדן מאָשל הייבט ער אָן מיט אן אריַינפיר־פּערז, ווו ער פאָרמולירט אן אלגעמיינע פילאָסאָפישע אָדער עטישע פּראָבלעם, דערנאָך קומען אין ריטמיש־געגראמטער פּראָזע די געשעענישן. דער סיפּער־האמיַיסע ווערט איבערגעגעבן דורך א קורצן און שארפן דיִאלאָג, פון וועלכן עס וואקסט אָרגאניש ארויס דער אויספיר, וואָס ווערט קאָנקרעטיזירט אין אן אייגנארטיק געבויטן שלוס־פּערז. לויט דער פאָרם איז ב. האנאקדן מער ענלעך צו לאפאָנטענען, וואָס איז געקומען פיר הונדערט יאָר נאָך אים, ווי צו זיַינע פאָרגייער און מיטציַיטלער.

די ערשטע געדרוקטע אויסגאבע פון „משלי שועלים“ איז ארויס אין יאָר 1557. אין 1560 איז דערשינען אין פּראָג די לאטיַינישע איבערזעצונג, געמאכט פון מאלכיאָר האנעל. ווי עס באשטעטיקט דער היסטאָרי־

לאָמיר ווידער זינגען אָט די לידער

וועגן דעם העלד פון דער ליד

אין אָדעסער מוזיי פון קאנטקענטעניש הענגט א פאָטאָגראפיע פון א פּאנצערצוג אפן נאָמען פונעם קאָמאנדארם כודיאקאָוו. אין דער אונטערשריפט צו דער פאָטאָגראפיע ווערט געזאָגט: „קאָמאנדיר פונעם פּאנצערצוג איז געווען א. ג. זשעלעזניאקאָוו“.

ווער איז זשעלעזניאקאָוו?

צוויי מיטגלידער פון דער מאנשאפט פונעם פּאנצערצוג, איוואן פּראָסין און אלעקסאנדער ראָמאנאָוו, וועלכע לעבן איצט אין אָדעס, דערציילן:

בייס דעם בירגערקריג איז צו די רויטארמייער פון א פּאנצער־טייל געקומען א הויכער יונגער יאט און געזאָגט: „איך פאָרמיר די מאנשאפט פון א פּאנצערצוג. דער ערשטער באדינג פאר יעדן מיטגליד פון דער מאנשאפט — באציִען זיך מיט פאראכטונג צום טויט. מיר פאָרן אפן יעקאטערינאָסלאווער פראָנט“.

געשוויגן א וויַיל, האָט ער זיך צעשמייכלט: „פארגעסן זאָגן, ווי איך הייס. זשעלעזניאקאָוו איז מיַין פאמיליע“.

א ווונדערלעכן טאלאנט האָט פארמאָגט זשעלעזניאקאָוו — פירן נאָך זיך מענטשן. ניט אונטעראָרדענען זיי צו זיך, ניט דערשטיקן זייער ווילן, נאָר טאקע פירן נאָך זיך, אָנשטעקן זיי מיט זיַין גלויבן אין דער גערעכטער

פּ א ר ט י ז א ן   ז ש ע ל ע ז נ י א ק



קער פון דער אַלטער ייִדישער ליטעראטור ע. שולמאַן (אין זײַן בוך „שפת יהודית — אשכנזית וספרותה“, 1913), איז אין יענער צײַט אויך אופגעקומען די ערשטע ייִדישע איבערזעצונג, וועלכע איז אָפּגעדרוקט געווען אין פרייבורג אין יאָר 1585 און איז געמאַכט פון יאַקאָוו קאָפּעלמאַן.

י. קאָפּעלמאַן האָט ניט אריבערגעטראָגן מעכאַניש דאָס ווערק פון איין שפּראַך אין דער אַנדערער. ער האָט אין דעם דעמאָלטיקן ייִדיש־טײַטש אויסגעפונען אָריגינעלע און אַדעקוואַטע אידיאָמען, קעדיי בוילעטער אויסצודריקן דעם געדאַנק. אָפטמאָל, שטרעבנדיק דעם מאָשל מער צו קאָנקרעטיזירן, האָט ער אַפילע צוגעגעבן רעליעפע בילדער פון דעם ארומיקן רעאַלן לעבן פון זײַן צײַט.

כוץ געציילטע אויסנאַמען, איז אין דער ליטעראַטור פון דעם מיטלאַלטער — סײַ אין ייִדיש, סײַ אין העברעיִש — זעלטן צו טרעפן א געפּעפערטן וויץ אָדער א בײַסיקן שמייכל. דער הימל איבער איר איז מערסטנטייל מאָרעשכוירעדיק פאַרכמאַרעט. דערפאַר טאַקע שײַנט ארויס, ווי א פילפאַרביקער רעגנבויגן, דער מאָשל מיט זײַנע גוטמוטיקע באַלעכאַיִם. אונדזערע אַלטע פאַבוליסטן האָבן אויסגעצייכנט זיך באַנוצט מיט דער סאַטירע, וואָס איז „די פּאָעזיע פון דעם מאָשל“ (בעלינסקי).

סײַ די מעשאָלים גופע, סײַ די בילדער און צייכענונגען, מיט וועלכע זיי זײַנען געווען באַצירט, האָבן ניט ווייניק בייז בלוט ארויסגערופן בא די פרומאַקעס און גאָטס סטראַפּטשעס. ווי האָבן זיי עס טאַקע געקאָנט גלײַכגילטיק פאַרבײַגיין, לעמאָשל, א האָלץ־שניט מיט „דיא צורה פון דעם פּר ליבטן ווייב, ווי זי מיט דען בחור איר צייט פר טרייב“. שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס די מײַסע אַליין האָט זיי פון די קיילים ארויסגעבראַכט: „און דער בחור טעט זיך איבר רידן לאסן, און זייא מיט אננדר אויף דעם בעט זאסן, און טעטן מיט אננדר טרינקן און עסן. און וואָש זיא זאָנשט מיט אננדר טעטין האָב איך פר געסין“...

ניט ווייניק פּיקאַנטע און פאַרביקע בילדער האָבן אונדזערע פאַבוליסטן באַוויזן אין זייערע ווערק.

אין די דרײַסיקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט איז אין א רוסישער איבערזעצונג דערשינען א בוך מיט אויסגעוויילטע מוסטערן פון די בעסטע מעשאָלים אין דער וועלט־ליטעראַטור. אין דעם בוך זײַנען אויך אײַנגעשלאָסן געוואָרן אייניקע איבערזעצונגען פון בערעכיאָ האַנאַקדנס „משלי שועלים“.

ל. פּאָדריאַטשיק

צוקונפט, מיט זײַן שרעקלאָזיקײַט און אומקאָמפּראָמיסלעכקײַט צו די סאָנים פון דער רעוואָליוציע.

...דעם 26 יול 1919, ווען דער פּאַנצערצוג האָט זיך דערנעענטערט צו דער סטאַנציע ווערכאָווצעוואָ, האָט אים אָפּגעשטעלט אַן אײַזנבאַנער און געוואָרנט: די סטאַנציע איז אָקופּירט, די רעלסן זײַנען דעמאָנטירט.

— מיר וועלן זיך דורכרײַסן! — האָט געזאָגט זשעלעזניאַקאָוו.

נאָענט פון דער סטאַנציע איז קלאָר געוואָרן, אַז דער פּאַראַלעלער וועג איז גאַנץ. דער פּאַנצערצוג איז אריבער אפן פּאַראַלעלן וועג, ארײַנגעריסן זיך אַף דער סטאַנציע.

זשעלעזניאַקאָוו איז דאָ געפאַלן מיט א העלדן־טויט. ער איז דעמאָלט אַלט געווען 24 יאָר. מע האָט אים געבראַכט צו קווורע אין מאָסקווע. עמעס, פון דער ליד איז געדרונגען, אַז זײַן קייווער איז אין כערסאָנער סטעפּ. אָבער דאָס איז ניט שווער צו דערקלערן: דאָס פאָלק האָט אַף זײַן אייגענעם אויפן אויסגעדיכטעט דאָס לעגענדאַרע געשטאַלט פון זײַן באַליבטן העלד.

די ליד האָט אָנגעשריבן דער רוסישער דיכטער מיכאַיִל גאָלאָדני, אין ייִדיש האָט זי איבערגעזעצט שמועל ראָסין. אוטאָר פון דער מוזיק איז מ. בלאַנטער.

אין סטעפּ בא כערסאָן
צווישן גראָזן געדיכטע,
אין סטעפּ בא כערסאָן — א קורגאַן.

עס ליגט דאָרט פאַרלאָזן,
פאַרוואַקסן מיט גראָזן —
מאַטראָס זשעלעזניאַק — פּאַרטיזאַן.
2 מאָל

געשפּאַנט אַף אָדעס,
צו כערסאָן אָנגעקומען, —
ארײַן דער אָטריאַד איז אין קלעם.

באַלאַגערט פון סאָנים,
עס לויערט סאַקאָנע —
גראַנאַטעס פאַרבליבן בלויז צען.
2 מאָל

— כאַווײרים, — ט׳מיט פײַער
צו מאַכנע געטרײַער
געזאָגט זשעלעזניאַק — פּאַרטיזאַן, —

כערסאָן ט׳זיך באַווייזן,
פּאָרויס מיט די שפּיזן —
א צענדליק גראַנאַטן פאַראַן!
2 מאָל

געזאָגט האָבן יאַטן:
פּאָרויס מיט די שפּיזן!
פאַראַן נאָך גראַנאַטן אין זאַק! —

מיט שפּיז און גראַנאַטן
אַדורך זײַנען יאַטן,
פאַרבליבן אין סטעפּ — זשעלעזניאַק.
2 מאָל

די סטעפּעס איצט גרינען,
עס זינגט אוקראַיִנע,
א גליקלעכע יוגנט דאָרט לעבט;

די זאַנגען זיך נייגן,
און שטאָלענע פייגל
פליִען דאָרט הויך איבער סטעפּ.
2 מאָל

אין סטעפּ בא כערסאָן
צווישן גראָזן געדיכטע,
אין סטעפּ בא כערסאָן — א קורגאַן.

עס ליגט דאָרט פאַרלאָזן,
פאַרוואַקסן מיט גראָזן —
מאַטראָס זשעלעזניאַק — פּאַרטיזאַן.
2 מאָל

נאָטיצן פון א ייִדישן בוקיניסט

בערעכיאָ האנאקדנס מעשאָלים

אין 1767 איז אין פראנקפורט אָפּגעדרוקט געוואָרן א ייִדישע איבערזעצונג פון בערעכיאָ האנאקדנס באַרימטן בוך „משלי שועלים“ (מישליי שואָלים — פוקסן־מעשאָלים).

בערעכיאָ האנאקדנס בײאָגראפיע איז אומבאקאנט, עס איז אפילע ניט באוווּסט, ווו ער האָט געלעבט. אייניקע געלערנטע האלטן, אז ער שטאמט פון ענגלאנד, אנדערע — פון פראנקרײַך. אלע זײַנען אָבער בא דער מיינונג, אז ער האָט געלעבט ניט שפּעטער ווי אין 13־טן יה.

דער בוך „משלי שועלים“ באַשטייט פון 108 מעשאָלים, א טייל זײַנען איבערזעצונגען פון עזאָפּן און פון דער אייראָפּעיִשער מיטלאלטערלעכער פאבל־ליטעראטור. בערעכיאָ האנאקדן האָט אויך אויסגענוצט סוזשעטן און מאָטיוון פון דעם טאלמוד און פון מעדרעש. זײַנע אָריגינעל פארפאסטע מעשאָלים שפּרודלען מיט סארקאסטישער איראָניע און גוטמוטיקן הומאָר. זיי זײַנען פרײַ פון דער טרוקענער דידאקטיק, וואָס איז אייגנטימלעך זײַנע פאָרגייער. ב. האנאקדן פירט אן אייביקן שטרײַט קעגן פאלשע פּרינציפּן און שלעכטע געוווינהײַטן. ער איז שטענדיק אגרעסיוו, שלאָגעריש און צילגעווענדט. יעדן מאָשל הייבט ער אָן מיט אן ארײַנפיר־פּערז, ווו ער פאָרמולירט אן אלגעמיינע פילאָסאָפישע אָדער עטישע פּראָבלעם, דערנאָך קומען אין ריטמיש־געגראמטער פּראָזע די געשעענישן. דער סיפּער־האמײַסע ווערט איבערגעגעבן דורך א קורצן און שארפן דיִאלאָג, פון וועלכן עס וואקסט אָרגאניש ארויס דער אויספיר, וואָס ווערט קאָנקרעטיזירט אין אן אייגנארטיק געבויטן שלוס־פּערז. לויט דער פאָרם איז ב. האנאקדן מער ענלעך צו לאפאָנטענען, וואָס איז געקומען פיר הונדערט יאָר נאָך אים, ווי צו זײַנע פאָרגייער און מיטצײַטלער.

די ערשטע געדרוקטע אויסגאבע פון „משלי שועלים“ איז ארויס אין יאָר 1557. אין 1560 איז דערשינען אין פּראָג די לאטײַנישע איבערזעצונג, געמאכט פון מאלכיאָר האנעל. ווי עס באשטעטיקט דער היסטאָרי־

לאָמיר ווידער זינגען אַט די לידער

וועגן דעם העלד פון דער ליד

אין אָדעסער מוזיי פון קאנטקענטעניש הענגט א פּאַטאָגראפיע פון א פּאנצערצוג אפן נאָמען פונעם קאָמאנדארם כודיאקאָוו. אין דער אונטערשריפט צו דער פּאַטאָגראפיע ווערט געזאָגט: „קאָמאנדיר פונעם פּאנצערצוג איז געווען א. ג. זשעלעזניאקאָוו“.

ווער איז זשעלעזניאקאָוו?

צוויי מיטגלידער פון דער מאנשאפט פונעם פּאנצערצוג, איוואן פּראָסין און אלעקסאנדער ראָמאנאָוו, וועלכע לעבן איצט אין אָדעס, דערציילן:

בײַס דעם בירגערקריג איז צו די רויטארמייער פון א פּאנצער־טייל געקומען א הויכער יונגער יאט און געזאָגט: „איך פאָרמיר די מאנשאפט פון א פּאנצערצוג. דער ערשטער באדינג פאר יעדן מיטגליד פון דער מאנשאפט — באציִען זיך מיט פאראכטונג צום טויט. מיר פאָרן אפן יעקאטערינאָסלאווער פראָנט“.

געשוויגן א ווײַל, האָט ער זיך צעשמייכלט: „פארגעסן זאָגן, ווי איך הייס. זשעלעזניאקאָוו איז מײַן פאמיליע“.

א וווּנדערלעכן טאלאנט האָט פארמאָגט זשעלעזניאקאָוו — פירן נאָך זיך מענטשן. ניט אונטעראָרדענען זיי צו זיך, ניט דערשטיקן זייער ווילן, נאָר טאקע פירן נאָך זיך, אָנשטעקן זיי מיט זײַן גלויבן אין דער גערעכטער

פּארטיזאן זשעלעזניאק



קער פון דער אלטער ייִדישער ליטעראטור ע. שולמאן (אין זײַן בוך „שפת יהודית — אשכנזית וספרותה“, 1913), איז אין יענער צײַט אויך אופגעקומען די ערשטע ייִדישע איבערזעצונג, וועלכע איז אָפּגעדרוקט געווען אין פרייבורג אין יאָר 1585 און איז געמאכט פון יאַקאָוו קאָפּעלמאַן.

י. קאָפּעלמאַן האָט ניט אריבערגעטראָגן מעכאניש דאָס ווערק פון איין שפּראַך אין דער אנדערער. ער האָט אין דעם דעמלטיקן ייִדיש־טײַטש אויסגעפונען אָריגינעלע און אדעקוואטע אידיאָמען, קעדיי בוילעטער אויסצודריקן דעם געדאנק. אָפּטמאָל, שטרעבנדיק דעם מאָשל מער צו קאָנקרעטיזירן, האָט ער אפילע צוגעגעבן רעליעפע בילדער פון דעם ארומיקן רעאלן לעבן פון זײַן צײַט.

כוץ געציילטע אויסנאמען, איז אין דער ליטעראטור פון דעם מיטלאלטער — סײַ אין ייִדיש, סײַ אין העברעיִש — זעלטן צו טרעפן א געפעפערטן וויץ אָדער א בײַסיקן שמייכל. דער הימל איבער איר איז מערסטנטייל מאָרעשכוירעדיק פארכמארעט. דערפאר טאקע שײַנט ארויס, ווי א פילפארביקער רעגנבויגן, דער מאָשל מיט זײַנע גוטמוטיקע באלעכאִים. אונדזערע אלטע פאבוליסטן האָבן אויסגעצייכנט זיך באנוצט מיט דער סאטירע, וואָס איז „די פּאָעזיע פון דעם מאָשל“ (בעלינסקי).

סײַ די מעשאָלים גופע, סײַ די בילדער און צייכענונגען, מיט וועלכע זיי זײַנען געווען באצירט, האָבן ניט ווייניק בייז בלוט ארויסגערופן בא די פרומאקעס און גאָטס סטראפּטשעס. ווי האָבן זיי עס טאקע געקאָנט גלײַכגילטיק פארבײַגיין, לעמאָשל, א האָלץ־שניט מיט „דיא צורה פון דעם פּר ליבטן ווייב, ווי זי מיט דען בחור איר צייט פּר טרייב“. שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס די מײַסע אליין האָט זיי פון די קיילים ארויסגעבראכט: „און דער בחור טעט זיך איבר רידן לאסן, און זייא מיט אננדר אויף דעם בעט זאסן, און טעטן מיט אננדר טרינקן און עסן. און וואָש זיא זאָנשט מיט אננדר טעטין האָב איך פּר געסין“...

ניט ווייניק פּיקאנטע און פארביקע בילדער האָבן אונדזערע פאבוליסטן באוויזן אין זייערע ווערק.

אין די דרײַסיקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט איז אין א רוסישער איבערזעצונג דערשינען א בוך מיט אויסגעווײלטע מוסטערן פון די בעסטע מעשאָלים אין דער וועלט־ליטעראטור. אין דעם בוך זײַנען אויך אײַנגעשלאָסן געוואָרן אייניקע איבערזעצונגען פון בערעכיאָ האנאקדנס „משלי שועלים“.

ל. פּאָדריאטשיק

צוקונפט, מיט זײַן שרעקלאָזיקײַט און אומקאָמפּראָמיסלעכקײַט צו די סאָנים פון דער רעוואָליוציע.

...דעם 26 יול 1919, ווען דער פּאנצערצוג האָט זיך דערנעענטערט צו דער סטאנציע ווערכאָווצעוואָ, האָט אים אָפּגעשטעלט אן אײַזנבאנער און געוואָרנט: די סטאנציע איז אָקופּירט, די רעלסן זײַנען דעמאָנטירט.

— מיר וועלן זיך דורכרײַסן! — האָט געזאָגט זשעלעזניאקאָוו.

נאָענט פון דער סטאנציע איז קלאָר געוואָרן, אז דער פּאראלעלער וועג איז גאנץ. דער פּאנצערצוג איז אריבער אפן פּאראלעלן וועג, ארײַנגעריסן זיך אף דער סטאנציע.

זשעלעזניאקאָוו איז דאָ געפאלן מיט א העלדן־טויט. ער איז דעמלט אלט געווען 24 יאָר. מע האָט אים געבראכט צו קוורע אין מאָסקווע. עמעס, פון דער ליד איז געדרונגען, אז זײַן קייווער איז אין כערסאָנער סטעפּ. אָבער דאָס איז ניט שווער צו דערקלערן: דאָס פאָלק האָט אף זײַן אייגענעם אויפן אויסגעדיכטעט דאָס לעגענדארע געשטאלט פון זײַן באליבטן העלד.

די ליד האָט אָנגעשריבן דער רוסישער דיכטער מיכאיִל גאָלאָדני, אין ייִדיש האָט זי איבערגעזעצט שמועל ראָסין. אווטאָר פון דער מוזיק איז מ. בלאנטער.

אין סטעפּ בא כערסאָן
צווישן גראָזן געדיכטע,
אין סטעפּ בא כערסאָן — א קורגאן.

עס ליגט דאָרט פארלאָזן,
פארוואקסן מיט גראָזן —
מאטראָס זשעלעזניאק — פּארטיזאן. } 2 מאָל

געשפּאנט אף אָדעס,
צו כערסאָן אָנגעקומען, —
ארײַן דער אָטריאד איז אין קלעם.

באלאגערט פון סאָנים,
עס ליערט סאקאָנע —
גראנאטעס פארבליבן בלויז צען. } 2 מאָל

— כאוויירים, — ט׳מיט פײַער
צו מאכנע געטרײַער
געזאָגט זשעלעזניאק — פּארטיזאן, —

כערסאָן ט׳זיך באווייזן,
פּאָרויס מיט די שפּיזן —
א צענדליק גראנאטן פאראן! } 2 מאָל

געזאָגט האָבן יאטן:
פּאָרויס מיט די שפּיזן!
פאראן נאָך גראנאטן אין זאק! —

מיט שפּיז און גראנאטן
אדורך זײַנען יאטן,
פארבליבן אין סטעפּ — זשעלעזניאק. } 2 מאָל

די סטעפּעס איצט גרינען,
עס זינגט אוקראיִנע,
א גליקלעכע יוגנט דאָרט לעבט;

די זאנגען זיך נייגן,
און שטאָלענע פייגל
פליִען דאָרט הויך איבער סטעפּ. } 2 מאָל

אין סטעפּ בא כערסאָן
צווישן גראָזן געדיכטע,
אין סטעפּ בא כערסאָן — א קורגאן.

עס ליגט דאָרט פארלאָזן,
פארוואקסן מיט גראָזן —
מאטראָס זשעלעזניאק — פּארטיזאן. } 2 מאָל

אונדזער

IV צוזאמענפאָר פון די סאָוועטישע שרײַבער. אײי־נער פון די אויסלענדישע געסט פונעם צוזאמענ־פאָר — דער פּראָגרעסיווער דיכטער און פּראָזאיִקער פון יִסראָעל מאָרדכע אוויִשאול (ערשטער פון רעכטס) און די דעלעגאטן — העלד פון סאָוועטנ־פארבאנד הענריך האָפמאן און ארן ווערגעלים.

פון ליטעראטור־היסטאָרישן ארכיוו. א גרופּע ליטעראטן צוגאסט בא א. מ. גאָרקין. צווישן זיי געפינען זיך דער דיכטער איזי כאריק (דער דריטער פון רעכטס), דער טאדזשיקישער שרײַבער אײַני (ער שטייט רעכטס פון גאָרקין), דער ווײַסרוסישער קריטיקער קלימאָוויטש (הינטער גאָרקין פון לינקס).

אפן ספּעקטאקל „די שפּאניער", אופּ־געפירט דורכן מאָסקווער דראמאטישן אנסאמבל פון ב. שווארצער.
די צושויער באם קיִאָסק פון יִידישע ביכער.

פאָטאָ-אינפאָרמאַציע

דאָס קינד פון געטאָ

דאנוע פּאָמעראַנץ איז געבוירן אין קאָוונער געטאָ אין אָקטיאבער 1941. יעדן טאָג פלעגט איר מוטער מוזן טראָגן זי צום אַפּעל־פּלאַץ, ווו די עסעסאָווצעס פלעגן אָפּקלייַבן קאָרבאָנעס פאר די גאַז־קאַמערן.

דאנעס עלטערן זייַנען מוזיקאַנטן. זייערע ליטווישע פרייַנט, דער אָנגעזעענער זינגער פּעטראוסקאַס און זייַן פרוי פּעטראוסקענע, האָבן באַשלאָסן צו ראַטעווען דאָס לעבן פון אָט דעם קינד. כאָטש זיי האָבן געהאַט דריי אייגענע קינדער און דערצו האָבן זיי גוט געוווּסט, אַז פאר אויסבאַהאַלטן אַ ייִדיש קינד קומט שיסן, האָבן זיי דאָס טעכטערל פון די מוזיקאַנטן פּאָמעראַנץ געהיים אַרויסגעפירט פון געטאָ און אַרייַנגענומען אין זייער געזינד.

אין 1947 האָט פּעטראוסקענע אומגעריכט אָפּגעזוכט דאנעס עלטערן. דאָס מיידעלע איז דעמלט אַלט געווען 6 יאָר. אַ לאַנגע צייַט האָט דאָס קינד ניט געקאָנט פאַרשטיין, אַז איר מאַמע איז ניט פּעטראוסקענע. ביז איצט רופט זי מאַמע ביידע פרויען — פּעטראוסקענע און איר לייַבלעכע מוטער.

דאנע איז, ווי אירע עלטערן, אַ מוזיקער. זי האָט פאַרענדיקט די מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע און איז אַ דיפּלאָמאַנטקע פונעם אינטערנאַציאָנאַלן קאָנקורס פון יונגע אויספילער אָפּן נאָמען פון ענעסקו, וואָס איז פאַרגעקומען אין בוקאַרעשט.

(פון זשורנאַל „דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט און דער שאָלעם“, נומ. 1 פאַרן 1967).

Это удивительная судьба девушки из Литвы.
Человек приходит в жизнь даже, когда кругом смерть.
Данутe Померанцайте родилась в октябре 1941 года в Каунасском гетто. С самого первого часа своей жизни она смотрела на мир через сплетение колючего металла, еще не понимая, что на свете творится ... и живет огромное горе. Среди ... гетто каждый день строилась очередь. В очереди молодые матери с детьми.
Первая — направо.
Вторая — налево.
Третья — направо...



אַ סצענע פונעם ספּעקטאַקל „אין יענע טעג“ אין דער אויספירונג פונעם קאָוונער ייִדישן זעלבסטטעטיקן דראַמאַטישן קאָלעקטיוו. פון לינקס אויף רעכטס: דער סאָלדאַט — י. בעלצער, מאַטראָס — ש. באַבאָט.

פאָטאָ — ל. ע ו ו י ן

נאָטיצן אפן קאלענדאר

שרײַבער און ווערק

עס איז געוואָרן 150 יאָר, זינט ס'איז געבוירן געוואָרן דער בעלגי־שער שרײַבער שאַרל דע קאָסטער.

דע קאָסטער איז געוואָרן וועלט־באַרימט אַדאַנק זײַן בוך „די לעגענ־דע וועגן טיל אולענשפּיגעל און לאַמע גודזאַק“. איבערטראַגנדיק דעם פֿאַ־פֿולערן העלד פֿון פֿלעמישן פֿאָלקלאָר טיל אולענשפּיגעלן אין די באַדינגונ־גען פֿון XVI יאָרהונדערט, אין דער עפּאָכע פֿון דער נידערלענדישער בורזשואַזער רעוואָליוציע און נאַציאָ־נאַלן באַפֿרײַונגס־קאַמף, דערהייבט אים דע קאָסטער ביז צו דער ראָליע פֿון אַ פֿאָלקס־קעמפֿער פֿאַר נאַציאָ־נאַלער אומאָפּהענגיקײַט, פֿון אַ טרע־גער פֿון די אידייען פֿון פֿאָלקס־נע־קאָמע. דער אווטאָר מאָלט רעאַליס־טישע בילדער פֿון די רעציכעס און טויט־שטראָפֿן, וועלכע די שפּאַנישע פֿאַרכאַפּערס האָבן דורכגעפֿירט איבערן פֿאָלק פֿון פֿלאַנדריע, בילדער פֿונעם פֿאַראַט פֿון די גאַלאָכים און אַריסטאָקראַטן. ער באַווײַזט ברייט די מעכטיקע פֿאָלקס־באַוועגונג. דאָס געשטאַלט פֿון אולענשפּיגעלן איז אַרײַן אין דער ליטעראַטור אַלס סימ־באָל פֿון דער אומשטערבלעכקײַט פֿונעם פֿאָלק, פֿון זײַן אָפּטימיזם, פֿרײַהײַטס־ליבע און גרייטקײַט צום קאַמף.

דע קאָסטער איז אויך דער אווטאָר פֿון די ברייט באַקאַנטע ביכער „פֿלע־מישע לעגענדעס“ און „בראַבאַנטער געשיכטן“.

מיט 70 יאָר צוריק איז געבוירן געוואָרן דער ייִדישער דראַמאַטורג ביינוש שטיימאַן.

ב. שטיימאַן איז געווען אַ זון פֿון אַ קרעסלאַווקער (לעטלאַנד) אָרעמען בעקער. זייער פֿרי האָבן זיך אַרויס־געוויזן זײַנע ערנסטע ליטעראַרישע פֿייִקײַטן. קינדווײַז נאָך האָט ער אָנגעהויבן שרײַבן לידער. שפּעטער האָט שטיימאַן אין מעשׂה פֿון זײַן זייער קורצן לעבן געשאַפֿן פֿיר פּיעסן, וועלכע האָבן פֿאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט אין דער ייִדישער לי־טעראַטור: „באַם טויער“ (פֿאַרעפֿנט־לעכט אין קיִעווער זשורנאַל „אויפֿ־גאַנג“ נום. 1 פֿון 1919), „מאָשיִעך־בען־יויסעף“ (אַלמאַנאַך „אייגנס“ נום. 2 און אין אַ באַזונדער בוך, פֿאַרלאַג „קולטור־ליגע“, קיִעוו, 1920), „די גאָולע“ און „דאָס רויטע קינד“

(ביידע זאַכן זײַנען אַרײַן אין דער זאַמלונג „דראַמען פֿון ביינוש שטיי־מאַן“, „קולטור־ליגע“, וואַרשע, 1920).

ב. שטיימאַנס דראַמען זײַנען גע־בויט אף מיטאָלאָגישע סוזשעטן, אָבער לויטן טאָך זײַנען זיי דורכגע־דרונגען מיט פּראָבלעמאַטיק פֿון דער צײַט, אין וועלכער ס'האָט געלעבט דער דראַמאַטורג. די צענטראַלע טע־מע פֿון שטיימאַנס ווערק איז דער קאַמף פֿאַר אַ נײַ לעבן אף די יעסוי־דעס פֿון סאָציִאַלער גערעכטיקײַט.

ב. שטיימאַן האָט ניט דערלעבט צו זען אָפּגעדרוקט קיין איינס פֿון זײַנע ווערק. דעם 29 אווגוסט 1919, אין עלטער פֿון 22 יאָר, איז ער טראַגיש אומגעקומען אין קיִעוו דורך די הענט פֿון די דעניקינישע באַנדעס.

27

10—2800

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(на еврейском языке)

Год издания седьмой

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **И. Борухович, А. Гонтарь, М. Лев** (ответственный секретарь), **Нотэ Лурье, Б. Миллер, Г. Ошерович, И. Рабин, Р. Рубина, И. Фаликман, С. Фрай.**

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — Б 8-27-91; ответственный секретарь — К 4-46-69; отделы прозы и поэзии — Б 8-49-42; отдел критики — Б 3-96-07.

Художеств.-техн. редакция: И. Шустер и А. Токер

Корректоры А. Стрельник и Д. Грозовская

Подписано к печати 25/VII 1967 г. Формат 70×108$^1/_{16}$. Печ. л. 10(14). **Бум. л.** 5+2 вклейки. Цена 50 коп. Зак. 2800.

Московская типография № 7 Главполиграфпрома
Комитета по печати при Совете Министров СССР
пер. Аксакова, 13

рв 44 бесхоз

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 8

1 9 6 7

В номере:

М. Альбертон. Домик в тайге (рассказ).
Б. Миллер. Три новеллы.
Я. Якир. Невыдуманная история.
Е. Фаликман. Черный ветер (роман. Продолжение).
А. Кулаковский. В двенадцатом вагоне (рассказ).
Нотэ Лурье. Судьба Лии (рассказ).
Стихи Х. Бейдера, А. Гонтаря, П. Заднипру, И. Лернера, Х. Мальтинского, М. Могилевича.

ТРИБУНА ЖИЗНИ

А. Вергелис. В Англии (путевые заметки. Окончание).
А. Губницкий. Дорога в Карпаты.

ЛИТЕРАТУРНАЯ КРИТИКА. БИБЛИОГРАФИЯ. ВОПРОСЫ ИСКУССТВА

Г. Ременик. Развитие прозы в послеоктябрьском периоде.
И. Любомирский. Еврейская советская драматургия.
И. Вайнберг. Жить интересами народа. (О четвертом съезде писателей СССР).
И. Серебряный. Даты и факты. К истории еврейской советской литературы.
Э. Спивак. Язык Менделе Мойхер-сфорима.
Н. Забара. Композитор Рива Боярская.
О чем писала еврейская печать 50 лет назад. Хроника. Заметки на календаре.